STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11387

# ZSHERMINAL

Emile Zola

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Gedale Man

# זשערמינאל

איבער אַ גלייך און נאַקעט פעלד אונטער אַ שטערנלאָזן הימל, וועלכער האט אויסגעזעען אזוי געדיכט און שוואַרץ ווי טינט, איז זיך געגאַנגען איינער אַליין אַ יונגערמאַן אין דער ריכטונג פון מאַרשיען קיין מאָסטו אויף דעם טראַקט, וועלכער האט זיך געצויגען אין אַ גלייכער ליניע אויף צען קילאָמעטער די לענג דורך רובנפעלדער. ער האָט נישט געזען דעם שוואַרצן באָדן, וועלכע איז געווען אויסגעשפרייט פאַר אים און דעם אַנסופיקן, פלאַכן האָריזאָנט האָט ער זיך פאָרגעשטעלט נאָר דורך דעם יאַמער פונם מאַרץ-ווינט, וועלכער האָט מיט העפטיקע שטויסן, ווי איבער אַ ים-פלאַכע, זיך אָנגעיאָגט אויף אים און מיטגעבראַכט מיט זיך אַן אייזיקע קעלט פון די זומפן און נאַקעטע געגנטן, איבער וועלכער ער איז געגאַנגען. קיין שום שאַטן פון אַ בוים האט נישט פאַרשטעלט דעם הימל. דער וועג איז זיך געלאָפן מיט דער גלייכקייט פון אַ פייל אין דער טיפער פינצטער־ניש.

דער מענטש איז אַרום צוויי אַ זייגער אַרויסגעגאַנגען פון מאַרשיען. ער האָט געשפאַנט מיט גרויסע שריט, ציטערנדיק אינגאַנצן פון קעלט אונטער זיין אָפּגעטראָגענער וואָלענער קורטקע און סאַמעטענע הויזן. אַ קליין פעקעלע איינגעוויקלט אין געקעסטלטן טוך האָט אים שטאַרק דערקוטשעט און ער האָט עס איבערגענומען פון איין זייט אין דער צווייטער אונטער די אָרעמס, ער זאָל קענען איינצייטיק פאַררוקן טיף אין די קעשענעס די פאַרשטאַרטע הענט, וועלכע זענען געווען צעפאַלן ביז בלוט פונם קאַלטן שניידנדיקן ווינט. איין און איינציקער געדאַנק האט פאַרנומען

-עם ליידיקן מוח פון דעם אַרבעטסלאָזן און הימלאָזן-מענטשן: די האָפנונג, אַז די קעלט וועט ווערן קלענער, ווי נאָר עס וועט אָנהייבן צו טאָגן. אַ שעה צייט האט ער געשפּאַנט אַזוי, פאַראויס, ביז ער האט דערזעען אויף לינקס, אַ צוויי קילאָמעטער פון מאַסטו, אַ רויטן פייערשיין, וועלכער האָט זיך דערהויבן פון דריי ברענענדיקע שייטערס און האָט אויסגעזעען אויף דעם פרייען פעלד, ווי ער זאָל זיין אויפגעהאָנגען אין דער לופט. צוערשט האט ער זיך געוואַקלט, זייענדיק עטוואָס איבערגעשראָקן, נאָר דערנאָך האט ער נישט געקענט זיך אַנטקעגנשטעלן דעם ווייטיקלעכן פאַרלאַנג אויף איין רגע בלויז אָנצוּוואַרמען זיך די הענט.

דער וועג האט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער טיף. אַלץ איז פאַרשוווּנדן. אויף רעכטס האט דער מאַן געהאט אַ צוים, אַ וואַנט פון דיקע ברעטער, וועלכע האט פאַרמאַרט די באַן־שינעס און פון לינקס אַ גראָזבאַדעקטער באַרגאַראָפּ, אויף וועלכן עס האָבן זיך דערהויבן נישט דייטלעכע שפּיצן פון הייזער. עס האט אויסגעזעען, אַז דאָרט זאל האָבן זיין אויסגעשפּרייט אַ דאָרף מיט נידריקע און איינפאַרמיקע דעכער. ער האט געמאַכט אומגעפער צווייהונדערט שריט. פּלוצים, ווי דער וועג האט זיך פאַרנומען אין אַ זייט, האָבן די פייערן ווידער פאַר אים אויפגעפלאַמט, און ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַר־וואָס עס האָבן אים אויסגעזעען די פייערן אַזוי הויך אויף דעם טויטן הימל, ווי פאַררויכערטע לבנה׳ס. נאר באַלד האט אים אַ צווייט בילד אויף דעם פרייען פעלד געצווינגען זיך אָפּ־צושטעלן. דאס איז געווען אַ שווערע מאַסע, אַ גאַנצער הויפן פון געביידעס, פון וועלכע עס האט זיך אויסגעטיילט דער סילועט פון אַ פאַבריק־קוימען; אַ מאַט ליכט האט ארויסגעדרינגען דורך די שמוציקע פענצטער, פינף, זעקס לאַמטערנעס זענען געווען צעהאַנגען דרויסן אויף סטויפּעס פון שוואַרץ האָלץ, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי ריזיקע באַלאַקאַנען און פון דעם פאַנטאַסטישן בילד, וואס איז געווען איינגעהילט אין נאַכט און אין רויך, האט זיך געהערט איין און איינציק קול: דאס

שווערע און לאַנגע אָטעמען פון אַ דאַמפף־מאַשין, וועלכע מען האָט נישט געזען.

דעמאָלט האָט דער מאַן דערקענט, אז דאָס זענען גרובן. האָט זיך ווידער אין אים דערוועקט די שעמעוודיקייט — צו וואָס? עס איז נישטאָ דאָרט קיין אַרבעט... אנשטאָט צו צוגיין צו די געביידעס, האָט ער באַשלאָסן אַרויפגיין אויף דעם בערגל, אויף וועלכן עס האָבן אין דריי גרויסע טשוגונענע פאַנען געברענט די דריי פייערן צו באַלייכטן די אַרבעטער אין זייער אַרבעט און צו דערוואַרעמען זיי. די ערד־אַרבעטער האָבן געמוזט זיין באַשעפטיקט ביז אין שפּעט אין דער נאַכט, ווייל ערשט איצט האָט מען דאָס מיסט אויפגערוימט. ער האָט דערהערט ווי די וועגעלעך שלעפּן זיך איבער די ברעטער־געשטעלן און האָט אונטערגעשיידט שאָטנס פון מענטשן, וועלכע האָבן ביי יעדן פייער אויסגעליידיקט זייערע וועגעלעך.

— אַ גוט מאָרגן, האָט ער געזאָגט דערנענטערנדיק זיך צו איינעם פון די פייערן. דער פירער איז געשטאַנען מיטן רוקן צום קוילנבעקן אָפּגעקערט. דאָס איז געווען אַן אַלטער מאַן מיט אַ געשטריקטן זשאַקעטל פון בלאָלעכער וואָל און מיט אַ היטל פון אַ קראַליק־פעלעכל אויף דעם קאָפּ. זיין פערד, אַ גרויסע געלע חיה, איז זיך געשטאַנען אומבאַוועגלעך ווי פון שטיין אויסגעהאַקט און געוואַרט ביז די זעקס וועגעלעך וועלכע ער האָט געבראַכט וועלן זיין אויסגעליידיקט. דער האַנטאַרבעטער, וועלכער האָט דאָס באַדאַרפט דערליידיקן, אַ רויט־האָריגער, שעמעוודיקער יונג, האָט זיך נישט זעהר געאיילט און האָט שלעפּעריק אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דעם העבל. און האָבן האָט זיך דער ווינט טאָפּלט פאַרשטאַרקט און געבלאָזן מיט אייזיקער קעלט.

— אַ גוט מאָרגן, האָט געענטפערט דער אַלטער.

אַ רגע איז געווען שטיל, נאָר באַלד האָט דער מאַן, דערפילנדיק אויף זיך אויגן פון אומצוטרוי, אָנגערופן זיין נאָמען:

— מיין נאָמען איז עטיען לאַנטיע, איך בין אַ מאַשיניסט...

... איז דאָ נישטאָ קיין אַרבעט?

פלאמען האָבן אים העל באַלויכטן, ער האט אויסגע־זען צו האבן אַ איינאונצוואנציק יאר, אַ שטארקער ברונעט און אַ שענער מענטש, נישט קוקנדיק אויף זיין שלאנקן קערפּערבוי, האט ער אויסגעזעען זער קרעפטיק צו זיין.

דער אלטער האט בארויקט געשאָקלט מיטן קאפּ.

— ארבעט פאר אַ מאשיניסט, ניין, ניין... ערשט נעכטן האבן זיך צוויי געמאלדן. עס איז נישטאָ.

אַ רגע האט זיי דאס שטארקע בלאזן פונם ווינט געשטערט צו רעדן. דערנאך, האט עטיען געפרעגט, אנווייזנדיק אויף דעם טונקעלן שאטן־אומריס פון די געביידעס צו פיסנס פונם בערגל:

—דאס זענען גרובן, נישט אמת?

דעם אלטער האט דאס מאל נישט געקענט ענטפערן. אַ שטארקער הוסטן־אנפאל האט אים געשטיקט. ענדלעך האט ער אויסגעשפּיגען און אויף דעם פאררויטלטן באדן האט דער אויס־געשפּיגענער לעכעך געבילדעט אַ שווארצן פלעק

— יא, גרובן, „דער פארעו" (Voreux)... איר זעט! די ארבעטער־וווינונגען זענען הארט דאנעבן.

ער האט אָנגעוויזן מיט דער האנט אין דער פינצטערניש אויף דעם דארף, די דעכער פון וועלכן דער יינגערמאן האט שוין באמערקט. נאר די וועגעלעך זענען שוין געווען אויסגע־ליידיקט און דער אלטער האט זיי נאָכגעפאָלגט מיט זיינע שטייפע רעוומאטישע פיס נישט אויפהייבנדיק אפילו די בייטש אויף דעם געלן פערד, וועלכער האט זיך שווער געשלעפּט מיט צעווייטע האר פונם ווינט. איצט האט זיך דער פאריי דייטלעכער אויסגעטיילט פון דער טונקלקייט. עטיען, וועלכער איז שטיין געבליבן ביי דעם פייער פארזינקן און געדאנקן און זיך גע־ווארעמט די פארפרוירענע הענט, האט אנגעהייבן שוין אונטער־צושיידן איינצלנע טיילן פון די גרובן: דעם מיט סמאלע באַ־דעקטן שטאל פאר סאָרטירן, דעם טורם, די גערוימע געביידע פון דער באוועגונגס־מאַשין און דאס פירעקיקע טורעמל פון דער שעפּ־פּאמפּע. באַטראכטנדיק דאס אלץ, האט ער זיך פארקלערט איבער זיין וואנדערדיקן ארט לעבן אין משך פון די אכט טעג,

צייט ער האָט אנגעהייבן צו זוכן ארבעט; ער האט זיך ווידער דערזעען אין זיין ארבעטס-צימער ביי דער אייזנבאן, ווי ער האט אראפּגעלאָזט אַ פּאטש זיין שעף, פאריאגט געווארן פון לי (Lille) און פארטריבן פון אומעטום; שבת איז ער אנגעקומען קיין מארשיען, ווי ער האט געהאפט צו געפונען ארבעט אין דער אייזן-פאבריק, אבער נישט אין אַ אייזן-פאבריק, נישט אין זאנעוויל איז געווען ארבעט צו קריגן און ער האט געמוזט דעם גאנצן זונטיקדיקן טאג פארברענגען אונטער די טרעפּ פון אַ הילצערנעם הויז, פון וואנען דער וועכטער האט אים צוויי אַ זייגער ביינאכט פארטריבן. איצט איז ער הויל, קיין איין פרוטה, קיין איין קרישל ברויט: וואס-זשע זאל ער אנהייבן איצט צו טון אויף דעם ברייטן טראקט אן אַ ציל, נישט ווייסנדיק אפילו ווי ער זאל שוין זוכן פון דעם קאלטן ווינט?

דער האַנטאַרבעטער, וועמענס עובדא עס איז געווען איבערצוקערן די וועגעלעך, האָט אפילו די אויגן נישט אויפגעהויבן אויף ענטיענען און ווען דער לעצטער האָט געוואָלט אויפהייבן פון דער ערד דאָס אראָפּגעפאלענע קליינע פעקעלע, האָט זיך דערהערט דאָס הויכע הוסטן פון דעם אומקערנדיקן זיך אָנטרייבער. פאַמעלעך האָט ער זיך אויסגעשיילט פון דער אַרומיקער טונקלקייט, באַגלייט פון זיין געלן פערד, וועלכעס האָט ווידער געשלעפּט זעקס פולע וועגעלעך.

— זענען פאַראַן פאַבריקן אין מאַסטו? האָט געפרעגט דער יינגערמאַן.

דער אַלטער האָט ווידער אויסגעשפּיגן שוואַרצן לעכעך און דאַן אָפּגעענטפערט דורכן ווינט.

— אָה! קיין פאַבריקן פעלן דאָ נישט. איר וואָלט באַדאַרפט זעען מיט דריי, פיר יאָר צוריק. אומעטום האָבן זיי גערוישט די מאַשינען, מען האָט גארנישט געקענט אַזוי פיל אַרבעטער צושטעלן, נאָך קיינמאָל האָט מען נישט אַזוי פארדינט ווי דעמאָלט... איצט קען מען דעם גארטל אַ ביסל ענגער צוזאמענציען. עס נעמט פארט אָן אַ רחמנות צו צוזעען ווי די מענטשן ווערן אָפּגעזאָגט און ווי עס פארמאכן זיך איין ווערקשטאט

נאכן צווייטן... דער קייזער איז אפשר נישט שולדיק אין דעם, גאָר צו וואָס גייט ער קעמפן אין אַמעריקע? נישט רעכנדיק זיך דערמיט, וואָס די חיות ווי די מענטשן שטאַרבן אויס פון דער חאָלערע.

דעמאָלט האָבן זיי ביידע אָנגעהויבן אין קורצע ווערטער און מיט אַ פאַרשלאָגענעם אָטעם פונם ווינט זיך צו באַקלאָגן, עטיען האָט דערציילט פון זיינע אומזיסטיקע אַרומוואַנדערונגען אין משך פון דער גאַנצער וואָך: זאָל ער דען פון הונגער אויסגיין? איינגיכן וועט אויף אַלע גאַסן ווימלען פון בעטלערס. יאָ, האָט דער אַלטער געזאָגט, עס וועט זיך ענדיקן זעהר שלעכט, ווייל גאָט וויל געוויס נישט, אַז מען זאָל אַזוי פיל קריסטן ארויסוואַרפן אויף דער גאַס.

— אין משך פון דער גאַנצער צייט קוקט מען שוין אַפילו קיין שטיקל פלייש נישט אָן.

— וואָלט מען כאָטש ברויט געהאַט גענוג!

— דאָס איז אמת, וואָלט מען כאָטש, ווייניקסטנס, ברויט געהאַט!

זייערע שטימען האָבן זיך פאַרלוירן, דער שטאַרקער ווינטער האָט זייערע ווערטער פאַרטראָגן אין אַ טרויעריקן געיאָמער.

— אָט דאָ! האָט אויסגערופן, דער אַלטער זעהר הויך, ווענדנדיק זיך קיין דרום זייט, דאָ איז מאָנטו.

און, אויסשטרעקנדיק די האַנט פון ס׳נייַ, האָט ער אָנגעוויזן אין דער טונקלקייט אויף אומזיכטבאַרע פונקטן, וועלכע ער האָט אָנגערופן ביי די נעמען. דאָרט אונטן, אין מאָנטו, איז די צוקערפאַבריק פון פאָוועל נאָך אין גאַנג, אָבער די צוקערפאַבריק פון האָטאָן האָט שוין איר פערסאָנאַל רעדוצירט; נאָר די מעלהאַנדלונג פון דיוטילעיל און דאָס שטריקגעשעפט פון בלעיז, וואָס האָט צוגעשטעלט שטריק פאַר די גרובן, האַלטן זיך נאָך. דערנאָך האָט ער אָנגעוויזן אויף צפון-זייט, באַצייכנדיק מיט אַ ברייטן זשעסט אַ האַלבן האָריזאָנט: די בוי ווערקשטאַטן פון זאנעוויל האָבן נישט דערהאַלטן אַפילו קיין צוויי דריטל

פון זייערע געוועגלעכע באַשטעלונגען; פון די דריי הויך-הויוונס אין אייזן-פאבריק פון מאַרשיען, זענען נאָר צוויי טעטיק; ענדלעך, אין דער גלאָזהיטע פון גאזשעבוא האָט געדראָט מיט אַ שטרייק, ווייל מען האָט געשמועסט פון אַ לוֹמן-רעדוקציע.

— איך ווייס, איך ווייס, האָט אָפּגעענטפערט דער יונגער-מאַן אויף יעדער אָנווייזונג, איך קום פון דארט.

— ביי אונדז איז אַנדערש, עס גייט נאָך ביז איצט, האָט צוגעגעבן דער אָנטרייבער. איבעריקנס, האבן די גרובן אויך פארקלענערט די קוילנפראדוקציע. און, זעט איר, דארט, אונדז געגענאיבער, אין לא-וויקטואר, ברענען אויך נישט מער, ווי צוויי קאקס-באטעריעס.

ער האָט אויסגעשפיגן און אַ פאַרשלאפענער זיך צוריק געשלעפט נאך זיין פערדל, נאכדעם ווי ער האט עס איינגע-שפאנט אין די ליידיקע וועגעלעך.

איצט האט עטיען שוין געקענט די גאנצע געגנט. זי איז געווען איינגעהילט נאך אין אַ טיפער טונקלקייט, נאר די האנט פון אַלטן האט זי ווי אָנגעפולט מיט אַ גרויסן אומעט, וועלכן דער יונגערמאַן האט געפילט איצט אומבאוווסטזיניק ארום זיך אין דער גרענעצלאזער ווייטקייט. איז עס נישט געווען קיין הונגער-געשריי, וועלכן דער מערץ-ווינט האט גע-קוילערט איבער די פוסטע און נאקעטע פעלדער? די צארנדיקע אויפברויזן פונם ווינט האבן אויסגעזעען צו ברענגען דעם אונטערגאנג פון דער ארבעט און אַ הונגערנווינט, וואס וועט פיל מענטשן אומברענגען. און ער האט זיך אנגעשטרענגט מיט די בלאנדזשנדיקע בליקן אַ דורכצודרינגען דעם חושך, געפייניקט פון אַ שטארקן ווילן און פחד דאס פארבארגענע פון אים צו דערציילן.

— איר זענט אפשר, פון בעלגיען? האט געפרעגט הינטער פטיענען דער אלטער, וועלכער האט זיך שוין אומגעקערט.

דאס מאל האט ער געבראכט נישט מער ווי דריי וועגעלעך. מען האט זיי געקאנט צו יעדער צייט אויסליידיקן:

אן אומגליקלעכער צופאל מיט אַ געפּלאצטער שרויף ביי דעם ארויפציען די קוילן האט אפגעשטעלט אויף א פירטל שעה די ארבעט. אונטן האט זיך צעלייגט אַ שטילקייט. דער רעש פון די וועגעלעך־פירערס איבער די שינעס האט אויפגעהערט און נאָר דאס שלאגן פון די האמערס איבער די אייזערנע בלעכן האט זיך דערטראָגן פון דערווייטן.

— ניין, איך בין פון דרום, האט אפגעענטפערט דער יונגערמאן. נאך דעם ווי ער האט אויסגעליידיקט די וועגעלעך האט זיך דער ארבעטער צוגעזעצט אויף דער ערד אַ צופרידע־נער פון דעם פּאָרפּאַל; ער איז געבליבן אין זיין שטומער פארווילדקייט, און די גרויסע אויגן האט ער געווענדעט אויף דעם פירער, ווי ער זאל האבן זיין דערדריקט פון זיין צופיל רעדן. דעם פירער אָבער איז דאס פנים פונם אומבאקאַנטן געפעלן געווארן און עס האט דערוועקט אין אים דעם ווילן צו טיילן זיך מיט עמעצן, וואס ברענגט אפט אלטע לייט צו רעדן מיט זיך אליין.

— איך, האט ער געזאגט, ביז פון מאָסטו, און הייס באָנעמאָ.

— עס איז אַ צונאמען? האט עטיען געפרעגט אַ פארוואונדערטער.

דער אלטער האט זיך צעפרידן צעשמייכלט און האט אנגעוויזן אויף דעם פאָרעי:

— יא, יא ... מען האט מיר שוין דריימאל פון דארט ארויסגעצויגן, איינמאל מיט צוגעברענטע האר, דאס צווייטע מאל פון דער ערד ארויס און דאס דריטע מאל פון דער וואסער אַן אנגעבלאזענעם ווי אַ פראש ... ווען מען האט געזען אז איך וועל אליין נישט אפשטארבן, האט מען מיר אין שפּאס געגעבן דעם צונאמען דאנעמארט (ווערטערלעך: אַ גוטער טויט).

זיין לאכען האט אפגעקלונגען ווי דאס סקריפּן פון אַ שלעכט אנגעשמירטער ראד און פארענדיקט האט זיך עס מיט אַן אָנפאל פון הוסטן. נאכדעם ווי ער האט זיך שוין אויסגעהוסט, האט ער ווידער אויסגעשפּיגן נעבן דער קיילנפאַן, און דאס

שטיקל ערד אויף דעם ארט איז געווארן שווארץ. עטיען האט אים אנגעקוקט און פון אים זיין בליק געוואנדן אויף דעם שווארצן פלעך.

— ארבעט איר שוין לאנג אין די גרובן? האט ער ווידער געפרעגט. באנעמארי האט אויסגעשפרייט די הענט.

— אַ לאנגע צייט! אַך, יאָ! ... איך האב נאך קיין אכט יאר נישט געהאט, ווען איך האב זיך צום ערשטן מאל אראפ־געלאזט, און איצט צעל איך שוין אכט און פופציק. רעכענט נאר נאך... איך האב שוין דא פון אונטן אלע ארבעטן פאר־טרעטן, געווען אַ שיקיינגל, אליין געשלעפט וועגעלעך, אנגעטריבן און אכטצען יאר געווען אַ העקער. דערנאך האבן זיי מיר צוליב מיינע פארשאלטענע פוס געמוזט איבערפירן צום ערדגראבן, פארשיטן, פארריכטן, ביז מען האט מיר ענדליך, אויף דעם באפעל פונם דאקטאר, געמוזט אינגאנצן דערווייטערן פון דער ארבעט אונטער דער ערד. שוין פינף יאר, אז איך פארנעם די שטעלע פון אַן אנטרייבער. נו? דאס איז שען, פופציק יאר ביי דער בארג־ארבעט און דערפון פינפאונצוואנציק אונטער דער ערד!

און משך פון זיין רעדן האבן די ברענענדיקע קוילן, וועלכע זענען פון צייט צו צייט אראפגעפאלן פון דער פאן באלויכטן זיין געזוכט מיט אַבלוטיקן ווידערשיין.

— מען עצה'ט מיר איך זאל זיך שוין אפרוען, האט ער ווייטער פארטגעזעצט. איך וויל אָבער נישט, איך בין נאך נישט אזוי נאַריש ... איך וועל עס נאך, דערציען ביז מיין זעכציקסטן יאר און דאן קריג איך הונדערט אכטציק פראנק פענסיע. ווען איך זאל מיר איצט אפזאגן, וואלטן זיי מיר נאר הונדערט פיפציק אנערקענט. זיי זענען חיטרע, די אוממענטשן! ...

אובעריגנס, בין איך נאָך, אויסער די פיס, געזונט פעסט. מיר איז נאר די וואַסער אונטער דער הויט אַריינגעדרונגען, ווייל דארט פון אונטן איז שטענדיק נאַס. פאראן אַזעלכע טעג, ווען איך קען מיט קיין פיס אַריר ניט טון, נישט שריי־ענדיק פון טיפן ווייטיק.

ווידער האט אַ שטאַרקער הוסטנאַנפֿאַל אים איבערגעהאַקט.

— און דערפֿון נעמט זיך אויך אייער הוסטן? זאָגט עטיען.

ער האט געשאַקלט פֿעסט מיטן קאָפּ אויף ניין; און ווען ער האט צוריק געקענט אנהייבן רעדן האט ער געזאָגט:

— ניין, ניין, איך האָב מיר אין פֿאָריגן חודש צוגעקילט. קיינמאָל האָב איך נישט געהוסט, איצט קען איך גאַר פֿון אים נישט פּטור ווערן... און דאָס קאָמישסטע איז, וואָס איך דאַרף כסדר האַלטן אין איין שפּייען... אין איין שפּייען...

ווידער האט אים פֿאַרכאַפּט דער אַנפֿאַל און ער האט אַרויסגעוואָרפֿן שוואַרצע שטיקער.

— איז דאָס בלוט? דערוועגט זיך עטיען ענדלעך צו פֿרעגן.

ער ווישט זיך לאַנגזאַם אָפּ דאָס מויל מיט דער אויבער-שטער זייט פֿון דער האַנט.

— דאָס איז קויל... איך האָב אַזוי פֿיל דערפֿון אין מיין קערפּער, אַז איך וואָלט מיר ביז אין סוף פֿון מיינע טעג הייצן געקענט.

און 5 יאָר בין איך דאָך שוין פֿון אונטן נישט געוועזן. איך האָב, מייזט אויס דערפֿון אין מיר אַ גאַנצן מאַגאַזין, אַליין נישט מיסנדיק. דאַ! דאָס היט אָפּ דאָס געזונט!

עס איז ווידער געוואָרן שטיל. אין דער ווייטקייט האָבן איינטאָניק אָפּגעקלונגען דאָס שלאָגן פֿון די האַמערס פֿון די גרובן אַרויס, דער ווינט איז יאָמערנדיק פֿאַרביי, ווי אַ ביטערלעכער געשריי פֿון הונגער און מידקייט, וואָס

האט זיך אויסגעשיילט פון דער טונקעלער נאַכט. ביי ד
גוססדיקע פלאַמען האָט דער אַלטער פּאַרטגעזעצט אַרויסצורופֿ
זיינע ערינערונגען. אַך, יאָ! ער און די זייניקע אַרבעטן
דאָ שוין נישט פון נעכטן אין די גרובן. זיין פאַמיליע
אַרבעט פאַר דער געזעלשאַפט פון די גרובן אין מאַסטו,
זייט זי האָט זיך געגרונדעט; און פון דאַמאָלט איז שוין
זעהר לאַנג, שוין הונדערט זעקס יאָר. זיין זיידע, גיויאָם
מאַע, האָט אַלס יינגל פון פיפצן יאָר אַנטדעקט די ערשטע
גרובן פון דער געזעלשאַפט אין רעקוויאַרט, נישט ווייט פון
דער צוקערפאַבריק פּאַוועל, וועלכע זענען שוין היינט אונ-
גאַנבן פּאַרלאָזט. די גאַנצע געגנט האָט עס געוווסט, אז די
גרובן טראָגן דעם נאָמען פון זיין זיידן — „ווילהעלם׳ס-
גרובן”. ער האָט אים נישט געקענט. מען דערצעלט, אז ער
איז געווען זעהר אַ גרויסער און שטאַרקער מאַן, נאָר
וועלכער איז דאָך צו זעכציק יאָר געשטאָרבן. דעמאָלט
האט זיין פאָטער, ניקאָליי מאַע, מיטן צונאָמען „דער רויטער”,
קוים פערציק יאָר אַלט אין די גרובן פון פּארעו, באלד
נאָכדעם ווי זיי זענען אָפּגעטויפט געוואָרן, זיי לעבן איבער-
געלאָזט. דערנאָך האָבן זיינע צוויי פעטערס און דריי ברידער
אויך דאָרט זייער לעבן אַוועקגעלייגט. נאָר אים, ווינצענטי מאַע,
וועלכער איז ארויס פון דארטן נאר מיט צעשעדיקטע פיס,
האט דאס שלעכטס אביסל געמיטן. וואס דען האט מען געקענט
טון? ארבעטן האט מען דאך געמוזט. דאס גייט איבער בירושה
פון פאטער צו זון. פונקט ווי אנדערע זאכן גייען איבער
בירושה. איצט ארבעט שוין דא זיין זון, טוסען מאע, און זיין
אייניקל און אלע, וואס ווינען דא אקעגנאיבער אינם ארבעטס-
דארף. הונדערט זעקס יאר אלס העקער, די יונגע נאך די
אלטע און אלץ ביי דעם זעלבן האר... וויפל בירגער קענען
נאך אזוי געניי די געשיכטע פון אייער משפחה דערציילן.

— ווען מען האט נאר צו עסן! האט עטיען שטיל
געמורמלט.

— דאס זאג איך דאך, כל־זמן מען האט נאך דאס שטיקל ברויט, קען מען נאך לעבן.

באנעמאר איז אנטשוויגן און זיך פארקוקט אויף דעם ארבעטער-דאָרף, ווי עס האָבן אויפגעפלאַמט איין ליכט נאך דעם אנדערן. אויף דעם קלויסטער טורם פון מאַסטו האט געשלאגן פיר אַזייגער, די קעלט איז געווארן שארפער.

— און איז אייער געזעלשאפט אַ רייכע? האָט עטיען ווידער געפרעגט. דער אלטער האט אַ צי געטון די אקסלען אין דער הויך און דערנאך זיי ווידער אראָפּגעלאזט, ווי ער זאל האבן זיין נידערגעדריקט פון אַן אנפאל פון גאלדשטיקער.

אך! יא, אך! יא... נישט אפשר אזוי רייך ווי זייערע שכנים, די געזעלשאפט פון אַנצין, אָבער זי פארמאגט אויך מיליאנען איבער מיליאנען. עס לאזט זיך נישט אפילו איבערצעלן... דא זענען ניינצן גרובן, פון זיי דרייצן אין באוועגונג, פארעי ווויקטואַר, קרעפּעקאער, מורו, ס׳ט טאמאס, מאדעלעין, פעיטרו־קאנטעל... צענטוויזנט ארבעטער, קאָנצעסיעס און זיבנאונזעכ־ציק געמיינדעס, אַ טעגלעכע עקספּלואטעציע פון פינף טויזנט טאָן, אַן אייזנבאן צווישן די איינצלנע גרובן, ווערקשטאטן און פאבריקן!... אַך! יא, אך! יאָ, די געזעלשאפט האט געלד!

דאס גרויסע געלע פערד האָט אויסגעשפּיצט די אויערן, ווייל עס האט ווידער דערטראגן דער רעש פון די וועגעלעך. דער אויפצוג איז שון זיכער געווען פאררעכט און די וואס האָבן אַנגעלאדעט און געשלעפּט די וועגעלעך האבן צוריקגעקערט צו דער ארבעט. איינשפּאנענדיק דאס פערד צום אפּפאָרן, האט דער אנטרייבער אים זאנפט געוואָרנט:

— געוויין זיך נאָר אָפּ פון צו פּלאַפּלען אזוי פיל, די פוילער פעלץ! ווען הער האַנעבאָ זאל זיך דערוויסן ווי דו פאר־ברינגסט די צייט! עטיען איז געשטאנען אַ פארטרוימטער אין דער טונקלקייט. ער האט געפרעגט:

— די גרובן, הייסט עס, געהערן דעם הער האַנעבאָ?

— ניין, האט דער אלטער דערקלערט, דער הער האַנעבאָ איז נאָר דער הויפּט דירעקטאר און באקומט באצאלט גלייך מיט אונדז.

די יונגערמאן האט מיט אן האנט-באוועגונג אנגעוויזן אין דער טונקעלער ווייטקייט.

— ווען מען זשע געהערט, אויב אזוי, דאס אלץ

נאר באנעמאר האט אויף איין אויגנבליק באקומען אזא עפטיקן הוסטנאנפאל, אז ער האט דעם אטעם נישט געקענט כאפן, נאכדעם ערשט ווי ער האט אויסגעשפיגן און אפגעווישט דעם שווארצן שוים פון די ליפן, האט ער געזאגט דורך דעם פיל פארשטארקטן ווינט-שטרום:

— ווען מען דאס אלץ געהערט ?... דאס ווייסט מען נישט. עס געהערט צו מענטשן. און ער האט אנגעוויזן אויף אן אומבא־שטימטן פונקט אין דער טונקלקייט, אויף ערגעץ א ווייט ארט, ווי עס וווינען די מענטשן, פאר וועלכע, די פאמיליע מאַט ארבעט שוין א גאנצן יארהונדערט. אין זיין שטים האט זיך געפילט א געוויסער רעליגיעזער שרעק, ווי ער זאל האבן גערעדט פון א אומזיכבארן ארון, אין וועלכן עס ליגט באהאלטן אן אנגעגעסענער און צוזאמענגעקארטשעטער דער גאט, וועמען זי האט מקריב געווען דאס לעבן, נאר וועלכן זי האט נאך קיינמאל נישט געזען.

— ווען מען זאל כאטש ווייניקסטנס ברויט האבן, חזרט איבער עטיען שוין צום דריטן מאל אן אשום צוזאמענהאנג.

— יא, זיכער, עס וואלט געווען זעהר שען, ווען מען זאל שטענדיק האבן ברויט.

דאס פערד איז שוין געווען אפגעגאנגען און דער אנטרייבער איז אויך פארשוונדן מיט זיין לאנגזאמען אינוואלידן־גאנג אין דער טונקלקייט. דער געהילף איז זיך ביז אהער געזעסן צוזאמענגעקורטשעט אויף דער ערד און זיך קיין ריר נישט געטאן; ער איז געווען צוזאמענגעדרייט ווי א קנויל, דעם קאפ צווישן די קני ארייגעשטופט און מיט די גלאנצלאזע אויגן נעגלאצט אין דעם חלל.

ווען עטיען האט אויפגעהויבן זיין פאקעט, האט ער זיך נאך נישט דערווייטערט. ער האט דערפילט ווי זיין רוקן זוערט פארשטארט פון דעם אייזיקן ווינט, אין דער זעלבער

צייט ווען זיין ברוסט ווערט שיעור נישט אפגעבראטן פון דעם גרויסן פייער. אפשר וואלט פארט גוט געווען ער זאל זיך ווענדן צו דער פארוואלטונג פון די קוילן-גרובן? מעגליך, אז דער אלטער איז נישט גוט אינפארמירט. ער וועט קיין גרויסע פאדערונגען נישט שטעלן, יעדע ארבעט וועט ער אננעמען פאר ליב. צו וועמען זאל ער זיך ווענדן אין דער פון ארבעטס לאזיקייט אויסגעהונגערטער געגנט און וואס זאל ער אנהייבן צו טאן? זאל ער ווי איין פארלוירענער הונט אונטער א מויער איסגיין? ער וואקלט זיך אבער, א מורא נעמט אים ארום פאר דעם פארעו, וועלכער האט זיך אזוי צעלייגט אויף די פוסטע, נאקעטע פעלדער און אזוי געדוכט זיך איינגעוויקלט אינם שלייער פון דער נאכט.

דער ווינט, צארט זיך, ווערט מיט יעדער שטויס אלץ גרעסער און שטארקער, גלייך ווי ער זאל האבן אנגעקומען פון א האריזאנט, וואס ווערט אלע מאל גרעסער. קיין שימער פון טאגן באפארבט נישט דעם טויטן הימל, נאר די הויכהויבס און קאקס פייערן ברענען און ווארפן א בלוט רויטע שיין אין דער טונקלקייט, נישט דערלויבנדיק דאך צו דערקענען, וואס אונטער איר איז פארבארגן. און אין זיין לאך פארשטעקט דריקט זיך דער פארעו נאך מער צוזאמען, ווי א בייזע רויב-חיה, און אטעמט שווער און לאנג, ווי עס זאל אים זיין שווער צו פארדייען דאס מענטשלעכע פלייש.

II

אינמיטן די תבואה און ריבן פעלדער זענען זיך געלעגן די ארבעטסהייזלעך אונטער דעם שווארצן נאכט-הימל נאך פארזינקן אין טיפן שלאף, מען האט אונטערגעשיידעט נישט די טלעך דריי גרויסע טיילן פון קליינע געבויטע הייזער, ווי קאזארמעס אדער שפיטאלן, וועלכע זענען געווען אויסגע-שטעלט אין גלייכע, פאראלעלע רייען, צעטיילטע דורך דריי ברייטע אלעען, און וועלכע זענען געווען איינגעטיילט אין גלייכע גערטנער. אויף דעם פוסטן פעלד האט זיך געטראגן בלויז

דער יאָמער פון ווינט, וועלכע האט געשליידערט הין און הער די אויסגריסענע, לויזע שטיקער פלויטן. ביי דער פאַמיליע מאָע, וועלכע האט פארנומען דעם נומער זעכצן אין דער צווייטער טייל פון דארף, האט זיך נאָך גארנישט נישט גערירט. די איינציקע שטוב אויף דעם ערשטן שטאק איז נאך געווען איינגעהילט אין טיפער טונקלקייט, וועלכע האט שווער זיך געשפרייט אויף די שלאָפנדיקע, וואס האָבן זיך דארט ענג צוזאמענגעדריקט טויטמידע און מיט אָפענע מיילער. נישט קוקנדיק אויף דער שארפער קעלט, וועלכע האט געהערשט אין דרויסן, האט די דיקע לופט געהאט די שטיקנדיקע ווארעמקייט, מיט וועלכער עס איז געוויינלעך איבערפולט שלאָפצימערן.

דער קוקוסזייגער אין קעלער שטיבעל האט שוין א יס-געשלאָגן פיר. אָבער עס הויבט זיך נאָך גארנישט אָן צו באַוועגן. מען הערט נאָר אַשטיל אָטעמען, וועלכעס ווערט באַגלייט מיט אַ הויך שנאָרכן פון צוויי שלעפער. פלוצים איז קאַטערינע אויפגעשפרינגען פון געלעגער. פארשלאָפנערהייט האָט זי לויט איר געוווינהייט נאָכגעציילט דאס פיר מאל קלינגען פונם זייגער, נאר אינגאנצן זיך אויפגעמונטערן האט זי נישט געקענט. האט זי אויסגעצויגן די פיס אונטער דער קאָל-דערע, אויסגעשטרעקט די האַנט נאך די צינדהעלצלעך, אָנגע-ריבן איינס און אנגעצינדן דאס חלבנע ליכטל. אָבער זי איז נאך געבליבן זיצן אויפן ראנד פונם בעט; דער קאָפּ איז איר געווען אזוי שווער, אז ער האָט זיך געבויגן אויף צוריק, נישט קענענדיק זיך אנטקעגנשטעלן דעם דראַנג אָנצושפארן זיך אויפן קישן צוריק.

איצט האט דאס ליכט באַלויכטן דאס 2 פענצטערדיקע צימער, אין וועלכן עס האט זיך געפונען דריי בעטן. אויסער די בעטן איז אין דעם צימער געשטאַנען נאך אַ שאַפע, אַ טיש און צוויי אלטע שטילן פון נוס-האלץ; דאס גאנץ מעבל איז געווען שווארץ און האט זיך שארף אפגעטיילט פון דער העל-געלער פאַר פון די

ווענט. אַ פּאָר קליידער זענען געווען צעהאָנגען אויף זאַטשקעס און נעבן אַ ברוינער שיסל אויף דעם שטיינערנעם דיל, וועלכע האָט געדינט פאַר אַוואַש־שיסל איז געשטאַנען אַקריגל. אין דעם בעטל, וואָס איז זיך געשטאַנען לינקס, איז געשלאָפן זכריהו, אַ יונג פון איינאונצוואַנציק יאָר מיט זיין יונגערן אַכטצען־יעריקן ברודער יעקלין, אין דעם בעטל ווידער, וואָס אויף רעכטס, זענען זיך געלעגן צוויי ווערעמלעך, לעגאַר און העני, דאָס מיידעלע זעקס און דאָס יונגעלע פיר יאָר אַלט, וועלכע האָבן זיך מיט די הענטלעך און שלאָף פעסט אַרומגעהאַלטן; דאָס דריטע בעט האָבן געטיילט צווישן זיך קאַטערינע מיט איר שוועסטער אַליציר, וועלכע נישט קוקנדיק אויף אירע ניין יאָר, איז געווען אַזאַ שוואַכע, אַז ווען נישט איר הויקער, וואָס האָט איר געשטויסן אַלעמאָל אין דער זייט, וואָלט זי זי אינגאַנצן נישט געווען געפילט. די גלעזערנע טיר איז געשטאַנען אָפן און מען האָט געזען דורך איר דעם קאָרידאָר, אַ שמאָלער דורכגאַנג, וווּ עס האָט זיך געפונען דאָס פּירטע בעט פון טאַטע־מאַמע; נעבן דעם איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון דעם מוזיניקל, עסטעל, וועלכע האָט געהאַט קוים דריי מאָנאַטן.

קאַטערינע האָט געמאַכט אַ פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונג. זי האָט זיך אויסגעצויגן און מיטביידע הענט געגישטשערט אין אירע רויטע האָר, וועלכע זענען זיך צעפאַלן איבער דעם שטערן און נאַקן. פאַר אירע פופצן יאָר האָט זי זעהר שוואַך אויסגעזעען, פון אונטער דעם העמד אַרויס האָבן זיך אַרויסגעזען אירע בלייכע מיט קוילנפלעקן באַדעקטע פיס און אירע צאַרטע אָרעמס, וועמענס מילכווייסע פאַרב עס האָט זיך שטאַרק אָפּגעשלאָגן פון דער פאַרב פון איר פנים וואָס איז פון שטענדיקן וואַשן עס מיט שוואַרצע זייף, כמעט אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן. איר עטוואָס גרויס מויל האָט זיך געעפנט דעם לעצטן געגעץ צו טאָן און די בלוטלאָזע יאָסלעס האָט אַ שימער געטאָן אַריי פון פּרעכטיקע ציין, אין דער זעלבער צייט זענען אירע גרויע אויגן, פון וועלכע דער שלאָף איז שוין פונלאַנג

געוועזן פארטריבן, פול געוועזן פון טרערן און אינגאַנצן האָט זי אויסגעזעען אזוי צעבראכן און ווייטיק פול, גלייך ווי איר גאנץ באַקעט געשטאַלט וואלט זיך געראָלט צערונען פון איבער מידיקייט.

פונם קאָרידאָר האָט זיך דערטראגן די פון לעכעץ פאַר־לעגערטע שטום פון מאַנען:

— צו אלדי רוחות! שוין צייט אויפצושטיין... דו האָסט עס אנגעצונדן, קאַטערינע?

— יאָ, טאַטע, אונטן האָט עס נאָר וואָס געשלאָגן.

— איי־לּ זיך צו, דו פוילע, וואָלסטו נעכטיקן זונטאג ווייניקער געטאַנצט, וואָלסטו אָונדז אויפגעוועקט צו דער צייט... אַזאַ פוילע!

און ער האָט ווייטער אונטערגעברומט, אָבער דער שלאָף האט אים גובר געוועזן און זיינע פאָרווורפן זענען דערשטיקט געוואָרן אין אַ נייעם שנאָרכן.

דערווייל איז דאָס יונגע מיידל אַרומגעגאַנגען אין דעם העמד אין מיט באָרפעסע פיס אַהין און צוריק אויף דעם שטיי־נערנעם דיל פון דער צימער. דורכגייענדיק נעבן דעם בעט פון זיי־לעכאָרען און העבריק, האט זי צוריק אַרויפגעלייגט אויף די אַראָפגעגליטשטע קאָלדרע, די קינדער אָבער זענען זיך ווײ־טער געבליבן פאַרזינקן אין זעהר געזונטן ייגן שלאָף. אלציר האָט זיך אויסגעדרייט מיט אָפענע אויגן, כדי צו פאַרנעמען דאָס ווארעמע אָרט פון דער גרעסערער שוועסטער, נישט אַרויסזאָגנ־דיק דאָבײ קיין איין וואָרט.

— שטיי שוין אויף, זכריה! און דו, יעאַנלין, שטיי שוין אויף! האט קאַטערינע איבערגעחזרט, בלייבנדיק שטיין פאַר די צוויי ברודער, וועלכע האָבן זיך מיט די פנימער אין בעט איינגעגראָבן.

זי האָט געמוזט דעם עלטערן ביי די אַקסלען אָננעמען און אים צעטרייסלען, און אין דער צייט ווען ער האט אויף איר מיט זידל־ווערטער געשיט, האט זי זיך אויף דער גיך אנטש־לאָסן און פון ביידע די קאָלדרע אַראָפגעריסן כדי זיי אויפצו־וועקן. דאָס האט איר אויסגעזעען קאָמיש צו זיין ווי די ביידע

יונגן האָבן מיט די נאַקעטע פיס געוואָרפן און זי האָט זיך צעלאַכט.

— דאָס איז נאַריש, לאָז מיר! האָט אויסגערופן זכריה מיט אַבייזן טאָן, ווען ער איז שוין געווען פאָלשטענדיק וואַך. איך האָב פיינט אַזעלכע שפּאַסן.

ער איז געווען מאָגער, נישט געשיקט, מיט שיטערע געלע האָר אויפן געזיכט און מיט דער כאַראַקטעריסטישער פאַר דער פאַמיליע מאַע בלוטלאָזן הויט-קאָליר.

— אונטן האָט עס שוין געשלאָגן, חזרט איבער קאַטערינע. פאָרווערטס, שנעל! דער טאַטע איז שוין בייז.

יעאַנלין, וועלכער האָט זיך צונויפגעבויגן ווי אַ קנויל, האָט צוריק די אויגן פאַרמאַכט.

— געדענק, אויב דו וועסט נאָכאַמאָל קומען — האָט ער געזאָגט — איך שלאָף. זי האָט ווידער אויסגעשאָסן מיט איר קינדישן געלעכטער. ער איז געווען אַזוי קליין, זיינע גלידער, וועלכע זענען געווען אנגעשוואָלן פון שקראָפל אזוי צאַרט, אז זי האָט אים ארומגענומען מיטביידע הענט. נאר ער האט זיך געוואָרפן מיט אַלע אברים און זיין איינגעפאַלן מאַלפּע־געזיכט איז אַזש גרין געוואָרן פון ערגערניש, וואָס ער איז שוואַכער. ער האט גאר נישט געזאָגט און האָט זי איינגעריסן אין דער רעכטער ברוסט.

— דו שלעכטער יונג! האָט זי אויסגערופן, דערשטיקנדיק אין זיך אַ געשריי און האָט אים אויף דער ערד אַ נידערגעזעצט. אלציר, וועלכע האָט זיך שטיל איינגעהילט מיטן בעטגעוואַנד און זיך איבערגעדעקט ביז איבער דעם קאָפּ האט נאך נישט געהאַט צוריק איינגעשלאָפן. דאָס קרענקלעכע מיידל האט פאַרפאָלגט מיט אירע קלוגע אויגן די שוועסטער און די ביידע ברודער, וועלכע האָבן זיך שוין ענדלעך אנגעטון. אַ צווייט געקריג האָט אויסגעבראָכן ביי דער וואַש־שיסל, די ביידע יונגן האָבן געשטויסן דאס יונגע מיידל דערפאַר, ווייל זי האָט זיך לענגער געוואַשן. ענדלעך איז קאַטערינעס פאַרטיק געוואָרן די ערשטע. זי האט אַרויפגעצויגן אירע גרובן־הויזן, אַרויפגעוואָרפן אויף

זיך די בלוזע, אנגעטון דאָס קליינע בלויע היטעלע איבער די האָר און אין דעם ריינעם מאנטיק-אַנצוג האט זי אויסגעזעען ווי אַ קליינער מאַן. אויסער אַ לייכט וויגן זיך ביי די ברוסטן האט גאָר נישט פאַרראַטן איר געשלעכט.

— ווען דער אַלטער וועט אַהיים קומען, האט גיפטיק געזאָגט זכריה, וועט ער זיין צופרידן צו געפונען דאס בעט צעשטערט... דו ווייסט, איך וועל אים דערציילן, אז דאס איז דיין אַרבעט.

דער אַלטער דאס איז געווען דער זיידע, באַנעמאַר, וועלכער האָט געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט און מיטן טאָג אַהיים געקומען, אַזוי אַז ער האט שטענדיק געטראָפן דאָס בעט נאָך וואַרים; שטענדיק האט אין דעם נאָך עמעצער געשנאָרכט.

נישט אָפּענטפערנדיק האט קאַטערינע צוריק אויסגעגלייכט די דעק און זי איינגעשטאָפּט. שוין אייניקע מינוט, אז עס האט זיך געהערט אַ גערויש אונטער דעם מויער אין דער שכנות-דיקער שטוב. די ציגל, וועלכע די געזעלשאַפט האָט זיך באַמיט איינצוהאַנדלען ווי אַמביליגסטן, זענען אַזוי דין געווען, אַז דעם שטילסטן גערויש האט מען געקענט דורך זיי הערן. דאס אינטימסטע אין לעבן האָט דאָ נישט געקענט זיין פאַרבאָרגן אַפילו נישט פאַר דער יוגנט. אונטער אַ שווערן טריט האט אַ טרעפּ געטראַסקעט; דערנאָך האָט זיך עטוואָס שווערער מיט אַ צופרידענעם שטילן זיפץ אויף אַ בעט אַראָפּגעלאָזט.

אַהאָ! — זאָגט קאַטערינע. לעפּאַק גייט שוין אַראָפּ און דא זוכט שוין בוטעלופ זיין פרוי אויף.

יעאַנלין האט מיט הויזק די ציין געשטשירעט, אַפילו די אויגן פון אַלציר האָבן אויף באַקומען אַ באַזונדערן גלאַנץ. יעדן פרימאָרגן האָבן זיי זיך אַביסל געשפּאַסט איבער דערווירטשאַפט פון דריי ביי זייערע שכנים, אַ העקער, וועלכער האָט אַריינגענומען אויף קוואַרטיר אַ ערדאַרבעטער, צוליב וואָס זיין פרוי האט צוויי מענער באַקומען איינעם אויפן טאָג און דעם צווייטן אויף דער נאַכט.

— פילאָמענע הוסט, האָט קאַטערינע ווייטער פאַרטגעזעצט,

נאָכדעם ווי זי האָט זיך צוגעהערט.

זי האָט גערעדט פון לעוואַקס עלטערע טאָכטער, אַ גרויס ביינצעניעריק מיידל, זכריה׳ס געליבטע, פון וועלכער ער האט שוין געהאַט צוויי קינדער, נישט קוקנדיק אויף איר שוואַכער ברוסט, צוליב וועלכער זי האָט נאָר געקענט פאַרווענדט ווערן אַלס אַ זייגערין און נישט געקענט קיינמאָל אַרבעטן אין די גרובן.

— האַ, יאָ! פילאָמען! האָט זכריה אָפּגעענטפערט, זי לאַכט זיך אויס דערפון, זי שלאָפט... דאס איז אַן אומריינקייט צו שלאָפן ביז זעקס אַ זייגער!

ער האָט אַרויפגעצויגן זיינע הויזן און אויפגעעפנט דאס פענצטער, ווערנדיק פאַרכאַפּט פון אַ פלוצימדיקן געדאַנק. דרויסן, אין דער מאָרגן-גרויקייט, איז אין די אַרבעטער-שטיבלעך גע־וואָרן לעבעדיק, פון אונטער די לאָדנס האָט אויפגעבליצט איין ליכט נאָכן אַנדערן. נאָך איין שטרייט־פּראַגע איז געווען צו ערלעדיקן: ער בויגט זיך אויס דורך דעם פענצטער בעסער צו זען, אויב עס גייט נישט אַרויס געגנאַיבער פון פּיעראַנען דער אויפזעער פונס פּארע, אויף וועלכן מען האט געזאגט, אז ער האט פערהעלטנישן מיט פּיעראַנס פרוי; אָבער די שוועסטער שרייט אים צו, אז פון נעכטן אָן האָט איר מאַן אָנגעהויבן אַרבעטן בייטאָג, אזוי אז עס איז אוממעגלעך, אז דענסאערט זאָל האָבן דאָרט די נאַכט געשלאָפן. אַ שאַרפע קעלט האט אַריינגע־דרונגען אין צימער, נאָר זיי ביידע האָבן זיך געהיצט פאַר־טיידיקנדיק יעדער זיין השערה, ביז עס האָט זיך פלוצים דער־הערט אַ קינדער געשריי. דאס איז געווען עסטעלע אין איר וויג, וועלכער די קעלט האָט געשטערט.

פלוצים האָט זיך מאַע ווידער אויפגעכאַפּט. וואָס האט ער עפּעס אזעלכעס אין די ביינער? נאָר באַלד איז ער צוריק איינגעשלאָפן, ווי איינער, וואָס טויג צו גאָרנישט. ער האָט געשאָלטן אזוי הויך, אז די קינדער האָבן נישט געוואַגט דעם אָטעם צו כאַפּן. זכריה און יעאַנלין האב פאַרענדיק דאס וואַשן זיך מיט אַ מידער לאַנגזאַמקייט. אלזיר, די אויגן ברייט פונאַנדער־

געפּנט, האָט געהאַלטן אין איין קוקן. דיביידע קינדער לענאַרע און העגרי, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אַרומגענומען מיט די הענטלעך, האָבן זיך קיין ריר נישט געטון און נישט קוקנדיק אויף דעם אַרומיקן ליאַרם זיך געאָטעמט אַזוי שטיל און רויק ווי פּויער.

— קאַטערינע, ברענג מיר דאָס ליכט! האָט אויסגערופן מאַע. זי האָט פאַרקנעפּלט דעם מאַנטל און דאַן אַריינגעטראָגן דאָס ליכט אינעם חדר פון אירע עלטערן; די ברידער האָבן גע-קאָנט אירע קליידער אויסזוכן ביי דעם מאַטן ליכט, וואָס האָט אַריינגעדרינגען דורך דער טיר. דער פאָטער אירער איז אַראָפּ-געשפּרונגען פון בעט, אָבער זי האָט זיך נישט געקענט איינ-האַלטן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אירע וואָלענע זאָקן פון די טרעפּ און האָט אָנגעצונדן אין צימער אַ צווייט ליכט, כּדי צו קענען מאַכן קאַווע. אַלע הילצערנע פאַנטאָפל פון דער משפּחה האָבן זיך געפונען אונטער דעם בופעט.

— וועסטו אַמאָל אויפהערן, דו וואָרעם דו! האָט אויס-געשריגן מאַע, וועמען עסטעלס לאַרמען האָט אין אַ פאַרצווייפ-לונג אַריינגעבראַכט.

ער איז געווען אַזוי קליין ווי דער אַלטע באָנעמאָר, גע-האַט דעם זעלבן גרויסן קאָפּ און אונטער די געלע קורצגע-שוירענע האָר דאָס זעלבע באַנאַלע און פאַרוועלקטע געזיכט, דערשראָקן פון זיינע לאַנגע אָדערדיקע הענט, וועלכע האָבן זיך איבער אים באַוועגט, האָט דאָס קינד זיך נאָך מער צעיאָמערט.

— לאָז זי, האָט געזאָגט די פרוי מאַע, דו ווייסט דאָך אַז איר איז אוממעגלעך איינצושטילן, און האָט זיך פאַרריקט אין דער מיט פון בעט. זי האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט און געווען דאַריבער בייז; עס איז דאָך צו נאַרעש מען זאָל די גאַנצע נאַכט נישט קענען שלאָפן. האָבן זיי דען נישט געקענט שטיל אַוועקגיין?

זי איז געווען איינגאַנצן איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע, אַזוי, אַז מען האָט נאָר געקענט זעען איר לענגלעך געזיכט מיט

די רעגלמעסיקע נאָר שאַרפע שטריכן, ווענעמס שענקייט עס איז שוין צו ניינאונדרייסיק יאָר און אַ לעבן פול עלנט און נויט און נאָכדעם ווי זי האָט זיבן קינדער געבוירן, אינגאַנצן געוועזן אָפּגעבליט. דעם בליק געווענדעט צום סופיט, האָט זי לאַנגזאַם גערעדט צו איר מאַן, וועלכער האָט זיך דערווייל אָנגעטון. ביידע האָבן שוין קיין אכט נישט געלעגט אויף דעם קינד, וועלכעס איז שוין כמעט ווי הייזעריק געוואָרן פון שרייען.

נו? דו ווייסט, אז איך האָב שוין קיין פּרוטה נישט ביי זיך און עס איז ערשט מאָנטיק; מיר מוזן נאָך זעקס טאג וואַרטן אויף דעם לוין פונם האַלבן חודש... עס איז אוממעגלעך ס׳זאָל זיך אזוי ציען ווייטער. אַלע צוזאַמען ברענגט איר אהיים ניין פראַנק. ווי אזוי זאל איך אויסקומען דערמיט? מיר זענען צען אין דעם הויז.

— האַ! ניין פראנק! האָט אויסגעשריגן מאַע. איך און זכריה צו דריי, מאכט אויס זעקס... קאַטערינע און דער פּאָטער צו צוויי, איז פיר; פיר און זעקס איז צען... און יעאַנלין ניין פראנק איז שוין עלף.

— יאָ, עלף, אָבער עס זענען דאך פאראן זונטאָגן און סתם רו-טעג... מער ווי ניין קומט נישט אויס.

ער האָט גאָרנישט געענטפערט, ווייל ער איז געווען פאַרנומען מיט זוכן זיין לעדערנעם גאַרטל אויף דער ערד. דערנאָך, ווען ער האט אים שוין געפונען, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— מען דאַרף זיך נישט באַקלאָגן, ווייל ביי דעם אַלעמען בין איך מיט מיינע צוויי און פערציק יאָר נאָך גענוג שטאַרק. עס זענען פאַראַן זייער אַ סך, וואָס אין דער עלטער דאַרפן זיי שוין האָבן אַ לאטקע.

— גאַנץ מעגלעך, מיין אַלטער, אָבער דאָס גיט אונדז נישט קיין ברויט... זאָג, וואס זאָל איך איצט טון? דו האָסט ביי זיך גאָרנישט?

— איך האָב צוויי סו.

— באַהאַלט זיי און טרינק דערפאר אויס אַ גלעזל... מיין

צאָט! וואס וועל איך אנהויבן צו טון? זעקס טאג, דאס איז אן אייביקייט.

זעכציק פראַנק זענען מיר שווינדיק מעגראטן, וועלכער האָט מיר איינערנעכטן די טיר געוויזן. דאט זאָל מיר נישט שטערן באַכאַמאָל אים צו זעהן. און וואס וועט זיין אז ער וועט זיין עקשנותדיק האַלטן ביי זיינס...

און די פרוי מאהע האט ווייטער פאַרטגעזעצט אין אַ טרויעריקן טאָן נישט באַוועגנדיק מיטן קאָפּ, נאָר פון צייט צו צייט צושליסנדיק די אויגן ווען די טריבע שיין פון דעם ליכט איז אויף זיי געפאַלן.

זי האָט גערעדט פון דעם לײדיקן שפּייזשאַנק, פון דעם, אז אפילו קיין קאוילע איז שוין אין שטוב נישטאָ, פון דער וואסער, וואס רופט אַרויס ייטיקן אין מאָגן און פון דעם, אז שוין מערערע טעג קומט גאָרנישט אין שטוב אַריין אויסער קרויט בלעטער, און מיט דעם לעבט מען. זי האָט אַלעמאָל געמוזט העכער רעדן, ווייל עסטעלעס געשריי האָט פאַרטויבט אירע ווערטער. דאָס געשריי איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. מאַע, פלוצים קומענדיק צום באַוווסטזיין, האָט אַרויסגעריסן די קליינע פון דער וויג, אַ וואָרף געטון זי אין דער מאַמעס בעט, שרייענדיק מיט כעס:

– נו, נעם זי צו, אַז נישט טויט איך זי... עס פעלט איר גאָרנישט, זי קען זויגן וויפל זי וויל, און שרייען שרייט זי מער ווי אַלע!

עסטעלע האָט דערווייל שוין געזוכט די ברוסט. זי איז געוועזן פאַרבאָרגן אונטער דער דעק, באַרוהיקט פון דער וואַרימקייט און נאָר דאָס שטילע גערויש פון אירע זויגנדיקע ליפּן האָט זיך נאָך געלאָזט הערן.

– האָבן דיר די באַזיצער פון פיאַלען נישט געזאָגט זאָלסט אַהינקומען? האָט דער פאָטער אָנגעהויבן נאָך אַ קורצן שווייגן.

די מוטער האָט פאַרצויגן דאס מויל אין אַ מוטלאָזן צווייפל.

— יאָ, איך האָב זיי באַגעגנט. זי פאַרטיילן קליידער פאַר אָרימע קינדער... נו, וויל איך היינט לעבאָרען און העגרין אַהין פירן. ווען זיי שענקן מיר כאָטש הונדערט סו!

ווידער האָט געהערשט אַ שווייגן. מאַע איז שוין געווען גרייט. ער איז נאָך געבליבן שטיין איין מאָמענט אומבאַוועגלעך און דערנאָך זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרדומפּט קול:

— וואס ווילסטו? אַזוי איז עס, מען דאַרף זיך קענען איינאָרדנען לויט די מעגלעכקייט... עס וועט שוין בעסער נישט ווערן, אז מען וועט רעדן דערפון, איך וועל שוין גיכער גיין צו דער אַרבעט.

— געוויס, האט אפגעענטפערט די פרוי מאַע, לעש נאָר אויס דאס ליכט, איך דאַרף נישט זעען די פאַרב פון מיינע געדאַנקן.

ער האט אויסגעלאשן דאס ליכט. זכריה און יעאַנלין זענען שוין אַראפגעגאַנגען און ער איז זיי נאכגעגאַנגען. די הילצערנע טרעפּ האבן געסקריפּעט אונטער זייערע שווערע, מיט וואלענע זאקן אנגעפעלצטע פיס. אונטער זיי זענען געווען די שטובער און ווינונגען איינגעהילט אין טונקלקייט. די קינדער זענען געשלאפן, אפילו אלזיר׳ס ברעמען האבן זיך אויך געשלאסן. נאר די מוטער איז איצט געבליבן ליגן מיט אפענע אויגן אין דער טונקלקייט און עסטעלע האט ווי אַ קעצל געמרוקעט ביי אירע ליידיקע ברוסט.

פון אונטן איז קאַטערינע געווען צוערשט פאַרנומען מיט דעם פייער אויף דעם טשוגונענעם הייוועלע, אויף וועלכן מען האט שטענדיק אונטערגעהאַלטן הייסע קוילן. די גרובנגעזעלשאפט האט יעדער בארגפאמיליע געגעבן מאנאטלעך אכט העקטאליטער הארטע, אויסגעבראקירטע קוילן; די קוילן האבן זיך זעהר שווער צעברענט און דאס יינגע מיידל האט אלע אוונט צוגעדעקט מיט אַש די צעגליטע קוילן, כדי אויף דעם צווייטן טאג צו קענען מיט זייער הילף מאַכן פייער. נאכדעם ווי זי האט נאך איין קאכקעסל אַריינגעשטעלט אין דער פליטע, האט זי זיך אַנידערגעזעצט לעבן דער שפייזשראנק.

דאס צימער איז געווען גענוג גרויס און האט פארנומען דעם גאנצן אונטערשטן שטאק; עס איז געווען אויסגעטינקט אין אַ עפּלגרינעם קאליר און עס האט געהערשט אין דעם אַ פלאַמאנדישע זויבערקייט, די דילן זענען געווען ריין אויס-געקערט און מיט ווייסן זאַמד באשיט. אויסער דער שפּייז-שראנק פון לאקירטן סאסנע-האלץ, האבן זיך אין שטוב נאך געפונען אַ טיש און שטילן פון דעם זעלבן האלץ. אויף די ווענט זענען געהאנגען די בילדער פונם קייזער און דער קייזערין, וועלכע די גרויבנגעזעלשאפט האט יעדן געשענקט, הייליקע בילדער מיט גאלדענע אַרעאלן און סאלדאטן-בילדער, וועלכע האבן זיך מיט זייערע שרייענדיקע פארבן שארף אפּ-געטיילט פון דער אַרומיקער הוילקייט. אויסער דעם איז קיין שום באפּוצונגען נישט געווען אין שטוב, אַ חוץ אפשר אַראַנ-זשווע קארטאָן-שאכטל, וואס איז געשטאנען אויף דעם שפּייז-שרענקל אין דעם רייך אויסגעפּאַרבטן פּוטליאַר פון דעם קוקוס-זייגער, וועלכער האט אנגעפּולט די גאנצע געביידע מיט זיין שווערן טיק-טאַק. נעבן דער טיר, וואס האט געפירט אויף די טרעפּ, האט זיך געפונען דער איינגאַנג אין קעלער. נישט קוקנדיק אויף דער אויסערגעוויינלעכער זויבערקייט, האט דער ריח פון די געבטיקע צוגערייטע ציבעלעס נאך אנגעפּולט די שווערע און הייסע לופט, וועלכע איז כמעט שטענדיק געווען אַ דורכגענומען מיט דער שאַרפקייט פון קוילן-אַראמאַט.

זיצנדיק אזוי פאַר דעם אָפענעם שפּייזשראַנק, האָט קאַטערינע נאָכגעדענקט. עס איז געווען נאָר איין שטיקל ברויט, און כאָטש ווייסער קעז איז גראַדע געווען גענוג איז אָבער פּוטער נאָר געווען איין קליין שטיקל — און פון דעם זאָל זי פיר שטיקלעך ברויט מיט פּוטער אויסקאָמבינירן. ענדלעך האט זי זיך אַנטשלאָסן, האָט צעשניטן דאס שטיקל ברויט אויף פיר דינע פּענעצלעך, אַרויפגעלעגט אויף איינע צו שטיקלעך קעז און אויף די אַנדערע אַ פּיצל פּוטער און צונויפגעלעגט זיי אלע צוזאַמען: דאס איז געווען „איין ציגל", דאס באַשמירטע ברויט, וואס איז טעגלעך מיטגענומען געוואָרען אין די גרובן, באַלד

זענען אַלע פיר ציגל געלעגן גרייט אויף דעם טיש, מיט פיינלעכער גערעכטיקייט איינגעטיילט, פון דעם גרויסן, פאַרן טאַטן, ביז צום קליינעם, פאַר יעאנלינען.

קאַטערינע, וועלכע איז געווען ביז אַ הער פּאַרנומען מיט איר באַלעבאַטישקייט, האָט זיך פּלוצים דערמאַנט אין דער געשיכטע, וואס זכריה האָט דערציילט פונם אויפזער אין לאַפּיעראַן, זי האט דאַריבער אויפגעפּאַסט אַ ביסל די טיר און אַרויסגעקוקט אינדרויסן. אויף דער גאס האָט נאָך אַלץ דערווינט געפייפט, דאָך האט זיך שוין דאָ און דאָרט אַ טיר געעפנט און די טונקעלע געשטאַלטן פון די בערגלייט האָבן זיך באַוועגט אין דער טונקלקייט. איז עס נישט געווען נאַריש פון איר זייט זיך אַליין אָנפרעגן אַ פאַרקילונג אין דער צייט ווען דער אויפזער איז נאָך געוויס געשלאָפן ביז די דינסט זיינע האָט אים זעקס אַ זייגער גערופן? זי איז אָבער אַלץ געשטאַנען דאָ און באַטראַכט דאס הויז און דעם גאָרטן, וועלכע זענען געגנאיבער געלעגן. עס האָט זיך אויפגעעפנט אַ טיר און אירנייגיר האט זיך דערוועקט פון ס׳ניי. נאר דאס האט נאר געקאָנט זיין לידיע, פיעראַנס קליינע טאָכטער, וועלכע האָט זיך געלאָזט גיין אין די גרובן.

דאס זידן פון דער קאָכנדיקער וואַסער האָט איר געגוויט זיך אומצוקערן. זי האט פאַרמאַכט די טיר און זיך געאיילט צום פייער. דאס וואַסער איז שוין געהאט איבערגעלאָפן און געדראַט דאס פייער צו פאַרלעשן. קיין קאַווע איז שוין אין שטוב נישט געווען, און זי האט דאַריבער געמוזט פאַרנוצן דאָס, וואס האָט זיך אָבגעזעצט פון דער נעכטיקער קאַווע; דערנאָך האט זי די קאַווע פּאַרצוקערט, דאָ איז שוין אַראָפּגעקומען דער פאטער מיט די ברידער.

— צום טייוול! האָט אויסגעשריגן זכריה נאָכדעם, ווי ער האט געהאַט די נאָז אין קאָפּ אַריינגעשטעקט. דאס וועט שוין אין קאָפּ אַריין נישט גיין! מאע האט רעזיגנירט אַ צי געטון מיט די אַקסלען.

— דאָ! פאָרט אַ ביסל וואַרעמס:

יעאַנלין האט צונויפגעזוכט די ברעקלעך און זיי אַריינ־געוואָרפן אין זיי קאַווע. נאָכדעם ווי קאַטערינע האָט שוין אויך אָפּגעטרינקען, האט זי דאס רעשט צעגאָסן אין בלעכענע פּלעשער. אַלע האָבן זיך געאײַלט אין אָפּגעזופּט דאס ביסל קאַווע שטייענדיק ביי דער מאָטער שיין פונם חלבן ליכטל.

— ענדליך! האָט אויסגערופן דער פאטער, מיר דערלויבן זיך אויף אזוי פיל צייט, גלייך מיר זאָלן לעבן פון אונדזערע אייגענע איינקונפטן.

פון די טרעפּ, אויף וועלכע זיי האָבן אָפּן געלאָזט די טיר, האט זיך געהערט אַ שטומע. דאס האָט אַראָפּגעשריגן די פרוי מאַע:

— נעמט מיט דאס גאַנצע ברויט, פאַר די קינדער האָב איך נאָך עפּעס.

— יאָ, יא! האָט אפגעענטפערט קאטערינע.

זי האט דאס פייער מיט אַש באַדעקט און אויף דער פּליטע אַרויפגעשטעלט אַ טעפּל מיט זופּ, כדי דער זיידע, קומענדיק זעקס אַזייגער אַהיים, זאל טרעפן דאס ביסל וואַרעמס. יעדער פון זיי האט ארונטערגערוקט די הילצערנע פּאַנטאָפל אונטער דער שפּייזשראַנק, פאַרוואָרפן די שנור פון דער בלעכענער פּלאַש אויף די פּלייצעס און דעם „ציגל" אויף דעם רוקן צווישן דער העמד און בלוזע פארשטעקט. דאַן זענען זיי אַלע ארויסגעגאנגען, פריער די מענער און נאָך זי דאס מיידל, וועלכע האט דאס ליכט אויסגעלאָשן און די טיר פארשלאָסן. דאָס הויז איז ווידער פאַרזונקען אין חושך.

— אָט זעט איר! מיר גייען צוזאמען אַרויס, האט געזאָגט אַ מאַן, וועלכער האט גראַדע פארשלאָסן די טיר פונם שכנות־דיקן הויז.

ס'איז געווען לעוואַק מיט זיין זון בעבערט, אַ יונגל פון 12 יאָר, יעאַנלינס פארטרויטער פריינד. קאטערינע אַ פאַרוווּנ־דערטע, האט איגנטערדריקט אַ געלעכטער און זי האט אַ שעפּטשע געטון זכריהן:

— וואס זאל דאס הייסן? בוּטעלוּך ווארט שוין נישט, קומט

אויס, אַפילו ביז דער מאַן וועט האָבן אַ וועקגעגאַנגען!

אין ארבעטער־דאָרף האָבן זיך ווידער אויסגעלאָשן אלע ליכט. נאָך איין טיר האט ערגעץ אַ קלאַפּ געטון און עס איז צוריק געוואָרן שטיל. די פרויען און קליינע קינדער האָבן זיך צוריק אין די בעטן געלעגט, ווי זיי האָבן איצט מער פּלאַץ געהאַט, און פאָרטגעזעצט זייער איבערגעריסענעם שלאָף. און פון דעם איינגעדרימלטן דאָרף אונטער דעם גערוויש פון ווינט האט זיך לאַנגזאַם געצויגן צום פּאַרעי צו אַ לאַנגע ריי פון טונקעלע געשטאַלטן. זיי האָבן די אַקסלען אויפגעהויבן אין דער הויך, די הענט אויף דער ברוסט געקרייציקט, אין דער צייט, ווען דער „ציגל״ אויף די פּלייצעס, האָט ביי יעדן געבולדעט אַ האָרב. אָנגעטון אין דינע מאַנטלען האָבן זיי אלע געציטערט פאר קעלט, דאָך האָבן זיי זיך נישט געאיילט, שפּאַנענדיק שריט נאָך שריט אין דער לענג פונם וועג ווי אַ טשערדע.

III

עטיען האָט זיך ענדליך באַשלאָסן אַראָפּצושטייגן און איינטרעטן אין דעם פּאַרעי אָבער די מענער, צו וועלכע ער האט זיך געווענדעט מיט דער פראַגע, צי עס איז דא ארבעט, האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ און אים געהייסן וואַרטן ביז דער עלצטער אויפזעער וועט קומען. מען האַט אים געלאָזט אומגעשטערט אַרומשפּאַצירן אין די געביידעס, ווו עס האָבן זיך געפונען פיל שווארצע ערעפענונגען, וועלכע האָבן געפירט צו אַן אומהיימלעכן לאַבירינט פון זיילן און שטאָקן. נאָכדעם ווי ער האט אַראָפּגעשטיגן פון אַ טונקעלע, האַלב איינגעפאלנע טרעפּ, איז ער ארויף אויף אַ וואַקלענדיקן זיך וועג און דערנאָך געבליבן שטיין אין אַזאַ פינצטערניש, אז ער האָט געמוזט די הענט האַלטן אויסגעשטרעקט פאר זיך, כדי נישט אָנצושטויסן זיך אויף עפּעס. פּלוצים האָבן פון דער פינצטערניש זיך באַוויזן צוויי געלע, גרויסע אויגן. ער האָט זיך געפונען אין שאַכט הויז אינם קאָנטראָלצימער, ביי דעם אַריינגאנג אין די גרובן.

אַן אויפזעער, דער פּאָטער ריכאָם, אַ דיקער מאַן מיט אַ גרויער באָרד, וועלכער האט געהאט דאס אויסזען פון אַ זשאַנדאַרם, איז באַלד צוגעגאַנגען אויף דעם באַפעל פונם קאָנטראָליער.

— אפשר דאַרף מען דאָ אַן ארבעטער, אַלצאיינס צו וואָס פאַר אַ אַרבעט? האָט עטיען נאָכאַמאָל געפרעגט.

ריכאָם האָט געוואלט ענטפערן ניין, נאָר ער האט זיך באַקלערט און אָפּגעענטפערט, גייענדיק דערוויילע ווייטער, גלייך ווי די אנדערע:

— וואַרט צו אויף הער דאַנסאַערט, דעם אויבער־אויפזעער.

די אַרבעט האט זיך דערוויילע ווידער אנגעהויבן. אומזיפ־הערלעך האבן זיך געצויגן די קוילנוועגעלעך און אין גערודיש־פולן מישמאַש פון שוואַרצע געגנשטאַנדן, האָבן זיך געלאָזט אונטערשיידן די לאַנגע, איינגעבויגענע רוקנס פון די וועגעלעך־פירערס.

איין מאָמענט איז עטיען געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, פאַרטויבט און פאַרבלענדט. ער איז געווען געפרוירן פון אַלע זייטן האָט דאָ אַריינגעבלאָזט דער ווינט. נאר באַלד האט ער געמאכט אַ פּאָר טריט אין דער ריכטונג פון דער דאַמפּמאַשין, וועמענס שטאָלענע און קופּערנע טיילן ער האט איצט דערזען פינקלען. זי האָט זיך געפונען אַ פינף־אונצוואַנציק מעטר אונטער דער שאַכטעפענונג אויף אַ געוויסער הויך, און זי איז געשטאַנען דאָרט אַזוי פעסט אויף איר ציגל פונדאַמענט, אַז נישט קוקנדיק אויף אירע פירהונדערט פערדקראַפט, האט זי נישט געמאכט ציטערן די ווענט, אין דער צייט ווען איר ריזיקע טרייבשטאַנג האט זיך געהאלטן אין איין אויפהויבן און אַראָפּלאָזן. דער מאַשיניסט האט אנגעפירט מיט דער קווער שטאַנג און זיך צוגע־הערט צו יעדן גלאָק־צייכן, נישט אָפּווענדנדיק דאַביי דעם בליק פון דעם פּלאַן, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלט אַלע שאַכטן אין דורך וועלכע עס האָבן זיך באַוועגט קליינע הענגענדיקע שטיקלעך בליי, וואס האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך

די אויפצוגן. און ביי יעדן אריינפאר האבן זיך די צוויי גרויסע רעדער פון פינף מעטער אין אומפאנג, וועלכע האבן די צוויי שטאלענע גרובנקייטן אראפ און ארויף געצויגן, זיך געדרייט מיט אזא שנעלקייט, אז זיי האבן אויסגעזען צו זיין פון א גרויסן שטויב־געוועב.

— אכטונג! האָבן געשריגן דריי ארבעטער וועלכע האָבן געשלעפט אריזיקן לייטער.

עטיען האט שיעור זיך נישט איבערגעקערט. נאר וואס ווייטער, אַלץ מער האָבן זיך זיינע אויגן צוגעוווינט צו דער טונקלקייט און ער האט דערזעען איבער זיך די גרובנשטריק, וועלכן שטייגן אַרויף דרייסיק מעטער די הויך צום טורם, וווּ זיי וויקלען זיך אַרום די רעדער, כדי מיט די שאַכטשטילן צוריק און די גרובן זיך אַראָפּצולאָזן. ווי אַ פויגל, וועלכער שניידט אַ דורך די לופט מיט אַ שטומען פיילשנעלן פליען, אזוי האט דער שטריק זיך אויפגעהויבן געשווינד מיט אַ משא פון צוועלף טויזנט קילאָגראַם מיט דער שנעלקייט פון צען מעטער אין אַ סעקונדע.

— צו אלדי רוחות, ג־ט אכטונג! האבן אויף ס׳ניי געשריגן די ארבעטער וועלכע האבן דעם לייטער געשלעפט אויף דער צווייטער זייט צו באַטראַכטן דעם מאַשין.

עטיען איז זיך לאנגזאם צוריק צוגעקומען צום קאנטראל־פענצטערל דאס גיגאנטישע פליען איבער זיין קאפ האט אים אינגאנצן צעטומלט. זיין שטארקן ווינטצוג, ציטערנדיק פון קעלט, האט ער מיט די אויגן באגלייט יעדן ארבעטער, וועלכער האט ארויף און אראָפּגעשטיגן, אין דער צייט ווען דער רעש פון די קוילנוועגעלעך האט אים שיעור נישט די אויערן אַדורכגעלעכערט. ביי דער שאכטעפנונג האט זיך געפונען דער סיגנאל: אַ שווערער האמער, וועלכן אן אנגעצויגענער שטריק פון דער טיף האט דערלויבט צו פאלן אויף אַ קאוואלניע, איין קלאפ האט באדייט אָפּשטעלן זיך, צוויי — אראפלאזן זיך, דריי — אויפהויבן זיך. אָן אן אויפהער האבן זיך געהערט די קלעפ פון דעם האמער באגלייט פון העלע קלאנגען, און דער

אַרבעטער, וועלכע האָט צוגערופן דעם מאַשיניסט פאַרשידענע אַנווייזונגען, האָט נאָך פאַרגרעסערט דעם טומל. און ביי דעם אומדערטרעגלעכן רעש זענען פאָרגעקומען די אויפצוגן פון די וועגעלעך און עטיען האָט זיך נישט געקענט קלאָר מאַכן, ווי עס קומט פאַר דאָס אַלץ אין דעם פאַרוויקלטן פּלאָנטער.

ער האָט נאָר באַגריפן איין זאַך: די גרובן האָבן באַרשלינגען אַ דרייסיק, פערציק, אַרבעטער מיטאָמאָל אַזוי לייכט, גלייך זייער אַריינקומען אין זיי האָט זיך גאָרנישט געלאָזט מערקן. פיר אַ זייגער האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַראָפּלאָזן זיך פון די אַרבעטער. זיי זענען געקומען פון זייערע דייזער באָרפעסע, מיט די לעמפּלעך אין די הענט און געוואַרט אין קליינע גרופּן, ביז עס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרעסערע צאָל. שטום ווי אַ נאַכטיקע רויב-חיה, וואָס גנבעט זיך אונטער, דאָט יעדעס מאָל אַרויפגעשטיגן אַ נייער אויפצוג פון דער שוואַרצער טיף און זיך פעסט איינגעאַנקערט מיט זיינע פיר שטאַקן, אויף וועלכע עס האָבן זיך געפונען צו צוויי וועגן קוילן. די אַרבעטער האָבן די וועגן מיט קוילן אַרויסגענומען אויף באַזונדערע פּלאַטפאָרמעס און זיי פאַרביטן אויף אַנדערע, ליידיקע, אָדער אָנגעפּולטע מיט האָלץ. און די ליידיקע וועגעלעך האָבן זיך צו פינף אַרבעטער אַריינגעזעצט, אַזוי, אַז און אַלע זענען אַריין פערציק מאַן, דאַן האָט מען דורך דער רער געגעבן אַ באַפעל און דער האַמער האָט פיר קלעפּ געגעבן, אַלס סימן, אַז די וועגן זענען פול מיט מענטשן מאַטעריאַל, דערנאָך האָט מען עטוואָס אַרוק געטון און דער אויפצוג איז שטום, ווי אַ שטיין, פאַרזונקען אין דער טיף און נאָר דער ציטערדיקער שטריק איז געבליבן נאָך אים.

— איז דאָס טיף? האָט עטיען געפרעגט זיין בערגמאַן, וועלכער האָט אַ פאַרשלאָפענער געוואָרט נעבן אים.

— פינף הונדערט פיר און פופציק מעטער, האָט געענטפערט דער מאַן, נאָר עס איז דאָ פון אונטן פיר פּלאַטפאָרמען. די ערשטע ביי דריי הונדערט צוואַנציק מעטער.

ביידע האבן שווייגנדיק געקוקט אויף דעם שטריק, וועלכער האט צוריק זיך אויפגעהויבן.

— און ווען עס רייסט זיך איבער? פרעגט עטיען.

— האָ! ווען עס רייסט זיך איבער...

דער בערגמאַן האט דורך אַ האנטבאַוועגונג אויסגעדרוקט דאס, וואס ער האָט נישט דערזעצט. עס איז געקומען זיין ריי, דער אויפצוג, איז שוין ווידער געווען, ער איז אַריינגעשטיגן צוזאַמען מיט זיינע קאַלעגן און פאַרזונקען אין דער טיף. אין פיר מינוט איז דער אויפצוג שוין ווידער געווען, כדי אַ ניים מענטשן-מאַכע אויפצונעמען. אזוי האט די שאַרנע אין משך פון אַ האַלבע שעה אַלע אַרבעטער איינגעשלינגען מיט איר גיכיקן פיסק, זי דאָט אָבער קיינמאָל נישט אויסגעזעען זאַט און איז שטענדיק גרייט געווען אַ גאַנץ פאָלק איינצושלינגען.

עטיענען האָט ווידער באַהערעט דאָס געפיל, וואס אויף דער פריי, צווואס נאָך לענגער וואַרטן? דער אויבעראויפזעער וועט אים זיכער אָפּפערטיקן, ווי די איבעריקע. אַן אומבאַשטימטער פחד האט אים געצוווּנגען בלוצים אָנצונעמען אַ געוויסן באַשלוס: ער דאָט אָנגעהויבן שנעל צו גיין און זיך אבגעשטעלט ערשט דאַן, ווען ער האט זיך דערזעען פאַר דעם מאַשינען-הויז שטיין. דער טויער איז געשטאַנען ברייט צעפּראַלט און מען האָט געקענט זיבן דאַמף-קעסל און צוויי הויוונס זעעי, אין דער ווייסער פאַרע, וועלכע האָט זידנדיק אויפגעשטיגן, האָט אַ הייצער געוואָרפן קוילן און איינעם פון די הויוונס, וועמענס צעגליטע היץ עס האָט זיך געלאָזט שפירן אפילו אויף דער שוועל. עטיען האט געוואָלט נענטער צוגיין, כדי זיך אָנצוּוואַרעמען, און דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ נייער גרופּע בערג-לייט, וועלכע איז צו די גרובן געגאַנגען. דאס זענען געווען די פאַמיליע מאַע און לעוואַק. ווען ער האט אין דער שפּיץ פון דער גרופּע דערזעען קאַטערינען מיט איר זאַנפט ייִנגלש געזיכט, איז אים בלוצים אַריין אַן אַבערגלויבישע אידעע אין קאָפּ צו פּרוּוון איר שטעלן די לעצטע פראַגע.

— זאָגט, קאָלעגע, דאַרף מען דאָ אפשר האָבן אַן אַרבעטער, אַלצאיינס צוואס פאר אַן ארבעט?

זי האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט און אַ ביסל דערשראָקן, ווייל זיין שטימע האט זיך פלוצים פון דער פינצטערניש דערהערט. נאר מאַע, וועלכע איז געגאנגען אונטער איר, האט די פראַגע געהערט, אָפגעענטפערט און זיך אַריינגעלאָזט אַ רגע אין אַ שמועס. ניין, מען דאַרף נישט קיינעם, דער אָרעמער טייוול, אין געשטאַלט פון אַן אַרבעטסלאָזן, וועלכער האט זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן זוכנדיק אַרבעט, האָט אים פאַראינטערעסירט. גייענדיק ווייטער האָט ער געזאָגט צו די איבעריקע:

— איר זעט, אין אזא לאַגע קענען מיר אויך זיין. מען דאַרף זיך נישט באַקלאָגן, נישט אַלע האָבן ארבעט, ביי וועלכע מען זעט זיך מיטן טויט.

די גאַנצע גרופע איז געגאנגען גלייך צו דער וואַרמשטוב, אַ גרויסע זאַל מיט אויסגעקלעפטע ווענט, אַרום וועלכע עס זענען געשטאַנען שרענק, וואס האָבן זיך פארמאַכט מיט העננגדיקע שלעסער. אינמיטן האט זיך געפונען אַ ריזיקער, אייזערנער היוון, וועלכער איז געווען פייערדרויט און פול געפּאַקט מיט גליענדיקע קוילן, אזוי, אז פול שטיקלעך זענען אראָפּגעפאַלן אויף דעם זאמדיקן באָדן. דער זאַל איז געווען באַלויכטן פון דעם קוילנפייער, זיין בלוטיקער אפשיין האט געציטערט אויף די שמוציקע הילצערנע ווענטלעך פון די שאַפעס און אויף דער פאַררויכערטער סטעליע.

ווען די מאַעס זענען אָנגעקומען האָט זיך פונם הייסן היוון דערטראָגן אַ הויך געלעכטער. אַ דרייסיק בערגלייט זענען זיך דאָרט געשטאַנען מיט די רוקנס צום פייער און זיך געמיטלעך געוואַרעמט. פאר דעם אַריינפאָר אין די גרובן קומען זיי אַלע אַ הער כדי מיטצונעמען אַ גוטע פּאָרציע וואַרעמקייט אין דער פייכטער לופט פון די שאַכטן. היינט זענען זיי אַלע גראַדע געווען זער גוט געשטימט און האָבן געשפּאַסט מיט מוקעט, אַן אַכטצעניעריק קרעפטיק מיידל, וועמענס ברוסטן און שטאַרק

אנטוויקלטע פיגור עס האָבן שיעור נישט די הויזן מיט דער בלוזע צענומען. זי האט געוווינט מיט איר אלטן פאָטער, דער שטאלקנעכט מוקעט און מיט איר ברודער אין רעקיאַר; זיי האָבן אָבער נישט געהאט די זעלבע ארבעטסשעהן און האָבן געמוזט גיין באזונדער צו די שאכטן, וואס האט איר דאס מעגלעכקייט געגעבן צו געניסן פון אירע אלעמאל נייע געליבטע, זומער צווישן די תבואות אויף די פעלדער, און ווינטער ביי די מויערן.

ווען מען האט איר אַמאָל פארגעווארפן, אז מ'האט איר געזען מיט אַ שמיד פון מארשיען, איז זי געווארן אויסער זיך פון כעס און געשריגן, אז זי וועט זיך לאזן אַ האנט אָפּ-שניידן, אויב עמעץ וועט קענען באשטעטיקן, דאס זי זאל זיך ווען עס איז נישט האָבן געטראפן מיט נישט קיין בערגמאן.

— עס איז אלזא נישט דער לאנגער שאַוואל? האט איין בערגמאן געזאגט לאכנדיק. דו האסט זיך איצט דעם קליינעם אויסגעוויילט? דער וועט דאך אַ לייטער באדארפן... איך האב אייך באמערקט אונטער רעקיאר. ער איז אויף אַ שטיין געקראכן.

— און וואס נאָך? האט אָפּגעענטפערט מוקעט גוט געשטימט.

וואס גייט עס דיר אָן? מען האט דאך דיר צו הילף נישט גערופן.

דער גראָבער שפאס האט אויף ס'ניי אויפגעמונטערט די מענער, וועלכע האבן זיך געטרייסלט פון געלעכטער אין דער צייט, ווען זייערע פלייצעס זענען שוין כמעט געווען האלב צוגעבראטן פון דער היץ. נאָכדעם ווי די פריילעכקייט האט זיך אַ ביסל פארקלענערט האט די מוקעט דערציילט מאען, אז פלעראנס, די גרויסע פלעראנס, וועט שוין צוריק צו דער ארבעט נישט קומען; מען האט זי נעכטן אוונט טויט אויף איר געלעגער געפונען. אייניקע האָבן געזאגט פון אַ הארץ-שלאג, אנדערע ווידער פון אויסטרינקען צו שנעל אַ גאנצן ליטר בראנפן. מאע איז געווען אין פארצווייפלונג. ער האט

פארלוירן איינע פון זיינע אונטערהעלפעריגס, נישט קענענדיק זי באלד פארשטעלן מיט א צווייטע. ער האט געארבעט אויף א קאנטראקט און צו אים איז צוגעשטאנען זכריה, נעוויק און שאוואש. אויב איצט זאל זיי איבערבלייבן אלס וואגנשיבעריין נאר איין קאטערינע, וועט מוזן די ארבעט ליידן.

פלוצים האט ער אויסגעשריגן:

— היי! ווו איז דער מאַן, וואס האט געזוכט אַרבעט?

דאָ איז דאנסאערט דורכגעגאַנגען דורך דער וואַרמשטוב און מאַע האט אים איבערגעגעבן אין וואס עס האַנדלט זיך, בעטנדיק ביי אים די ערלויבניש צו באשעפטיקן דעם מענטשן; ער האָט אָנגעוויזן דאַרויף, אז די געזעלשאַפט טראָגט זיך שוין לאַנג ארום מיט דעם פלאַן צו פארבייטן די וואגנשיבערינס דורך יינגע מענער, ווי עס איז געווען דער פאל אין אַנצין. דער אויבער אויפזעער האָט געשמייכלט, ווייל דער פלאַן אויסצושליסן די מיידלעך פון דער אַרבעט האט נישט געהאט קיין דערפאָלג ביי די בערגלייט, וועלכע האָבן נאָר געקלערט ווי זייערע טעכטער צו באַשעפטיקן, און נישט געקימערט זיך אינגאַנצן צי די מאָראל און דאס געזונט ליידן דערביי. נאָך אפאָר מינוט זיך וואַקלען, האט ער דאך איינגעוויליקט, נאר ער האט דעם באשלוס אָפהענגיק געמאַכט דערפון צי דער הער בעגרעל, דער אינזשיניער, וועט מסכים זיין.

— האָ! האט זכריה דעקלערט, דער מאַן איז שוין זיכער ווייט, ווייל ער האט געהאַלטן אין איין גיין.

— ניין, האט קאטערינע זיך אַריינגעמישט, איך האב אים געזען זיך אָפשטעלן ביי די דאַמפקעסלען.

— טא לויף אים זשע נאָך, דו פוילע, דו! האט אויסגערופן מאַע.

דאס יינגע מיידל האָט זיך דערוויטערט אין דער צייט ווען אַ שטראָם פון בערגלייט האט זיך אין די גרובן אַראָפּגעלאָזט, מאכנדיק פלאַץ ביי דעם פייער פאר אנדערע. יעאנלין, נישט ווארטנדיק אויף דעם טאטן, האָט גענומען זיין לעמפל צוגלייך מיט בעבערטן, אַ גרויס, נאַאיוו יינגל, און לידיען,

אַ שוואַך צעניעריק מיידל. אויף די טונקעלע טרעפּ האָט זיך געהערט מוקעטס שטימע, וועלכע איז געגאַנגען פאַר זיי, גע־שיט מיט געזאַלצענע ווערטער, געזידלט און געדראָט אין פּיסק אַריין צו געבן איבער זיי וועלן נישט אויפהערן צו קנייפּן זיך.

עטיען האָט ווירקליך נאָך געפלוידערט אין קעסלצימער מיטן הייצער. אים האָט שוין געפרווירען ביי דעם געדאַנק. אַז די היינטיקע נאַכט וועט ער אויך מוזן פאַרברענגען אין דרויסן. דאָך האָט ער זיך שוין געהאַט באַשלאָסן אַ וועקצוגיין, ווען אַ וואָרע־מע האַנט האָט זיינע אַקסלען באַרירט.

— קומט מיט, האָט קאַטעריגע געזאָגט, עס איז עפּעס דאָ פאַר אייך.

אינם ערשטן אויגנבליק האָט ער זי נישט פאַרשטאַנען. נאָר באַלד איז זיין פרייד שטורמיש אויסגעבראָכן און ער האָט פעסט געדריקט אירע הענט.

— אַ בעסטן דאַנק אייך, חבר!... האַ, איר זענט אַ ווילער חברה־מאַן, למשל!?

זי האָט געלאַכט, באַטראַכטנדיק אים דערווייל ביי דעם רויטן פייערשיין פון הויוון. עס האָט איר פריילעך געמאַכט דאָס וואָס ער האָט איר געהאַלטן פאַר אַ יונגל ווייל אירע האָר זענען געווען פאַרבאָרגן אונטער דעם באַרגהיטעלע. און איין אויגנבליק זענען זיי געשטאַנען מיט פאַרויטלטע באַקן און לאַכנדיק איינער געגן אַנדערן.

מאַע האָט דערווייל אַרויסגענומען פון דער וואַנט־שראַנק וואָס אין וואַרמצומער זיינע הילצערנע שיך און די דיקע האַלענע זאַקן. ווען עטיען איז געקומען איז אַלץ ערלעדיקט געוואָרן אין געציילטע ווערטער: ער האָט איינגעשטימט אויף דרייסיק סו אַ טאָג נישט קוקנדיק, וואָס די אַרבעט איז געווען זעהר אַ שווערע. דער העקער האָט אים געראָטן די שטיוול דאָ איבערצולאָזן און האָט אים אויסגעבאָרגט אַ לעדערנע היטל צו שיצן דעם קאָפּ, אַ פאַרזיכטמיטל, וואָס דער פאַטער און די קינדער האָבן פאַראַכט, דערנאָך האָט מען אַרויסגענומען די

אינסטרומענטן פון דער שראנק, אין וועלכער עס איז אויך גע־ליגן פלאָרענס רידל, און נאכדעם ווי מען האט אין דער שראנק אריינגעלייגט די שיך, זאקן, עטיענס פאקעט און זי אפגעשלאָסן איז מאַע פלוצים געווארן אומגעדולדיק.

— וואס טוט ער שוין ווידער, די שמאטע, שאוואל? ער יאגט זיך שוין ווידער ארום מיט אַ מיידל?.. מיר האבן זיך שוין היינט אזוי אויך פארשפעטיגט אויף אַ האלבער שעה.

זכריה און לעוואק האָבן זיך רויק געווארעמט די פלייצעס.

— דו ווארטסט אויף שאוואל? האט זיך אנגערופן דער ערשטער, ער איז געקומען פאר אונדז און באלד זיך אראפ־געלאזט.

— ווי? די ווייסט דאס און זאגסט מיר גארנישט!.. קומטס! קומטס! לאָמיר זיך צו איילן.

קאטערינע, וועלכע האט זיך נאך געווארעמט די הענט האט געמוזט נאכגיין די אנדערע, עטיען האט איר געלאָזט גיין פאר זיך און איז איר נאָכגעגאנגען פון הינטן. ווידער איז מען דורכגעגאנגען א לאבירינט פון טרעפ און טונקעלע געננ, ווי די בארפעסע פיס האבן אנגעמאכט א גערויש, ווי עמעץ זאל האבן געגאנגען אין אלטע פילצענע זאקן. פלוצים האבן זיי דערזעען פאר זיך דאס העלע ליכט פון דעם לעמפלען־מאגאזין. דאס איז געווען א צימער מיט גלעזערנע ווענט, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען הונדערטער פון דייוויס זיכער־הייטס־לעמפלעך, וועלכע פלעגן אלע אָוונט אונטערזוכט און איבערגערייניקט ווערן; זיי האבן געברענט ווי די ליכט אין א קאטאפאלק. יעדער ארבעטער האט אליין גענומען זיין לעמפל, וואס איז געווען באצייכנט מיט זיינס א צייכן, אליין עס פארשלאסן און אין דער זעלבער צייט האט דער קאנטראל־באאמטער פארשריבן די שעה, אין וועלכער ער האט זיך אראפ־געלאזט אין די גרובן.

מאַע האט געמוזט זיין נייעם שיבער ערשט מיט א לעמפל באזארגן, דערנאך איז נאך געווען א צווייטע קאנטראלע, וועלכע

האט באטראכט די לעמפלעך פון אלע ארבעטער צי זיי זענען פארשלאסן.

—בררר!.. דאָ איז נישט ווארם. האט קאטערינע געמורמלט, ציטערנדיק פון קעלט.

עטיען האט זיך באגנוגנט מיט א קאפ-שאקל. ער האט זיך געפונען ביי דעם אריינגאנג אין די גרובן, אינמיטן פון א גרויסן צימער, וועלכער איז געווען אויסגערייניקט פון די ווינטצוגן. ער האט זיך זיכער געהאלטן פאר א שטארקן, דאָך האָט אים אַ נישט אַנגענעם געפיל געשטיקט אין ברוסט, ווען ער האט נאר פאַרנומען דאס דונערן פון די וועגן, די טעמפע סיגנאַל קלעפּ און די פאַרדומפּענע רופן דורך דער רער און ווען ער האט זיך דערזעען געגן איבער די שטריק, וועלכע האבן גיך שנעל בעוועגט אַראָפּ און אַרויף. די אויפצוגן האָבן זיך ווידער געהויבן אַראפּ און אַרויף, שטום, ווי אַ נאכטיקע רוב-חיה, וואס גנבעט זיך אונטער, און האָבן נאָך אַלץ געהאלטן אין איין אויפנעמען מענטשן, וועלכע דער שווארצער אָפּגרונט האָט אויסגעזעען צו פאַרשלינגען. איצט איז געקומען זיין ריי. ער איז געווען געפרוירן און האט נערוועז געשוויגן, איבער וואס זכריה און נעוואק האָבן זיך געוויצלט, ווייל ביידע איז דאָס אנגאזשירען פון דעם אומבאַקאַנטן געווען אומאנגענעם, באַזונדערס לעוואקן, וועלכער האָט זיך געפילט באַליידיקט, וואָס מען האָט זיין מיינונג נישט געפרעגט. קאַטערינע האָט זיך דערפרייט ווען זי האָט ענדלעך שוין דערהערט, ווי דער פאָטער אירער גיט צו פאַרשטיין דעם יינגערמאַן דעם ענין פון אויפצוג.

— זעט איר, דאָרט אויבן איבער דער שטייג אין וועלכער מען זעצט זיך אַריין, איז דאָ אַ פּאלשירם, צוויי אייזערנע קלאַמערן, וועלכע עגבערן זיך איין באַלד אין די זיילן פון די ווענט אין פאַל ווען איין שטריק רייסט זיך איבער. דאָס ווירקט, האָ! נישט שטענדיק... יאָ. יעדע שאכט איז אין דריי שטאָקן צעטיילט, וועלכע זענען באַשלאָגן פון אויבן ביז אונטן

מיט ברעטער. אין דער מיט געפונט זיך דער אויפצוג, ליינקע פירן אַראָפּ לייטערס...

ער האט פּלוצים אויפגעהערט און שטיל אונטערגעברומט, ווייל ער האָט נישט געוואָגט הויך צו רעדן:

— גאָט שטאַרקער! וואָס לאָזט מען אונדז דאָ שטעקן, איז דאָס נאָר אַן אופן ווי אזוי אונדז איינצופרירן!

דער אויפזעער ריכאָם, וועלכער האָט אויך געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן און וועלכער האָט געטראָגן אַן אָפן לעמפּל אויף דער לעדערנער קורטקע האָט די ווערטער איינגעהערט.

— נעם דו אין אַכט, אז די ווענט האָבן אויערן! האָט ער געזאָגט שטילערהייט און אין אַ פּאַטערלעכן טאָן, ווייל אלס אַ מאָליקער בעקער, איז ער געבליבן אין גוטע באַציאונגען מיט די קאָלעגן ביז אויפן היינטיקן טאָג. נו! אָט איז שוין אונדזער ריי געקומען, שטייג איין מיט דיינע מענטשן.

דער אויפצוג איז געשטאַנען גרייט. מאע, זכריה, לעוואק און קאַטערינע האָבן אַריינגעשטיגן אין איינעם פון די אונטערשטע וואָגנס, און ווייל ער האָט געקענט אויפנעמען פינף, איז עטיען אויך איינגעשטיגן אַ הין. די בעסערע פּלעצער אָבער זענען שוין געווען באַזעצט און ער האָט געמוזט שטיין נעבן דעם יינגן מיידל, וועלכע האָט מיט אירע עלנבויגן אַריינגעשניטן זיך אין זיין לייב. זיין לעמפּל האָט אים און מען האָט אים געראטן אויפצוהענגען עס אויף אַ קנעפּל פון זיין מאַנטל. ער האָט נישט פאַרשטאַנען און עס ווייטער געהאַלטן אומבאַהאָלפן אין דער האַנט. דערווייל האָב זיך די וואגנס אָנגעפולט איבער זיי און אונטער זיי, עס האָט אויסגעזעען ווי אן אנלאַדונג פון בהמות. פאַרוואָס רירט עס שוין נישט? אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער וואַרט שוין אַ לענגערע צייט. ענדלעך האָט ער דערפילט אַ דערשיטערונג, און באַלד נאָכדעם האָט אים אַרומגענומען אַ פינצטערניש, די זאַכן וואָס ארום אים זענען פאַרשווינדן פון זיינע בליקן און ער האָט דערפילט אַן אומהיימלעכן שווינדל, גלייך ער זאָל פאַלן אין אַ תהום. דאָס האָט געדויערט אזוי לאַנג, כל־זמן ער האָט זיך נאָך געפונען אין

דער הערשאפט פון טאָג, נאָר באלד ווי נאָר ער איז פארזינקן אין דער פינצטערניש פון די גרובן, איז ער אינגאנצן געוואָרן פארטויבט און האט זיך שוין נישט געקענט אָפּגעבן קיין רעכנונג פון די איינדרוקן.

— און אָט לאָזן מיר זיך אַראָפּ, האָט מאעֶ רויק געזאָגט.

אלע זענען שוין געווּוינט דערצו; עטיען אָבער האט מאָמענטווייז זיך געפרעגט צי ער לאזט זיך אַראָפּ, צי ער שטייגט אַרויף. די גרובנלעמפּלעך האבן מאָט באלויכטן די צוזאמענגעדריקטע מענטשלעכע קערפּער. נאר דאס אָפענע לעמפּל פונם אויפזעער אינם שכנותדיקן וואגן האט געשיינט ווי איין לייכט-טורם.

— די שאכט האָט פיר מעטר אין דורכשניט, האָט מאעֶ ווייטער פארטגעזעצט, כדי עטיענען באקענט צו מאכן. מען האָט געמוזט פון ס׳ביי די ווענט באשלאגן מיט ברעטער, ווייל די וואסער האט זיך אַ דורכגעשלאָגן פון אַלע זייטן... איצט זענען מיר אויף דעם ערשטן שטאק דריי הונדערט צוואנציק מעטר די טיף... מערקט אייך נאָר ווי שנעל עס גייט.

אויפהויבנדיק זיין לעמפּל האָט ער באלויכטן אַ דעמבענע ברעט, וועלכע איז אַזוי שנעל פארבייגעפלויגן ווי אַ שינע אונטער דעם אייזנבאן; אויסער איר איז נאך גארנישט געווען צו זען. נאָך דריי שטאק איז פארביי זיי אַ דורכגעפלויגן מיט דער געשווינדקייט פון אַ בליץ.

— ווי טיף דאָס איז! האָט עטיען געמורמלט.

דאָס אראפּלאזן זיך האט אים אויסגעזעען שטהן-לאנג צו געדויערן.

די אומבאקוועמע לאגע, אין וועלכער ער האט זיך געפונען, איז אים געוואָרן שווער, דאך ווי שטארק עס האָבן אים נישט געדרוקט קאטערינעס עלנבויגן, האט ער זיך נישט געוואגט צו רירן. זי האָט קיין ווארט נישט גערעדט, ער האָט נאָר געפּילט די ווארמקייט פון איר קערפּער.

נאָכדעם ווי זיי האָבן ענדלעך דערגרייכט די ט״ף פון פינפהונדערט פיר און צוואַנציק מעטר, איז עטיען געוואָרן דערשטוינט, הערנדיק, אז דאס אַראפּלאָזן זיך האָט נישט געדויערט מ״ר ווי איין מינוט, נאָר דאָס באַוווסטזיין ווידער צו האבן אַ פוסטן באָדן אונטער די פיס, האָט אים מיט אמאל איבערגעפירט אין א פריילעכער שטימונג. און ער האָט אין אַ שפּאס זיך געווענדעט צו קאטערינען מיט אַ פראגע, איבער־גייענדיק זאָגאר אויף דו.

— וואָס האסטו דען, וואָס דו ביסט אַזוי ווארם?... אין דער אמתן, האסט מיר מיט דיין עלענבויגן שיער דאס לייב נישט אַ דורכגעלעכערט!

זי האט געשמייכלט, ווי נאר״ש ער דארף זיין, אז ער האלט איר פאר א יינגל! האָט ער דען קיין אויגן נישט?

דו האָסט מיין עלענבויגן אין דיינע אויגן, האַט זי אפגעענטפערט אונטער א שטורמישן געלעכטער פון די אנוועזנדע, וואָס עטיען האָט זיך נישט געקענט דערקלערן.

דער אויפצוג האט זיך אויסגעליידיגט. די ארבעטער אָבן אַ דורכגעשפּאנט די אנקומזאל, אַ גרויסער צימער אין שטיין אויסגעהאקט וועלכער איז געווען באלויכטן פון דריי לאמפּן מיט אויפגעדעקטע פלאמען. אויף די אייזערנע שינעס האבן די שיבערס געפירט פולע אנגעלאדענע וואגנס.

— אַ הער! האָט מאַע געזאגט צו עטיענען. דאַס איז נישט אונדזער פלאץ, מיר האבן נאך צו מאכן צוויי שטארקע קילאמעטער.

די ארבעטער האבן זיך צוטיילט און גרופּנס ווייז פארשווינדן אין די שוואַרצע עפנונגען. אפשר פופצן האבן זיך געלאזט גיין אויף לינקס. עטיען איז געווען דער לעצטער, ער איז געגאנגען אונטער מאען, פאר וועלכן עס איז געגאנגען קאטערינע, זכריה און לעוואק. דער וועג איז געווען זעלטן גוט דורכגעבויערט דורך די פעלזן און נאר טיילווייז האט מען זיך געדארפט צו מויערן. זיי זענען געגאנגען איינער נאכן אנדערן, קיין ווארט נישט אויסרעדנדיק, ביי דער שוואכער

שיין פון די לעמפלעך. דער יונגערמאן איז כמעט ביי יעדע־שריט געשטרויכלט געוואָרן און זיך אנגעשטויסן אין די שינעס, פון אייניקע מינוט האט אים באַאומרוהיקט אַ פארטעמפּט געזויש, ווי דאס רוישן אַ ווייטן שטורמווינט, וואס האט אויסגעזעען צו קומען פון דער טיפעניש פון דער ערד. איז דאס דער דונער פון אַ איינפאל, וועלכער האט זיך געקייקלט אויף די קעפ פון די פעלזן, וואס האבן זיך פונאנדערגעשיידט פון דעם טאגליכט? אין דער טונקלקייט האט פלוצים אויפגעבליצט אַ ליכט און ער האט דערפילט ווי אלע שטיינער ציטערן; און נאכדעם, ווי ער האט זיך גלייך מיט די איבעריקע צו דער ווענט צוגעדריקט, האט ער דערזעען הארט נעבן זיך דורכפארן אַ גרויס ווייס פערד, איינגעשפאנט אין אַ וואגנצוג. אויף דעם ערשטן איז געזעסן בעבערט און געהאלטן די לייצן, פון אונטן, האלטנדיק די רעכטע האנט אויף דעם לעצטן וואגן, איז נאכגעלאפן בארפעס יעאנלין.

זיי זענען געגאנגען ווייטער און דערגרייכט אַ שיידוועג, ווו עס האבן זיך ווידער אפגעצווייגט צוויי גאלעריעס, און די קליינע גר:פּ:ז האט זיך נאכאמאל צעטיילט; די ארבעטער האבן זיך פאמעלעך צעשייט איבער אלע ארבעטס פלעצער אין די שאכטן. די ווענט זענען דא געווען פארמויערט, סאסנעווע סלופּן האבן אונטערגעהאלטן די סטעליע אין באלקן האבן באדעקט די שטיינער, פון צווישן די באלקן האט זיך ארויסגעזעען אַ זאמדיק-שטייגערנע מאסע וואס ווייטער מען איז געקומען, אלץ ענגער און נידריקער זענען געווארן די דורכגענג און די נישט גלייכע סטעליע האט געצווונגען די ארבעטער אָן אַ אויפהער זיך איינצובויגן.

עטיען האט זיך דעם קאפ צעקלאפט, ווען נישט זיין לעדערן היטל, וואלט ער זיך דעם שטערן צעשעדיגט. האט ער שוין זיך ווייטער פלייסיק צוגעקוקט צו יעדער מינדסטער באוועגונג פון מאען, וועלכער איז געגאנגען פאר אים, און וועמענס טונקעלער שאטן עס איז מעגלעך געווען צו אונטערשיידן ביי ז גם שיין פון די לעמפלעך. אים האט גרויסע

שוועריקייטן פארשאפט דער גליטשיקער באדן וועלכער איז וואס ווייטער אלץ מער וואסעריקער געווארן. מאמענטווייז איז אפילו אויסגעקומען דורכצוגיין דורך בלאטעס, וואס האט פארראטן דאס פאלשן פון די בארפעסע פיס. אממייסטן איז טר געווען פארוואונדערט פון דער טעמפעראטור־ענדערונג.

ביי דעם ארייננאנג אין די גרובן איז זעהר קאלט געווען, און דארט, ווו עס זענען זיך צונויפגעקומען די אלע לופטן פון די גרובן, האט געבלאזן אן אייזיקער ווינט, וועלכער האט אין די ענגע דורכגענג אנגענומען צייטנווייז דעם כאראקטער פון אַ שטורם־ווינט; וואס ווייטער אבער זיי האבן זיך פארנומען אין די זייטיקע ערטער, וועלכע האבן אין דער דורכלופטערונג אַ קליינעם אנטייל גענומען, אלץ שוואכער איז געווארן דער ווינט און די היץ איז געווארן שווער און שטיקנד.

מאע האט דאס מויל נישט געעפנט, ער האט זיך איינגעבויגן אין אַ דורכגאנג אויף רעכטס און האט א זאג געטון צו עטיענען נישט אויסדרייענדיק זיך צו אים:

— דער ווילהעלם־אָדער!

דאָ האט זיך געפונען זייער אַרבעט־פּלאַץ. שוין מאַכנדיק די ערשטע שריט, האָט זיך דער יונגערמאַן אָנגעשטויסן מיטן קאָפּ אין דער סטעליע, וועלכע איז דאָ אַזוי נידעריק אַראָפּגעהאָנגען, אַז אויף אַ שטרעקע פון צוואַנציק, דרייסיק מעטר האָט מען געקאָנט גיין נאָר איינגעבויגן. מען האָט אַ דורכגעמאַכט אַזוי אַ פּאָר הונדערט מעטר און פּלוצים איז זכריה, לעוואַק און קאַטערינע פאַרשוווּנדן געוואָרן, גלייך זיי זאָלן זיך האָבן אַריינגעגליטשט אין אַ שפּאַלט, וואָס האָט זיך פאַר זיי געעפנט.

— איצט גייט בּאַרג אַרויף, האָט מאע געזאָגט. הענגט אויף אייער לעמפּל אויף אַ קנאָפּ און האַלט זיך פעסט ביי דעם האלץ!

דער דאָזיקער שמאָלער וועג איז געווען ספּעציעל פאַר בּערג אַרבּעטער. ער האָט געהאַט די ברייט אַ זעכציק סענטימעטער, ווי די קוילנשאַכט דא. צום גליק איז עטיען געווען שלאַנק, עס האָט אים אָבּער נאָך געפעלט די געווינשאַפט, דאַריבּער

איז אים נאָר מיט גרויסער מי, אנקלאַמערנדיק זיך מיט ביידע הענט ביי דעם האַלץ, געלונגען זיך אַדורכצושלאָגן. אַרויפ־קריכנדיק אויף אַ פּיפצן מעטער, האָבן זיי זיך אנגעשטויסן אויף דער ערשטן גלייכן וועג, זיי האָבן אָבער געמוזט העכער גיין, זייער אַרבעט פּלאַץ האָט זיך געפונען אין זעקסטער גאַלעריע, אָדער ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט אין דער „הייל". עטיען האָט שווער געאָטעמט, זיינע הענט זענען געווען פאַרבלוטיקט, זיינע קני צעקלאַפּט און ער האָט געכילט, ווי דאָס בלוט איז אים געפלאָסן אין קערפּער. אין אַ זייטנגאַנג האָט ער דערזען נישט קלאָר צוויי געשטאַלטן איינע אַ גרויסע און איינע אַ קליינע, וועלכע האָבן געריקט פאַר זיך צוויי וואַגנס; דאָס זענען געווען ליד ע און מוקעט, וועלכע זענען שוין געשטאַנען ביי דער אַרבעט. דער שווייס, וואָס האָט זיך געגאָסן פון זיין שטערן האָט אים אינגאַנצן פאַרבלענדט, און ער האָט שוין כמעט אָנגעוווירן די האָפענונג נאָכצוגיין די אַנדערע, וועלכע האָבן זיך אַזוי פלינק פון צווישן די שטיינער אַרויסגערוקט.

— מוט! דאָס זענען מיר! האָט זיך דערהערט קאַטערינעס שטימע. דאָך ווען ער איז צוגעקומען נעענטער צו איר, האָט אַ צווייטע שטימע אויסגערופן:

— נו, וואָס איז דאָס?... צוויי קילאָמעטער האָב איך געדאַרפט דורכגיין פון מאַסטו און בין דער ערשטער אויפן פּלאַץ!

דאָס איז געווען שאַוואַל, אַ מאָגערער, ביינעדיקער מאַן פון אַ פינפאונצוואַנציק יאָר מיט שאַרפע בולטע געזיכטס־שטריכן. ער איז געווען בייז, וואָס אים איז אויסגעקומען צו וואַרטן. ווען ער האָט באַמערקט עטיענען, האָט ער אַ פאַרוואונדערטער געפרעגט מיט פאַראַכטונג:

— וואָס וויל דער דאָ?

און נאָכדעם, ווי מאָע האָט אים אַלץ איבערגעגעבן, האָט ער אונטערגעברומט צווישן די ציין

— אַזוי נעמען צו די מענער ביי די מיידלעך דאָס שטיקל ברויט!

ביידע מענער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ בליק, וועלכער האָט פּלוצים אַ ציטער געטון מיט אינסטינקטיווער שנאה. עטיען האָט דערפילט די באַליידיקונג, כאָטש ער האָט זי נישט פאַרשטאַנען, אַלע האָבן זיך שווייגנדיק גענומען צו דער אַרבעט.

דער גיריקער שלאַנג האָט זיין טעגלעכע פּאָרציע איינגעשלינגען און איצט האָבן אין דעם ריזיקן מוראשקע־הויפן געאַרבעט זיבנהונדערט מאַן, וועלכע האָבן דורכגעלעכערט און דורכגעבוירט די ערד אין אַלע ריכטונגען, ווי אַ שטיקל האָלץ וואָס איז צעפרעסן פון ווערים.

ווען עטיען האָט זיך אויסגעדרייט, האָט ער געפונען קאַטערינען ווידער האַרט נעבן זיך, נאָר דאָס מאָל האָט ער דערפילט איר בוזים, וועלכער האָט זיך שוין אָנגעהויבן בולט צו פאַרקיילעכיקן און אים איז פּלוצים קלאָר געוואָרן, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען די וואַרעמקייט וועלכע ער האָט פריער געפילט.

— דו ביסט, אַלזאָ, אַ מיידל? האָט ער געמורמלט אַ דערשטוינטער.

און זי האָט אים געענטפערט אין איר פריילעכן טאָן, נישט פאַרוויטלנדיק זיך:

— נו, יאָ... אָבער עס האָט זיכער אַ ביסל געדויערט, ביז דו האָסט עס באַמערקט!

IV

די העקער האָבן זיך דערווייטערט איינער פון דעם אַנדערן, צעשיידט דורך ווענט פון ברעטער, וועלכער האָבן באַקומען אַן אַנדער אויסזען פונם קוילן־שטויב. יעדער האָט זיך אָפּגענומען אַ שטח פון פיר מעטער די לענג אויף צו באַאַרבעטן, נאָר זי אָדער איז דאָ געווען אַזאַ שוואַכע, אַז זי האָט קוים דערגרייכט פופציק סענטימעטער די ברייט און די אַרבעטער ביי דער אַרבעט האָבן געמוזט ליגן אויף אַ זייט מיט אַ איינגעבויגענעם באַקן נישט קענענדיק זיך אויסדרייען.

פון אונטן איז געלעגן זכריה, איבער אים האָבן זיך

געפונען לעוואַק און שאוואל, אין איבער אַלע גאַנץ אויבן מאַס. מער פון אַלע האָט געליטן מאַס. אין דער הויך, ווי ער דאַט זיך געפונען, האַט די טעמפּעראַטור דערגרייכט ביז פינפאון. דרייסיק גראַד, קיין שום לופט איז דאָרט נישט אַריינגעדרונגען און מיט דער צייט איז דאָרט געוואָרן אַזוי הייס דערשטיקט צו ווערן. כדי עפּעס צו זעען האָט ער זיין לעמפּל אויפגעהאָנגען אויף אַ נאָגל איבערן קאָפּ און די היץ פונם לעמפּל, וואָס האָט געברענט זיין שאַרבן, האָט נאָך פאַרשטאַרקט דאָס כוואַליען פון זיין בלוט. זיין פּיין איז נאָר געוואָרן פאַרגרעסערט פון דער ביי כטקייט. עטלעכע סענטימעטער אָפּגעטרעטן פון זיין פּנים האָט פון די שטיינער געהאַלטן אין איין רינען גרויסע טראָפּנס וואַסער, וועלכע זענען גיך און מיט אַ האַרטנעקי ער רעגל. מעסיקייט. געפאַלן אויף איין און דעם זעלבן אָרט. ער האָט געמעגט דרייען מיטן האַלדז ווי ער האָט געוואָלט, די טראָפּנס האָט ער נישט געקענט אויסמיידן, זיי האָבן אים געשפּריצט און געשלאָגן אין פּנים אָן אַ אויפהער. אין משך פון איין פערטל שעה איז ער געווען אינגאַנצן נאַס און באַדעקט מיט שוויס, אַזוי, אַז די פאַרע האָט פון אים געשלאָגן, ווי פון אַ וואַש. מולטער. אַ טראָפּן, וואָס איז געפאַלן אויף זיינע אויגן האָט אים אויפגעבראַכט, און ער האָט זיך געשאַלט. ער האָט אָבער נישט געוואָלט איבעררייסן און האָט ווייטער געהאַקט אין די פעלזן, צווישן וועלכע ער איז געלעגן, ווי אַ בלאַטלויז צווישן צוויי בלעטער פון אַ בוך, אַ באַדראָטער צו צעדריקט ווערן פון זיי.

מען האט זיך נישט איבערגעביטן מיט קיין וואָרט. אַלע האָבן געהאַקט און מען האָט גאָרנישט נישט געהערט, אויסער די אומרעגלמעסיקע, פאַרטעמפּטע, ווי זיי זאָלן קומען פון ערגעץ ווייט, קלעפּ. קיין שום ווידערקול האָבן די קלעפּ נישט אַרויסגערופן אין דער שטיקנדיקער לופט. די טונקלקייט האָט נאָך אויסגעזעען גרעסער צוליב דעם קוילנשטויב, וואָס האָט דאָ אָנגעפילט דעם חלל. מען האָט גאָרנישט געקענט אונטערשיידן, די בייגע שאַכט האָט אויסגעזעען ווי אַ ברייטע פלאַכער קוימען,

ווי די סאַזשע פון צען ווינטערן האָט געשאַפן אַ טיפע נאַכט; נאָר פון צייט צו צייט האָט מען געקאָנט דערזען ביי דער שיין פון די לעמפּלעך די רונדקייט פון אַ שענקל, אַ מוס־קולנע האַנט, אָדער אַ פּנים וואָס איז געווען אַזוי שוואַרץ, ווי עס זאָל זיך האָבן פאַרשטעלט פאַר אַ פאַרברעכן, מאָמענטווייז האָבן אָפּגעריסענע שטיקלעך קוילן אויפגעשיינט ווי פינקלדיקער קרישטאַל, אָבער באַלד איז ווידער אַלץ פאַרזינקען געוואָרן אין פינצטערניש און די בערגלייט האָבן געהאַקט מיט פאַרטעמפּטע קלעפּ און עס האָט זיך געהערט נאָר זייער שווערער אָטעם און אויסרופן פון אומצופרידנהייט און ערשעפּונג, וועלכע איז געקומען פון דער שטיקנדיקער לופט און ריזנדיקער וואַסער.

זכריה, וועלכער האָט נאָך פון די נעכטיקע פאַרווײַלונגען געהאַט אַ שלאַפע האַנט האָט באַלד אוועקגעשטעלט די אַרבעט, אונטער דעם אויסרייד, אַז ער דאַרף פאַרבויען די ווענט, און אַרבעט וואָס איז אים אַם בעסטן געפעלן, ווייל זי האָט אים דערלויבט זיך שטיל צו צופייפן און סתם אַזוי זיך גלאָצן מיט די אויגן אין דער פינצטערניש. הינטער די העקער האָט זיך שוין געפונען אַ דורכגאַנג פון דריי מעטער די לענג און זיי האָבן זיך גאַרנישט געקומערט וועגן דער געפאַר, וואָס דראָט זיי ווען זיי וועלן נישט אונטערשטיצן די פעלזן, קאַרגנדיק צייט.

— האַ! האָט אויסגערופן דער ייִנגערמאַן צו עטיענען, דרינג צו האַלץ.

עטיען וועלכער האָט זיך געלאָזט לערנען פון קאַטערינען ווי מיט דער לאָפּאַטע אַרומצוגיין, האָט געמוזט ברענגען צו שלעפּן האַלץ. עס איז נאָך געבליבן אַ ביסל פון נעכטן אָוונט. יעדן מאָרגן פלעג מען צושנײַדן וויפיל מען האָט באַדאַרפט און צעטראָגן איבער די אַרבעטספּלעצער.

— אייל זיך צו, דו ליידיקגייער, דו! האָט אויסגעשריגן זכריה, זעענדיק ווי דער נייער וואַגנשיבער שלעפּט זיך אומבאַהאָלפן דורך די קוילן מיט פיר באַלקנס.

ער האָט געמאַכט מיט דער האַק אַן איינשניט אין דער סטעליע און אין די זייטיקע ווענט און דאָס האָלץ אַריינגעשטעלט אזוי, אַז עס זאָל אונטערהאַלטן די פעלזן. נאָכמיטאָג האָבן די ערד אַרבעטער אָנגעפילט דעם נייען דורכגעבויערטן אָדער מיט מיסט, איבערלאָזנדיק נאָר אַזוי פיל פּלאַץ, אַז עס זאָל זיין גענוג אויף די וועגלעך דורכצופירן.

מאַע האָט אויפגעהערט צו קרעכצן, ער האָט ענדלעך זיין טייל דורכגעבראָכן. ער האָט אָפּגעווישט מיטן אַרבל דעם שווייס וואָס איז אים גערינען פון שטערן. אים האָט אויפגערעגט דאָס, וואָס זכריה האָט זיך גענומען איצט צו אַזאַ אַרבעט.

— לאָז עס אָפּ! האָט ער געזאָגט. דערצו איז נאָכמיטאָג אויך צייט... האַק בעסער, כדי מיר זאָלן צוזאַמען מאַכן די זאַל וואָגנס.

— עס זינקט, האָט אָפּגעענטפערט דער יינגערמאַן, זע נאָר, אָט האָסטו אַ שפּאַלט, איך האָב מורא עס זאָל נישט איינפאַלן.

דער פּאָטער האָט אַ צו געטון מיט די אַקסלען, ווייס איך וואָס! איינפאַלן! און עס וואָלט אויך נישט געווען דאָס ערשטע מאָל, מען וואָלט זיך שוין אַ עצה געטון. ענדלעך האָט ער זיך צעבייזערט און צוריק געשיקט דעם זון צום האַקן.

איבעריגנס, האָבן זיך אַלע געפוילט. לעוואַק איז געלעגן אויף דעם רוקן און געשאָלטן, באַטראַכטנדיק דעם גראָבן פינגער, וועלכן עס האָט צעבלוטיקט אַן אַראָפּגעריסן שטיקל שטיין. שאַוואַל האָט דורכגעלופּטערט זיין, אנטבלויזנדיק דעם נאַקן, כדי זיך אָפּצוקילן. זיי זענען שוין געווען פאָלקאָם שוואַרץ פון קוילן, באַדעקט מיטן קוילנשטויב, וועלכער האָט זיך אָפּגעשווענקט מיטן שווייס, וואָס איז גערינען אין קליינע שטראמעלעך איבערן גאַנצן לייב. מאַע האָט דער ערשטער ווידער אנגעהויבן צו האַקן, איצט שוין טיפער, אזוי, אַז זיין קאָפּ האָט זיך געפונען הארט נעבן די פעלזן. די וואַסערטראָפּן זענען אים איצט געפאַלן אויף דעם שטערן, אַזוי עקשנותדיק, אַז אים

האָט זיך אויסגעדאַכט ווי זיי בויערן אַ לאָך אין זײַן שאַרבן.

— דו דאַרפסט אויף דעם קיין אכט נישט לעגן, האָט קאַטערינע געזאגט צו עטיענען. זיי זענען שטענדיק אַנ־געבלאָזן.

און זי האָט זיך גענומען צוריק אים צו לערנען. יעדער וואָגן קומט פון אויבן מיט אַ בעזונדערער מאַרקע פּאַרזען, כּדי דער קאָנטראָליאָר זאָל אים קאָנען איינשרייבן אויף דער קאָנטאָ פון דעם אַרבעטער. דעם וואָגן טאָר מען נישט אַנפּולן, מען דאַרף די בעסטע קוילן אויסקלייבן, אַ נישט, קען מען אים צוריקשיקן.

דער יינגערמאַן, וועמענס אויגן עס האָבן זיך אַלעמאָל מער צוגעוווינט צו דער טונקלקייט, האָט זיך בעסער צוגעקוקט צו קאַטערינען; איר פּנים מיטן בלוטלאָזן קאָליר האָט נאָך אויסגעזעען ווייס און אים איז שווער געווען אָפּצושאַצן איר עלטער, ער האָט געגלויבט, אז זי איז מער נישט אַלט ווי צוועלף יאָר, אזוי יונגטליך פריש האָט זי אים אויסגעזעען. ער האָט, איבעריגנס, פאַרשטאַנען אז זי דאַרף עלטער זיין מיט איר יינגלשן, פרייען באַנעמען זיך און נאַאיווער חוצפּה, וועלכע האָט אים אַ ביסל אַריינגעבראַכט אין פאַרלעגנהייט. זי איז אים נישט געפעלן, מיט איר בלייכן קאָפּ און איינגעצויגענעם אויף די שלייפן גרובנהיטל האָט זי אויסגעזען צו קינדעריש. אָבער ער איז געווען דערשטוינט איבער דער קראפט פון דעם קינד, האַנט-ביי-האַנט מיט אזוי פיל געשיקטקייט. מיט קורצע, רעגל־מעסיקע און גיכע לאפּאטעס האָט זי איר וואגן אָנגעפּולט פיל שנעלער, ווי ער. נאָכדעם האָט זי אים, נישט פאַרהאַקנדיק זיך, אַרויסגעשטופּט אויף דעם הויפּטוועג און פלינק זיך דורכ־געשלאָגן דורך די נידריקע גענג. ער דאַגעגן האָט זיך גוט גע־מוטשעט, זיין וואגן האָט זיך פון די שינעס אַראָפּגעגליטשט און ער איז געבליבן שטעקן.

און דער אמתן איז עס נישט געווען קיין באַקוועמער וועג. אַ שטרעקע פון זעכציק מעטר איז געווען פון דער אַרבעטסשטעלע

ביז דעם וועג, וואָס האָט פאַרקירצעוועט אין אַ זייט; דער וועג, וועלכן די ערדאַרבעטער האָבן נאָך נישט אויסגעגלייכט איז געווען זעהר אומרעגלמעסיק; געווען אַזעלכע ערטער ווי דאָס וועגעלע מיט קוילן האָט מען קוים געקענט דורכשטופּן, דער פירער האָט געמוזט אויף די קני קריכן, כדי ער זאָל זיך נישט אָנשלאָגן מיטן קאָפּ אין די שטייגער. אויסערדעם, האָבן זיך שוין געבראָכן די באַלקנס, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן.

— שוין ווידער — האָט קאַטערינע געלאַכט.

עטיענס וועגעלע איז אַראָפּ פון די שינעס אויפן שלעכטסטן אָרט. ער האָט געשאָלטן און זיך געהיצט, געריסן מיט כעס די רעדער און דאָך נישט געקענט, נישט קוקנדיק אויף אַלע פאַרצווייפלטע אנשטרענגונגען, זיי צוריק אַרויפברענגען אויף די שינעס.

— נאָר געדולד! האָט געזאָגט דאָס יינגע מיידל. אז דו וועסט זיך היצן און זיין אין כעס וועט עס ערשט נישט גיין.

געשיקט האָט זי זיך אַרונטערגעגליטשט אונטער דעם וואָגן און מיט די פלייצעס אים אונטערגעהויבן און צוריק אַרויפגעשטעלט אויף די שינעס. ער האָט געוויגן זיבנהונדערט קילאָגראַם. דערשטוינט און פאַרשעמט האָט עטיען מורמלנדיק זיך אַנטשולדיקט.

ביי דעם קרומען וועג, וועלכער האָט זיך דורכגעשלענגלט דורך אַלע שאכטן, האָט זי אים געלערנט ווי אויסצולײדיקן שנעל דאָס וועגעלע. ביי דעם אָנהויב און ביי דער ענדע פון דעם קרומען וועג, זענען געשטאנען יינגען, די ערשטע האָבן געהאט די אויפגאבע איינצוהאַלטן די וואָגנס, וועלכע מען האָט אַראָפּגעלאָזט, די צווייטע אָפּצונעמען זיי. די דאזיקע טויגענישטן פון צוועלף, פופצן יאָר האָבן געשריגן איינער צום אנדערן מיט אַזעלכע זידלווערטער, אז כדי צו פארשטענדיקן זיך מיט זיי האָט מען געמוזט שרייען העכער פון זיי. ווען אן אויסגעליידיקטער וואָגן איז גרייט צום אַרויפציען גיט דער יינג, וואָס שטייט פון אונטן אַ צייכן, די פירערין בינדט צו איר אָנגע-

לאָדענעם וואגן צום שטריק און איין משא ציט ארויף דעם אנדערן. פון אונטן אין דער גאלעריע ווערן אלע וואגנס צוזאמענגעשטעלט, און פון דאָרט פירן זיי אָפּ די פערד אין פאָדערונגסשאכט.

— היי ! עזלען ! האט קאַטערינע אריינגעשריגן אין דעם פון אלע זייטן ארומגעבויעטן וועג, וועלכער האָט זיך געצויגן אפשר אויף הונדערט מעטר און איר שטימע האָט זיך אפגעשלאָגן, ווי זי זאָל האבן אריינגערעדט אין א ריזנרער.

די יינגן האבן זיך געקערט מאכן אן אָפּרו-פויזע, ווייל בישט דער, נישט יענער האט זיך אָפּגערופן. אויף אלע שטאקן איז געבליבן שטיין די ארבעט. ענדלעך האט זיך אפגערופן א דינע מיידל-שטימע:

— געוויס איז איינער ביי מויקעטן !

מען האט אויסגעשאָסן מיט א געוואַלטיק געלעכטער. די וואגנשיבעריינס פון דעם גאנצן אָרער האבן זיך געטרייסלט פון געלעכטער.

— ווער איז די ? האט עטיען געפרעגט קאטערינען.

זי האָט אים אנגערופן די קליינע לידיע, וועלכע, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי איז קליין, ווייסט שוין מעהר פון אן אנדערער פרוי און וועלכע קענען זיך פארגלייכן מיט יעדער פרוי אין ענין פון ארבעט, כאטש אירע הענטלעך זענען אזוי דין, ווי ביי א לאלקע. וואס אנבעלאנגט מויקעטן איז פאלקאם צו גלויבן, אז זי ליגט איצט פארשטעקט מיט בײדע יינגען.

דאך, פלוצים, האט זיך דערהערט די שטימע פון איינעם פון די יינגען, וועלכער האט געשריגן, אז מען האט שוין די וואגנס צובינדן. געוויס איז פונקט פאריבערגעגאנגען אן אויפזעער, און אלע שטאקן האט זיך צוריק אנגעהויבן די ארבעט און מען האט גארנישט געהערט, אויסער דאס רעגלמעסיקע איבערשרייען זיך פון די יינגען און דאס אטעמען פון די שיבעריינס, וועלכע האבן שווער געסאפעט, ווי פערד, וועלכע פירן א שווערע משא.

יעדעס מאל ווען עטיען איז צוגעקומען צו דער ארבעטס-

שטעלע, האט ער פארנומען די זעלבע טעמפע קלעפ און דאס שווערן קרעכצן פון די העקער, וועלכע האבן געארבעט אן אן אויפהער. אלע פיר האבן זיך געהאט אויסגעטון און זענען געווען ביז דעם גרובנהיטל מיט א שווארצן קוילנשטויב באדעקט. איינמאל האבן זיי באדארפט מאען ארויסצוציען פון אונטער די קוילן, ווי ער איז געלעגן און געכריפעט, די ברעטער האט מען געמוזט אויפרייסן, כדי די קוילן זאלן זיך אראפגליטשן אויפן וועג. זכריה און לעוואק האבן געשאלטן די ארבעט וועלכע איז געווארן אזוי שווער און האבן געזאגט, אז עס הערט זיך אויף צו לוינען דער גאנצער מסחר. שאוואל האט זיך אויסגעדרייט, געבליבן איין מאמענט אויפן רוקן ליגן און אויסגעלאזט זיין שלעכטע שטימונג צו עטיענען, וועמענס אנוועזנהייט עס האט אים עפנטלעך, ארייגעבראכט אין א פארצווייפלונג.

— אזא שוואכע בריאה! ער קען זיך אפילו נישט פארגלייכן מיט קיין מיידל!... ווילסטו אנפילן דיין וואגן ווי עס באדארף צו זיין? הא? דיינע הענטלעך ווילסטו אפהיטן... צו אלדי רוחות! צען סו וועל איך אראפנעמען פון דיין לוין, ווען איין וואגן וועט זיין אומגעקערט.

דער יונגערמאן האט אויסגעמיטן צו ענטפערן, ער איז געווען אזוי גליקלעך, וואס ער האט געפונען די ארבעט, אז ער האט מסכים געווען אויף דער ברוטאלער באציאונג פון די בערג ארבעטער צו די האנטפירער.

מאע האט געהאט א זייגער, נאר ער האט קיינמאל גאר נישט געקוקט אויף אים. אין דער דאזיקער טיפער, שטערנלאזער נאכט, האט ער קיינמאל זיך נישט טועה געווען, אפילו אויף קיין פינף מינוט נישט. אלע האבן צוריק אנגעטון די העמדער און וועסטן. דערנאך זענען זיי ארויסגעקראכן פון די לעכער אויסגעזעצט זיך אויף דער ערד, די פיס אונטער דעם געזעס און די הענט אנגעשפארט אויף די שענקלען, א פאזע אין וועלכע די בערגלייט זענען געוויינלעך געזעסן שטענדיק, אויך אויסער די גרובן. יעדער האט ארויסגעשלעפט זיין ציגל

און געשמאַק זיך פאַרנומען צום עסן, נאָר פון צייט צו צייט זענען געוואָרפן געוואָרן אַ פּאָר ווערטער איבער דער מאָרגנ-דיקער אַרבעט. קאַטערינע, וועלכע איז געבליבן שטיין, האָט אויפגעזוכט עטיענען. ער איז זיך אפּגעגאַנגען אין אַ זייט, איבער די שינעס, מיטן רוקן אנגעשפּאַרט אינם האָלץ. ער האָט דאָרט געהאַט כּמעט אַ טריקן שטיקל פלאַץ.

— דו עסט נישט? האָט זי אים געפרעגט מיט אַ פול מויל, האַלטנדיק דעם ציגל אין דער האַנט.

דאָ האָט זי זיך געכאַפּט, אַז דער דאָזיקער יונגער מענטש, וועלכער האָט אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעבלאָנדזשעט, גאָר מעגלעך, אַז ער האָט קיין פּרוטה נישט בײַ זיך.

— ווילסט זיך טיילן מיט מיר? האָט זי געפרעגט.

און אַז ער האָט מיט אַ מאָטער שטום אפּגעזאָגט, מאָ-טיווירנדיק דאַמיט, וואָס ער איז נישט הונגעריק, האָט זי ווייטער געזאָגט:

— יאָ, ווייל דו מיאוסט זיך... אָבער זע, איך האָב גאָר פון דער זייט אפּגעביסן, איך וועל דיר געבן פון דער אַנדערער זייט.

זי האָט איר ברויט צעבראָכן, דער יונגערמאַן האָט גענומען די העלפט און האָט זיך געמוזט געוואַלטיק איינהאַלטן ער זאָל זי נישט איינשלינגען פאַר אַ מאָל. ער האָט די הענט אָנגעשפּאַרט, כּדי זי זאָל נישט באַמערקן ווי ער ציטערט.

קאַטערינע האָט אים איין אויגנבליק שווייגנדיק באַטראַכט. מיט זיינע פיינע געזיכטס-שטריכן און שוואַרצע וואָנצעס האָט ער איר אויסגעזען גאַנץ שען, אַן אנגענעם שמייכעלע האָט געשפּילט אויף אירע ליפּן.

— דו ביסט, אַלזאָ, אַ מאַשיניסט און מען האָט דיר פון דער אייזנבאַן אָפּגעזאָגט? האָט זי געפרעגט... פאַרוואָס?

— ווייל איך האָב געפּאַטשט מיין שעף.

זי האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. דאָס האָט זי מיט איר איינגעבוירענער אויפפאַסונג פון אונטערטעניקייט און גע-האָרכזאַמקייט נישט געקענט באַגרייפן.

— איך מוז צוגעבן, אַז איך בין דעמאָלט געווען אָנגע־טרינקען, האט ער ווייטער פאַרטגעזעצט, און ווען איך טרינק זיך אָן, ווער איך משוגע און קען דאַן אַלע מענטשן אַזן מיר אליין אויך אומברענגען... איך קען קיין צוויי גלעזלעך נישט אויסטרינקען, איך זאָל באַלד נישט גלוסטן זיך צו שלאָגן... נאָכדעם בין איך צוויי טעג קראַנק.

— אויב אַזוי דאַרפסטו נישט טרינקען, האָט זי צרנסט באַמערקט.

האָ! האָב נישט קיין מורא, איך קען זיך!

און ער האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ. ער האָט געפילט אַ טיפע שנאה צו בראָנפן, אַ שנאה פון אַלעצט קינד פון אַ שיכורים־משפחה, וועלכעס טראָגט אינם בלוט אַלע שלעכטע און שעדליכע בייגונגען פון אלקאָהאָל, אַזוי, אַז יעדער טראָפן פאַר־וואַנדלט זיך אין אים אין גיפט.

— באַזונדערס טוט מיר לייד אויף דער מאַמען וואָס איך בין ארויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס, האט ער געזאָגט נאָכדעם ווי ער האָט איינגעשלינגען דעם ביסן, וואס ער האט געהאלטן אין מויל.

מיין מאַמען גייט נישט גוט און איך האָב איר פון צייט צו צייט צוגעשיקט אַ הונדערט סו.

ווו איז דען דיין מוטער איצט?

— אין פּאַריז... זי איז אַ וועשערין אויף דער גאַס לאַ גוט־ד'אָר. ביידע האָבן געשנויגן אַן אויגנבליק.

— איצט, האָט ער אָנגעהויבן ווידער, קען איך איר אַפילו קיין דרייסיק סו נישט שענקען. זי וועט אויסגיין פון עלענד, דאָס איז זיכער.

ער האָט פאַרצווייפלט אַ צי געטון מיט די פּלייצעס און זיך ווידער גענומען עסן.

ווילסטו טרינקען? האָט קאַטערינע אים געפרעגט אויפ־עפנדיק די פלאַש. דאָס וועט דיר נישט שאַטן, עס איז קאַווע... עס שטיקט, ווען מען פאַרטרינקט נישט מיט עפעס.

ער האָט אַפגעזאָגט, שוין גענוג, אַז ער האָט זי אויף אַ העלפט

פֿון איר מיטאָג באַרבט. נאָר זי איז באַשטאַנען מיט אַ גוטמוטיקער מינע אויף אירס און געזאָגט:

— נו גוט! וועל איך טרינקען די ערשטע, אויב דו ביסט שוין אַזוי איידל... נאָר מער דאַרפסטו מיר נישט אָפּזאָגן. דאָס וועט זיין געמיין.

זי האָט אים דערלאַנגט די פֿלאַש, און זיך אַוועקגעזעצט אויף די קני. ער האָט זי געזען האַרט נעבן זיך, באַלויכטן פֿון ביידע לעמפּלעך. ווי אַזוי האָט ער זי געקענט געפֿינען פֿאַר מיאוס? איצט, זייענדיק איבגאַנצן שוואַרץ און באַדעקט מיט אַ געדיכטן קוילן-שטויב, האָט זי אים אויסגעזען צו האָבן אַ באַזונדערן רייץ. פֿון דעם, אין שאָטן איינגעהילטן געזיכט, האָבן אַרויסגעגלאַנצט פֿון דעם עטוואָס גרויסן מויל בלענדנדיקע, ...יסע ציין און די אויגן האָבן געלייכט מיט אַ ווייטן גרינלעכן שומער, ווי קאַצנאויגן. אַ בינטל רויטבלאָנדע האָר, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון אונטער דעם גרובנהיטעלע האָט איר געקיצלט אין אויער און איר געמאַכט לאַכנדיק, זי האָט אים שוין נישט אויסגעזען מער אַזוי יינג, זי האָט שוין געקענט האָבן אַ פֿירצן יאָר.

— כדי דיר צו געפֿעלן, האָט ער געזאָגט, אויסטרינקנדיק און איר אָפּגעבנדיק צוריק די פֿלאַש.

זי האָט געטרינקען נאָך אַ ביסל און אים אויך געגעבן נאָך צו טרינקען; זי וויל זיך ערלעך טיילן, האָט זי געזאָגט, און עס האָט איר פֿריילעך געמאַכט צו זעהן ווי דאָס קליינע פֿלעשל גייט איבער פֿון מויל צו מויל.

— ביזט אַלט פֿירצן יאָר? האָט ער געפֿרעגט נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין ברויט.

זי איז געוואָרן איבערראַשט און כמעט בייז.

— ווי! פֿירצן! איך בין שוין פֿירצן יאָר אַלט!.. עס איז אמת, איך בין נישט גרויס, נאָר ביי אונדז וואַקסן די מיידלעך נישט אַזוי שנעל.

ער האָט ווייטער זי אויסגעפֿרעגט און זי האָט אים אויף אַלע פֿראַגן געענטפֿערט פֿריי אָן בישה. זי האָט איבריגנס געוווּסט

עלץ וואָס אַנבעלאַנגט דעם פארקער צווישן מאַן און פרוי־באַטש זי איז נאָך געווען אַ קינד, און אין געשלעכטלעכן זין, צוליב די שלעכטע באַדינגונגען פון לעבן און שווערער אַרבעט, ווייט געווען אָפּגעשטאַנען. ווען ער האָט זי איבערגעפרעגט פון מוקעטן, מיט דער כונה זי אַריינצוברינגען אין פארלעגנהייט, האָט זי אים דערציילט אין אַ רוהיקן טאָן און שפּאַסנדיק שוידער־האַפטע געשיכטעס, הא! זי האָט עס געמאַכט זעער שען. ווען ער האָט איר געפרעגט צי זי האָט נאָך נישט קיין געליבטן, האָט זי אָפּגעענטפערט, אַז זי וויל נישט געגן דער מוטערס ווילן האַנדלען, דאָך וועט עס אין אַ געוויסן טאָג אויך מוזן געשעען.

— מען מוז דאָך סוף כל סוף געפונען אַ געליבטן, ווען מען לעבט אַזוי צוזאַמען, נישט אמת? האָט ער געפרעגט.

— נו געוויס!

— און דאָס שאַדט גאר קיינעם נישט... דעמג לח דארף מען גארנישט זאָגן.

— האָ! דער גלח! וואס גייט ער מיר אן!... אבער דער שוואַרצער מאן!

— ווער איז ער, דער שוואַרצער מאַן?

— דער אַלטער בערגמאַן, וועלכער גייט אַרום אין די גרובן און דרייט אָפּ דעם האַלדז יעדער שלעכט מיידל.

ער האט זי אנגעקוקט מיינענדיק, אז זי שפּאסט פון אים.

— דו גלויבסט אין אַ זעלכע נאַרישקייטן? האָסטו דען אין שולע נישט געלערנט?

— אָ, יאָ, לעזן און שרייבן האָב איך געלערנט, דאָס קומט אַ מאָל צו נוץ. טאַטע־מאַמע האָבן אין זייער צייט דאָס אויך נישט געלערנט.

זי איז ווירקלעך געווען זעהר ליבעסווירדיק. אַז זי וועט ענדיקן דאָס עסן, האָט ער זיך געקלערט, וועט ער זי אַרומנעמען און איר אין די גרויסע רויטע ליפּן קישן. זי האָט שוין דעם לעצטן ביסן אויפגעגעסן. ער האָט געטרינקען פון דער

פלאַש און דערנאָך זי איבערגעגעבן איר, וועלכע זי האָט באַלד אויסגעטרינקען. איצט איז געקומען די מינוט פון האַנדלען און ער האָט געוואָרפן אַן אומרואיקן בליק צו די ארבעטער, אין דער טיף, ווען אַ טונקעלע געשטאַלט האָט אים פּלוצים פאַרשטעלט דעם וועג.

שוין אייניקע מינוט אַז שאַוואַל האָט זיי שטייענדיק באַטראַכט פון דער ווייטנס. ער האָט זיך צוגעריקט נענטער און, פאַרזיכערנדיק זיך, אַז מאַע זעט נישט, האָט ער אַרומגענומען קאַטערינען, וועלכע איז נאָך אַלץ געזעסן אויף דער ערד, איינגעבויגן איר קאָפּ אויף צוריק און איר ברוטאַל אַ קוש געטון, מאַכנדיק דאַבײַ דעם אָנשטעל, ווי ער באַמערקט גאַר אינגאַנצן נישט עטיענען. אין דעם קוש איז געווען איינצייטיק דאָס וועלן פאַרכאַפּן די אויבערהאַנט און אַ באַשלוס, וואָס קומט פון אייפערזוכט.

דאָס יינגע מיידל איז געווען אויסער זיך.

— לאָז מיר אָפּ! דו הערסט?

ער האָט נאָך פעסט געהאַלטן איר קאָפּ און איר אַרייַנגעקוקט טיף אין די אויגן. זיינע רויטע וואָנצעס און באַקנבערד האָבן געלייכט אויף זיין שוואַרצן געזיכט מיט דער גרויסער אַדלערנאָז. ער האָט זי ענדלעך אָפּגעלאָזט און זיך אַוועקגעגאַנגען ווייטער נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט.

עטיענען איז אַן אייזקאַלטער ציטער דורכגעלאָפן. דאָס איז געווען נאַריש פון זיין זייט, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט. איצט וועט ער זי דאָך נישט אַרומנעמען, ווייל זי וועט דאָך געוויס קלערן, אַז ער וויל יענעם נאָכטון. זיין פאַרוואונדערטער שטאָלץ איז איבערגעגאַנגען אין עכטער פאַרצווייפלונג.

— פאַרוואָס האָסטו געזאָגט ליגן? האָט ער געפרעגט מיט אַ שטיל קול. דאָס איז דיין געליבטער.

— אָבער ניין! איך שווער דיר! האָט זי אויסגעשריגן. צווישן אונדז איז גאָרנישט. ער שפּאַסט נאָר אַזוי אַ מאָל... ער איז איבעריקנס גאָרנישט פונדאַנען; ער איז מיט זעקס חדשים צוריק פון פּאַ-דע-קאַלע געקומען.

זיי האָבן זיךביידע אויפגעהייבן. מען האָט זיך שוין צוריק אומגעקערט צו דער ארבעט. ווען זי האָט דערזעען, אז ער איז געוואָרן אזוי קאַלט, איז זי געוואָרן זער טרויעריק. זי האָט אים געהאַלטן אָן צווייפל, פול שענער פונם צווייטן און זי וואָלט אים געגעבן מער פאָרצוג, ווי יענעם. עס האָט איר געפייניקט דער געדאַנק, ווי אים צו טרייסטן. און ווען דער יינגער מענטש האָט אַ פאַרווינדערטער באַטראַכט זיין לעמפל, וועלכעס האָט איצט געלויכטן מיט אַ בלויען פלאַם און איז גע ווען איינגעהילט אין אַ ווייסער שיין, האָט זי געפרווט כאַטש אים אַרויספירן אויף אַנדערע געדאַנקן.

— קום איך וועל דיר עפעס ווייזן, האָט זי געפליסטערט צו אים מיט אַ פריינטלעך פנים.

נאָכדעם ווי זי האָט אים צוגעפירט צו דער ענדע פון דער גאַלעריע, האָט זי אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אַ שפאַלט. אַ שטילער גערויש האָט זיך פון דאָרט געהערט ווי דאָס צוויטשערין פון פייגל.

— שטעל נאָר אַריין דאָרט דיין האַנט, די פילסט אַ ווינט... דאָס איז דער שטיק-גאז.

ער איז געבליבן דערשטוינט. דאָס איז אלזא די שרעקלעכע זאך וואָס צעשטערט אלץ? זי האט געלאכט און געזאָגט, אז היינטיקן טאָג איז דאָ זער פיל פון דעם גאַז אין דער לופט, ווייל די פלאַמען פון די לעמפלעך זענען בלוי.

— ווען וועט איר שוין אויפהערן צו פלאַפלען, איר פוילע... האָט זיך געהערט מאעס רויע שטים.

עטיען און קאַטערינע האָבן זיך געאיילט אָנצופילן זייערע וועגן און זיי אָפפירן. שוין ביי דעם צווייטן מאָל זענען זיי געווען באַגאָסן מיט שווייס און האָבן זיך געפילט ווידער שטאַרק דערשלאָגן.

אויך די העקער האָבן זיך גענומען צו דער ארבעט. זיי פלעגן אָפט פאַרקירצן זייער פרישטיק צייט, כדי זיך ניש צו פארקילן; און זייערע „ציגל", וועלכע זיי האָבן שטום און גיריק איינגעשלונגען אזוי ווייט פון דעם זון-ליכט, איז זיי

געבליבן ליגן ווי בליי אינם מאָגן. ליגנדיק אויף אַ זייט, האָט זיי געקלאַפּט מיט מער קראַפט און נאָר איין געדאַנק האָט זייערע מוחות פֿאַרנומען: אָנצופֿילן ווי מעגלעך אַ גרעסערע צאָל וואַגנס מיט קוילן. זיי האָבן שוין נישט געפֿילט מער די אַראָפּטריפֿנדיקע טראָפּנס וואַסער, נישט די קראַמפּפֿן, וועלכע זענען זיי געקומען פֿון דער געצווינגענער האַלטונג און נישט די שטיקנדע לופֿט אין דער פֿינצטערניש, אין וועלכער זיי זענען פֿאַרוועלקט געוואָרן, ווי געוויקסן, וועלכע מען האט אין אַ קעלער פֿאַרפֿלאַנצט. וואָס ווייטער, אַלץ ערגער איז געוואָרן די לופֿט פֿון דעם רויך פֿון די לעמפּלעך, פֿון דעם אָטעמען פֿון די אַרבעטער און פֿון די פֿאַרשידענע גאַזן. ווי שפּינוועבס איז געלעגן אויף די אויגן, און די דורכרייניקונג פֿון דער לופֿט איז געווען צו ערוואַרטן ערשט אין אָוונט. אָבער די אַרבעטער האָבן אַלץ געהאַלטן אין איין קלאַפּן אין זייערע פֿינצטערע הייל, אויף וועלכע עס איז געלעגן די ערד מיט איר גאַנצער משא און אין וועלכע זייערע ברוסטן האָבן שוין כּמעט נישט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען.

V

נישט קוקנדיק אויף דעם זייגער, וועלכן ער האט איבערגעלאָזט אין וועסט, האט מאַטע זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— עס איז שוין באַלד אייגס אַ זייגער... זכריה, ביזט פֿאַרטיק?

דער יינגערמאַן, וועלכער האט צייט אייניקע מינוט פֿאַרבויעט, איז געבליבן ליגן אינמיטן דער אַרבעט אויפֿן רוקן און געחלומט פֿון די באַלפֿאַרטיעס, וואָס ער האט נעכטן אָוונט געשפּילט. ער האט זיך אויפֿגעוועקט און אָפּגעענטפֿערט:

— יאָ, עס וועט זיין גענוג, מאָרגן וועל איך עס נאָכאַמאָל באַקוקן. און ער האט זיך צוריקגעקערט צו פֿאַרנעמען זיין פּלאַץ. לעוואַק און שעוואַל האָבן אויך אָוועקגעלייגט זייער געצייג. מען האט זיך געמאַכט אַן אָפּרו-פּויזע. אַלע האָבן זיך געווישט מיט די נאַקעטע הענט דעם שווייס פֿונם פּנים און

האבן באמראכט דעם פעלזיקע סופיט, אין וועמענס פלאסט־נאכטיקער מאסע עס האבן זיך געוויזן שפאלטן זיי האבן גע־רעדט נאר פון זייער ארבעט.

— דאס איז נאך איין שאנס, האט געזאגט שאוואל, אז מען זאל ווען עס איז נישט צעקוועטשט ווערן אונטער דער ערד, וואס וועט איינפאלן... מען לעגט גאר אויף דעם נישט קיין אכט.

— זשוליקעס! האט ארויסגעשטאמלט לעוואק.

זכריה האט געלאכט. אים האט די ארבעט ווייניק גע־קימערט, עס האט אים פארשאפט פארגניגן, ווער עס האט גע־הערט ווי מען נעמט זיך צו דער געזעלשאפט. מאע האט דער־קלערט אז די נאטור פון דער ערד בייט זיך דא יעדע צוואנציק מעטר. מען דארף זיין גערעכט, עס איז דא גארנישט פארויס־צוזען. און ווען די צוויי האבן ווייטער גערעדט געגן די עלצטע, איז ער געווארן אומרויק און זיך ארומגעקוקט אין די זייטן.

— זאל זיין שטיל! פאר איצט איז שוין גענוג.

— דו האס רעכט, האט לעוועק געזאגט, וועלכער האט פיי־ווי גערעדט שטיל. דאס קען שאדן.

אפילו אין דער דאזיקער טיפקייט האבן זיי אויך מורא געהאט פאר שפיאנען, גלייך ווי די קוילנווענט זאלן האבן אויערן.

— עס מאכט נישט! האט שאוואל אנגעהויבן הויך און מיט ארויספאדערנדיקן טאן, ווען דער דאזיקער חזיר דאנסאערט, זאל נאכאמאל רעדן צו מיר אין דעם זעלבן טאן ווי דעמאלט, וואלט איך אים געגעבן מיט א ציגל אין בויך... מיר שטערט גארנישט, אפילו נישט זיין בלאנדינקע, וואס האט אזא צארטע הויט.

דאס מאל האט זכריה אויסגעפלאצט מיט א הויך גע־לעכטער. איבער דער ליבע פון דעם אויבער־אויפזעער מיט לא־פיעראן האט מען זיך אין די גרובן שטענדיק געוויצלט. אפילו קאטערינע, וועלכע איז געשטאנען אנגעשפארט אויף איר

לאפּאסע, האָט זיך געהאַלטן בײ די זײטן און אײנצײטיק האָט זי געקלערט װי איבערצוגעבן ענטיענען אין אײניקע װערטער די סבּה פֿון איר לאַכן. מאַע דאַגעגען איז געװאָרן בײז. אים האָט באַהערשט אַ מורא, װעלכע ער האָט גאַרנישט געפּרוּװט צו פֿאַרבאָרגן.

— נו? װעסט אַמאָל שװײגן!... װאַרט כּל־זמן ביסט נאָך אַלײן גאַנץ, אויב דו װילסט עס זאָל דיר אַן אומגליק געשעען.

ער האָט נאָך גערעדט, װען פֿון דער העכערער גאַלעריע האָבן זיך דערהערט שריט. באַלד האָט זיך באַװיזן דער אינזשינער פֿון די גרובן, דער קלײנער רעגרעל, װי די אַרבעטער האָבן אים גערופֿן צװישן זיך. און הינטער אים דאַנסאַערט, דער אױבעראױפֿזעער.

— איך האָב עס דאָך געזאָגט! האָט מאַע אונטערגעברומט, זײ זענען שטענדיק דאָ, װי זײ זאָלן פֿון דער ערד אַרױסװאַקסן.

פּאַול רעגרעל דער ברודערזון פֿון הער הענעבאָ איז געװען אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָר זעקסאונצװאַנציק, אַ שלאַנקער און אַ שענער מיט זײער פֿלײסיק פֿאַרקעמטע האָר און ברױנע װאָנצעס. ער איז געװען געקלײדעט װי די אַרבעט, דאָס פּנים װי בײ זײ, שװאַרץ פֿון קױל און כּדי צו פֿאַרדינען זיך אַכטונג מצד די אַרבעטער, האָט ער אַרױסגעװיזן שטענדיק פֿול מוט, געקלעטערט אױף די געפֿערלעכסטע ערטער, װי מען האָט געקענט צעבראָכן האַלדז און נאַקן און בײ יעדער אומגליק געװען דער ערשטער.

— מיר זענען אױפֿן אָרט, נישט אמת, דאַנסאַערט? האָט ער געפֿרעגט. דער אױבעראױפֿזעער, אַ בעלגיער מיט אַ פֿלײסיק געזיכט און גרױסע תּאוהדיקע נאָז, האָט אָפּגעענטפֿערט אין אַ איבערגעטריבן העפֿלעכן טאָן:

— יאָ, הער רעגרעל... דאָ איז דער מאַן, װעלכן מען האָט הײנט פֿרי צוגענומען.

בײדע זענען אַרײנגעקראָכן אין מיטן פֿונם אַרבעטסלאָך און צוגערופֿן עטיענען. דער אינזשינער האָט אױפֿגע-

הויבן דאָס לעמפּל און אים באַטראַכט, נישט שטעלנדיק אים קיין איין פראגע.

עס איז גוט, האָט ער זיך ענדלעך אָפּגערופן. איבעריגנס האָב איך עס נישט ליב, אז מען נעמט צו מענטשן פון דער נאַס... דאָס דאַרף מער נישט געשעען.

ער האָט גאר קיין אַכט נישט געלעגט אויף די ארגומענטן, וועלכע מען האט אים געבראַכט וועגן דער דרינגלעכקייט פון דער אַרבעט, וועגן דעם אַלגעמיינעם ווונטש צו פארבייטן די מיידלעך-שיבערינס אויף מענער; ער איז געשטאַנען און אויפמערקזאם באטראַכט דעם סופיט, אין דער צייט ווען די אַרבעטער האָבן זיך צוריק גענומען צו זייער אַרבעט; פלוצים האָט ער אויסגערופן:

— זאָגט נאָר, מאַע, זענט איר אפשר נישט ביי דעם זינען?... איר ווילט דאָ אַלע באַגראָבן ווערן?

— ע, דאָס האַלט נאָך שטאַרק, האָט אָפּגעענטפערט דער אַרבעטער רויהק.

— ווי? פעסט!... דער פעלז האָט שוין שפּאַלטן און דערצו גיט איר נאָך די שטיץ-באַלקן אויף צוויי מעטער אָפּגעטרעטן, חי עס זאָל אייך זיין אַ שאַד האַלץ! אַך! איר זענט איינע אין די אַנדערע געראַטן: איר וועט זיך בעסער לאָזן דעם שאַרבן צעגעמען, איידער אָפּגעבן די נויטיקע צייט אויף צו פאַרבויען. עס זאָל שוין געמאַכט ווערן! די באַלקנס מוזן זיין דאָפּלט, איר פאַרשטייט?

און אַז די אַרבעטער האָבן געמאַכט נישט קיין צופרידענע פּנימער, מיינענדיק דערמיט צו זאָגן, אַז זיי וויסן שוין אַליין ווי זיך אָפּצוהיטן, האָט ער זיך נאָך מער צעהיצט:

— און אַז עס וועט אייך די קעפּ צעשמעטערן, צי וועט איר נאָר אַליין טראָגן די פאָלגן דערפון? געוויס נישט! די געזעלשאַפט וועט אייך מוזן צאָלן פּענסיע, אייך אָדער אייערע פרויען... איך זאָג עס אייך נאָכאַמאָל, איך קען אייך שוין גוט. כדי צו האָבן איבערן טאָג נאָך אַ צוויי וואַגאָנס צוגעשטעלט, וו[...]ט איר אייער הויט פאַרקויפן.

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואס זיין כעס איז אלעמאל געשטיגן, האט אים מאָע אפגעענטפערט נאך געגוג רויק:

— ווען מען זאל אונדז בעסער צאלן, וואלטן מיר אויך זיך בעסער פארבויעט.

דער אינזשיניער האט אַ צי געטון מיט די אקסלען, נישט אפענטפערנדיק גארנישט. ער איז לאנגזאם צוגעגאנגען ביז צום סוף פון דעם דורכגאנג און זיך אפגערופן פון דארט

— עס בלייבט אייך נאך איין שעה איבער. ברענגט אלץ אין ארדנונג. און איך מאך אייך אויפמערקזאם, אז פאר דעם שלעכטן פארבויען ווערט אראפגענומען פון אייער לוין דריי כראנק שטראף.

אַ טעמפּ מורמלען פון די העקער האט באגלייט די לעצטע ווערטער. נאר די מורא פאר דעם שטרענגען כמעט מיליטערישן רעזשים, וואס האט געבראכט דערצו, אז פונם שיקיינגל ביז דעם אויפזעער האָט זיך איינער פאַר דעם אַנדערן געבויגן, האָט זיי אָפּגעהאַלטן. שאוואל און לעוואק האָבן געהאַט אַ צערייצט אויסזען, נאָר מאָע האָט זיי מיט אַ בליק דערמאנט, אז זיי מוזן זיך אויפהאַלטן רויק, זכריה האָט איראָניש געהויבן די אַקסלען, אַממערסט, אפשר, האָט געציטערט עטיען. צייט ער האָט זיך אין דער הייל געפונען, איז ביי אים אין אינגעווייט עטוואָס אלץ מער און מער אויפגערייצט געוואָרן. ער האָט דערזען שטיין קאַטערינען אינגאַנצן פאַרצווייפלט מיט אן איינגעבויגענעם קאָפּ. איז עס דען מעגלעך, אז מענטשן זאָלן אזוי שווער אַרבעטן און אין אַזעלכע פינצטערע היילן זייערע כּוחות אַוועקגעבן און פאַרדינען נישט מער ווי עלעכטע סו, וואָס מען דאַרף האָבן אויף דעם טעגלעכן ברויט

דערווייל האָבן זיך נעגרעל און דאנסאערט דערווייטערט. דאנסאערט האָט געהאלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ אלס צייכן פון איינשטימיקייט, זיי האָבן ווידער גערעדט הויך, אָפּשטעלנדיק זיך און נאָכאמאָל באַטראכנדיק דאָס פארבויען פון דעם סופּיט.

— אז איך זאָג אייך, די לייט קימערן זיך וועגן גאָר־נישט! האָט דער אינזשיניער געשריגן. און איר... צום טייוול! ניט איר גאַרנישט אכטונג אויף דער אַרבעט?

— אָ יאָ, אָ יאָ, האט געשטאַמלט דער אויבעראויפזעער, און איז שוין מיד פון איבערחזרן זיי דאס זעלבע.

— מאַע! מאַע! האָט דער אינזשיניער געשריגן צערייצט.

אלע זענען אַראָפּגעשטיגן, ער האָט פאַרכ...עזעצט.

— קוקט זיך צו! קען דאָס האַלטן?.. די גאַנצע אַרבעט איז ווי פאר אַ קאַץ... איצט פאַרשטיי איך שוין פארוואָס עס קאָסט אָפּ אזויפיל געלד די אויסבעסערונגען! נישט אמת, ווען עס האלט נאָר אזוי לאַנג, ביז איר זענט דערפאר פאַר־אנטוואָרטלעך? דערנאָך מעג זיך אַלץ אומוואַלגערן, און די גע־זעלשאפט מוז אויסהאַלטן אַ גאַנצע ארמעי פאר אויסבעסערן...

שאוואַל האָט זיך געוואָלט אַנרופן, יאר ער האָט אים באַפוילן צו שווייגן.

— ניין, איך ווייס שוין וואָס איר ווילט זאָגן, מען זאָל אייך מער צאָלן, נישט אמת? נו, מאך איך אייך אויפמערקזאם, אז איר וועט צווינגען די דירעקציע אייך צו באַצאָלן באזונדער פאר דעם פארבויען און אין הסכם דערמיט אזויפיל אראָפּלאָזן פונם פרייז פון די וואגנס, וועלן מיר זען צו איר וועט עפּעס דערפון געווינען?.. דערווייל, מוז דאָ באלד פארבויעט ווערן, איך וועל מאָרגן קומען.

און ווען אלע זענען נאָך געשטאנען שווייגנדיק אונטער דעם איינדרוק פון דער דראָונג, האָט ער זיך דערווייטערט. דאנסאערט, וועלכע איז געווען אזוי דערשלאָגן אין זיין געגנ־וואָרט, איז נאך געבליבן עטלעכע מינוט שטיין, כדי צו זאָגן די אַרבעטער אַפאָר הארטע ווערטער:

— צוליב אייך מוז איך הערן אזעלכע גראָבע ווערטער... נישט מיט דריי פראנק שטראָף וועל איך זיך נאָך באַגנוגענען. בעמט עס אייך אין אכט!

ווען ער איז שוין געהאַט צוועקגעגאַנגען, האָט מאַע אויסגעשאָסן:

— גאָט אין הימל! וואס עס איז אן אומגערעכטיקייט, בלייבט אן אומגערעכטיקייט, איך האָב גערעדט רויק, ווייל איך האַלט, אז אויף אזא אופן איז אמבעסטן זיך צו פאַרשטענדיקן, אָבער דאס קען דעם מילדסטן מענטשן ארויסברענגען פון דער העזה... האט איר געהערט? דעם פרייז פון די וואגנס פארקלענערן אויף דעם רעכנונג פון פאַרבויען! דאס איז אַ מיטל אזוי אַ נאָך ווייניקער אונדז צו צאָלן!.. גאָט מיינער, גאט מיינער!

ער האט עמעצן געזוכט, אויף וועמען זיין כעס אויסצוגיסן און האט באַמערקט עטיענען און קאַטערינען שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט.

— ווילט איר באלד ברענגען האָלץ! האט ער געשריגן, גייט עס אייך עפּעס אָן?..

עטיען האט זיך געאיילט צו ברענגען האלץ, נישט זייענדיק איינגאַנצן אויפגעבראכט אויף דעם גראבן טאָן, ווייל ער אליין איז געווען אזוי אויפגעבראכט אויף די עלצטע, אז די ארבעטער האבן אים נאך אויסגעזעצן צו מילד.

לעוואק און שאוואל האבן זייער צארן אויסגעגאסן אין גראבע ווערטער. אלע, אפילו זכריה, האבן צערייצטע געארבעט ביי דעם פאַרבויען. אַ האלבע שעה האט מען נישט געהערט גארנישט אויסער דאס קראכן פונם האלץ און דאס קלאַפּן פון די העק, מיט וועלכע מען האט דאס האלץ באַפעסטיקט. אלע האבן געשוויגן, נאר דעם כעס זייערן האבן זיי אויסגעלאזט צו די שטיינער, וועלכע, זיי וואָלטן אויף שטיקלעך צעשמעטערט ווען זיי וואלטן נאר געקאָנט.

— עס וועט שוין זיין גענוג? האט ענדלעך געזאגט מאע, ערשעפּט פון כעס און אנשטרענגונג. עס איז שוין האלב צוויי... הא! דאס וועט זיין אַ ריינער טאג, מיר וועלן קיין פופציק סו נישט האבן!.. איך גיי איצט, עס איז מיר איינגאנצן צוגענומען געווארן דער אפּעטיט צו ארבעטן. און כאטש עס איז נאך איבערגעבליבן אַ האלבע שעה צו אַרבעטן, האט ער דאָך זיך גענומען אנטון. די איבעריקע האבן אים נאכגעטון. שוין

דער אנבליק אליין פון דעם ארבעטס־פלאץ האט זיי אויפגע־בראכט. ווען די וואגנשיבערין האט זיך צוריק גענומען צו איר ארבעט, האבן זיי זי צוריק גערופן, צוליב איר ארבעטס־אייפער: ווען די קוילן זאלן האבן פיס, וואלטן זיי שוין אליין געגאנגען. און אלע זעקס, דאס געצייג אויף די הענט האבן זיך געלאזט גיין, האבנדיק נאך דורכצומאכן אַ צוויי קילאמעטער, ווייל זיי האבן געמוזט צוריק קומען צו דעם ארט, דורך וועלכן זיי זענען גאנץ פרי אנגעקומען.

אונטערוועגס איז עטיען מיט קאטערינען געבליבן הינטער איבעריקע און זיי האבן ביי אַ זייטיק וועגל באגעגנט די קליינע לידיע, וועלכע האט אויפגעהאלטן איר וועגעלע, כדי זיי אדורכצולאזן און וועלכע האט זיי אייבוועגס דערציילט, אז מוקעטן האט אזוי שטארק אנגעהויבן בלוטיקן פון דער נאז, אז שוין מיט אַ שעה צוריק האט זי געמוזט צוועקגיין זיך צו לעגן קאלטע קאמפרעסן. ווען זיי האבן זיך צעשיידט, האט דאס קינד ווייטער געשטופט איר וואגן, ווי אַ שווארצע, מאגערע מוראשקע, וועלכע פרווט פאר זיך צו באוועגן א צו שווערע פאר איר משא.

זיי ווידער האבן זיך אַנידערגעלעגט אויפן רוקן, צונויפ־געדרוקט די פלייצע, כדי זיך דעם שטערן נישט צעקלאַפן, און אזוי שנעל זיך אראפגעגליטשט אויף דעם שטיין, וואס איז גע־ווען גלאט אויסגעריבן פון די לעדערנע פאַרטוכער פון די ארבעטער, אז פון צייט צו צייט האבן זיי זיך געמוזט אנהאַלטן ביי די זייטיקע באלקן זיי זאלן נישט, ווי זיי האבן זיך שפּאַסנ־דיק אויסגעדרוקט, נישט כאפן קיין פייער.

פון אונטן זענען זיי אַליין געווען. דארט ווי דער וועג האט זיך פארקירצעוועט, האָבן זיך פון דער ווייטנס געלאָשן די לעמפלעך איינע נאך די אַנדערע, ווי רויטע שטערן, זייער פרייליכקייט איז פאַרשוואונדן און זיי זענען געגאַנגען מיט מידע שווערע טריט ווייטער, זי פאָראויס און ער הינטער איר. די לעמפלעך האָבן שוין גערויכערט, ער האָט זי קוים איינגעזען, אזוי איז זי געווען איינגעהילט אין רויך; דער געדאַנק, אז די

איז אַ מיידל האט אים געפּייניקט, ווייל עס האט אים אויסגעזעען נאַריש נישט צו באַנוצן זיך מיט דער געלעגנהייט און זי אַרומנעמען, און טון עס האט ער נישט געקאנט צוליב דער ערינערונג פון דעם אנדערן. זי האט געוויס געזאגט אַ ליגן: דער אַנדערער איז איר געליבטער. זי האט ווידער זיך יעדע מינוט צו אים געווענדט און געמאַכט אויפמערקזאַם אויף אַן אנדער שטערונג, עס האט אויסגעזעען ווי זי זאל אים וועלן אויפ־מונטערן, אים מאכן מער ליבעסווירדיקער. זיי זענען געווען אזוי איינער אליין און זיך געקענט שפּאַסן, ווי אמתע גוטע פריינט! ענדלעך זענען זיי ארויסגעקומען אין דער הויפּט־גאלעריע, וואס פאר אים איז עס געווען אַ אויסלייזונג פון דער פּיין פון אומאנטשלאסנהייט; זי אבער האט אים צום לעצטן מאל צוגעווארפן אַ טרויעריקן בליק, אין וועלכן עס איז געלעגן באַדויערן איבער דעם פאַרשווונדענעם גליק, וואס וועט שוין אזוי גיך נישט צוריקקערן.

איצט האט אַרום זיי פּולסירט דאס אונטערערדישע לעבן. אויפזעער זענען ארומגעגאנגען אהין און אַהער, צוגן זענען אנגעקומען און צוריק געגאנגען. אומאויפהער האבן אין דער טונקלקייט אויפגעבליצט די לעמפּלעך. זיי האבן זיך געמוזט צו דער וואנט צודריקן, כדי דורכצולאזן טינקעלע געשטאלטן פון מענטשן און פערד, ועמענס אטעם עס האט זיי אין פּנים אַריין געשלאגן, יעאנלין, וועלכער איז באַרפעס נאָכגעלאָפן נאך זיין צוג, האט זיי צוגעוואָרפן אַ גיפטיק וואָרט, נאר זיי האבן עס נישט איינגעהערט צוליב דעם גערויש פון די רעדער. זיי זענען געגאַנגען ווייטער, זי איצט אַ שווייגנדיקע, און ער נישט גע־דענקנדיק די קרייצונגען און וועגן פון גאנצפרי, האט זיך איינגערעדט, אז זי פירט אים אלץ טיפער אין דער ערד. ער האט שוין געצווייפלט צו קומען אַ מאָל צו אַ ציל, ווען פּלוצים האבן זיי זיך געפונען אין דער זאל, ווי עס קומט פאר דער אויפצוג.

שאוואל האט זיי צוגעווארפן אַ בליק פון דער זייט און זיין מויל האט זיך חשדימדיק געקנייטשט. די אנדערע זענען

געשטאַנען באַגאָסן מיט שווייס אין דעם קאַלטן צוגווינט, אַזוי שווייגנדיק ווי ער, און מיט פאַרביסענע ליפּן פון כּעס. זיי זענען צו פרי געקומען און מען האָט זיי נישט געוואָלט אויפהייבן פריער פון אַ האַלבע שעה, בפרט אַז מען האָט נאָך געמאַכט פאַרברייטונגען אַ פערד אַראָפּצוברענגען.

מאַע האָט אויסגעפּרוּווט דאָס לעצטע מיטל. ער האָט זיך דערנענטערט צו פּיעראַנען, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין זעקס־שעהדיקע דינסט.

— הער נאָר, דו קענסט אונדז אויפהייבן.

נאָר פּיעראַן, אַ היבשער בחור מיט אַ קרעפּטיקן קערפּער־בוי און פריינטלעך געזיכט האָט אים אָפּגעזאָגט מיט אַ מינע פון שרעק.

— אוממעגלעך, בעט אַן ערלויבניש ביי אַ אויפזעער... איך וועל מוזן באַצאָלן שטראָף.

ווידער איז דורך דער גרופּע פון העקער אַ פאַרשטיקט מורמלען אַ דורך. קאַטערינע האָט זיך איינגעבויגן און איינגע־רוימט עטיענען אין אויער:

— קום, וועל איך דיר ווייזן די פערדשטאַלן. דאָרט איז זער אָנגענעם! זיי האָבן זיך געמוטש אַהינלאָזן אומבאַמערקט ווייל עס איז געווען דאָרט פאַרבאָטן צו גיין. דער שטאַל האָט זיך געפונען אויף לינקס צום סוף פון אַ לאַנגער גאַלעריע. ער האָט געהאַט אַ פינפאונצוואַנציק מעטער די לענג, אַ פיר מעטער די הויך אויסגעהאַקט אין די פעלזן און האָט געקענט אַריינגעמען אַ צוואַנציק פּאָר פערד. און ווירקלעך איז דאָרט געווען זער אַנגענעם, ווארעם פון די פערד און אַן אָנגענעמער ריח פון פרישער זויבערער שטרוי. דער איינציקער לאָמפּ האָט דאָ געברענט רוהיק, ווי אַ נאַכטליכט. די פערד האָבן אויסגע־דרייט די קעפּ, און מיט גרויסע קינדערשע אויגן נייגיריק באַטראַכט די וואָס זענען אַריינגעקומען, דערנאָך ווידער אָן האָסט זיך גענומען צום האָבער. צווישן זיי איז געווען קרעפּטיקע און גוט אויסגעשפּייזטע אַרבעט־פערד, וועלכע יעדער האָט ליב געהאַט.

ווען קאטערינע האט הויך געלייענט די נעמען פון די פערד פון די צינק-שילדלעך אַראָפּ, וועלכע זענען געווען צעהאנגען איבער די קאַרעטעס, האָט זי פּלוצים אויסגעשריגן, ווייל פאר איר האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן אַ געשטאלט, דאָס איז געווען מוקעט, וועלכע איז אַ דערשראקענע אַרויס-געקראכן פון אַ בארג שטרוי, אויף וועלכן זי האט גע־אט איינ-געדרימלט. יעדן מאגטיק, זייענדיק שטארק מיד פון די זינטיק-פארווײלונגען, פלעגט זי זיך געבן אַ שטארקן זעץ מיטן פויסט אין נאָז, און אונטער דעם אויסרייד, אז זי מוז זיך קאַלט וואַסער צולייגן צו האַמען דאס בלוט, האט זי פארלאזט דעם אַרבעט-פּלאַץ. זי פלעגט דאן אנטלויפן דא אַהער צו די חיות אינם וואַרעמען שטרוי. איר פאטער איז געווען געגן איר צו שוואך און האט עס געדולדן, נישט קוקנדיק אויף דעם וואס ער האט דערפון געקענט האבן אומאנגענעמליכקייטן.

באַלד איז אריינגעקומען מוקעטס פאטער אין שטאַל אריין. דערזעענדיק די צוויי אנדערע מיט זיין טאכטער האט ער זיך צעכעסט:

— וואס האט איר דא אַלע צו טון, וואס? מארש, ארויס פונדאנען! דאס וועט זיין גאנץ פיין, ווען איר וועט מיר אַלע דא אַהער קומען אפטון אייערע געמיינהייטן!...

מוקעט האָט דאָס איינגעפונען פאר זער קאָמיש און האט זיך געטרייסלט פאר געלעכטער. עטיען דאגעגן האָט זיך געפילט אין גרויסער פארלעגנהייט און האָט באַלד פאַרלאזט דעם שטאַל; קאַטערינע האָט צו אים צוגעשמייכלט. ווען אַלע דריי זענען צוריק געקומען צום אויפצוג, האָבן זיי דאָרט געטראָפן יעאנלינען און בעבערטן מיט אַ וואגן. עס איז געווען אַ שטיקל פויזע און דאָס יינגע מיידל האָט זיך דערנענטערט צו זייער פערד, האָט עס געגלעט, דערציילנדיק פון דעם איר באַגלייטער, דאָס איז געווען באַטאַי, דאָס עלצטע פערד אין די גרובן. שוין צען יאָר אַז דאָס ווייסע פערד האָט זיך אין דער טיפעניש געפונען, פארנעמענדיק כסדר דאָס זעלבע ווינקל אין שטאַל, דורכוואַנדערנדיק אַלע טאָג די זעלבע טונקעלע געגנ

און נישט אָנקוקנדיק קיינמאָל דאָס טאָגליכט. מען האָט אים זער גוט דערנערט, ער האָט אַ גלאַנציקע פעל און זער אַ גוטמוטיקן אויסזען. ער האָט געפירט דאָ, אין געגענזאַץ צו די אומגליקן און צרות פון אויבן, אַ שטיל רויהק לעבן פון אַ חכם, איבעריגנס איז ער דאָ אין דעם חושך געוואָרן זער כיטרע, האָט זיך צוגעוווינט צו אַלע טונקעלע גענג, זיך איינגעבויגן ווו מען האָט באַדאַרפט, כדי זיך נישט צו דערלאַנגען, און מיטן קאָפ אויפגעעפנט די לופט־טירן. עס איז אָן שום צווייפל, אַז ער פלעגט איבערציילן וויפיל מאָל ער איז געפאָרן, ווייל נאָך אַ באַשטימטער צאָל, האָט ער מער נישט געוואָלט גיין און מען האָט אים געמוזט צובונדן צו דער קאַרעטע. איצט איז געקומען די עלטער און זיינע קאצנאויגן האָבן באַקומען אַ זער מעלאנכאלישן אויסזען. אפשר האָט אויפגעטוירט אין זיינע שטילע חלומות דאָס בילד פון דער מיל, נאענט נעבן מארשיען, אין וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן. עפעס האָט געגליט אין דער לופט, אַ מין ריזיקער לאָמפ, וועלכן זיין חיהשער זכרון האָט זיך נישט געקענט גוט פארשטעלן, און ער איז געבליבן שטיין מיט אן אַראָפּגעהאָנגענעם קאָפ ציטערנדיק אויף זיינע אַלטע פיס און געמאַכט אומזיסטיקע אָנשטרענגונגען זיך צו דערמאַנען אין דער זון.

דערווייל איז די באַוועגונג אין דער הויפּ־גאלעריע געווען אין פולן גאנג. דער סיגנאל־האמער האט געגעבן דריי קלעפּ און פון אויבן האט מען אנגעהויבן אראפלאזן דאס פערד. דאס איז שטענדיק געווען אַ געשעעניש, ווייל צייטנווייז האט די חיה זיך אזוי איבערגעשראקן, אז פון אונטן איז זי אנגעקומען שוין אַ טויטע. פון אויבן פלעגט מען עס איינהילן אין אַ נעץ, אין וועלכער עס פלעגט זיך אומבאהאָלפן און פארצווייפלט ווארפן, ווי נאר עס האט דערפילט, אז עס איז פארשוונדן דער באָדן פון אונטער די פיס, אזוי פלעגט אים אַ דורך אַ ציטער איבער דעם גאנצן קערפער אין פארשטארט פון שרעק פלעגט עס מיט ברייט פונאנדערגעעפנטע אויגן קוקן פאר זיך. דאס פערד, וואָס מען האט איצט אַראָפּגעלאָזט איז געווען צו

דרויס און מען האט דעם געמוזט דעם קאָפּ צו דער זייט צובינדן. דאס אַראָפּלאָזן האט געדויערט דריי מינוט, ווייל מען איז געווען פאָרזיכטיק און די מאַשין געלאָזט זער לאַנגזאם. פון אונטן איז שוין געווען אַלץ באַזאָרגט. אומבאַוועגליך און שטאַר פון שרעק איז דאָס פערד ענדלעך אַראָפּגעקומען. עס איז געווען פון אַרויטברוינעם קאָליר און קוים דריי יאר אלט געוועזן. גערופן האָט מען עס טראַמפּעט.

— אַכטונג! האָט געשריגן דער פאָטער מוקעט, וועלכער האָט עס אָפּגענומען. ציט עס דאָ אַהער; בינדט עס נאך נישט אויף!

טראַמפּעט איז אַראָפּגעלאזט געווארן אויפן שטיינבאדן ווי נישט קיין לעבעדיקע מאַסע. דאָס פערד האט זיך נאך אַלץ נישט גערירט, מען האט עס אנגעהויבן אויפבינדן, אינדעם איז אריינגעקומען באַטאַי און אויסגעשפּאַנטער און אויסשטרעקנדיק דעם האַלדז האָט ער באשמעקט דעם נייעם חבר, וועלכער איז אַראָפּגעפאַלן פון דעם אויבערוועלט. די אַרבעטער האבן אים לאכנדיק געמאַכט פּלאַץ. נו, וואס פאַר אַ גוטן ריח האָסטו דא געפונען? נאר באַטאַי האָט זיך גארנישט געקימערט איבער דעם חוזק־מאכן און האט נאך שטאַרקער געשמעקט. ער האט דא זיכער דערשנאַפּט דעם גוטן ריח פון פרישער לופט, דעם לאַנג פאַרגעסענעם ריח פון זונבאַשיינטע קרייטעכצער און ער האט פלוצים אויסגעבראכן אין אַ הויך הירזשען. דאס איז געווען אַ מין שלום־עליכם, די פרייד איבער דעם לאַנג פאַרגעסענעם, פון וועלכן עס איז צו אים דערגאנגען און דער טרויער איבער דעם נייען געפאנגענעם, וועלכער וועט שוין לעבעדיק נישט אנקוקן דאס טאגליכט.

אַה! באטאַי! האבן גערופן די אַרבעטער, לוסטיגע איבער דעם קאָמישן האלטן זיך פון זייער ליבלינג. ווי ער פלוידערט עס מיט זיין חבר!

טראַמפּעט איז באַפרייט געווארן פון זיינע שטריק, נאר ער האט זיך נאך אַלץ נישט גערירט. ענדלעך האט מען אים אויפגעמונטערט מיט אַפּאָר בייטשן און פאָטער מוקעט האט ביידע צוזאמען אפגעפירט אין דעם שטאַל.

— נו, און איצט וועלן מיר שוין גיין? האט מאַן געפרעגט.

מען האָט פריער געמוזט אַלץ ברענגען אין אָרדנונג און אויסער דעם האבן נאך געפעלט צען מינוט צום טערמין פון אויפשטייגן. פאַמעלעך האבן זיך אפגערייניגט די אַרבעט-פלעצער, פון אַלע וועגלעך זענען זיך אונגעקומען אַרבעטער. עס זענען זיך שוין צונויפגעקומען אַ פופציג פארשוין. פיעראַן, נישט קוקנדיק אויף זיין גוטמוטיק פנים, האט אַראָפּגעלאָזט זיין טאָכטער לידיע אַ פּאטש דערפאַר, וואָס זי האט פארלאָזט די אַרבעט פאר דער באשטימטער צייט. אין דער זייט איז זיך געשטאנען זכריה און שטילערהייט געקנופּט מוקעטן. דער גערויש איז דערוויילן אַלעמאל גרעסער, שאוואל און לעוואק האבן פארציילט פון דעם אינזשעניערס דראהונג צו פאַרקלענערן דעם פרייז פון די וועגן און באזונדער צאלן פאר דעם פאר בויען. צאָרנדיקע אויסרופן האבן באַגלייט דעם פּראָיעקט או אין דעם ענגען רוים, זעקס הונדערט מעטער אונטער דער ערד, האט געיערט אַ בונט.

די דאָזיקע אַלע מענטשן, וועלכע זענען געווען שוואַרץ פונם קוילנשטויב און געפרוירן פון דעם לאנגען וואַרטן אויף דער אייזקאַלטער לופט, האָבן באַשולדיקט די געזעלשאַפט, אַ זי ברענגט אוּם די אַרבעטער אַ טייל דורך הונגער, און אַ טייל דורך איבערמענטשלעכער אַרבעט. עטיען האָט ציטערנדיק זיך צוגעהערט צו אַלץ.

— איילט אייך! איילט אייך! האָט איבערגעחזרט דער אויפזעער ריכאם. ער האָט אונטערגעיאָגט די אַרבעטער אויפצושטייגן און נישט ווילנדיק שלעכט האַנדלען לגבי זיי, האָט ער זיך געמאכט, ווי ער הערט גאָרנישט. דער טומל איז אָבער געוואָרן אזוי שטאַרק, אַז ער איז געווען געצוואונגען זיך אַריינצומישן. הינטער זיין ריקן האט מען געשריגן, אַז דאס וועט זיך אזוי אייביק נישט ציען און אַז אין איין שענעם פרימאָרגן וועט אַלץ אויסשפּרינגען.

— דו ביסט דאָך דער קלוגסטער, האָט ער געזאָגט צו

מאען, מאך זיי זאָלן שווייגן, ווען מען איז נישט דער שטארקסטער, באדארף מען זיין דער קלוגסטער.

נאָר מאָע, ווען צאָרן עס האט זיך שוין געהאט איינגע־שטילט, און וועלכער האט זיך אָנגעהויבן באומרויקן פונדעם אלעמען, האט דאך נישט געקענט פארמיטלען אין דעם פאל, פלוצים איז געוואָרן שטיל. נעגרעל און דאנסאערט, וועלכע האבן צוריק־געקערט פון אַן איגספעקציע, זענען אנגעקומען אין דער גאַלעריע אויך אָפגעגאסענע מיט שווייס. די געוויגהייט פון דיסציפלין האט געווירקט אז די מענטשן זאלן זיך אויסשטעלן אין אַ ריי און דורכלאזן דעם אינזשעניער, וועלכער איז שווייגנ־דיק פארביי געגאנגען. ער איז איינגעשטיגן אין איין וואָגן, דער אויבערשטער אין צווייטן; פינף סיגנאלן האבן געגעבן צו וויסן דאס אויפשטייגן פון דעם „גרויסן פלייש", ווי די ארבעטער האבן זייערע עלצטע גערופן, און ביי דעם שטילשווייגן פון די ארבעטער האט זיך די ווינדע אויפגעהויבן אין דער הויך.

אין דעם וואגן אין וועלכן עטיען איז אויפגעשטיגן, האט ער זיך באשלאָסן צוריק אומצוקערן זיך צום וואַנדערלעבן. עס איז שוין גלייכער אומצוקומען, איידער נאכאמאל זיך אראָפלאזן אין דער טיף פון דעם גיהינום, וווּ מען פארדינט קוים אויפן טעגלעכן ברויט.

פלוצים איז ער געווארן ווי פארבלענדט. דאס אויפ־שטייגן איז פארגעקומען אזוי שנעל, אז ער האט זיך פאר דעם טאָגליכט דערשראקן און זיינע אויגן האבן זיך צוגעמאכט פאר דער העלקייט, פון וועלכער ער האט זיך שוין אפגעוואוינט. ער האט דאך זיך דערפילט לייכטער, ווען ער האט דערהערט, ווי מען האט די ווינדע שוין פאַראנקערט. אַן ארבעטער האט אויפגעעפנט די טיר און אַ שטראם פון בערגלייט האט זיך אַרויס־געגאסן פונם וואגן.

— זאָג נאָר, מוקעט, האָט זכריה צוגעפליסטערט דעם אַרבעטער, וואָס האט געעפנט די טיר, גייען מיר היינט אָוונט אין וואָלקאַן?

דער וואָלקאַן איז געווען אזא טיי און קאָנצערט-הויז

אין מאָנטסו. מוקעט האָט אַ פינטל געטון מיטן לינקן אויג און האָט פאַרצויגן די ליפּן אין אַ שמייכל. ער איז געווען קליין און דיק ווי דער פּאָטעה זיינער, נאָר אַ נאָז האָט ער געהאַט אַ פאַר־שייטע פון אַ פריילעכן לעבּ־יינג, וועלכער פאַרהוליעט אַלץ נישט זאָרגנדיק פאַר מאָרגן. פונקט איז דורכגעגאַנגען זיין שוועסטער, לא מוקעט, און ער האָט מיט ברידערלעכער צערטלעכקייט אַראָפּ־געלאָזט אַ שווערן קלאַפּ אויף די ברוסטן.

שאוואל, כאַפּנדיק אַ קוק אינם צעטל וואָס איז געווען ארויסגעהאָנגען אין דער קליינער ביורא פונם קאָנטראָליער, האָט זיך אָנגעצונדן פאר כעס. ער האָט פעסטגעשטעלט, אז מען האָט זיי צוויי וואגנס אָפּגערעכנט, איינעם, ווייל ער האָט נישט געהאט די נויטיקע לויט די פּאָרשריפטן צאָל קוילן, און דעם צווייטן, ווייל די קוילן זענען נישט געווען ריין.

— דער טאָג איז פאלשטענדיק, האָט ער אויסגעשריגן נאָך צוואַנציק סו ווייניקער!... דאס קומט דערפון וואָס מען נעמט צו טויגעבישטן, וועלכע נוצן אויס זייערע הענט, אזוי ווי אַ חזיר זיין ווייבדל!

און דער זייטיקער בליק, וועלכן ער האָט געווארפן אויף עטיענען, האט דערגענצט זיין געדאַנק. עטיען האט חשק געהאַט אפצוענטפערן מיט אַ פּאַטש, נאר באלד האט ער זיך דערמאנט אז קיין גוטס וועט דערפון נישט אַרויסקומען און סיי־ווי גייט ער דאך אַוועק. זיין באַשלוס איז געווען פעסט.

— מען קען נישט גלייך מיטן ערשטן טאג שוין צוטרעפן, מארגן וועט עס שוין גיין בעסער, האט זיך אַריינגעמישט מאע, כדי צו מאכן שלום.

אַלע זענען געווען שלעכט געשטימט און האבן געפילט אַ באַדערפעניש זיך דורכצוקריגן. אַריינקומענדיק אין לאָמפּנ־מאגאזין, האָט זיך לעוואק דורכגעווערטעלט מיט דעם לעמפּלעך־אנציינדער, פּארוואַרפנדיק אים, אַז ער האט שלעכט אויסגע־רייניקט זיין לעמפל. די שלעכטע שטימונג איז אַ ביסל פאַריבער־געגאנגען ערשט אין דער וואַרמשטוב, ווו עס האט שטענדיק

נעבּרענט אַ פייער. מען האט, ווירקלעך, געמוזט האבן דא זער שטארק איינגעהייצט ווייל דער אויוון איז געווען רויט־צעגליט און דאס ליידיקע צימער אן פענצטער האט אויסגעזען אין פלאַמען צו שטיין, אַזוי בלוטיק־רויט זענען געווען די ווענט פון דעם ווידערשיין פונם פייער. און מיט צופרידנקייט האבן זיך אַלע אַ ביסל אפגעטרעטן פון דעם אויוון געווארמט די רוקנס פון וועלכע עס האט געזעצט אַ פּאַרע, ווי פון הייסע זופּן. און ווען עס איז איין רוקן געווארן צו הייס, האט מע זיך אויסגעדרייט און געווארעמט דעם בויך.

— איך גיי, האָט זיך אָנגערופן שאוואל, וועלכער האָט אַריינגערוקט דאָס געצייג אין קעסטל אַריין.

קיינער האָט זיך נישט גערירט, נאָר מוקעט האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים, מיטן אויסרייד, אַז זיי האָבן ביידע דעם זעלבן וועג. דער עולם האָט געשפּאַסט, ווייל מען האָט געוווסט, אַז ער וויל שוין מער נישט האָבן צו טון מיט איר.

קאַטערינע האָט שטילערהייט גערעדט מיטן פּאטער, וועלכער האָט לכתחילה זיך פאַרוווּנדערט און דערנאָך געשאָקלט מיטן קאָפּ אַלס צייכן פון הסכמה. צוריפנדיק עטיענען, כּדי אים אומצוקערן זיין פּאַקעט, האָט ער אים געזאָגט:

— הערט אויס, אויב איר האָט גאָרנישט קיין געלד קענט איר דאָך אויסגיין פון הונגער ביז מען וועט אויסצאָלן דעם לוין... ווילט איר איך זאָל זיך פליסן אייך פאַרשאַפן קרעדיט?

איין אויגנבליק איז דער יינגערמאַן געבליבן אין פאַר־לעגנהייט. אין דער אמתן האָט ער געוואָלט פאַרלאַנגען איינע דרייסיק סו און אַוועקגיין. נאָר עס האט אים אפּגעהאַלטן אַ געפיל פון בושה פאר דעם יינגען מיידל. אירע בליקן האָבן אוף אים גערוט, זי קען נאך אפשר מיינען, אַז ער האט מורא פאַר אַרבעט.

— איר ווייסט, איך זאג אייך גארנישט צו, האט מאט

ווייטער גערעדט, מער ווי אפגעזאגט קען מען אבער נישט ווערן.

עטיען האָט נישט געזאגט ניין. ער איז געווען איבערצייגט, אז מען וועט אים אפזאגן. איבעריגנס, פארפליכטעט אים דאס צו גארנישט, ער קען צו יעדער צייט אַוועקגיין, ווען נאר ער וועט האבן עפעס אפגעגעסן. שפעטער, ווען ער האט דערזעען די פרייד פונם יינגען מיידל, איר לאכן, איר פריינטלעכן בליק, וואס האט אויסגעדריקט איר גליק, וואס זי האט אים געקענט קומען צו הילף, האט ער זיך שטארק געערגערט וואס ער האט באלד נישט געזאגט ניין. ווהין זאל דאס אליץ פירן ?

אויסטוענדיק די שיך און פאַרשליסנדיק זיי אין דער שאָפע, האט די פאמיליע מאע די ערשטע פארלאָזט דאס וואַרעמצימער, נאָך זיי זענען זיך צעגאַנגען די אַנדערע. עטיען איז געגאנגען נאך די מאעס. נאר ווי זיי זענען צוגעקומען צום סארטיר-הויז, האט זיי אויפגעהאלטן אַ העפטיקע סצענע.

יאס סארטיר-הויז איז געווען א גרויסער שטאל מיט שווארצע פין קוילנשטויב באדעקטע באלקנס און מיט לעכערדיקע לאדנס, דורך וועלכע עס האט אריינגעווייט אַ שטענדיקער לופטציג, דירעקט פונם קאנטראליער פלעגן די קוילנוועגלעך קומען דאָ אַהער, ווו מען האָט זיי אויסגעשיט אין גרויסע בלעכענע בעקנס; רעכטס און לינקס פון די בעקנס זענען געשטאַנען איף טרעפ מיידלעך מיט לאָפּאַטעס און גראַבליעס, צונויפגענומען די קוילן אין די ריינע אָפּגעשאַרט ווייטער, פונוואנען זיי זענען דורך ליקעס אַריינגעפאַלן אין די וואגאנען פון דעם צוג, וואָס איז געשטאַנען אונטער דעם שטאַל.

דאָס האָט זיך געפונען פילאָמען לעוואק, אַ שוואַך און בלייך מיידל, וועלכע האָט אויסגעזעען ווי אַ שווינדזיכטיקע. דעם קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט אַ בלאָען טוך און די הענט ביז די עלנבויגנס שוואַרץ פון קוילנשטויב, האָט זי סארטירט נעבן אַן אלטע מפשפה, די מוטער פון לא-פיצראן, וועלכע מען

האָט גערופן ברולע, און וועלכע האט אויסגעזעען שרעקלעך מיט אירע סאווע־אויגן און צונויפגעשנורוועט מויל, ווי דאס בייטעלע פון אַ קאַרגן. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין איבערווערטלען, די יינגע האָט באַשולדיקט דער אַלטער, אַז זי שאַרט אַוועק ביי איר די קוילן, אַזוי אַז אין צען מינוט קען זי קוים איין קויש אָנפילן. מען האָט זיי געצאָלט פונם קויש, און דאָס קריגן זיך האָט דאריבער קיין ענדע נישט געהאַט. מען האָט זיך געריסן די האָר און אויף די פאַררויטלטע פנימער איז געבליבן שוואַרצע צייכנס פון די הענט.

— מאך איר אַמאָל אַלאָך אין קאָפּ! האָט זכריה געשריגן פון אויבן צו זייך געליבטע.

די סארטירערינס האָבן זיך אלע צעלאכט, נאָר לאַ ברולע האָט זיך געוואָרפן אויף דעם יינגעמאַן.

— דו פאָדלער, דו! וואָלסט בעסער אנערקענט געזעצלעך די צוויי ממזרים, וועלכע דו האָסט איר אָנגעהאנגען!..

מאע האָט געמוזט איינהאַלטן זיין זון ער זאָל נישט אַראָפּגיין און פון דער נאָענט, ווי ער האָט זיך אויסגעדרוקט, זיך צוקוקן צו דער הויטפאַרב פון דעם סקעליעט. עס איז פאַרביי־געלאָפן אַן אויפזעער, און באַלד האָבן ווידער אָנגעהויבן צו אַרבעטן די גראָבליעס אין די קוילן. מען האָט מער נישט געזען, ווי די איינגעבויגענע רוקנס פון די פרויען, וועלכע האָבן זיך געפלייסט איינע ביי די אַנדערע אוועקצושאַרן די קוילן.

דרויסן איז פלוצים דער ווינט שטילער געוואָרן און אַ פייכטע קעלט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פונם גרויען הימל. די בערגלייט האָבן איינגענורעט די פלייצעס, די הענט אויף דער ברוסט געקרייציקט און געאיילט ווייטער. ביי דעם העלן ליכט פון טאָג האָבן זיי אויסגעזעען ווי אַ מחנה נעגער, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אין בלאָטע. אייניגע וועלכע האָבן זייער „ציגל“ נישט אינגאַנצן אויפגעגעסן, האָבן דעם רעשט ברויט צוריק פארשטעקט צווישן דעם העמד און פידזשאק, וואָס האָט געבילדעט אַ הויקער אויף זייערע פלייצעס.

— האַ! אָט איז בוטערלופ! האָט זכריה לאַכנדיק אויסגע־רופן. לעוואַק האָט, נישט שטיין בלייבנדיק, זיך דורכגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער מיט זיין שכן, אַ גרויסער, ברונעטער מאַן פון אַ יאָר פינפאונדרייסיק מיט אַ פריינטלעך און בכבודיק אויסזעען.

— איז די זופּ שוין גרייט, לוּאיס?

— איך גלויב.

— און איז מיין פרוי היינט ביי אַ גוטער שטימונג?

— יאָ, איך גלויב, אז זי האָט היינט אַ גוטע שטימונג.

אויפן וועג האָבן זיי באַגעגנט נייע מחנות אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט דריי אַ זייגער. די גרובן האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין יום־טוב. טאָג און נאַכט האָט עס געווימלט אין זיי פון מענטשן־פליגעלעך, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין דורכפרעסן די שטיינער זעקס הונדערט מעטער די טיף אונטער די ריבנפעלדער.

פאָרויס זענען געגאַנגען די יינגעלייט. יעאַנלין האָט צו־פאַרשטיין געגעבן בעבערטן זער אַ קאָמפּליצירטן פּלאַן, ווי־אזוי מען זאָל קענען פאַר פיר סו באַקומען אויף באָרג טאַבאַק צום רויכערן; אין דער צייט ווען לידיע איז מיט דרך־ארץ זיך געגאַנגען אפגעטרעטן פון זיי אויף אַ געוויסן מרחק. קאַטערינע איז געגאַנגען מיט עטיענען און זכריהן. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, ערשט פאַר דעם שענק־הויז „לאַוואַנטאַזש"*) האָט זיי אָנגעיאָגט מאַע און לעוואַק.

— דאָ זענען מיר, האָט דער ערשטער געזאָגט צו עטיענען, ווילט איר אַריינגיין?

מען האָט זיך געשיידט. אַ רגע נאָך איז קאַטערינע גע־בליבן שטיין אומבאַוועגלעך און נאָכגעקוקט דאָס לעצטע מאָל דעם יינגעמאַן מיט אירע גרויסע אויגן. דערנאָך האָט זי אַ שמייכל

---

*) דער נצחון".

געטון און פאַרשווונדן מיט די אַנדערע אויף דעם וועג, וועלכער האָט געפירט אינם ארבעטס-דאָרף.

דאָס שענק-הויז האָט זיך געפונען צווישן דעם אַרבעטס-דאָרף און די גרובן, אויף אַ שיידוועג. עס איז געווען אַ צוויישטאקיק מויערל, ווייס געקאַלכט, וועלכעס האָט אויסגעזעען זייער פריינטלעך צוליב די הימלקאָלירנדיקע פאַסן, וועלכע האָבן אַרומגרייִמט די פענצטער, אויף אַ פירעקיק שילדל, וואָס איז געהאָנגען איבער דער טיר, איז מיט געלע בוכשטאַבן געווען אויפגעשריבן: „ל׳אַר-אַנטאַזש, שענק-הויז פון ראַסענער”. הינטער דעם הויז האָט זיך געפונען אַן אָפגעצוימטער פּלאַץ פאַר קעגל-שפּיל. און די געזעלשאַפט, וועלכע האָט געטון אַלעס מעגלעכעס כדי צו באַזיצן דעם קליינעם פלעך, וועלכער האָט זיך אַריינגעריסן פונקט אינמיטן פון אירע גיטער, איז געווען אין פאַרצווייפלונג פון דער שענק, וואָס איז געשטאַנען האַרט בײַ דעם אַריינגאַנג אין די גרובן.

— גייען מיר אַריין! האָט מאַע נאָכאַמאָל איבערגעחזרט עטיענען. דאָס שענק-צימער איז געווען קליין און ווייס אויסגעקאַלכט. עס האָט זיך געפונען אין דעם דריי טישן, אַ קעגן אַ טוץ שטולן און אַ סטאַיקע, די גרויס פון אַ קיך-בופעט. אין דעם אייזערנעם אייוועלע האָט געברענט אַ מאַט קוילנפייער.

— אַ גלעזל! האָט מאַע באַשטעלט בײַ אַ גרויס, בלאָנד מיידל, די טאָכטער פון אַ שכן, וועלכע האָט צייטווייליק דאָ באַדינט.

— איז ראַסענער דאָ?

דאָס מיידל האָט געדרייט דעם קראַן און אָפגעענטפערט, אַז דער הער וועט די מינוט אַריינקומען. פאַמעלעכן האָט דער בערגמאַן מיט איין זופּ אַריינגעגאָסן אַ העלפט פון דער גלאָז, כדי אָפצושווענקען דעם קוילנשטויב, וואָס איז אים געבליבן זיצן אין האַלדז. עטיענען האָט ער נישט פאַרגעלעגט. בײַ איינעם פון די טישלעך איז נאָך געזעסן איין גאַסט, אויך אַ בערגמאַן, און האָט נאָכדענקלעך פאַרענדיקט זיין גלאָז. אַ דריטער איז אַריינגעקומען, האָט באַקומען אויפן ווינק דאָס, וואָס ער

האט זיך געווינטשט, און איז באלד ארויסגעגאנגען אָן איין ווארט אויסצורעדן.

אַ מאן פון איאר אכטאונדרייסיק מיט אַ גלאט געראזירט פּנים איז אריינגעקומען מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. דאס איז געווען ראסענער, אַ געוועזענער בערגמאן, וועלכער האט צוריק מיט דריי יאר פון אַ שטרייק אויפגעהערט צו ארבעטן. עס איז געווען אַ טיכטיקער ארבעטער, אבער אויך אַ גוטער רעדנער, צוליב וואס ער איז געווען די נשמה פון יעדן בונט און דער שעף פון די אומצופרידענע. זיין פרוי, ווי די פרויען פון פיל אנדערע בערגלייט האט זיך געהאט אַ שטיקל שענק איין שטוב, נאר דערנאך ווען ראסענער האט פארלאזט די ארבעט, האט ער זיך אליין איבערגעגעבן דעם שענק און, צופרידנדיק אַ ביסל געלד, האט ער זיך איינגעפונדעוועט מיט זיין שענק הויז הארט נעבן די גרובן, ווי אַן ארויספאדערונג צו דער געזעלשאפט. איצט, האט זיין געשעפט אויפגעבליט, ביי אים איז געווארן דער צענטער פון אלע אומצופרידענע, אין וועמענס הערצער, ער האט פאמעלעך געוועקט דעם צארן געגן דער געזעלשאפט.

— דאס איז אַ מאן, וועלכן איך האב היינט פרי צוגענומען, האט מאַעו באלד דערקלערט. איז אַ שר פריי ביי דיר איינע פון די צוויי שטובן און צי וואלסטו אים אויף צוויי וואכן געגעבן קרעדיט?

אין ראסענערס ברייטן געזיכט האט זיך אויסגעדריקט אומצוטרוי, ער האט געווארפן אן אומפריינדלעכן בליק אויף עטיענען און האט אפגעענטפערט נישט אויסדריקנדיק אפילו קיין באדויערן:

— מיינע ביידע צימערן זענען פארנומען. נישט מעגלעך.

עטיען האט זיך פריער גערעכט אויף אזא ענטפער, דאך האט עס אים שמערצלעך באריִרט און ער האט זיך געוואונדערט פארוואס עס איז אים אזוי שווער פונדאנעם אוועקצוגיין. נאר מילא, ער וועט אוועקגיין, ווי נאר ער וועט זיינע דרייסיק סו דערהאלטן. דער בערגמאן וועלכער האט געטרונקען ביי דעם טיש האט זיך דערווייטערט. אלעמאל איז אן אנדערער אריינגע-

קומען זיך דורכצעשווייגקען דעם האלדז און באלד מיט שווע־
רע טריט צוריק ארויסגעאנגעגען. עס איז געווען אן איינפאך
אויסשווייגקען דעם האלדז אָן א שים פארגנינן, אָן א שום ליידנ־
שאפט, א שטימע באפרידיקונג פון א באדערפעניש.

— אזוי, איז קיין שום נייעס נישטא? האט ראסענער מיט
א באזונדער טאָן איבערגעפרעגט מאען, וועלכער האט מיט
קליינע זופן אויסגעליידיקט זיין גלאז.

מאע האט אויסגעדרייט זיין קאפ און געזעען, אז נאר איין
עטיען איז נאך דא.

— דאס נייעסטע איז, וואס מען האט זיך נאכאמאל גע־
קריגט... יא, עס האט זיך געהאנדלט וועגן דעם פארבויען...

דאס פנים פונם שענק־באלעבאס איז געווארן פורפור־
רויט, דאס בלוט האט אים געשלאגן אין קאפ אריין, די באקן
זיינע און די אויגן האבן געגליט. ענדלעך האט ער אויסגעשאסן:

— אהא! זיי האָבן זיך שוין געפונען אן אויסרייד קלע־ער
צו מאַכן די פרייז, ווי נידריק!

די אנוועזנהייט פון עטיענען האָט אים געשטערט. ער
האָט דאָך ווייטער גערעדט און נאָר פון צייט צו צייט האָט ער
אים צוגעוואָרפן בליקן פון אומצוטרוי. ער האָט גערעדט פונם
דירעקטאר האנעבאָ, פון זיין פרוי, פון דעם אינזשיניער נעגרעל
נישט אָנרופנדיק זיי דאַבי בײַ די נעמען. ער האָט געהאלטן
אין איין איבערחזרן, אז אזוי קען עס שוין לאנג נישט אָנ־
האלטן, פריער צי שפעטער, עס וועט מוזן קומען צו אן אויס־
ברוך. דער עלענד איז שוין געוואָרן צו גרויס, ער האָט אויס־
גערעכנט די פאבריקן וועלכע האָבן זיך פארמאכט, די ארבעטער,
וועלכע זענען אָפגעזאָגט געוואָרן, שוין א חודש צייט, אז ער
פארטיילט אלע טאָג מער ווי זעקס פונט ברויט. נעכטן האָט
מען אים דערציילט, אז הער דענעלין, דער באַזיצער פון
שכנותדיקע גרובן, ווייסט שוין אליין נישט ווי אזוי לענגער
זיך אויפצוהאלטן. ענדלעך האָט ער נאָך דערהאלטן א בריוו
פון ליל פול מיט באַומרויקנדיקע גריסן.

— דו ווייסט, האָט ער געשעפּטשעט, דאָס איז געקומען פון דעם מאַן, וועלכן דו האָסט אמאָל דאָ אין אָן אָוונט באגעגנט.

נאָר ער איז געוואָרן איבערגעריסן. עס איז אריינגעקומען זיין ווייב, אַ גרויסע, מאָגערע און לעבהאפטע פרוי מיט אַ לאנגער נאָז און בלאָלעכע פלעקן אויף די ליפּן. אין די פּאָליטישע צבשויאונגען איז זי געווען נאָך פיל ראדיקאלער פון איר מאַן.

— דער בריוו פון פלוכארטן! האָט זי זיך אריינגעמישט. אָה, ווען ער זאָל דאָ זיין באלעבאָס, וואָלט שוין אלץ בעסער געווען.

עטיען האָט זיך פון אייניקע מינוט צוגעהערט צום געשפּרעך, האָט פארשטאנען אין וואָס עס גייט און האט זיך אויפגערעגט ביי דעם געדאנק פון דעם עלענד און דער אידעע פון נקמה. דערהערנדיק פלוצים דעם נאָמען, האָט ער אויפגעציטערט. געגען זיין ווילן האָט ער זיך אויסגערעדט אין דער הויך:

— איך קען אים, פלוכארכטן.

מען האָט אים אָנגעקוקט און ער האָט געמוזט צוגעבן:

— יאָ, איך בין אַ מאשיניסט, ער איז געווען אין ליל מיין געהילפס-מייסטער... ער איז אַ פעיקער מענטש, כ'האָב מיט אים אָפט געשמועסט.

ראסענער האָט אים נאָכאמאָל באטראכט, נאָר דאס מאָל איז זיין פּנים געווען אינגאנצן געענדערט און ער האָט אויסגעדריקט מיטגעפיל. צנדלעך האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פרוי:

— מאַע האָט דעם הער געבראַכט, ער איז זיין וואגנשיבער, און האָט געפרעגט, צי מיר האָבן נישט אויבן אַ צימער פריי און צי מיר וואָלטן נישט געקענט גיבן דעם יינגערמאַן קרעדיט אויף פירצן טאָג. אין אייניקע ווערטער איז די זאַך געשלאָסן געוואָרן. מאָרגן קלייבט זיך ארויס אַ שכן און עס וועט שוין זיין פריי אַ צימער. איצט האָט דער באַלעבאָס זיך געפילט שוין פריי און גערעדט וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט

געהאַלטן אין איין איבערחזרן, אז ער פאַרלאַנגט פון די אַרבעטס־
געבער נאָר דאָס מעגלעכע, נישט ווי אַנדערע, וואָס פאָדערן
אוממעגלעכע זאַכן. זיין פרוי האָט געהויבן די אַקסלען, זי האָט
געפאָדערט איר רעכט איינגאַנצן.

— אַ גוטע נאַכט, האָט איבערגעריסן מאַע. דאָס אַלץ וועט
נישט ענדערן דעם עצם ענין פון אַראָפּלאָזן זיך, און כּל־זמן
מען וועט זיך אַראָפּלאָזן, וועט מוזן זיין אַזעלכע, וועלכע וועלן
דאָרט געפינען זייער סוף... קוק זיך נאָר אָן, זיך אַליין, וואָס
פון דיר איז געוואָרן זייט דו האָסט די גרובן פאַרלאָזט.

— יאָ, איך בין צוריק צו די כּוחות געקומען, האט ראַסענער
מסכּים געווען.

עטיען האָט באַגלייט דעם בערגמאַן ביז דער טיר און
אים אָפּגעדאַנקט, אָבער ער האָט נאָר אַ שאָקל געטון מיטן
קאָפּ, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט און עטיען האָט אים געזען
שווער זיך אויפהייבן אויף דעם וועג, וועלכער האָט געפירט אין
אַרבעטסדאָרף, די מאַדאַם ראַסענער, וועלכע האָט געמוזט באַדינען
די געסט, האָט אים געבעטן צוואַרטן אַ רגע, וועט זי אים
פירן אין זיין צימער, ווו ער וועט זיך קענען אַרומוואַשן. זאָל
ער בלייבן ? ער האָט זיך געוואַקלט. אים איז אַ שאָד געווען
די פרייהייט אויף די ברייטע שליאַכן ; פון איין זייט דער
הונגער און פון דער צווייטער דאָס זיין זיך אַליין באַלעבאָס.
אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אז פון זיין אָנקום אין די גרובן
איז שוין פאַרריבער מער ווי אַ יאָר, און אין זיין אינערן האט
עטוואָס געבונטעוועט זיך געגן דעם לעבן, וואָס ער וויל איצט
אָנהייבן פירן, זיין שטאָלץ איז אויפגעבראַכט געוואָרן ביי
דעם געדאַנק באַהאַנדלט צו ווערן ווי אַ בהמה, וועלכע מען
טרעט מיט די פיס.

אין דער צייט ווען עטיען האָט אזוי געפירט זיין אינער־
לעכן קאַמפּף, האָבן זיינע בליקן אַרומגעבלאַנדזשעט אויף די
ווייטע פעלדער. ער האט געוואונדערט : ער האט זיך נישט אזוי
פאַרגעשטעלט די געגנט, ווען דער אַלטער באַנעמאַר האט אים
אָנגעוויזן אויף איר מיט אַ האַנטבאַוועגונג. פאַר אים, אין טאָל,

איז געלעגן דער פארעי מיט זיינע הילצערנע און געמויערטע געביידעס, דער סארטיר־שטאל, טורעם, מאשינעריע־הויז און בלאס־רויטן קוימען, אלץ צוזאמענגעדריקט און פון א זייער נישט פריינטלעך אויסזען. ארום די געביידעס האט זיך געצויגן א פירעקיקער רוים, וועלכער האט אויסגעזען צוליב די הויפנס קוילן, וועלכע זענען געווען פאלדנוויז צעלייגט, ווי א טינט־אזערע. רעכטס האט א בראג אראפ פארשטעלט דעם אויסבליק. ערגעץ גאר ווייט האבן ווייסע פלעקן אנגעוויזן אויף די שטעט מארשיען אין צפון זייט און מאסטו צו דרום צו, אין דער צייט ווען פון מזרח האט דאס וועלדל פון פאנדאם מיט א בלאלעכע ליניע פון באבלעטערטע בוימער געזוימט דעם האריזאנט. און אונטער דעם בלאסן הימל, אין דעם מאטן ליכט פון דעם ווינטער־נאכמיטאג, האט זיך אים אויסגעדאכט, אז אלץ איז שווארץ פון דעם פארעי, אז דער קוילנשטויב לאזט זיך אראפ אויף אלע פעלדער, ציט איבער אלע בוימער, באדעקט אלע וועגן און פארבט אין שווארצן די גאנצע וועלט.

עטיען האט באטראכט דאס בילד און אממייסטן האט אים פארוואונדערט דער קאנאל, דאס קאנאליזירטע טייכל סקארפע, וועלכעס ער האט ביינאכט נישט באמערקט. דער קאנאל האט זיך געצויגן אין א גלייכער ריכטונג פון פארעי קיין מארשיען צו, א מאטע זילבערנע סטענגע פון צוויי מייל די לענג, אן אלעע, איינגעפאסט אין צוויי שורות גרויסע בוימער, צווישן וועלכע די מאט־שימערירנדיקע וואסער־שטרייפן עס האבן זיך פארלוירן אין די גרינע ברעגן. נאענט פון די גרובן האט זיך געפונען א קליינער פארט פאר די שיפלעך, וועלכע האבן אויפגענומען די קוילן דירעקט פון די באנען. דערנאך האט דער קאנאל זיך פארקירעוועט, דורכשניידנדיק די זומפן, און אויסזעענדיק מיט דער געאמעטרישער פינקטלעכקייט פון זיין גראדלינקן לויף, ווי דער לעבנס־אדער פון די פוסטע פעלדער.

עטיענס בליק האט זיך געווענדעט פונם קאנאל אויף דעם [illegible]עטס־דארף, פון וועלכן מען האט ארויסגעזען נאר די רויטע

. דערנאך האט ער זיך צוריק אומגעקערט צום פארעי

און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם ליימיקן גרוב אויף צוויי גרויסע הויפנס ציגל, וועלכע מען האָט דאָ אויפן אָרט אויסגעפּערטיקט און געבּרענט. הינטער אַ ברייטער־צוים איז דורכגעגאַנגען אַן אָפּצווייגונג פון דער אייזנבאַן פון דער געזעלשאַפט. איינאַונאיינציקער וואַגאָן, וועלכן עטלעכע מענטשן האָבן געשטופּט האָט אָנגעמאַכט אַ שטאַרקן גערויש. עס איז שוין נישט געווען מער די געהיימניספולע טונקלקייט, דאָס אומפאַרשטענדלעכע דונערן, דאָס ליכט פון אומבאַקאַנטע אויפפלאַמענדע שטערן. מיטן פרימאָרגן זענען די אויוונס און קאָקס־פייערן געוואָרן בלייכער.

עטיען האָט זיך פּלוצים באַשלאָסן, מעגלעך, אז ער האט געהאָפּט אינם אַרבעטס־דאָרף ווייטער צו זען קאַטערינעס העלע אויגן, און מעגלעך אז דאָס איז געווען גיכער אַ געפיל פון בונט, וואָס איז אים געקומען פון פאַרעי. ער האט עס אַליין נישט געוווסט, נאָר אַ שטאַרקער ווילן האָט אים באַהערשט נאָכאַמאָל זיך אַראָפּלאָזן אין די גרובן כדי צו ליידן און קעמפן. ער האט שטאַרק געקלערט פון די מענטשן, פון וועלכע עס האָט גערעדט באַנעמאַר, פון דעם זאַטן אָפּגאָט, וועלכער זיצט אונטער זיך און פאַר וועמען צען טויזנט אַרבעטער אַפּפערן מיטן לעבן, נישט קענענדיק אים אַפילו.

---

# צווייטער טייל.

דאָס אייגנטום פון גרעגוואַר, לא פיאָלען, איז געלעגן אַ
צוויי קילאָמעטער צו מזרח צו פון מאָנטסו אויף דעם שליאַך,
וואָס האָט געפירט צו זשוואַסעל. דאָס איז געווען אַ גרויסע סטיל-
לאָזע געביידע, וועלכע איז געבויט געוואָרן אין אָנהייב פון פאָ-
ריגן יאָרהונדערט. פון די פריערדיקע גרויסע שטחים ערד, וועל-
כע האָבן פריער געהערט דערצו, איז איבערגעבליבן נאָר אַ
דרייסיק העקטאַר, ארומגערינגלט פון מויערן. די געביידע איז
געווען אַרומגערינגלט פון אַ גאָרטן, וועמענס פרוכטן און גרינ-
וואַרג עס האָט געשמט, אַלס די בעסטע אין דער גאַנצער
געגנט. דאַגעגן האָט געפעלט אַ פאַרק און זיין אָרט האָט פאַר-
טרעטן אַ קליין וועלדל. די אַלטע פון אַלטע לינדן, וועלכע האָט
זיך געצויגן אַ דריי הונדערט מעטר און האָט געפירט פון דעם
טויער ביז די טרעפ פון דעם הויז, איז געווען איינע פון די
מערקווירדיקסטע זאַכן דאָ אין דער פוסטער געגנט, אויף וועל-
כער מען האָט געקענט איבערציילן די גרויסע ביימער פון מאַר-
שיען ביז באָגניעס.

היינט איז די פאַמיליע גרעגוואַר אויפגעשטאַנען אַכט אַ
זייגער אין דער פרי. געוויינלעך, פלעגט מען דאָ אויפשטיין
ערשט אין אַ שעה שפעטער, שלאָפנדיק זער גערן אַ סאַך; נאָך
דער שטורם, וועלכער האָט אַ גאַנצע נאַכט געווילדעוועט, האָט
אויפגעוועקט אַלעמען. אין דער צייט, ווען דער מאַן איז אַרויס-
געגאַנגען באַטראַכטן, צי דער ווינט האָט ערגעץ-ווו נישט אָנ-
געמאַכט קיין שאָדן, איז די מאַדאַם גרעגוואַר אין שטעק-שוך
און אין אַ פלאַנעלענעם שלאָפראָק אַראָפגעגאַנגען אין קיך. זי
איז געווען אַ קליינע און דיקע פרוי פון אַ יאָר אַכט און פופצ-

ציק און האָט מיט אירע ווייסע האָר אויסגעזעען ווי אַ גרוי־
סע ליי...

מעל... יע, האָט זי געזאָגט צו דער קעכין, איר קענט היינט ... דעם קוכן פרי, ווייל דאָס טייג איז שוין פאַרטיק. די פריילין וועט ערשט אויפשטיין אין אַ האַלבע שעה און זי וועט עס קענען עסן מיט איר שאָקאָלאַד... דאָס וועט זיין פאַר איר אַן איבערראַשונג.

די קעכין אַן אַלטע און מאגערע פרוי, וועלכע האָט שוין ביי זיי דרייסיק יאָר געדינט, האט געשמייכלט.

— יאָ, אמת, דאָס וועט ווירקלעך זיין אַ זעלטענע איבער־ראַשונג... די פליטע איז געהייצט און דאָס הייוועלע איז זי־כער ווארעם; און אויסער דעם קען מיר האָנאָרינע צוהעלפען.

האָנאָרינע איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, וועל־כעס איז אויפגענומען געוואָרן נאָך אַלס קינד אין דעם הויז, דאָ דערצויגן געווארן און איצט האָט זי געדינט אַלס קאמערמיידעל. דער גאַנצער דינער־פערסאָנאַל איז אויסער די צווי פרויען באשטאנען נאָך פון דעם קוטשער, פראַנציס, וועלכער האט דערלעדיקט אַלע שווערע אַרבעטן. אַ גערטנער און אַ גערטנע־רין האָבן זיך באשעפטיקט מיטן גרינוואַרק, פרוכטן, בלומען און היגערצוכט. און ווייל די באציונגען צו דער דינערשאַפט זענען דאָ געווען פאטריארכאלע, כמעט קרובהשע, האט זיך דא־ריבער דאָס קליינע וועלטל געלעבט אין דער בעסטער פריינטשאַפט.

די מאַדאַם גרעגואַר, וועלכע האט דעם סיורפריז מיט דעם קוכן אויסגעטראכט נאָך אין בעט, איז נאך געבליבן אין קיך צו זעען ווי מען שטעלט אריין דאָס טייג אין הייוועלע.

— און ער זאָל ווערן גוט ברוין, נישט אמת? האט מאדאם גרעגואר באפוילן, אריינגייענדיק אין שפייזצימער.

כאָטש דאָס גאנצע הויז איז געווען באהייצט דורך צענ־טראלער באהייצונג, דאָך האָט אין שפייזצימער געברענט א קוילנפייער. איבעריגנס, איז דאָ אַלץ געווען איינגעאָרדנט אָן א שום לוקסוס: א גרויסער טיש, שטילן און א בופעט; נאָך

צווײ באקוועמע לעהנשטולן האָבן פארראטן די ליבע צו פאר־גניגן און לאנגע פארדרײאונגס-שעה. אין סאלאָן ארײן איז מען קײנמאל נישט געקומען. דאָ האָט די פאמיליע פארבראכט דעם גאנצן טאָג.

באלד איז אויך צוריקגעקומען הער גרעגואר. ער האָט געטראָגן א קורצן בארבענטע פאלטא און נישט קוקנדיק אויף זײנע זעכציק יאָר האָט זײן בכבודיק און גוטמוטיק געזיכט נאָך געגעוג ראָזיק אויסגעזעען אונטער דעם שנײ פון זײנע געלאָקטע האָר. ער האָט געשמועסט מיט דעם קוטשער און גערטנער ; קײן שום שאָדן איז נישט געשען, אויסער א קוימען, וואס איז אײנגעפאלן. יעדן פרימאָרגן האָט ער ליב געהאט ארומצו־גײן און באטראכטן לא פיאָלע, וועלכעס איז נישט געווען אזוי גרויס, עס זאָל אים פארשאפן ענמח-נפשן, און פון וועלכן ער האָט דאָך ארויסגעצויגן אלע פארגעניגנס, וואס עס געניסט א גוטבאזיצער.

— און סעסיל ? האָט ער געפרעגט, שטײט זי דען הײנט נאָך נישט אויף ?

— איך פארשטײ נישט גארנישט, האָט אָפגעענטפערט זײן פרוי. מיר האָט זיך אויסגעדאכט, אז איך האָב געהערט א רויש אין איר צימער.

דער טיש איז שוין געווען געדעקט. דרײ טאצן זענען געווען אויסגעשטעלט אויף דעם ווײסן טישטוך. האנארינען האָט מען א וועקגעשיקט זען וואָס דאָס פרײלין מאכט. נאָר זי איז באלד צוריקגעקומען און אײנהאלטנדיק זיך פון געלעכט־ר האָט זי מיט א שטיל קול, גלײך מען זאָל זי קענען הערן אויבן אין שלאפצימער, געזאָגט :

— אָה ! ווען דער הער און די מאדאם זאלן זען דאָס פרײלין... זי שלאפט, אָה ! זי שלאפט, אזוי ווי א יעזוס-קינ־דעלע... מען קען זיך גאָר דאָס נישט פאָרשטעלן, עס איז א פארגעניגן איר אָנצוקוקן...

דער פאָטער מיט דער מוטער האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט א צערטלעכן בליק. ער האָט געזאָגט שמײכלנדיק.

— ווילסטו זי גיין זעען?

מיין אָרעם מיידעלע! האט זי געזאָגט. איך גיי.

און זיי זענען ביידע צוזאמען ארויפגעגאנגען. דאס צימער איז געווען דאס איינציקע אין וועלכן עס האָט געהערשט אַ געוויסער לוקסוס; עס איז געווען אויסגעשלאָגן מיט בלוי זייד און דאס ווייס־לאַקירטע מעבל איז אויך מיט בלוי זייד געווען איבערגעצויגן, די עלטערן האבן צופרידנגעשטעלט דעם קאַפּריז פון זייער צעבאַלעוועטע קינד, אין דעם ווייסן בעטל איז אינם האלבן ליכט, וואס האט ארייגעדרונגען דורך די פאָרהאַנגעס, געשלאָפן אַ יינג מיידל, די באַק אָנגעלענט אויף דער נאקעטער האנט. זי איז נישט געווען שיין, צו קרעפּטיק, צו רייף פאר אכטצן יאָר, אבער זי האָט געהאט אַ זעלטענעם, מילך־ווייסן קאָליר פון פנים, ברוינע קאַשטאַן־האָר, אַ קיילעכדיק פנים און אַ פאררייסן נעזל, וועלכעס איז געזיצן צווישן צוויי דיקע בעקלעך. איר קאלדרע האט זיך אראָפּגערוקט און זי האָט אזוי טאנפט געאָטעמט, איז איר שוין פאָלקאמען אנטוויקלטע ברוסטן האבן זיך קוים באַוועגט.

— דאס האט דער פארשאָלטענער ווינט איר געשטערט אן אויג צו צומאכן, האט די מוטער שטיל געזאגט.

דער פאָטער האט איר מיט אַ האנטבאוועגונג געגעבן אַ צייכן זי זאל שווייגן. ביידע האָבן זיך איינגעבויגן און באַטראכט מיט אנטציקונג אין דער דאזיקער נאָענטער יינגפרוי, דאס אויסגעבענקטע קינד, וועלכעס איז זיי געקומען אזוי שפעט, ווען זיי האָבן זיך דאריף שוין אליין נישט גערעכט. דאָס מיידל איז אלץ געשלאפן נישט פילנדיק, ווי נאענט זיי האבן זיך איינגעבויגן צו איר געזיכט. נאָר אט איז אַ לייכטער שאטן איבער איר געזיכט פאַריבער און די עלטערן, מורא־האָבנדיק, אז זי זאל זיך נישט אויפכאפּן, האָבן זיך אויף די שפּיץ־פינגער צוריקגעצויגן פון דעם צימער.

— ש...ש...שאַ! האט געזאָגט הער גרעגואר שוין אויף דער טיר, ווען זי איז ביינאַכט נישט געשלאָפן מוז מען זיי איצט לאָזן שלאָפן.

— וויפיל זי וועט וועלן, די קליינע, האָט צוגעגעבן די מאַדאם גרעגוואר. מיר וועלן וואַרטן.

זיי זענען צוריק אַראָפּגעשטיגן און זיך געזעצט אין די גרויסע פאטעלן פון שפייז-צימער; אין דער צייט ווען די דינערינס האָבן געשפּאסט איבער דעם צו לאַנגען שלאָפן פון דער פריילין און, נישט באַקלאָגנדיק זיך, געהאַלטן דעם שאָקאָלאד אויף דער פּליטע, ער זאָל נישט קאַלט ווערן. הער גרעגוואר האט גענומען אַ צייטונג אין האנט אַריין; זיין פרוי האט געשטריקט אַ וואָלענע קאָלדרע. אין שטוב איז געווען זער וואַרעם, קיין שום גערויש האָט זיך נישט געהערט אין דעם גאַנצן הויז.

דאס גאנצע פאַרמעגן גרעגוארס, ביי אַ פערציק טויזנט פראַנק איינקונפט, האָט זיך אינגאַנצן געפונען אין אַן אקציע פון גרובן אין מאָנטסו. זיי האָבן גערן דערציילט די געשיכטע ווי אזוי עס איז אַנטשטאַנען זייער פאַרמעגן, וועלכע איז פארגעקומען אין דערצייט, ווען די געזעלשאַפט האט זיך געגרינדעט.

אין אָנהייב פון פאָריגן יאָרהונדערט האט אין דער גאַנצער געגנט פון ליל ביז וואלענסיען פלוצים אויסגעבראָכן אַ קוילן-עפּידעמיע. דער דערפאָלג פון די קאָנצעסיאָנערן, וועלכע האבן נאָכדעם געזאָלט די גרובן-געזעלשאַפט פון אַנצין בילדן, האָבן אַלעמען דעם קאָפּ פאַרדרייט. אין יעדער אָרט האט מען דעם באָדן אונטערזוכט און די געזעלשאפטן און קאָנצעסיעס זענען אויסגעוואַקסן איבער נאַכט ווי שוואמען. צווישן די קוילנזוכערס פון יענער צייט האָט זיך באַזונדער אויסגעצייכנט דער באַראָן דעסריומאָ מיט זיין העלדישקייט און עקשנות. פערציק יאָר האט ער אומאויפהערלעך געקעמפּט מיט פאַרשידענע שטערונגען.

די ערשטע גראָבונגען זענען געווען אומזיסט, די אַנדערע ווידער, וועלכע מען האט בייגעקומען נאָך לאַנגע חדשים פון ארבעט, זענען פארשיט געוואָרן, דערנאָך האט אויסגעבראָכן אַ וואַסער און די ארבעטער פארטרינקען, אזוי האבן די ערד-

ארבעטן הונדערטער, טויזנטער פראנק פארשלוגנגען; דערנאך פארשידענע פארדריסלעכע פעלערן, אַ פּאניק צווישן די אקציאָנערן, מחלוקתן מיט די גוטבאַזיצער, וועלכע האבן נישט געוואלט אנערקענען די קעניגליכע קאנצעסיעס, ווען מען האט פריער נישט מיט זיי אונטערגעהאַנדלט. ענדלעך האט עס אים אפגעגליקט צו גרינדן די געזעלשאפט, דעסריוּמאַ, פּאַקענוּאַ עט קאמפּ. אויף צו עקספּלאַאַטירן די גרובן אין מאַנטסו, און ווען די גרובן האבן שוין אנגעהויבן גיבן פארדינסט, האבן זיי די צוויי שכנותדיקע אונטערנעמונגען, איינער פון דעם גראף פון קוגני און די צווייטע פון זשואַסעל, וועלכע האט געהערט צו דער געזעלשאפט קאָרניל אין זשענארד דורך זייער קאָנקורענץ ווידער אנגעהויבן צו דערדרוקן, צום גליק איז אין יאר 1760 געקומען צו אן אויסגלייך צווישן די דריי געזעלשאפטן און זיי האבן זיך אלע אין איין אונטערנעמונג פארשמאלצן. אזוי איז געגרינדעט געווארן די געזעלשאפט פון די קוילנגרובן אין מאנטסו, וועלכע עקזיסטירט נאך ביז אין היינטיקן טאג.

אין דער צייט האט דער באַראָן געהאט אין זיין באזיץ לא פיאָלען, צו וועלכן עס האט געהערט דריי הונדערט העקטאר לאנד, און האט געהאט צו זיין דינסט אלס פארוואלטער האָנארע גרעגוואר, אַ יינגערמאן פון פיקארדיע, דער עלטער־זיידע פון לעאן גרעגוואר סעסילס פאטער. ווען עס האט זיך געבילדעט די גרובן־געזעלשאפט אין מאנטסו, האט זיך האנארע געלאזט פארפירן און אויך איינגעהאנדלט אַ חלק פאר צען טויזנט ליוור האלטנדיק אין איין ציטערן, אז ער באגנבעט זיינע קינדער דערמיט וואָס ער נעמט אראפּ אזא סומע פון די אפגעשפארטע פופציק טויזנט פראנק. זיין זון עאוגען האט ווירקלעך זער ווייניק געהאט דערפון, און היות ער האט די איבעריקע פערציק טויזנט פראנק פון זיין טאטנס ירושה אנגעוווירן אין אַ נישט געלונגענע אונטערנעמונג, האט ער געמוזט לעבן גענוג באשיידן. נאר די הכנסה פון דעם טייל איז אלעמאל געווארן מער און פעליסיען האט שוין ווידער געהאט אַ פּארמעגן, אזוי, אז ער האט געקענט פארווירקלעכן דעם טרוים פון זיין זיידן,

דעם אַמאַליקן פּאַרוואַלטער, און אָפּקויפן פאַר אַ קלייניקייט דאָס נאַציאַנאַליזירטע גוט. דאָך די פאָלגענדע יאָרן זענען געווען שלעכטע, עס זענען געקומען די רעוואָלוציאָנערע קאַטאַסטראָפעס און די בלוטיקע מפּלה פון נאַפּאָליאָנען. ערשט לעאָן גרעגואַר האָט אין אַ ווינדערלעכער מאָס געגאָסן די פּרוכט פון דעם געלד, וועלכע דער עלטער זיידע גד״ה האָט אַריינגעלעגט מיט אַזוי פיל מורא און ציטערניש. פון דעם יאָר 1820 האָבן זיי אַריינ־געבראַכט הונדערט פּראָצענט, צען טויזנט פראַנק יערלעך; אין יאָר 1844 האָבן זיי אַריינגעבראַכט צוואַנציק טויזנט פראַנק און אין יאָר 1850 פערציק טויזנט פראַנק יערלעך. צוויי יאָר האָבן די דיווידענדן דערגרייכט אַפילו ביז דער לעגענדאַרישער צאָל פון פופציק טויזנט אַ יאָר; אויף דער לילער בערזע איז זיין טייל געשאַצט געוואָרן אין אַ מיליאָן, אַזוי אַרום האָט אין איין יאָרהונדערט זיין חלק געשטיגן אויף הונדערט מאָל אַזויפיל.

ווען מען האָט דעם הער גרעגואַר געראָטן צו פאַרקויפן זיין אַקציע ביי דעם הויכן קורס, האָט ער געשמייכלט דערפון. דערנאָך, ווען אין אַ זיבן חדשים שפּעטער איז דער קורס גע־פאַלן אויף זעקסהונדערטטויזנט, האָט דער הער גרעגואַר גאָר אַלץ געשמייכלט און גאָרנישט באַדויערט, וואָס ער האָט פריער נישט פאַרקויפט, ווייל די גאַנצע משפחה האָט געהאַט אַ שטאַרקן צוטרוי צו אירע גרובן און האָט געהאָפט, אַז זי וועט זיך צו־ריק הייבן. מיט דעם פעסטן גלייבן האָט זיך נאָך פאַרייניקט די דאַנקבאַרקייט פאַר אַן אונטערנעמונג, וועלכע האָט ערנערט די משפּחה אין משך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט, נישט פאָדערנ־דיק קיין שום אַרבעט. און זיי האָבן געהאַט אַן אַבערגלויבע־רישן פּחד, זייענדיק כמעט איבערצייגט, אַז ווען זיי זאָלן פון זייער אַקציע מאַכן געלט, און דאָס געלט אין שאַפע אַריינ־לייגן, וואָלטן זיי דערפון שוין פונלאַנג גאָרנישט געהאַט.

איבעריגנס, האָט דאָס גליק געדענגט אויף דעם הויז. הער גרעגואַר האָט נאָך זייענדיק גאָר יינג חתונה געהאַט מיט דער אַפּטייקערס טאָכטער פון מאַרשיען, אַ מיאוס מיידל אָן אַ שום

פאַרמעגן, וועלכער ער האָט אנגעבאטן און איר ליבע באַקומען.
זי איז געווען אינגאַנצן פאַרשלינגען מיט איר באַלעבאַטישקייט,
געווען אנטציקט מיט איר מאַן און נישט אַנערקענט קיין אַנ-
דער ווילן אויסער זיינעם. איר געשמאַק איז שטענדיק געווען דער-
זעלבער וואָס זיינער און ביידע האָבן געהאַט דעמזעלבן אידעַ-
אַל פון אַ צופרידן לעבן; שוין פערציק יאָר, אַז זיי האָבן זיך
ביידע אזוי געלעבט אין געגנזייטיקער ליבע און אַכטונג. דאָס
איז געווען אַ לעבן לויט שטרענגע און אומפאַרענדערלעכע
כללים, אין וועלכע די פערציק טויזנט פראַנק זענען אויפגעגעסן
געוואָרן שטיל אָן א שום גערויש, אָפּגעשפּאָרט האט מען נאר פאר
טעסילן, וועלכע האט מיט איר שפּעטן געבורט אַריינגעבראַכט א גע-
וויסע אומאָרדנונג אין דעם בודזשעט. נאָך איצט האָבן זיי אַלע אירע
קאַפּריזן ערפילט: א צווייט פערד, נאָר צוויי וואַגנס, טואַלעטן פון
פּאַריז. נאָר זיי האָבן געהאט דערפון אַלץ א באַזונדערן פאַר-
גענינגן, זיי האָבן גאָרנישט אויסגעפונען קיין צו-שיינס פאר זיי-
ער טאָכטער, דאָביי האָבן זיי זיך פאַרזענלעך אזוי אפגעהיט פון
אַלץ, וואָס איז ניי, אַז זענען כמעט געבליבן טריי דער מאָדע
פון זייער יוגנט. יעדע אויסגאַבע, וועלכע האָט נישט אַריינגע-
בראַכט קיין פּראָפיט, האָט זיי אויסגעזען נאַריש. פּלוצים האָט
זיך אויפגעעפנט די טיר און א קרעפטיקע שטימע האט אויסגערופן:

— נו: וואָס איז דאָס? מען פרישטיקט גאָר אָן מיר?

דאָס איז געווען טעסיל, אזוי ווי זי איז נאר פונם בעט
אַראָפּגעשפּרונגען, נאָך מיט פאַרשלאָפענע אויגן. זי האָט נאר
ווי אזוי עס איז נישט אירע האָר פאַרדרייט און אַרויפגע-
וואָרפן אויף זיך א ווייסן, וואָלענעם מאָרגנ-ראָק

— אָה ניין, האָט זיך אנגערופן די מוטער, דו זעסט דאָך,
אַז מיר וואַרטן אויף דיר... דער שטורם האָט דיר זיכער גע-
שטערט צו שלאָפן, מיין אָרעמע קליינטשקע!

דאָס יינגע מיידעל האָט איר אָנגעקוקט דערשטוינט.

— א שטורם?... איך ווייס פון גאָרנישט, איך האָב זיך די
גאַנצע נאַכט נישט גערירט.

דאָס האָט אַלעמען אויסגעזען קאָמיש און אַלע דריי האָבן

זיך צעלאכט, אפילו די דינעריגס, וועלכע האָבן אריינגעבראכט דעם פרישטיק, האָבן אויך געלאכט, אזוי קאמיש האָט ביי אלע־מען אין די אויגן אויסגעזעען דאס, וואס די פריילין איז צוועלף־שעה דורכאנאנד געשלאפן!

— וואס! ער איז שוין אפגעבאקן? האט אויסגערופן סע־סיל. דאס הייסט א סיורפריז!... ער איז נאך ווארם. דאס וועט זיין אויסגעצייכנט צו דער שאקאלאד!

ענדלעך האבן זיך אלע געזעצט צום טיש, די פארע האט זיך אויפגעהויבן פון די גלעזער שאקאלאד און מען האט נישט געערעדט פון גארנישט אויסער פון דעם קוכן. מעלאניע און הא־נארינע זענען נאך געבליבן שטיין ביי דעם טיש, דערציילנדיק פארשידענע פרטים פון דעם באקן און צוקוקנדיק ווי די בא־לעבאַטים מיט פעטע גלאַנצנדיקע ליפּן שלינגען איין דעם קוכן, האָבן זיי באשטעטיקט, אז עס איז אַן אמתער פארגניגן צו באקן אַ קוכן, ווען מען זעט נאָכדעם, ווי ער שמעקט די באלעבאַטים.

פלוצים האָבן אנגעהויבן די הינט צו בילן. מען האט געגלויבט, אַז דאָס זאָגן זיי אָן דאָס אנקומען פון דער קלאוויר־לערערין, וועלכע פלעגט יעדן מאָנטיק און פרייטיק קומען פון מארשיען. אויך פלעגט קומען אַ לערער פון ליטעראטור. די גאנצע לערע אירע האט, אזוי אַרום, דאס יינגע מיידל באַקו־מען אין לא פיאלען און זי האט געקענט נאכגיבן אלע אירע קאפריזן, ארויסווארפנדיק דורכן פענצטער יעדעס ביכל, וואס האט איר געלאנגווייליקט.

האנארינע איז געגאנגען זען ווער דאס איז.

— עס איז הער דענעולין, האט זי געמעלדעט צוריק־קומענדיק.

הינטער איר איז געגאנגען דענעולין, אַ שוועסטערקינד פון דער הערשאפט גרעגואר; מיט זיין פרייען האלטן זיך, הויכער שטימע, און לעבעדיקער באוועגונג האט ער אויסגע־זעען ווי אן אמאָליקער ארטילעריע־אפיציר; נישט קוקנדיק אויף זיין פופציק־יעריקן עלטער, איז זיין קורצגעשוירענע בארד און לאנגע וואנצעס געווען נאך עכט שווארץ.

— יא, איך בין עס. גוטמארגן!.. שטערט אייך נישט!

ער האט זיך אנידערגעזעצט, אין דער צייט, ווען די פאמיליע האט אים באגריסט. דערנאך האבן זיי זיך צוריק גענומען צו זייער שאקאלאד.

— האסטו מיר עפעס מיטצוטיילן? האט געפרעגט דער הערנרעגואר.

— ניין, גארנישט, האט הער דענעולין געאיילט צו ענטפערן, איך האב געמאכט אַ מארגנשפּאציר, כדי זיך אַ ביסל צו דערפרישן, און אזוי ווי איך בין דורכגעגאנגען דורך אייער הויז, האט זיך מיר פאר וואלט אייך אפּגעבן גוט-מארגן.

סעסיל האט זיך נאכגעפרעגט נאך זשאננען און לוסיען, ויינע טעכער. זיי פילן זיך אויסגעצייכנט; די ערשטע קען מען נישט אברייסן פון איר מאלן, און די צווייטע, די עלטערע זיצט פון פרי ביז נאכט ביי דעם קלאוויר און בילדעט אויס איר שטימע. זיין שטים האט אַ ביסל געציטערט, אונטער די אויסברוכן פון פרייליכקייט האט ער פארבארגן אן אומצופרידנהייט.

— און איז די גרובן גייט עס אַלץ גוט? האט געפרעגט הער גרעגואר.

— כאפּט עס דער טייוול! דער פארשאלטענער קריזיס ברענגט אונדז אלע צרות...אָה! מיר וועלן מוזן איצט באַצאָלן פאר די אלע גוטע יאָרן! מען האָט צופיל פאַבריקן געבויט, צופיל אייזנבאַנען דורכגעפירט, צופיל קאַפּיטאַל אַריינגעלעגט אין אַ ריזיקער פראָדוקציע. און היינט איז דאס געלט זעלטן און מען ציט נאר ארויס אזוי פיל, וויפיל מען דארף האָבן צום פארקער... צום גליק דארף איך גאָרנישט פאַרצווייפלען, ווייל איך וועל מיר סיי-ווי דערפון צוריקציען.

ער האט אויך געירשנט, ווי זיין קוזין, איין אקציע אין די גרובן פון מאנטסו, נאָר אלס ענערגישער אינזשעניער, האָט ער זיין חלק פאַרקויפט, ווען ער האט נאָך געהאַלטן אַ מיליאָן, און געטריבן פון דעם חשק זיך צו ערווערבן אַ קעניגלעך פארמעגן, האָבן זיך אים געחלומט פארשידענע אונטערנעמונגען,

שוין פון אייניקע מאָנאטן, אז ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געוויסן פּלאַן. זיין פרוי האט באַקומען פון אַ פעטער בירושה די קליינע קאָנצעסיע פון וואנדאם, ווו עס האבן זיך געעפנט ערשט צוויי גרובן, זשאַן-באַרט און גאַסטאַן-מאַריע; זיי זענען געווען אין אזא פאַרלאזטן צושטאַנד, אז די עקספּלאָ-אַטאציע האט קוים די קאסטן געדעקט. ער האָט געטרוימט נאר פון צו באַנייען און ערפרישן זשאַן-בארט, אויפצושטעלן אַ נייע מאשין און די שארטע צו דערווייטערן, אין דער צייט ווען גאַסטאָן-מאַריע האט ער באטראכט נאר ווי אַ וואסערשאכט. מען וואלט דעמאלט געקאנט, האט ער געזאגט, שארן געלט. זיין געדאַנק איז געווען אַ ריכטיקער, דאך, דער מיליאן, וועלכן ער האט דארויף באנוצט, האט די געוואונשטע רעזולטאטן נישט געבראכט, ווייל פונקט אין דער צייט האט אויסגעבראָכן דער קריזיס און נישט דערלאזט, אז דער גרויסער פארדינסט זאל באווייזן די ריכטיקייט פון זיינע אויסרעכנונגען. אויסער דעם איז ער געווען זער אַ שלעכטער פארוואלטער, געווען צופיל גוט צו זיינע ארבעטער און האט זיך געלאזט צייט דעם טויט פון זיין פרוי רויק באנעמען. זיינע טעכטער האט ער אויך באַגעגעבן ווי זיי האבן געוואלט. די עלטערע האט געהאלטן אין איין רעדן פון איינטרעטן אין טעאטער און די יינגערע האט שוין געהאט אירע דריי בילדער אוועקגעשיקט פאר דעם „סאַלאָן”, וועלכע זענען איר אלע אפגעשיקט געווארן.

— זעסט, לעאן, האט דענעולין ווייטער געזאגט מיט אַ וואקלנדיקער שטים, די טוסט נישט גוט, וואס די פארקויפסט נישט גלייך מיט מיר דיין חלק. איצט פאלט אלץ און דו קענסט שוין לאנגווארטן ביז די פרייז ועט שטיין נאכאַמאל אזוי הויך... ווען דו פארטרויסט מיר דיין געלט, וואלסטו שוין גע-זען, וואס מיר וואלטן געמאַכט פון וואנדאם!

הער גרעגואר האט נישט איילנדיק פארענדיקט זיין שאקאלאד און דערנאך האט ער רויק געזאגט:

— קיינמאָל נישט!.. דו ווייסט דאך גוט, אז איך וויל קיינמאל נישט שפעקולירן. איך פיר מיר אַ רויק לעבן און עס

וואלט געווען נאריש, ווען איך זאל מיר ווען פארדרייען א קאפ מיט געשעפטלעכע זארגן, די אקציעס פון מאַנטסו קענען זיך רויק פאלן, מיר וועלן נאך שטענדיק האבן דאס, וואס מיר דארפן, מען דארף זיך נאר קענען איינאָרדנען, און, ווייסט, ווערסט נאך אמאל חרטה האבן אויף דעם, ווייל די אקציעס פון מאנטסו, וועלן נאך ווידער שטייגן. אוז אפילו סעסילס קינדס-קינדער, וועלן נאך דערפון לעבן.

דענעוולין האט אין פארלעגנהייט געשמייכלט.

— אויב אזוי, האט ער געשטאמלט. ווען איך זאל דיר זאגן, אז דו זאלסט אריינלעגן הונדערט טויזנט פראנק אין מיין אונטערנעמונג, וואלסטו מיר אפגעזאגט?

דאך, ווען ער האט דערזעען דאס פארזארגטע פנים פון גרעגואַרן, האט ער באלד באדויערט, וואס ער איז אזוי ווייט נעגאנגען, און אפגעשטופט דעם פלאן פון א הלוואה אויף שפעטער, ווען ער וועט זיך שוין אין דעם אויסערסט נויטיקן.

— אָה! איך באדארף עס נישט! עס איז געווען בלויז א שפאס... מיין גאט! דו האסט אפשר רעכט! דאס געלט, וואס אנדערע פארדינען פאר דיינעטוועגן, מאכט אם זיכערסטן פעט.

דאס געשפרעך האט אנגענומען א צווייטע ווענדונג. סעסיל האט ווידער זיך אומגעקערט צו אירע קוזינעס, וועמענס נעשמאקן עס האבן איר פאראינטערעסירט און איינצייטיק פאר-דראסן. די מאדאם גרעגואַר האט צוגעזאגט דעם ערשטן ווארע-מען טאג צו באזוכן מיט איר טאכטער די ליבע קינדערלעך, דאך איז הער גרעגואַר געווען צעשטרייט און האט נישט גע-נומען קיין אנטייל אין דעם שמועס.

— ווען איך זאל זיין אויף דיין ארט, האט ער זיך פלוצים אנגערופן אין דער הויך, וואלט איך זיך ווייטער נישט פאר-דרייט קיין קאפ און וואלט בעסער אונטערגעהאנדלט מיט מאנטסו... זיי וואלטן גערן ערווארבן דיינע גרובן און דו וואלסט ווידער געקומען צו דיין געלט.

ער האט אנגערירט די אלטע שנאה, וועלכע האט געהערשט

צווישן די באַזיצערס פון די ביידע גרובנס. דענעוולינס אויגן האָבן אויפגעפלאַמט:

— קיינמאָל נישט! האָט ער אויסגעשריגן פון זיין זייט. אַזוי לאַנג ווי איך לעב וועט מאַנטסו וואַנדאָם נישט האָבן!.. איך האָב פרייטיק געפרישטיקט ביי האַנעבאַ, און איך האָב גוט באַמערקט, ווי ער האָט זיך געדרייט אַרום מיר. שוין דעם פאַרגאַנגענעם הערבסט, ווען עס זענען זיך דאָ צונויפגעקומען די הויפט-אַקציאָנערן, האט מען זיך צו מיר אויף פאַרשידענע אופנים צוגעחנפעט... יאָ, יאָ, איך קען זיי די מאַרקיזן און הערצאָגן, די גענעראַלער און מיניסטערס! דאס איז אַ רויבער-באַנדע, וועלכע וואָלט איינעם ביזן העמד באַרויבט, ווען ס'איז נאָר מעגלעך!

ער איז נישט מיד געוואָרן. איבעריגנס, האָט הער גרעגואַר נישט פאַרטיידיקט די פאַרוואַלטונג פון מאַנטסו. די זעקס פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער וועלכע זענען געוועלט געוואָרן דורך דעם טראַקטאַט פון יאר 1760, האבן רעגירט אויף אַ דעספּאָטישן אופן און ווען איינער פון זיי איז געשטאָרבן האבן די איבער-געבליבענע פינף אויסגעקליבן שטענדיק אויף זיין אָרט איינעם פון די איינפלוסרייכסטע און פאַרמעגלעכסטע אַקציאָנערן. דער באַזיצער פון לאַ פּיאָלען איז געווען דער מיינונג, אַז די הערן זענען שוין אין זייער תאווה צו געלד אַביסל צו ווייט פאַר-גאַנגען.

עס איז אַריינגעקומען מעלאַניע אַראָפּצונעמען פונם טיש. אין דרויסן האבן ווידער די הונט אנגעהויבן צו בילן און האָנאָרינע איז שוין צוגעגאַנגען צו דער טיר זעען ווער עס קומט, ווען סעסיל, דערוואַכט פונם גוטן פרישטיק, האָט זיך אויפגעהויבן פונם טיש.

— ניין, לאָז זיין, עס איז געוויס מיין לערערין.

איך דענעוולין האט זיך אויפגעהויבן.

ער האָט נאָכגעקוקט דעם יונגען מיידל און לאַכנדיק געפרעגט:

— נו! און ווי האלט עס מיט דער פארליבונג מיטן קליינעם נעגערל?

— עס איז נאך נישט באשלאסן, האט געזאגט די פרוי גרעגואר. דערווייל איז עס נאר נישט מער ווי אן אידעע..., מען באדארף נאר דענקן.

— אן א שום צווייפל! האט ער ווייטער געזאגט מיט א צווײדייטיקן שמייכל. איך גלויב אז דער שוועסטערנזון און די מימע... דאס, וואס מיר איבערראשט אממערסטן איז דאס, וואס די מאדאם האנעבא פאלט אזוי סעסילן אויף דעם האלדז...

אָר די פרוי גרעגואר איז בייז געווארן: אזא בכבודיקע דאמע און דערצו נאך מיט פערצן יאר עלטער פונם ייִנגער־מאן! דאס איז אומדערהערט, זי האט נישט ליב אזעלכע שפאסן, אלץ נאך לאכנדיק, האט איר דענעוליז געדריקט די האנט און פארלאזט דאס צימער.

— עס איז נאך נישט די לערערין, האט סעסיל געזאגט צוריקקערנדיק. עס איז די פרוי מיט די צוויי קינדער, דו ווייסט דאך ווער, מאמא, די פרוי פונם בערגמאן, וועלכע מיר האבן באגעגנט... זאל זי אריינגיין? טאטע־מאמע האבן זיך נישט געקענט באשליסן. זענען זיי שטארק ברודיק? ניין, נישט זער, און זיי קענען דאך אויך זייערע שיך אויף די טרעפ איבערלאזן, נאר די הערשאפט גרעגואר האט זיך שוין באקוועם געמאכט אין די פאטעלן צו פארצייען דעם געשמאקן פרישטיק. די מורא פאר דער לופט ענדערונג האט ענדלעך באשטימט זייער באשלוס.

— זאלן זיי אריינגיין, האנארינע.

עס זענען אריינגעקומען לא מאהעד מיט איר צוויי קליינע קינדערלעך, פארשטארט פון קעלט און אויסגעהויקערט און האבן זיך מיט מורא ארומגעקוקט אין דעם צימער ווו עס איז געווען אזוי ווארעם און עס האט אזוי געשמעקט נאך דעם קוכן.

דורך די פענצטערלאדן האָט ארייגגעדרינגען אין דעם
פאַ־שלאסענעם צימער אַ גרויע ליכט; די איינגעשלאסענע לופט
איז נאָך געדיכטער געווארן, די שטוב־מענטשן זענען נאך אלע
געשלאָפן: לענארע און העברי איינע אין די אָרעמס פונם
צווייטן, אלציר, דעם קאָפּ אויף איר הויקער צוריקגעבויגן;
און דער אַלטער באָנעמאָר, וועלכער האט איצט איינער אליין
פארנומען דאָס בעט פון זכריהן און יעאנלינען, האט געשנאָרכט
מיט אַן אָפן מויל. גארנישט נישט האט זיך באוויגן אין דעם
צימער, ווו לאַ מאהעד, אָנזויגנדיק עסטעלען, איז צוריק איינ־
נעשלאָפן.

פון אונטן האָט דער קוקוס־זייגער געשלאָגן זעקס. לענג־
אויס דעם אַרבעטס־דארף האט זיך געהערט דא סקריפן פון די
טירן, דערנאך דאס קלאפן פון הילצערנע שיך אויף די שטיי־
נער פון טראטואר: דאס זענען געווען די סארטירערינס, וועל־
כע האבן זיך געלאזט צו די גרובן. און ווידער האט די שטיל־
קייט געהערשט ביז זיבן א זייגער. ענדלעך זענען די לאָדנס
געעפנט געווארן און פון די הינטער מויערן האט זיך דעהערט
אַ געגעצן און הוסטן. לאנג האט געסקריפעט א קאפע־מילכל, דאך
האט זיך קיינער אין צימר נישט אויפגעכאפט.

נאר פלוצים האט אויפגעוועקט אַלצירן א געוויש פון
פעטש און געשרייען. ערקונדיקנדיק זיך וויפיל דער זייגער איז
בארפעס צוגעלאפן צום בעט פון דער מוטער און זי געוועקט.

— מאמע! מאמע! עס איז שוין שפעט. דו ווילסט דאך
היינט נאך ערגעץ גיין... גיב נאר אכטונג, וועסט נאך עסטעלען
דערשטיקן.

זי האט עסטעלען געבראכט אין ארדנונג. לאַ מאהעד האט
זיך די אויגן געריבן.

— מען איז אזוי אויסגעהארעוועט, אז מען קען א גאנצן
טאג שלאָפן, האט זי געשטמלט... טו נאר אן לענארען און העב־
רין, איך מוז מיט זיי אוועקגיין. דו וועסט אכטונג גיבן אויף

עסטעלען, איך וויל זי נישט מיטשלעפן, איך האב מורא, אז אין דעם שלעכטן וועטער קען זי נאך זיך צוקילן.

זי האט זיך אייליק ארומגעוואשן, אנגעטון זיך אן אלט בלוי קלייד, דאס בעסטע וואס זי האט פארמאגט, און א גרוי, וואלן מאנטל, אויף וועלכן זי האט ערשט נעכטן אוונט צוויי פרישע לאטעס געלייגט.

— און די זופ, צו אלדי טייוול! האט זי פון ס'נייי געברומט.

ווען די מוטער איז אראפגעגאנגען, האט אלציר זיך צוריקגעקערט אין שטוב אריין מיטנעמענדיק מיט זיך עסטעלען, וועלכע האט ווידער געליארעמט. זי איז אבער שוין געווען געווינט מיט די געשרייען פון דער קליינער און האט פארשטאנען, נישט קוקנדיק אויף אירע אכט יאר, ווי זי אייננצונעמען. צארט האט זי איר אריינגעלייגט אין דעם נאך ווארעמע בעט און איינגעשלעפערט, אריינשטעקנדיק אין איר מיילעכל א פינגער, זי זאל האבן וואס צו זויגן. עס איז טאקע געווען די העכסטע צייט עס זאל איינשלאפן, ווייל באלד איז אנטשטאנען א נייער ליארם צווישן לענארע און הענרין. די קינדערלעך האבן געלעבט בשלום נאר דאן, ווען זיי זענען זיך געשלאפן א רומגענומען איינס אינם אנדערן. וויבאלד אבער דאס זעקסיאריקע מיידעלע האט זיך אויפגעכאפט, אזוי איז זי באלד באפאלן דאס ייגנערע מיט צוויי יאר ברודערל, וועלכעס האט זיך נישט געקענט געגן איר ווערן. אלציר האט געמוזט דער שוועסטער ביי די פיס פון בעט ארויסציען, דראענדיק איר מיט שמייסן. און דער קריג האט זיך איבערגעחזרט אזוי ביי דעם וואשן און ביים אנטון. די לאדנס האט מען נישט געעפנט כדי נישט צו שטערן דעם אלטן באנעמאר און זיין שלאף. ער האט זיך ווייטער רויק געשנארכט אינמיטן דעם געוואלדיקן ליארם פון די קינדער.

— איך בין שוין פארטיק, צי זענט איר דארט פון אויבן שוין אויך פארטיק? האט געשריגן לא מאהעד.

זי האט די לאדנס צעעפנט, צעבלאזן דאס פייער און פרי-

שע קוילן אַרויפֿגעלייגט. זי האָט געהאַפּט, אַז דער אַלטער האט די גאַנצע זופּ נישט אויפגעגעסן. אבער זי האט געטראָפן דעם טאפּ ליידיק און האט זיך גענומען אָפּצוקאָכן אַ פּולע האַנט לאָקשן, וועלכע זי האט געהאט ליגן נאָך פון דריי טעג צו־ריק. מען וואלט זיי שוין אַראפּגעשלינגען אַזוי, נאר אין וואַסער געקאכט, אָן פּוטער, צום גליק אבער האט זי געפונען נאָך אַ שטיקל פּוטער די גרויס פון אַ נוס, וואס קאַטערינע האט אויף אַ וואונדערלעכן אופן אפּגעשפּאָרט. איצט אבער איז שוין דער שפּייז-שראַנק ווירקלעך געווען ליידיק. וואס וועט מיט זיי זיין, ווען מעגראַט וועט טאקע בלייבן ביי זיין ווארט און זיי מער קיין קרעדיט נישט גיבן און ווען די באַזיצער פון לאַ-פּיאלען וועלן איר קיין הונדערט סו נישט שענקען? ווען די מאַנסלייט און די טאכטער וועלן צוריקקומען פון די גרובן וועלן זיי מוזן עסן, ווייל מען האט דאך צום אומגליק נאך נישט אויסגעפונען דאס מיטל, מען זאל קענען לעבן אָן עסען.

— קומט שוין אַראָפּ, אַ סוף! האט זי געשריגן שוין בייז ווערנדיק, איך וואָלט שוין באַדאַרפט לאנג גיין.

ווען אַלציר איז אַראָפּגעקומען מיט די קינדער, האט זי די לאָקשן איינגעטיילט אויף דריי קליינע טעלער. זי אַליין איז נישט הונגעריק, האָט זי געזאָגט, כאָטש קאַטערינע האָט ש־ין איינמאָל אָפּגעבריט דאס ביסל קאַווע, וואָס איז געבליבן פון נעכטן, האָט זי עס נאָכאַמאָל געבריט, און גיריק אויס־געטרינקען צוויי גלעזער קאַווע, וועלכע האָבן אויסגעזען, ווי ברוינע וואסער. דאָס האָט שטענדיק אויף איר גוט געווירקט.

— הערסט, האט זי נאָכאַמאָל געזאָגט אַלצירן, דעם זיידן זאלסטו לאָזן שלאָפן און זאָלסט זעען, אַז עסטעלע זאל נישט ברעכן דעם קאָפּ, און אַז זי וועט זיך אויפכאַפּן און שטארק שרייען, טאָ האָסטו פאַר איר אַ שטיקל צוקער, זאָלסט עס צע־לאָזן אין וואסער און יעדעס מאָל איר געבן צו לעפל... איך ווייס אַז דו ביסט קלוג און וועסט עס אַליין נישט אויפעסן.

— און די שולע, מאַמע?

— די שולע? נו, וועסט שוין גיין אַן אַנדער טאָג... איצט דאַרף איך דיר האָבן.

— און דו זופּ, זאָל איך זי אַליין אָפּקאָכן, אויב דו וועסט זיך זאַמען?

— די זופּ, די זופּ... ניין, וועסט וואַרטן ביז איך וועל שוין קומען. איצט איז שוין דאס גאַנצע ארבעטס־דאַרף געוועזן וואָך, גאַנצע מחנות פון קינדער האָבן זיך געצויגן אין דער שולע און האבן געקלאַפּט מיט זייערע שיך אויף דעם טראָטואַר. דער זייגער האָט געשלאָגן אַכט. פון דעם הויז אויף לינקס, פון די לעוואַקס, האָט זיך וואָס ווייטער, אַלץ אַ העכערער ליארם געהערט. עס האט זיך אָנגעהויבן דער טאָג פון די ווייבער ביי די קאַווע־פאַנען, די צינגער האָבן זיך געהאלטן אין איין באַוועגן, ווי די מילשטיינער. אַ פאַרוועלקט געזיכט מיט גראָבע ליפּן און פלאַטשיקער נאָז האָט זיך צוגעדריקט צו אַ פענצטער־שויב און געשריגן:

— עס איז דאָ נייעס, הער!

— ניין, ניין, שפּעטער! האט אפגעענטפערט לאַ־מאהעד. איך מוז איצט אוועקגיין.

און מורא האָבנדיק, אז זי וועט זיך לאָזן פאַרפירן נאָך פון איין גלאָז וואַרעמער קאווע, האט זי אַרויסגעשטופּט פאַר זיך לענארען און הענעריען און זיך געלאָזט מיט זיי גיין. פון אויבן האָט אַלץ געשנאַרכט דער אַלטער באַנעמאַר און זיין שנאָרכן האָט אויסגעזעען ווידער צו פאַרוויגן די גאַנצע שטוב אין שלאָף.

ווען לאַ־מאהעד איז ארויסגעגאנגען פון שטוב האָט זי אַ פאַרווונדערטע דערזעען, אז דער ווינט האָט זיך שוין איינגעשטילט. דער פראָסט האָט פּלוצים נאָכגעלאָזט און דער הימל האט געהאט אַן ערדישן קאָליר. שוין האט זי געמוזט לענארן אנפּאַטשן, ווייל די קליינע האט זיך געווילט דערמיט, וואָס זי האָט מיט דער שפּיץ פון איר שיך צונויפגענומען די בלאָטע פון גאַס.

— ווארט! ווארט! דו חזיר! האט זי געשריגן, איך וועל דיר ווייזן ווי זיך אין בלאָטע צו פּאַטשקען!

דאס מאָל איז עס געווען העברי, וועלכער האט אנגענומען פּולע הענט מיט בלאָטע.

ווען זי האט זיך דערנענטערט צו די שטאלן פון דער געזעלשאפט, האט זי זיך אנטשלאָסן לענארען און העררין ביי די הענט אנצונעמען, דאס יינגל רעכטס און דאס מיידל לינקס. נישט ווייט האט זיך געפונען די וווינונג פון דעם דירעקטאר האנעבאָ, אַ ברייטע ווילע, וועלכע האט זיך אפגעטיילט פון דער גאס מיט אַ פּלויט, הינטער וועלכן עס האט זיך געצויגן אַ גרויסער גארטן פון ביימער. פאר דעם טויער האט זיך אפגעשטעלט אַ וואגן און פון אים זענען אויסגעשטיגן א הער מיט אן אָרדן-באנד און אַ דאַמע מיט א פוטערנעם מאנטל; עס איז זיכער געקומען ווער צו-גאסט פון פאריז מיטן מארשיענער צוג, ווייל באלד האט זיך באוויזן די מאַדאם האַנעבאָ אינם טונקלען ליכט פון קאָרידאר און באגריסט די אנגעקומענע מיט אן אויסרוף פון איבערראשונג און פרייד.

— ווייטער גייט, איר פּוילע! האט לאַ-מאהעד אויסגערופן און האט מיטגעשלעפּט די קינדער, וועלכע האבן געוואלט זיך אפשטעלן אין בלאטע.

זי איז צוגעקומען צום הויז פון מעגראטן און דאָס האט איר אויפגערעגט. מעגראט האט געוווינט נעבן דער ווילע פון דעם דירעקטאָר. אַ פּשוטע וואַנט האט זי אָפּגעטיילט פון זיין קליין שטיבל. ער האָט דארט געהאט זיין כחורה ליגן אין אַ לענגלעכע געביידע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען צו דער זייט פון דער גאס אַ קלייטל אָן פענצטער, אין דעם קלייטל האָט זיך געפונען אלץ: ווורשט, פרוכטן, ברויט, ביער און צו-בייסעכץ. ער איז פריער געווען אויפזעער אין פאבריק, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו-ביסלעך אונטערצוהאַנדלען און אַ דאנק דער פּראָטעקציע פון זיין שעף האָט זיך זיין געשעפט אַלעמאָל פאַרבעסערט און צוגישט געמאַכט דעם גאַנצן דעטאַל-האַנדל פון מאנטסו. ער האט געהאַלטן אַלערליי סחורות און אַ דאַנק דער

גרויסער צאָל קונים פונם ארבעטס־דאָרף האָט ער געהאַט די מעגי לעכקייט צו פּאַרקויפן ביליגער פון אן אנדערן. ער איז אָבער געווען אָפּהענגיק פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָט אים אויס־געבויט זיין שטיבל און קלייט.

— אָט בין איך נאָכאַמאָל, הער מעגראַט, האָט געזאָגט לאַ־מאהעד מיט אַ טרויעריקער שטום, טרעפנדיק אים שטיין פאַר זיין טיר.

ער האָט זי אָנגעקוקט, נישט ענטפערנדיק גאָרנישט, ער איז געווען אַ דיקער מאַן מיט אַ קאַלטן און העפלעכן אויס־זעען. ער האט זיך שטענדיק געפלייסט נישט צוריקציען זיינעם אַ באַשלוס.

— איר וועט מיר שוין נישט צוריקשיקן ווי נעכטן. מיר מוזן דאָך עסן ביז שבת... עס איז אמת, מיר זענען אייך שולדיק פאַר צוויי יאָר זעכציק פראנק...

זי האָט די ווערטער אַרויסגעבראַכט מיט גרויס מי. עס איז געווען אן אלטער חוב, וועלכער איז אנטשטאַנען צייט דעם לעצטן שטרייק. צוואַנציק מאָל האט זי אים שוין צוגעזאָגט דעם חוב צו ערלעדיקן און נישט געקענט האַלטן קיין וואָרט. דערצו האט נאך אייערנעכטן אַ פּריש אומגליק געטראָפן, זי האָט גע־מוזט אַ שוסטער, וועלכער האָט געדראָט זי איינצוזעצן, צוואַנציק פראנק באַצאָלן. דאַריבער זענען זיי איצט געבליבן אָן אַ פּרוטה. ווען נישט דאָס וואָלטן זיי גלייך ווי די אלע איבעריקע אַרבעטער שוין אויסגעקומען ביז שבת.

מעגראַט איז געשטאַנען מיט אַרויסגעשטעלטן בויך אין פּאַרלעגטע הענט און האט אויף אלע ביטעס נאר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נישט מער ווי צוויי ברויט, הער מעגראַט, איך בין באַשיידן, קיין קאַווע פאַרלאַנג איך נישט... נישט מער ווי צוויי ברויט צו דריי פונט טעגלעך.

— ניין! האט ער ענדלעך אויסגעשריגן מיט אלע כּוחות.

אין דער צייט פון דעם געשפּרעך איז מעגראַטס פרוי אַרויסגעקומען, נאָר האט אפילו נישט געוואָגט דעם קאָפּ אויפ־

צוהייבן. ווען לאַ-מאהעד האט געווענדעט צו איר אירע בעטנדיקע אויגן האט זי זיך דערשראָקן צוריקגעצויגן. מען האָט איבערגעגעבן אז זי האט געמוזט טיילן דעם מאַנס ליבע מיט אלע מיידלעך און פרויען פון אַרבעטס-דארף. דאס איז שוין געווען אלעמען באַוווּסט, אז ווען אן אַרבעטער האט באדארפט עפּעס באָרגן, האט ער געמוזט זיין טאָכטער אָדער זיין פרוי שיקן, אַלצאיינס צי זי איז געווען אַ שענע אָדער אַ העסלעכע, זי האָט נאר נישט באַדארפט זיין שטאָלץ.

לאַ-מאהעד, ווענמעס בעטנדיקער בליק עס איז נאך אלץ געווען געווענדט אויף מעגראטן, איז געבליבן פאַרלעגן, באַמערקנדיק ווי ער טוט זי אויס מיט זיינע קליינע אויגן. איר צאָרן האט אויפגעברויזט און זי האט מיט געוואלד אַ שלעפּ געטון לענגארען און הענערין און האט זיך געלאזט אוועקגיין.

— דאס וועט אייך קיין גליק נישט ברענגען, הער מעגראט! האט זי אויסגערופן.

עס זענען איר נאך איבערגעבליבן די באזיצערס פון לא-פיאלען. אויב זיי וועלן איר נישט געבן קיין הונדערט סו, מעגן זיי זיך אלע אויסלעגן אין דערגיין. זי האט זיך פארנומען אויף לינקס, אויף דעם וועג קיין זשוואַסעל. זי האט געהאט צו מאכן נאָך צוויי קילאָמעטער. די קינדערלעך האבן שוין מער נישט געקלערט פון צו שפילן זיך, האבן אויסגעזעען זייער דערשלאגן און זיך קוים נאָכגעשלעפּט.

—טראג מיר מאַמע!

זי האט געטראגן איינעם נאָכן אנדערן. דער וועג איז געווען פול מיט קאלוזשעס פון דעם רעגן און זי האט פארשארצט דאס קליידל, כדי נישט אָנצוקומען אַ היין אַ פארבלאטיקטע. דריימאל איז זי שיעור נישט געפאלן, אזוי גליטשיק איז געווען, און ווען זי איז ענדלעך שוין געשטאַנען פאר די טרעפּ, זענען איר פלוצים באפאלן די הונט און אזוי הויך געבילן, אז די קליינינקע האָבן זיך צעוויינט פון מורא. דער קוטשער האט געמוזט קומען צו הילף מיט דער בייטש און פארטרייבן די הונט.

— לאזט איבער אייערע שיך אין דרויסן און קומט אריין, האט געזאגט האנארינע.

אינם שפייזצימער איז די מוטער מיט די קינדער געבליבן שטיין אן באוועגונג. עס האט זיי פארקלעמט די פלוצימדיקע ווארעמקייט און זיי זענען געבליבן פארלעגן אונטער די בליקן פון דעם אלטן פאר-פאלק, וועלכעס איז זיך באקוועם געווען צעזעצט אין די פאטעלן.

— טאכטער מיינע, האט געזאגט מאדאם גרעגואר, דערפיל דיין קליינעם חוב.

די עלטערן האבן סעסילן באפולמעכטיקט צו צעטיילן די נדבות. דאס האט אויך געהערט צו זייער אידעאל פון גוטער דערציונג. מען באדארף זיין ווילטעטיק, זיי האבן געזאגט, אז זייער הויז דארף זיין דאס הויז אין וועלכן עס זאל רוען גאטס-גענאד. זיי האבן זיך אבער באמיט צו זיין ווילטעטיק אויף א קלוגן אופן. זיי האבן קיינמאל נישט געטיילט קיין געלט, קיינמאל! נישט קיין צוויי סו און נישט קיין צען, ווייל עס איז שוין געווען באוווסט, אז אן ארעמאן ווי נאר ער קריגט א פאר גראשן, אזוי פארטרינקט ער זיי. זייערע נדבות זענען באשטאנען אין געברויך-ארטיקלען, פריער פאר אלעמען אין ווארעמע קליידער פאר די קליינע קינדערלעך אויף ווינטער.

— אה! די ארעמע קליינטשקע! האט אויסגערופן סע-סיל, ווי בלאס זיי זענען אויס פון דעם גאנג אין דער קעלט... האנארינע, ברענג נאר אהער דעם פאקעט, וועלכער ליגט אין שאפע.

אויך די דינסטמיידלעך האבן באטראכט די קליינישקע מיט דעם מיטלייד פון מיידלעך, וועלכע דארפן שוין נישט זארגן פארן עסן. אין דער צייט ווען דאס קאמערמיידל איז ארויפגע-גאנגען, איז די קעכן געבליבן שטיין פארזינקען אין מהשבותן און האט צוריק די שיסל מיטן רעשט ביסל עסן ארויפגעשטעלט אויפן טיש.

— איך האב נאך גרעדע, האט סעסיל ווייטער געזאגט,

צווי וואַלגע קליידלעך און טיכער... איר וועט שוין זעען ווי וואַרם דאס וועט זיין פאר די קינדער.

לאַ-מאהעד האט ענדלעך צוריקגעפונען לשון.

— איך דאנק אייך זער, פריילײן, איר זענט אלע זער גוט... האַט זי געשטאמלט.

טרערן זענען איר געשטאַנען אין די אויגן, זי האַט געגלויבט, אז דאַ וועט מען איר געבן די הונדערט סו און האט נאַר געקלערט, ווי אזוי אַנצוהייבן בעטן, ווען מען לעגט איר אליין נישט פאר.

דאס קאַמערמיידל איז נאָך נישט צוריקגעקומען און איין אויגנבליק האט געהערשט אַ פארלעגן שווייגן. די קינדערלעך, וועלכע האבן זיך אָנגעהאנגען אין דער מאַמעס קלייד, האָבן נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם קוכן.

— איר האָט נאָר די צווי? האָט געפרעגט די מאדאם גרעגואר כדי איבערצורייסן דאס שווייגן.

— אָה, מאַדאם, זיבן האָב איך...

הער גרעגואר, וועלכער האט צוריק גענומען די צייטונג אין דער האנט האט זיך אויפגעכאַפּט מיט-אַמאָל:

— זיבן קינדער! גאָט מיינער! צוואס אזוי פיל?

— דאָס איז נישט קלוג, האט געמורמלט די אַלטע מאדאם.

לאַ-מאַהעד האט געהאַט אַ מינע, ווי זי זאָל זיך האָבן אנטשולדיקן.

וואָס קען מען דען טון? דאס קומט פון זיך אַליין, נישט קלערנדיק איבער דעם. און ווען די קינדער זענען אויפגעוואַקסן, האָבן זיי אויך אַריינגעבראַכט געלט אין שטוב, זיי האָבן מיטגעהאלפן דער באַלעבאַטישקייט, זיי וואָלטן שוין גאנץ גוט אויסגעקומען, ווען אַלע זאלן קענען אַרבעטן אין די גרובן, אבער דער זיידע איז שוין שוואַך און פון אירע קינדער זענען נאָר צווי זון און די עלצטע טאָכטער צו דער אַרבעט. אָבער עסן מוזן אלע, אפילו די קליינע קינדער אויך.

— שוין לאַנג אַרבעט איר אין די גרובן? האט פרוי גרעגואר ווידער געפרעגט.

אַ מוטער שמייכל איז אַ דורך איבער דעם בלאַסן געזיכט פון לאַ־מאהעד.

— אַך יאַ, אַך יאַ... איך אַליין האָב זיך אין די גרובן אַראָפּגעלאָזט ביז אין צוואַנציקסטן יאָר פון מיין לעבן. דאַמאָלט האָט דער דאָקטאָר דערקלערט אַז אויב איך וועל לעבן, זאָל איך מער אין די גרובן נישט אַרבעטן. איבעררינגס האָב איך דאַמאָלט חתונה געהאַט און געהאַט גענוג אַרבעט אין שטוב... פון מיין מאַנס צד ווידער אַרבעטן זיי שוין אין די גרובן אַ גאַנצע אייביקייט. עס דערגרייכט ביז צום זיידן פון דעם זיידן, ביז דעם אָנהייב פון דער גרובן־אַרבעט בכלל, ווען עס איז אין רעקיאַר די ערשטע שאַכט געעפנט געוואָרן.

דער גרעגוואַר האָט נאָכאַמאָל געווענדעט זיין בליק אויף דער פרוי מיט די אָרעמע קינדערלעך. ווידער האָט געהערשט אַ שווייגן, און מען האָט נאָר געהערט דאָס קנאַקן פון די קוילן.

— וואָס טוט זי דאָרט אַזוי לאַנג? האָט אויסגערופן סעסיל, וועלכע האָט שוין אָנגעהויבן ווערן אומגעדולדיק. מעלאַניע, גיי אַרויף און זאָג איר, אַז דער פּאַקעט ליגט לינקס אין שאַפע.

דער גרעגוואַר האָט הויך פאַרענדיקט דעם געדאַנק, וואָס האָט אין אים אַרויסגערופן דער אָנבליק פון די אויסגעמאַטערטע געשטאַלטן.

— עס איז דאָ פיל שלעכטס אויף דער וועלט, דאָס איז אמת; אָבער, ליבע פרוי, מען מוז אויך זאָגן, אַז די אַרבעטער לעבן נישט איינגאַנצן גוט... אַנשטאָט אַ־אָפּצולייגן אין דער זייט, ווי עס טוען עס די פּויערן, פאַרטרינקן עס די בערגלייט, מאַכן אָן שולדן און דערנאָך ווייסן זיי נישט ווי אַזוי זיך צו העלפן און זייער פאַמיליע צו ערנערן.

— דער גנעדיקער הער האָט רעכט, האָט רויק אָפּגעענטפערט לאַ־מאהעד, נישט שטענדיק גייט מען מיט דעם ריכטיקן וועג. דאָס זאָג איך אויך די טויוגע־נישט ווען זיי באַקלאָגן זיך... איך אָבער האָב גראָדע גוט געטראָפן, מיין מאַן טרינקט נישט. העכסטנס אַמאָל, שוין אין אַ גרויסן יום־טוב־טאָג, טרינקט ער

אויס אַ גלעזל־צוויי. און דאָס מוז מען נעמען אין אַכט, אַז פאַר דער חתונה פלעגט ער זיך אנטרינקען ווי אַ חזיר, שוין איידל געזאָגט... און דאָך קענען מיר נישט אויסקומען. פאראן אזעלבע טעג, ווי היינט אַ שטייגער, ווען מען קען אַלע שופלאדן איבערקערן און קיין איין פרוטה וועט פון זיי נישט אַרויספאַלן.

זי האָט געוואָלט זיי ארויספירן אויף דעם געדאַנק איר די הונדערט סו צו געבן און האט זיי דערציילט ווייטער פון דעם חוב, וועלכער איז צוביסלעך אויף אזא סומע אנגעוואקסן. צום אנהייב האט מען אלע פירצן טעג ביסלעכווייז אפגעצאלט, נאר איינמאל איז מען געבליבן שטיין און פון דעמאלט אן לאזט זיך עס שוין נישט דעריאגן. די לאך ווערט אַלעמאָל גרעסער, די מענער פארלירן יעדן חשק צו דער אַרבעט, ביי וועלכער זיי פארדינען נישט אפט נאָר אַזויפיל, וויפיל זיי איז נויטיק די חובות צו באַצאָלן. עס קען זיין, נישט באשולדקנדיק קיינעם, אַז עס קומט אויך דערפון, וואָס די ארבעטער פארדינען נישט גענוג.

— איך גלויב, האט געזאגט די פרוי גרעגואר, אז די געזעלשאפט גיט אייך דירה און באהייצונג אן געלט.

לאַ־מאַהעד האָט פון דער זייט געוואָרפן אַ בליק אויף די צעפלאמטע קוילן אין קאַמין.

— יאָ, יאָ, מען גיט אונדז קוילן און אויב זיי זענען אפילו נישט אַזעלכע גוטע, דאך ברענען זיי... וואָס אַנבעלאַנגט דירה־געלט, צאלן מיר זעקס פראנק אַ חודש. אין פלוג איז עס ווייניק, דאך קומט אן דאס צאלן אפט זער שווער... אַזוי קען מען מיר היינט אויף שטיקער צעשניידן און מען וועט קיין צוויי סו נישט געפונען. דארט ווו עס איז גארנישטאָ, איז נישטא.

הער גרעגואַר און זיין פרוי האבן געשוויגן, זיי האבן זיך אויסגעצויגן אין זייערע פאָטעלן און אויג אויף אויג מיט אזא עלענט האבן זיי זיך אנגעהויבן צו פילן אַ ביסל נישט גוט און א ביסל זיך צו לאנגווייליקן. פרוי מאַהעד, מורא האבנדיק, אז זי האט זיי מיט עפיס באליידיקט, האט אַלס פראקטישע פרוי צוגעגעבן:

— אָהא! איך זאָג דאָס נישט, כדי זיך צו באַקלאָגן. אַזוי־

איז עס און מען מוז דערמיט שלום מאַכן, העכסטנס קענען מיר זיך געגן דעם ווערן, ענדערן נישט... נישט אמת, גנעדיקער הער און גנעדיקע פרוי, עס איז נאָך דאָס בעסטע, ווען מען פלייסט זיך ערלעך צו טון די פליכט אויף דעם אָרט, אויף וועלכן דער גוטער גאָט האָט אַוועקגעשטעלט.

הער גרעגואַר האָט צוגעשאָקלט, אַלס צייכן פון הסכּמה.

— מיט אַזעלכע געפילן, מיין בראווע פרוי איז מען געגן יעדן אומגליק באַוואָפנט.

האַנאַריינע און מעלאַניע האָבן ענדלעך געבראַכט דעם פּאַקעט. סעסיל האָט אים אַליין אויפגעעפנט און אַרויסגענומען צוויי קינדער-קליידלעך. דערצו האָט זי נאָך צוגעלעגט צוויי טיכלעך, זאָקן און הענטשקעס. זי האָט זיך געאיילט און גע-הייסן די דינסטמיידלעך איינפּאַקן די זאַכן, ווייל יעדע מינוט האָט געקענט אָנקומען די קלאַוויר-לערערין. זי האָט דער מוטער מיט די קינדער געשטופּט צו דער טיר.

מיר זענען אין גרויסער נויט, האָט געשטאַמלט לאַ מאהעד. ווען מיר קאָנען נאָר באַקומען אַ הונדערט סו. .

די ווערטער האָבן זי שיעור נישט דערשטיקט, ווייל די מאַהע זענען געווען שטאָלץ און האָבן נישט געבעטלט.

סעסיל איז געוואָרן אומרויק און האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם פאָטער, נאָר דער פאָטער האָט געמאַכט אַז ערנסטע מינע און האָט גלייך אָפּגעזאָגט.

— ניין, דאָס איז נישט אין אונדזערע געוווינהייטן, דאָס קענען מיר נישט טון.

דאָס יינגע מיידל, זייענדיק גערירט פון לאַ-מאהעד'ס דערשלאָגן אויסזען, האָט כּמעט געוואָלט מיט עפּעס די קינדער מהנה זיין, זיי האבן אַלץ געהאַלטן אין איין קוקן אויף דער קוכן. זי האָט אָפּגעשניטן צוויי שטיקער און זיי געגעבן.

— נעמט! דאָס איז פאַר אייך.

דערנאָך האָט זי אים ווידער אַרויסגענומען פון זייער האנט און געבעטן אַן אַלטע צייטונג.

— וואַרט, איר וועט זיך טיילן דערמיט מיט אייערע ברי־דער און שוועסטער.

אונטער די צערטלעכע בליקן פון די עלטערן האָט זי זיי איינגאַנצן אַרויסגעשטופּט פון שטוב. די אָרעמע ווערעמלעך, וועלכע האָבן נישט קיין שטיקל ברויט געהאַט, האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז, האַלטנדיק אין די פאַרשטאַרטע פינגער מיט דרך־ארץ די שטיקלעך קוכן.

לאַ־מאהעד האט מיטגעשלעפּט מיט זיך די קינדער אויף דער גאס, זי האָט שוין גאָרנישט נישט געזעען, נישט די פּוסטע פעלדער, נישט די שוואַרצע בלאָטע און נישט דעם גרויסן, בלאסן הימל. אלץ האָט זיך פאר אירע אויגן געדרייט. קומענ־דיק צוריק קיין מאנטסו, איז זי צוריק אריינגעגאַנגען צו מעגראטן אין קלייט און אַזוי אנטשלאָסן אים געבעטן, אַז זי האט באַקומען נישט נאר די צוויי ברויט, פּוטער און קאווע, נאָר אַפילו די הונדערט סו, ווייל דער מענטש האט אויך געבארגט אויף קורצע טערמינען. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אַז נישט פון איר האט ער עפּעס געוואלט, נאר פון קאטערינען, זי האט עס באלד פארשטאנען, ווען ער האט איר פארגעלעגט, אַז זי קען דורך איר טאכטער ביי אים תמיד איינקויפן. נאר אויף קאטערינען קען מען זיך פארלאָזן. זי וועט אים אויס־פּאטשן, אויב ער וועט זיך דערלויבן צופיל.

III

אויף דעם טורם פונם קליינעם קלויסטער, אין וועלכן דער פאטער זשואַר האט אלע זונטיק אפגעריכט די תּפילות, האט שוין דער זייגער געשלאָגן צוועלף. אין די הייזער האט מען געקאכט די זופּן צום מיטאָג, פון די קוימענס איז געגאנגען אַ רויך, דאַ און דארט האט זיך באַוויזן אַ פרוי, וועלכע האט אויפגעעפנט אַ טיר און פארשוונדן. כאטש קיין רעגן איז שוין מער נישט געגאַנגען, דאָך איז דער גרויער הימל געווען פול מיט רעגן און פון די דעכער־רינוועס האָט געהאַלטן אין איין טריפן אין די אונטערגעשטעלטע כלים.

קומענדיק אין דאָרף אַריין, האָט זיך לאַ-מאהעד אראָפּ־געגומען אין אזייט כּדי צו קויפן ביי דער פרוי פון איינעם אַן אויפזעער קאַרטאָפל, וועלכע זי האט געהאט נאָך פון פאַר־יאָרן. הינטער אַ שורה פון שלאַנקע טאָפּאָלן, די איינציקע בוי־מער אין דער פלאכער געגנט, איז זיך געשטאַנען אגרופּע פון געביידעס, פיר קליינע הייזער אַרומגערינגלט פון גערטנער. און אַזוי ווי די געזעלשאַפט האָט די טייל געהאַלטן פאַר די אויפזעער, האבן די אַרבעטער זי גערופן דאָס „דאָרף פון זיידענע זאָקן", אין דער צייט ווען זייער קווארטאַל און גוט־מוטיקער איראָניע אויף זייער עלענד, האָבן זיי אַ נאָמען גע־געבן „דאָרף פון די פאַרשוּלדיקטע".

נו! ענדלעך זענען מיר שוין דא, האט געזאגט לאַ-מאהעד, אַ באַלאדענער מיט פּעק, און האט אַריינגעשטופּט לענארעז און העגרין, פארבלאַטיקטע און טויט-מידע.

פאַר דעם פייער האט עסטעלע געליארמט, געוויגט אין אַלצירס ארעמס. ווען דער צוקער האט זיך אויסגעלאזט, האט אלציר נישט געוווּסט וואס אנהייבן צו טון כדי דאס קינד איינ־צושטילן און זי האט זיך אנטשלאסן צו געבן איר ברוסט. אַמאל איז דאס געלונגען. נאר דאס מאל איז דאס קינד גע־ווען בייז, ווייל עס האט גארנישט געקענט אויסזויגן פון דער מאגערער ברוסט פון דעם אכטיעריקן מיידל.

— גיב עס מיר! האט אויסגערופן די מוטער, נאכדעם ווי זי האט די פּעקלעך אויפן טיש אַנידערגעלעגט.

ווי נאר דאס קינד איז צוגעפאַלן צו איר ברוסט, איז עס באלד פארשטומט געווארן און מען האט געקענט עפּעס רעדן. אַלץ איז געווען אין ארדנונג, די קליינע האט דא דאס פייער אונטערגעהאלטן, אויסגעקערט און אויפגערוימט. אין דער שטילקייט, וועלכע האט געהערשט אין צימער האט מען געהערט פון אויבן שנארכן דעם אלטן, וועלכער האט ווי פריער גלייכ־מעסיק און ריטמיש געכראַפּעט, נישט אויפהערנדיק אויף קיין איין מינוט.

— האסט אַ סך געבראַכט! האט אלציר געמורמלט, לאכנדיק

ביי דעם אנבליק פון אזויפיל שפייז, אויב דו ווילסט, מאַמע, וועל איך קאָכן די זופ.

דער גאַנצער טיש איז געווען באַדעקט: דער פּאַקעט מיט די קליידער, צוויי ברויט, קאַרטאָפל, פּוטער, קאַווע, ציקאָריע און אַ האַלב פונט חזיר־קעז.

— אָה! די זופ! האט לאַ־מאַהעד געזאָגט מיט אַ מידער שטים. מען מוז ערשט גיין אָנרייסן שטשאַוו און ציבעלעס אָנ־שניידן... ניין, איך וועל שוין שפּעטער די זופ קאָכן, נאָר פאַר די מענער. שטעל צו קאַרטאָפל, מיר וועלן זיי איבערשמעלצן מיט אַ שטיקל פּוטער... און ווי האַלט עס מיט דער קאַווע? פאַרגעס נאָר נישט די קאַווע!

פלוצים האט זי זיך דערמאַנט אין דעם קוכן. לענאָרעס און הענריס הענט זענען געווען ליידיק און די קינדער האָבן זיך שוין געשלאָגן אויף דער ערד אויסגערוטע און גוט געשטימטע. זאָלן די פרעסערס האבן אויפגעגעסן אויפן וועג דעם גאַנצן קוכן. זי האָט זיי גענומען שלאָגן, נאָר אַלציר, וועלכע האָט צוגעשטעלט דעם טאָפ צום פייער, האָט זיך געפלייסט איר צו באַרוהיקן:

— לאָז זיי, מאַמע. אויב דער קוכן איז געווען פאָר מיר, ווייסטו דאָך, אז ביי מיר איז קוכן נישט אזא גרויסע מציאה. זיי זענען געוויס געווען הונגעריק נאָך אזא ווייטן וועג.

דער זייגער האט געשלאָגן צוועלף. אויף די טראָטוארן האָבן געקלאַפּט די שיך פון דעם יינגווארג, וואס האט זיך אומגעקערט פון דער שולע. די קארטאפל זענען שוין געוואָרן ווייך, די קאַווע, אויסגעמישט אויף העלפט מיט ציקאריע, האט זיך מיט אַ שטילן געריש טראָפּנסווייז געזייעט. אַלציר האָט אָפּגערוימט איין עק טיש פאַר דער מוטער, די קינדער האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די קני; און די גאַנצע צייט האָט דער קליינער ייִנג געהאַלטן אין איין קוקן מיט אַ שטומער גיריקייט, אָן איין וואָרט אַרויסצורעדן, אויף דער חזירשן קעז, וועמענס פעט פּאַפּיר עס האָט אים שטאַרק געדרייצט.

לאַ־מאַהעד האָט געטרונקן די קאַווע מיט קליינע זופּן, אַרומהאַלטנדיק דאָס גלאָז מיט ביידע הענט כּדי זיך צו דער־וואַרעמען, ווען דער אַלטער באַנעמאַר איז אַריינגעקומען. ער פּלעגט געוויינלעך אויפשטיין שפּעטער און שוין טרעפן זיין פרי־שטיק גרייט ביי דעם פייער. נאָר היינט האָט ער אָנגעהויבן אונטערצוברומען, ווייל עס איז נאָך נישט געווען פאַרטיק די זופּ. נאָכדעם אָבער ווי זיין שניר האָט אים געזאָגט, אַז נישט שטענ־דיק גייט עס, ווי מען וויל, האָט ער שוין רויק געגעסן די קאַר־טאָפל. פון צייט צו צייט איז ער אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פייער און דאָרט אויסגעשפּיגן, כּדי נישט צו פאַראומריי־ניקן דעם בריק; און אַנידערזיצנדיק זיך דערנאָך אויף זיין שטיל האָט ער די קאַרטאָפל אַריינגעשטופּט אין מויל מיט אַ ראָפּ־געזינקענעם קאָפּ און אויסגעלאָשענע אויגן.

— אַך, איך האָב פאַרגעסן, מאַמע, האָט אַלציר געזאָגט, די שכנה איז דאָ געווען...

די מוטער האָט איר איבערגעריסן.

— זי נודזשעט מיר!

זי איז געווען בייז אויף דער לעוואַק, וועלכע האָט איר נעכטן איינמיסטן אַנדערצײלט פון איר נויט, כּדי איר גאָרנישט צו באַרגן, אין דער צייט, ווען זי, לאַ־מאַהעד, האָט אין דער זעלבער צייט גוט געוווסט, אַז בוטעלופּ האָט איר באַצאָלט פאַר־אויס פאַר פירצן טעג. אין דעם אַרבעטס־דאָרף האָט מען זיך איינער צום אַנדערן נישט אַזוי לייכט געבאָרגט.

— גוט, וואָס אין האָב מיר דערמאָנט! האָט לאַ־מאַהעד געזאָגט, איינוויקלנדיק אין פּאַפּיר אַ מעסטעלע קאַווע... איך וועל עס אָפּטראָגן לאַ־פּיעראָן, וועלכער איך בין עס נאָך שולדיק פון איי־ערנעכטן.

און ווען אַלציר האָט צורעכט געמאַכט דאָס פּעקעלע, האָט לאַ־מאַהעד צוגעגעבן, אַז זי קומט באַלד אַריין זיך שטעלן קאָכן דעם זופּ. זי איז אַרויסגעגאַנגען מיט עסטעלען אויף די הענט, איבערלאָזנדיק זיעם אַלטן פּאַמעלעך קייען די קאַרטאָפל,

אין דער צייט, ווען לענארע און העגרי האָבן זיך פון אונטן געשלאגן פאר די לופּענעס.

אנשטאט צו גיין מיט דער גאס, איז לאַ־מאהעד געגאנגען מיטן גארטן, כּדי לעוואַק זאָל זי נישט באמערקן. איר גארטן האָט זיך געגרענעצט מיט דעם גארטן פון לאַ־פּיעראַן און אין פּלויט איז געווען אַ לאָך, דורך וועלכער די שכנים זענען געגאנגען איינע צו די אנדערע, אויף דעם אָרט האָט זיך אויך געפונען אַ בשותּפותדיקער ברונעם. דער זייגער האָט שוין געשלאָגן איינס, דאָס איז געווען די קאַווע־שעה, און מען האט קיין לעבעדיקן נפש נישט באמערקט, נישט אויף די טירן און נישט אין די פענצטער. ווי־נישט־ווי האט מען נאר באמערקט אַן ערדארבעטער, וועלכער איז פארן אַראָפּלאָזן זיך אין די גרובן, געווען פארנומען אין זיין גארטן. ווען לאַ־מאהעד איז אנגעקומען צו דעם אַנטקעגנאיבערדיקן הויז, האָט זי, צו איר איבערראַשונג, דערזעען שטיין נעבן דעם קלויסטער אַ הער מיט צוויי דאמען, זי איז געבליבן אַ רגע שטיין און האט זיי באלד דערקענט: דאס איז געווען די פרוי האַנעבאַ, וועלכע האט איַרע געסט איבערן דארף אַרומגעפירט.

— צוואָס האָסטו זיך מטריח געווען? האָט אויסגערופן לאַ־פּיעראַן ווען לאַ־מאהעד האָט איר אָפּגעגעבן די קאַווע. ס׳איילט נישט, זי איז אַלט געווען אַכטאונצוואַנציק יאָר און האָט געשמט פּאַר דער שענסטער פרוי אין אַ בעס־דאָרף! אַ ברונעטין מיט אַ נידריקן שטערן, גרויסע או גן זון אַ קליין מויל; דאַביי איז זי געווען אַ קאקעטין, זיך שטענדיק געהאַלטן ריין ווי אַ קאַץ און איר בוזים איז נאָך געווען פעסט, ווייל זי האָט קיין קינדער נישט געהאַט. איר מוטער, לאַ־בריולע, אַן אלמנה, ווען מען עס איז אומגעקומען אין די גרובן, האָט איר טאכטער אַ וועקגעשיקט אין אַ פאבריק און געשוווירן, אז זי וועט איר קיינמאָל נישט אויסגעבן פּאַר אַ בארגמאַן, דאך האט זי שפּעטער חתונה געהאָט מיט פּיעראַנען, וועלכער איז נאָך דערצו שוין געווען אַן אלמן און האָט געהאט אַ מיידעלע פון אַכט יאָר. דאָס פּאָרפאָלק האָט זיך געלעבט גליקלעך, נישט קוקנדיק אויף די אלע גע־

דערדערציילן און מעשיות, וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען אין דאָרף איבער דער נאָכגיביקייט פונם מאַן און די ליבעס פון דער פרוי; זיי האָבן קיין שום חובות נישט געהאַט, צוויי מאָל אין וואָך געגעסן פלייש און אין שטוב איז געווען אַזוי ריין, אַז מען האָט זיך געקענט אָנשפּיגלען. אַ דאַנק דער פּראָטעקציע, איז איר געווען דערלויבט פון דער געזעלשאַפט צו פאַרקויפן צוקערקעס און פאַרשידענע זיסע זאַכן, וועלכע זי האָט אויסגעשטעלט אין די פענצטער. דאָס האָט איר אויך אַרייַנגעטראָגן פון זעקס ביז זיבן סו פאַרדינסט טעגלעך און זונטיק ביז צוועלף. ביי דעם גאַנצן גליק האָט די מוטער בריולע דאָך נישט אויפגעהערט צו קלאָגן. זי, די אַלטע רעוואָלוציאָנערין, האָט אַלץ נישט געקענט פאַרגעסן דעם טויט פון איר מאַן און האָט געוואָלט זען די נקמה פון זיינע באַלעבאַטים.

— ווי זי איז שוין אויסגעוואַקסן! האָט געזאָגט לאַפיעראַן, גלעטנדיק עסטעלען.

— אך! וואָס איך האָב אָבער פון איר אויסצושטיין, רעד מיר גאָרנישט פון איר! האָט געזאָגט לאַ-מאהעד. דו ביסט גליקלעך, וואָס דו האָסט קיין קינדער נישט. ווייניקסטנס, קענסטו כאָטש אַלץ האַלטן ריין.

און כאָטש ביי איר איז אַלץ געווען אין בעסטער אָרדנונג און אַלע שבת האָט מען אַלץ אין שטוב אויפגערוימט און אויסגעוואַשן, דאָך האָט זי מיט קנאה געקוקט אויף דעם ריינעם צימער, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אפילו לוקסוס-זאַכן, ווי באַגילדעטע וואַזעס אויף דער שפּייז-שראַנק, אַ שפּיגל און דריי בילדער אין ראַמען.

לאַ-פיעראַן פלעגט אַליין טרינקען די קאַווע, ווייל דאָס גאַנצע הויזגעזונט איז געווען אין די גרובן.

— דו וועסט אויסטרינקען מיט מיר אַ גלעזל קאַווע, האָט זי געזאָגט.

— ניי, אַ דאַנק, איך האָב ביי מיר.

— וואָס מאַכ... דאָס דען אויס?

און ווירקלעך האָט עס גאָרנישט אויסגעמאַכט. זיי האָבן

ביידע לאַנגזאַם געטרינקען די קאַווע און זייער בליקן האָבן דורך די אויסגעשטעלטע אויף דעם פענצטער זיסע זאַכן, געבלאָנדזשעט אויף די אנטקעגנאיבערדיקע הייזער, ווי די מער אדער ווייניקער רייַנע פאָרהענגלעך האָבן עדות געזאָגט אויף דער ליטעשקייט פון די באַלעבאָסטעס. ביי לעוואַקן זענען די פאָרהענגלעך געווען אזוי קויטיק, גלייך זי זאָל מיט זיי ווישן די קיך-טעפּ.

— ווי קאָן מען דען לעבן אין אַזאַ שמוץ! האָט זיך אָנגערופן לאַ-פּיעראַן.

איצט האָט שוין אָנגעהויבן לאַ-מאהעד, נישט אָפּ-שטעלנדיק זיך. אַה! ווען זי האָט אַזאַ שכן, ווי בוטעלופּ, וואלט זי שוין געוווּסט ווי איינצואָרדנען איר באַלעבאַטישקייט! ווער עס פאַרשטייט ווי זיך איינצואָרדנען, פאַר דעם איז אַ שכן אַ גוט געשעפט. מען דאַרף זיך נאר נישט מיט אים אריינלאָזן אין ווייטע דרכים. איבעריגנס, איז דער מאן געווען אַ טרינקער, האָט געשלאָגן זיין ווייב און איז נאָכגעלאָפן די זינגעריננס פון דעם קאַווע-הויז אין מאַנטסו.

לאַ-פּיעראָן האָט געמאַכט אַ מינע, ווי עס זאָל איר האָבן שטאַרק געעקלט.

— מיר וווּנדערט נאָר, וואס דו דערלאָזט אַרומגיין דיין זון מיט איר טאָכטער.

— אַך, יאָ! דערלאז נישט!... זייער גארטן גרענעצט זיך מיט אונדזערן. זומער איז זכריה שטענדיק מיט פלאמענען אונטער די בעז-קארטשעס, און מען קען גאר קיין וואסער נישט אָנשעפן, מען זאל זיי נישט איבערשרעקן.

— ווען איך בין אויף דיין ארט, וואלט איך צו דעם געמאכט אַן ענדע, האָט ווייטער געזאגט לא-פּיעראן. זי האט שוין צוויי קינדער פון דיין זכריהן און עס וועלן נאך זיין...

לאַ-מאהעד האט א צערייצטע אויפגעהויבן די הענט.

— הער: איך וועל אים פארשטעלן ווען ער וועט נאך האבן... דארף שוין זכריה נישט האבן פאר אונדז קיין שום

דרך-ארץ? ער האט אונדז דאך געקאסט געלד, נישט אמת? און דאס מוז ער אונדז אומקערן, איידער ער גייט נעמען א פרוי... וואס וואלט דען פון אונדז געווארן, זאג אליין, ווען אונדזערע קינדער, ווי נאר זיי זענען אויסגעוואקסן, זאלן ארבעטן פאר אנדערע? עס וואלט שוין דעמאלט געווען בעסער גליין צו שטארבן!

זי האט זיך דאך באלד בארויקט.

— איך רעד אין אלגעמיין, שפעטער ווערט מען שוין זעען וואס מען האט צו טון... דיין קאווע איז זער שטארק; די קאכסט אזוי, ווי מען באדארף.

נאכדעם ווי זי האט נאך געגעבן א פערטל שעה געפלוידערט, האט זי זיך פלוצים אויפגעהויבן, אויסשרייענדיק, אז זי האט נאך די זופ פאר די מאנסליים נישט צוגעשטעלט. עס איז געווען די צייט, ווען די קינדער האבן זיך שוין פון דער שולע אומגעקערט, אייניקע פרויען זענען געשטאנען אויף די טירן און נאכגעקוקט דעם מאדאם האנעבאָ מיט אירע געסט. דער באַזון האָט אנגעהויבן אויפצורודערן דאס דארף. אַן ערדארבעטער האט א רגע אפגעשטעלט זיין ארבעט, צוויי איבערגעשראקענע הינער זענען אנטלאפן אין גאָרטן.

גייענדיק אהיים האט לאַ-מאהעד זיך אנגעשלאגן אויף לעוואק, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען אפווארטן דעם גרובן-דאקטאר, אַ קליין מענטשעלע, וועלכעס איז געווען שטענדיק באַשעפטיקט און האט זיינע מעדיצינישע עצות געגעבן לויפנדיק.

— הער דאקטאָר, האט געזאגט די לעוואק, איך קען נישט שלאפן, אלץ טוט מיר וויי... איך וואלט וועלן מיט אייך רעדן איבער דעם. ער האט אלכמען געדוצעט; ער האט איר, גייענדיק ווייטער, אפגעענטפערט:

— לאז מיר צורו! די טרינקסט צופיל קאווע

— און מיין מאן, הער דאָקטאר, האָט אָנגעהויבן פון איר זייט לאַ-מאהעד, וועלן זיי אַ מאָל באַטראכטן... ער האָט נאָך אלץ די ווייטיקן אין די פיס.

— אין דעם ביזטו שולדיק! לאָז מיר צורו!

דיביידע פרויען זענען געבליבן שטיין, נאָכקוקנדיק „ט דאָקטאָר.

— קום נאָר אריין, האָט אָנגעהויבן די לעוואַק, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך ביידע איבערגעקוקט מיט פאַרצווייפלונגס־פולע אויגן, איך האָב דיר צו דערצעלן עפּעס נייעס... און וועסט טרינקען מיט מיר אַ גלעזל קאַווע, ערשט פריש אָפּגעקאָכט.

לאַ־מאהעד האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, נאָר זי האָט נישט געהאט קיין כּוח זיך אנטקעגנשטעלן. נאר איין זופּ וועט זי טון, כּדי איר נישט צו באַליידיקן. און זי איז אַריינגעגאַנגען אין הויז. דאס צימער איז געווען שווארץ פון שמוץ, די בריק, די ווענט, די שאַפע און דער טיש זענען געווען באַדעקט מיט פלעקן פון פעטס; נישט קיין אַנגענעמער ריח, וועלכער הערשט אין אומריינע הייזער, האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. ביי דער פליטע איז געזעסן בוטעלופּ, די עלנבויגן אָנגעשפּארט אויף דעם טיש און די נאָז אַריינגעשטעקט אין שיסל. פאר זיינע פינפאונדרייסיק יאָר האָט ער נאָך געגוג יינג אויסגעזען. ער האָט פאַרענדיקט זיין מיטאָג. נעבן אים איז געשטאַנען אַכיל, פילאָמענעס ערשטע קינד, אַ יינגל פון אַ יאָר דריי. ער האָט גע־קוקט אויף אים מיט אַ בעטנדיקער מינע, ווי אַ הונט. דער שכן, וועלכע איז געווען אַ גוטהערציקער מענטש, האָט אים פון צייט צו צייט אַריינגעשטופּט אַ שטיקל פלייש אין מויל.

— ווארט איך מוז ערשט פאַרצוקערן, האט געזאָגט לאַ־לעוואַק, אריינשיטנדיק קרישטאל אין דער קאַווע־פּאַן.

זי איז געווען מיט זעקס יאָר עלטער פון בוטעליפּן און זער מיאוס.

— אלזא, וואָס האָב איך דיר געוואָלט דערצעלן! האָט זי זיך ווייטער אָנגערופן. נעכטן אָוונט האָט מען ווידער געזעען לאַ־פיעראנען זיך ארומשליאַען ביי די „זיידענע־זאָקן”. דער באַוווסטער הער האָט איר שוין אָפּגעוואָרט ביי ראסענערס הויז און ביידע צוזאמען זענען אוועקגעגאנגען לענג־אויס

דעם קאנאל... נו? דאס איז פיין פאר אַ פארהייראטע פרוי!

בוטעלופ האט אויסגעשאָסן מיט אַ גרויס געלעכטער און האָט אַריינגעווארפן אכילן אין מויל א שטיק ברויט איינגע־טונקען אין זופ, אָבער בײדע פרויען האבן קיין אכט נישט געלעגט אויף בוטעלופס לאַכן און האבן זיך ווייטער אויסגע־רעדט די הערצער אויף לא־פּיעראַנ׳ס רעכנונג: די קאקעטקע, זי איז נישט שענער פון די אנדערע און שטעט גאנצע טעג אָפּ ביי דעם שפּיגל און באַטראכט זיך, וואשט זיך, שמירט זיך. איבעריגנס איז דאס דעם מאנס זאך, אז פאר אים איז רעכט אזא ברויט. זייער געשפּרעך איז געוואָרן איבערגעריסן דורך דעם אַריינקומען פון אַ שכנה, וועלכע האָט מיטגעטראָגן מיט זיך אַ קינד פון ניין חדשים, דעסירע, פילאמענעס יינגסטע קינד. פילאמענע וועלכע איז געווען באַשעפטיקט ביי רייניקן די קוילן, האָט דאָרט אויפן אָרט געפרישטיקט. דאָס קינד פלעגט מען איר ברענגען אַהין און זי האָט עס דאָרט, אַזעקזעצנדיק זיך אויף די קוילן, אָנגעזויגן.

— מיין קינד קען איך אויף קיין רגע נישט איבערלאָזן אליין, באלד הויבט עס אָן ליאַרמען, האָט געזאָגט לאַ־מאהעד, באטראַכטנדיק עסטעלען, וועלכע איז איינגעשלאָפן אויף אירע הענט.

עס איז איר דאָך נישט געלונגען אויסצומיידן די פראגע, וועלכע זי האָט ארויסגעלייענט פון לעוואַקס אויגן.

— זאג נאר, מען מוז דאָך סוף־כל־סוף אַ קלער טון וועגן אַן ענדע. צום אנהייב זענען ביידע מוטערס מסכים געווען שווייגנדיק אויף איין און דעם זעלבן: דאס פארל זאל נאך דערווייל נישט חתונה האָבן. ווען זכריהס מוטער האָט געפּרווט ווי ווייט מעגלעך פארהאלטן פאר זיך דאס פארדינסט פון איר זון, איז דער לעוואק אויך געווען אַ שאד דאס פארדינסט פון איר טאכטער. קיינער האט נישט געיאָגט. ווען אָבער דאָס עלצ־טע קינד איז אונטערגעוואַקסן און זיין ערנערונג האָט שוין אנ־געהויבן קאסטן געלט אין דערצו איז נאך צוגעקומען נאך איינס,

האט שוין די לעוואק איינגעפונען אז פאר איר איז דאס נישט קיין רעכנונג און האט אנגעהויבן צו יאָגן עס זאָל זיין חתונה.

— זכריה האט דאך שוין געצויגן אַ נומער און איז פריי פון מיליטער, האט די לעוואק ווייטער גערעדט, איצט האָלט אים שוין גארנישט אָפּ. — נו, ווען מאכן מיר חתונה?

— לאמיר ווארטן אויף בעסערע צייטן, האט אָפּגעענטפערט לאַ-מאהעד פארלעגן. גלייך זיי זאָלן זיך נישט קענען דער-ווארטן אויף דער חתונה... איך גיב מיין וואָרט, אז איך וועל קאַטערינען דערווארגן, אויב זי וועט טון עפּעס ענלעכעס! לאַ-לעוואק האט אַ צי געטון מיט די אַקסלען.

— לאָז צורו! זי וועט נישט זיין בעסער פון די אַנדערע!

בוטעלופּ מיט דער רויקייט פון אַ מענטשן, וועס איז ביי זיך אין שטוב, האָט אויסגעגנישטשערט די גאנצע שפּייז-שראנק, זוכנדיק ברויט. די געמיזע, וועלכע איז געווען אנגעגרייט פאר לעוואָקס זופּ, איז שוין געווען האלב אָפּגערייניקט. אין דער צייט פון געשפּרעך האָט זי די לעוואַק שוין אפשר צום צענטן מאָל גענומען אין האנט און צוריק אַוועקגעלייגט. ווען זי האט נאכ-אַמאָל עס גענומען אין האַנט, האָט זי עס פּלוצים אַוועקגע-ווארפן און צוגעלאָפן צום פענצטער:

— וואָס איז דאָס?... דאָס איז די פרוי האַנעבאַ מיט פרעמדע מענטשן! זיי גייען אריין צו דער פּיעראַן.

ביידע פרויען זענען נאכאמאל אנגעפאלן אויף לאַ-פּיע-ראַן. וואס דען! שטענדיק אזוי. אז עס קומען געסט פּירט מען זיי באַלד צו די פּיעראַן, ווייל ביי איר איז ריין. אָבער די מעשיות מיטן אויפזעער דערציילט מען די געסט זיכער נישט. מען קען לייכט האלטן ריין, ווען מען האָט אַ ליבהאבער, וועל-כער פאַרדינט דריי טויזנט פראנק יערלעך מיט וווינונג און באַהייצונג, שוין נישט רעכנדיק די מתנות. און די גאנצע צייט, וואס די געסט זענען געווען ביי דער לאַ-פּיעראַן, האבן זיי געהאַלטן אין איין רעדן.

— אט גייען זיי שוין צוריק ארויס, האט עגדלעך געזאגט

לאַ־לעוואַק. זיי דרייען זיך אויס... זע נאַר, מיין ליבע, מיר דאַכט, אַז זיי גייען צו דיר.

לאַ־מאַהעד האָט זיך איבערגעשראָקן, וואָר ווייסט צי אַל־ציר האָט דאָרט דעם טיש אויפגערוימט? און די זופּ אירע איז אָך אויך נישט פּאַרטיק; זי האָט אַ מורמעל געטון „צום ווי־דערזעען" און האָט געאײַלט צו איר שטוב, נישט אויפהייבנדיק די אויגן.

נאָר אין שטוב ביי איר האָט אַלץ געבלאַנקט. אַלציר וועגנדיק, אַז די מוטער קומט נישט, האָט זיך אַליין גענומען צוצוגרייטן די זופּ. זי האָט אויסגעריסן די לעצטע ציבעלע, אָנ־געקליבן שטשאַוו און האָט דאָס גרינס געמאַכט צורעכט; אין דער צייט ווען אויף דער פּליטע איז געשטאַנען אין אַ גרויסן קעסל וואַרעמע וואַסער, און וועלכער די מאַנסלייט האָבן זיך געוואַשן אַ היימקומנדיק. העגרי און לענאַרע זענען צופעליק אויך געווען שטיל, זייענדיק פאַרנומען מיט צערייסן אַן אַלטן קאַלענדאַר. דער פאַטער באַנעמאַר האָט שטילערהייט געדרויכערט זיין ליולקע.

די מאַהעד האָט נאָר וואָס אָפּגעאָטעמט, ווי די פרוי האַנעבאַ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— איר וועט דאָך דערלויבן, נישט אמת? מיין גוטע פרוי. גייט אַריין! גייט אַריין! האָט זי זיך געווענדעט צו אירע געסט. מיר שטערן קיינעם נישט... נו? ווי ריין דאָ איז? און די בראַווע פרוי האָט זיבן קינדער! אַלע אונדזערע אַרבעטס ווויי־נונגען זענען אַזוי... איך האָב אייך שוין דערציילט, אַז די נעזועלשאַפט נעמט זעקס זלאָטעס דירה־געלט. אַ גרויס צימער פון אונטן, אויבן צוויי שטובן, אַ קעלער און אַ גאָרטן...

דער הער מיטן אָרדן און די דאַמע אינם פוטער, וועלכע זענען גאַנצפרי פון פּאַריז געקומען, האָבן אויפגעעפנט גרויסע אויגן, לאָזנדיק זיך פאַרפירן פון די אַלע זאַכן.

— און אַ גאָרטן אויך, האָט איבערגעחזרט די דאַמע, מען קען זיך דאָ אויסגעצייכנט לעבן!

— מיר געבן זיי מער קוילן, וויפיל זיי באַדאַרפן, האָט

די פרוי האנעבא ווייטער געזאגט. צוויי מאל אין דער וואָך ווערן זיי אונטערזוכט פון אַ דאקטאר און אז זיי ווערן אלט באקומען זיי א שטענדיקע פענסיע, כאטש פון זייער לוין נעמט מען ביי זיי קיינמאל נישט אראפ.

— אַן אמתער גן-עדן !, א לאנד פון מילך און האניק ! האט דער הער געשטאמלט אַן אנטציקטער.

לא-מאהעד האָט זיך געאיילט צו דערלאַנגען שטילן. די דאמען אָבער האָבן אָפגעדאַנקט. פרוי האַנעבאָ האט עס שוין געהאט גענוג. אויס לאנגווייליקייט האט זי אָנגענומען די ראָל פון אַ פירערין, גלייך דעם פירער און א חיות-שטייג, דער ריח אָבער פון אָרעמקייט און דלות, וועלכער האָט געהערשט אפילו אין די אויסגעקליבענע שטיבער, האָט איר אָפגעשטויסן. אויסערדעם האָט זי נאָר איבערגעחזרט די ווערטער, וועלכע זי האט געהערט פון אנדערע, זו אליין האָט זיך אפילו די מי נישט געגעבן צו באקענען זיך מיט דעם ארבעטספאָלק, וועלכעס האט געליידט אזוי בשכנות מיט איר.

— שענע קינדערלעך ! האָט געזאגט די דאמע, כאטש זי האט זיי אויסגעפונען העסלעך מיט זייערע צו גרויסע קעפ און פארפלאָנטערטע שטרויענע האר.

לאַ-מאהעד האט געמוזט אָנגעבן די יארן פון די קינדערלעך. אויס העפלעכקייט האט מען איר געשטעלט אויך אַ פאר פראַגן וועגן עסטעלען. דער אלטער באנעמאר האט דרך-ארץ-פול די לילקע פון מויל ארויסגענומען און ווען אים איז אָנגעקומען א הוסטן-אָנפאל האט ער זיך שטיל צוריקגעצויגן, כדי מיט זיין שווארצן לעכעץ נישט ארויסרופן קיין עקל ביי די געסט.

אלצירן איז אָנגעקומען אַ גרויסע טייל פון לויב-ווערטער, וואס פאר אַ פרעכטיקע באלעבאָסטע דאס איז. מען האט געבענטשט דער מוטער, וואס האט אזא טאָכטער, וועלכע איז שוין אזוי קלוג לויט אירע יארן ! קיינער האט נישט דערמאנט פון איר הויקער, נאר אין זייערע בליקן האט זיך געזעצן מיטלייד און אומצופרידנהייט.

— איצט, האט געזאגט פרוי האנעבא, אז מען וועט אייך פרעגן וועגן אונדזער ארבעטסדארף אין פאריז, וועט איר שוין וויסן וואס צו ענטפערן... אומעטום הערשט די זעלבע רו, די זעלבע פאטריאכאלישע מנהגים, און ווי איר זעט אליין, זענען אלע גליקלעך און צופרידן. איר וואלט געמעגט קומען אמאל דא אהער זיך צו פארבעסערן אין געזונט, אין אזא שטילער און רויקער לופט.

— עס איז וווּנדערבאר, וווּנדערבאר! האט ענטוזיאסטיש אויסגערופן דער הער.

זיי האבן פארלאזט דאס הויז מיט דער אנטציקטער מינע, מיט וועלכער מען פארלאזט אן ארט, ווי מען האט א ווונדער געזעען. לא־מאהעד, וועלכע האט זיי ארויסבאגלייט, איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל, און זיי זענען זיך פאמעלעך ווייטער געגאנגען, שמועסנדיק צווישן זיך גאנץ הויך. די גאסן זענען געווארן באלעבעט און זיי זענען דורכגעגאנגען דורך גרופן פרויען, וועלכע זענען אויס נייגיריקייט פון די הייזער ארויסגעגאנגען.

לא־לעוואק האט געראדע פאר איר טיר געטראפן לא־פיעראנען, וועלכע איז נייגיריק פארבייגעלאפן.ביידע האבן זיך אפגעשטעלט פארוווּנדערטע. צי ווילן שוין די לייט איבערנעכטיקן ביי לא־מאהעד? נישטא דארט וואס צו זעען.

— קיינמאל האבן זיי קיין פרוטה נישט אין קעשענע, כאטש זיי פארדינען אזוי פיל געלד! נאר ווען מען האט אזעלכע חסרונות!

— איך האב געהערט, אז זי איז היינט גאנצפרי געוועזן ביי דעם באזיצער פון לא־פיאלען עפיס אויסצובעטלען און אז מעגראט, וועלכער האט שוין גארנישט געוואלט בארגן, האט דאך נאך געבארגט... ס'איז באוווסט, ווי אזוי ארום ער נעמט אפ דאס זייניקע!

— שטיל!... זיי גייען.

לא־לעוואק און לא־פיעראן האבן זיי נאכגעקוקט מיט א גלייכגילטיקער מינע, נישט וועלנדיק פארראטן זייער נייגיר.

דערנאָך האָבן זיי צוגעווינקט לאַ־מאַהעד, וועלכע איז געשטאַנען אויף דער שוועל מיט עסטעלען אויף די הענט. אַז די געסט זענען שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ דרייסיק טריט, האָט זיך דאָס רעדעניש און די פּליאָטקעס דאָפּלט פאַרגרעסערט.

— וויפיל געלד זיי טראָגן אויף זייער לייב! עס איז אפשר מער ווערט פון זיי אינגאַנצן!

— אָך, געוויס!... די אַנדערע קען איך נישט, אָבער פאַר אַנדערע, נישט קוקנדיק אויף גרעב, וועל איך קייז פיר סו נישט געבן. מען דערציילט פאַרשידענע מעשיות...

— ווי? וואָס פאַר אַ מעשיות?

— אַז זי זאָל האָבן ליבהאָבערס!... פריער פאַר אַלעמען דער אינזשעניער...

— אָט דער קליינטשקער!.. אָ, דער איז צו ווייניק פאַר איר, ער וועט דאָך צווישן אירע קליידער נישט בלייבן.

— וואָס פרעגסטו שאלות, וואָס, אַז זי האָט דערפון פאַרגניגן!.. איך געטרוי קיינמאָל נישט אַזעלכע פרויען, וועלכע מאַכן שטענדיק אַ מינע, גלייך דאָס אַלץ איז זיי דערווידער...

פרוי האַנעבאָ איז נאָך אַלץ געגאַנגען פאַמעלעך מיט אירע געסט און געפּלוידערט, ווען פון דעם וועג איז אָנגעקומען אַ קאָטש און זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם קלויסטער. פון איר איז אַרויסגעשטיגן אַ הער פון אַ יאָר אכטאונצוואַנציק אין אַ טונקעלען מאַנטל מיט אַ ברוין געזיכט און רעגלמעסיקע שטריכן.

— איר מאַן! האָט לאַ־לעוואַן געשטאַמלט מיט אַ פאַרדומפּט קול, גלייך זי זאָל מורא האָבן, אַז ער זאָל דערהערן. זי איז אינגאַנצן געווען דורכגענומען מיט דעם הייליקן פּחד, מיט וועלכן עס זענען געווען דורכגעדרונגען אַלע זעקס טויזנט אַרבעטער פאַר זייער דירעקטאָר.

איצט איז דאָס גאַנצע אַרבעטער־דאָרף געווען אויף די פיס. די נייגיריקייט פון די פרויען איז געוואַקסן, די גרופּן האָבן זיך צונויפגעגאָסן און געבילדעט אַ גאַנצע מחנה, אין דער צייט ווען אַ גאַנצער הויפן פון אומריינע קינדערלעך זענען

געשטאנען מיט אָפענע מיילער אויף דעם טראָטואר. די גרעסטע ענגשאפט איז געווען פאר לאַ-לעוואקס טיר. צוערשט זענען צו-געקומען צוויי ווייבער, דערנאך צען, דערנאָך צוואנציק. לאַ-פיעראן האט געשוויגן, ווייל דאָ איז שוין געווען צופיל אויערן. לאַ-מאהעד, די קלוגסטע פון אלע, האט זיך באגרעניצט נאר מיט הערן און כּדי איינצושטילן עסטעלען, וועלכע האָט זיך אויפגעכאַפּט און געמאַכט קולות, האט זי אינמיטן גאַס אנטבלויזט איר ברוסט און איר געגעבן צו זויגן. נאָכדעם ווי הער האנעבאָ האָט געהאָלפן איינשטייגן די דאמען און דער וואָגן האָט גע-רירט אין דער ריכטונג פון מאַרשיען, איז דאס קלאַפעריי פון די פרויען געוואָרן נאָך שטאַרקער. אלע פרויען האָבן געמאכט מיט די הענט, געשריגן איינע דער צווייטער און פנים אריין און עס איז געווען אזא טומל, ווי מען זאַל אויפרירן אַ מוראשקע-נעסט.

נאָר אָט האָט דער זייגער געשלאָגן דריי. די ערדארבעטער, ווי בוטעלופ און אנדערע זענען שוין געהאט אַוועקגעגאנגען. אין דער עק פון דער גאס ביי דעם קלויסטער האָבן זי באַ-וויזן די ערשטע גרובן-ארבעטער מיט שווארצע פנימער, דורכ-געשוויצטע בלוזעס, די הענט אויף דער ברוסט געקרייציקט און די רוקנס אויסגעקרומט. דעמאָלט האבן זיך אלע פרויען צע-שייט אין פארשידענע ריכטונגען, אלע האבן געאיילט אַ היים און מען האט נישט געהערט גאָרנישט אויסער אומרויקע קולות:

— אָה! מיין גאָט! און מיין זופ! און מיין זופ איז נאָך נישט פארטיק!

IV

ווען מאהע, איבערלאָזנדיק עטיענען ביי ראסענער׳ן, איז געקומען אַ היים, האט ער שוין געטראָפן קאַטערינען, זכריהן און יעאנלינען ביי דעם טיש; זיי האָבן שוין געהאט פארענדיקט זייער זופ. קומענדיק אַ היים זענען זיי געווען אזוי הונגעריק, אז זיי זענען באלד נאָך אין פייכטע קליידער געגאַנגען עסן אפילו נישט ארומוואשנדיק זיך; איינער האט נישט געווארט

אויף דעם צווייטן, דער טיש איז געווען געגרייט פון גאַנצפרי ביז אין אָוונט, שטענדיק איז דארט ווער געווען, וועלכער האט אויפגעגעסן זיין חלק.

נאך אויף דער טיר האט מאַהע באַמערקט די שפייז, וואס איז געלעגן אויף דעם טיש. ער האט גאָרנישט געזאגט, נאר זיין פארזאָרגט געזיכט איז געווארן לעבעדיקער. דעם גאַנצן מארגן האט אים געפייניקט דער געדאנק פון דער ליידעקער שפייז-שראַנק, ווי עס איז נישטאָ נישט קיין קאווע און נישט קיין פוטער, די טרויעריקע מחשבות האבן אים נישט פארלאזט אפילו דעמאָלט, ווען ער איז שיעור נישט דערשטיקט געווארן אין דער פינצטערער לאך אין אָדער. ווי אזוי האט עס זיין פרוי דאס אלץ באקומען? און וואס וואָלט געווען, ווען זי זאל געווען אַהיים קומען מיט ליידיקע הענט? נאר אט איז דא אלץ. זי וועט אים שוין שפּעטער דערציילן. ער האט גע-שמייכלט אַ צופרידענער.

קאטערינע און יעאנלין זענען שוין אויפגעשטאנען און, שטייענדיק געטרונקען זייער קאווע, אין דער צייט ווען זכריה, וועלכער האט זיין אַפּעטיט מיט דער זופּ נאך נישט געשטילט, האט נאך אפגעשניטן אַ שטיק ברויט און באשמירט עס מיט פּוטער. ער האט געזעען ליגן אויף אַ טעלער דעם חזיר-קעז, נאר דאס האט אים נישט געקימערט, ווייל ער האט געוווּסט, אז דאס איז פארן פאטער. אלע האבן פארטרינקען נאך דער זופּ מיט אַ גרויסע פרישע גלאז וואסער, זייער געוועגלעכער געטראנק אין די טעג, איידער זיי האָבן באקומען אפגעצאָלט.

— קיין ביר האָב איך נישט, האט געזאגט לאַ-מאהעד, ווען דער פאטער האט זיך געזעצט צום טיש. איך האב געוואלט אַ פּאָר גראָשן אָפּשפּאָרן... אויב אָבער דו ווילסט, קען די קליינע דיר ברענגען אַ גלאז...

ער האט זי אָנגעקוקט אַ שטראַלנדיקער פון פרייד, וואָס? געלט האט זי אויך!

— ניין, ניין, האט ער געזאגט, איך האב שוין איין גלאָז געטרונקען, עס וועט זיין גענוג.

און מאהע האט אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו עסן די זופּ פון ברויט, קאַרטאָפל, ציבעלעס און שטשאוו פון אַ טעפּעלע, וועלכעס האט אים געדינט פאר אַ טעלער. נישט אַראָפּלאָזנדיק עסטעלען פון די הענט, האט לאַ־מאהעד צוגעהאָלפן אלצירן עס זאל דעם פאטער גאָרנישט פעלן, זי האט אים דערלאנגט די פּוטער, דעם חזיר־קעז און האט צוגעשטעלט די קאָווע צום פייער, זי זאל זיין גוט ווארעם.

דערווייל האט זיך אנגעהויבן נעבן דער פּליטע דאס וואשן זיך אין דעם האלבן פעסל, וועלכעס איז פארוואנדלט געווארן אין אַ וואנגע. צוערשט איז געגאנגען קאטערינע, וועלכע האט דאס האלבע פעסל אנגעגאָסן מיט ווארעמע וואסער, האט אויסגעטון איר גרובן־היטעלע, די בלוזע, דאס קליידל און ענדלעך דאס העמד; זייענדיק צוגעוווינט דערצו פון אכט יאָר, האט זי אין דעם קיין שום שלעכטס נישט געזען. זי האט אויסגעקערט דאס פּנים צום פייער און זיך גוט געריבן מיט שווארצע זייף. קיינער האט אויף איר קיין אכט נישט געלייגט, אפילו העני און לענארע זענען אויך נישט געווען בייגיירק. נאכדעם ווי זי האט זיך ארומגעוואשן, איז זי אַ נאקעטע אויף די טרעפּ ארויפגעלאפן און איבערגעלאזט דאס קויטיקע העמד און די קליידער אויף דער ערד ליגן. איצט איז געקומען צו אַ געקריג צווישן די צוויי ברידער. יעאנלין האט זיך געאיילט און אונטער דעם אויסרייד, אז זכריה עסט נאך, איז ער דער ערשטער אין דער וואַנע אריין. נאָר זכריה האָט דאַרויף נישט מסכים געווען, באַהויפּטנדיק, אַז פון זיין זייט איז עס שוין מנהג העפלעך, אז ער האָט פריער דורכגעלאָזט קאַטערינען, אָבער נאָך יעאנלינען וויל ער נישט, ווייל דעמאָלט וועט שוין די וואַסער זיין אַזוי שווארץ ווי טינט. געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס די ביידע ברידער האָבן זיך צוזאַמען געוואַשן, אַלץ צוגעווענדט צום פייער און האָבן זיך געהאָלפן איינער דעם צווייטן, איינרייבנדיק דעם רוקן מיט זייף. דערנאך זענען די פאַרשווונדן נאקעטע, ווי זייער שוועסטער, אויף די טרעפּ.

— האָבן זיי אָנגעמאכט אַ שמוץ! האָט געמורמלט לאַ־מאַ־

הער, צונויפנעמענדיק די קליידער כדי זיי אויסהייגעגן צו טרו־קענען. אלציר, וויש א ביסל אויס, נו!

נאָך א ליארם פון דער צווייטער זייט וואָנט האָט איר איבערגעהאַקט אינמיטן די ווערטער. מען האָט געהערט קללות פון א מאַן, א געוויין פון א פרוי און טעמפע קלעפּ, ווי עמע־צער זאָל האָבן געשלאָגן איבער א הוילן ארביז.

— ביי לאַ־לעוואק האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער טאַנץ, האָט מאַהע געזאָגט רויק, אויסקראַצנדיק מיטן לעפל זיין טעפּל. דאס איז קאָמיש, בוטעלופּ האָט דאָך פאָרט געזאָגט, אז די זופּ איז שוין פאַרטיק.

— אָך יאָ, פאַרטיק! האָט געזאָגט לאַ־מאַהעד. איך האָב נאָך געזעען דאָס גרינס ליגן אויפן טיש אפילו נישט אָפּגערייניקט. דאָס געשריי איז געוואָרן שטאַרקער, עס האָט זיך דערהערט א שטאַרקער שטויס פון וואָס די וואנט האָט א ציטער געטון, דער־נאָך איז אַלץ געוואָרן שטיל. דעמאלט האָט דער בארגמאַן, צו־טראָגנדיק צום מויל דעם לעצטן לעפל זופּ דערקלערט מיט א מינע פון רויקע גערעכטיקייט:

— אויב די זופּ זיינע איז נאָך נישט פאַרטיק, איז שוין אַלץ פאַרשטענדלעך, און נאכדעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען זיין גלאָז וואסער, האָט ער זיך גענומען צום חזיר־קעז. ער האט אָפּגעשניטן קליינע פירעקיקע שטיקלעך, וועלכע ער האט מיטן מעסער צוגעטראָגן צום מויל און אָן א גאָפּל צוגעביסן צום ברויט. אין דער צייט ווען דער פאָטער האָט געגעסן האָט קיינער נישט גערעדט. ער אַליין האָט אויך געשוויגן און כאטש ער האָט גוט געוווסט אז דאָס איז נישט פון מעגראַט'ס קלייט, דאָך האט ער קיין שום פראגע נישט געשטעלט. ער האט נאָר גע־פרעגט, צי דער אלטער שלאָפט נאָך אַלץ פון אויבן. ניין, דער זיידע איז שוין געהאַט ארויסגעגאנגען צו מאכן זיין געוויינ־לעכן שפאציר. און ווידער האבן אלע געשוויגן.

דאך דער ריח פון דעם חזיר־קעז האט גורם געווען דערצו, אז לענארע און הענרי, וועלכע האבן פון דעם פאר־שפריצטן וואסער געמאכט קליינע טייכלעך, זאלן אויפהייבן די

קצפּ. ביידע האָבן זיך צוגערוקט צום פאָטער, דער קליינער פּארויס, זייערע בליקן האבן באגלייט יעדן שטיקל, ווי עס האט זיך פונם טעלער אויפגעהויבן ביז עס איז פארשווונדן געווארן אינם טאטנס מויל. ענלעך האט זיי דער פאטער באמערקט.

— האבן די קינדער דערפון גארנישט באקומען? האט ער געפרעגט, און ווייל זיין פרוי האט אים באלד נישט געענטפערט, האט ער צוגעגעבן:

— דו ווייסט דאך, אז איז האָב פיינט אזעלכע אומגע־רעכטיקייטן מיר פארגייט דער אפעטיט, ווען זיי שטייען אזוי נעבן מיר אויסצובעטלען אַ שטיקל.

— אבער יא, זיי האבן באקומען! האט לא־מאהעד אויס־געשריגן אין כעס. ווען דו זאלסט קוקן אויף זיי, וואלסו זיי דיין חלק אפגעגעבן און די א בריקע חלקים און זיי וועלן אלץ האלטן אין איין עסן ביז צום פּלאַצן... נישט אמת, אלציר, מיר האבן אלע געגעסן דערפון?

— געוויס, מאמע האט אפגעענטפערט די קליינע הויקערין, וועלכע האט שוין אין אזעלכע פאלן פארשטאנען צו זאגן א ליגן, ווי אַ דערוואקסענע.

לענארע און הענרי זענען געבליבן שטיין אומבאוועגלעך, אויפגעבראכט פון אזאַ ליגן; זיי האָט מען מקיים פסק געווען, אז זיי האָבן נישט געזאָגט דעם אמת. זייערע קליינע הערצלעך זענען אויפגעשטאַנען געגן אַזא עולה און זיי האָבן שטארק חשק געהאט צו פּראטעסטירן און צו ערקלערן, אַז זיי זענען נישט געווען, ווען די אנדערע האבן געגעסן דערפון.

— גייט אוועק! האָט אויסגערופן די מוטער און האָט זיי פארטריבן אין צווייטן עק שטוב. איר דארפט זיך שעמען צו קוקן אַזוי כסדר דעם טאטן אין מויל אריין... און ווען ער אליין זאל עס נאַר עסן, אַרבעט ער דען נישט גענוג דארויף? אין דער צייט ווען איר, גנבים, טוט נישט גארנישט, נאר איר עסט!

נאר מאהע האט די קינדער צוריק גערופן. ער האט אנידערגעזעצט לענארען אויף זיין לינקער קני, הענרין אויף

דער רעכטער און זיך געטיילט מיט זיי מיטן רעשט. די קינדערלעך האָבן תאוודיק געשלונגען דעם חזיר־קעז.

ווען ער האט געענדיקט, האט ער געזאָגט צו זיין פרוי:

— ניין, ברינג מיר נאָך נישט די קאווע, איך וויל מיר פריער ארומוואשן... העלף מיר צו ארויסטראָגן די שמוציקע וואסער.

זיי האבן ארויסגעטראָגן די וואנע און זי אויסגעגאָסן אינם קאַנאַל, וואס פאַר דער טיר. באלד איז פון די טרעפ אַראָפּגעקומען יעאנלין שוין אין טרוקענע קליידער אין אַ צו גרויסער פאַר אים בלוזע אין הויזן, פון זיין ברודער. די מוטער האט דערזעען, אַז ער וויל זיך ארויסגנבענען דורך דער אָפענער טיר און האָט אים פעסט צוריקגעהאַלטן.

— וווהין גייסטו?

— דאָרט אהין.

— ווו דאָרט אַהין?... הער דו וועסט מיר גיין אנקלייבן סאַלאַט אויף היינט אוונט, האסט פאַרשטאנען? ברינגסטו נישט קיין סאלאט, וועסטו האבן צו טון מיט מיר.

— גוט! גוט!

יעאנלין איז אוועקגעגאנגען, די הענט אין די קעשענעס, מיט אַ שלעפנדיקן טריט און וויגנדיק די דארע ברוסט זיינע, ווי אַן אַלטער העקער, דערנאָך איז אראָבגעקומען זכריה, ער איז שוין געווען אנגעטון מיט מער פלייס און שענער, ער האט געטראגן אַ שווארצוואלענעם, בלויגעשטרייפטן זשאַקעט. דער פאָטער האָט אים נאכגעשריגן, ער זאָל נישט קומען שפעט אַהיים, ער האט פאַרלאָזט די שטוב מיט א שטומען קאָפּ־שאָקל, די פייקע צווישן די ציין.

די וואנע איז ווידער אָנגעפולט געוואָרן מיט וואַרעמע וואַסער. מאהע האָט לאַנגזאַם אויסגעטון די קליידער. אויף אַ ווינק, האט אלציר ארויסגעפירט לענארען און הענרין אויף דער גאַס. דער פאטער האט נישט ליב געהאט צו וואשן זיך אין דער אָנוועזנהייט פון דער גאנצער פאמיליע, ווי עס איז פאָרגעקומען אין אנדערע הייזער. ער האָט, איבעריגנס, קיינעם

נישט דערפאר באליידיקט, ער פלעגט נאר זאָגן, אז עס געשיקט זיך נאָר פאר קינדער צו באָדן זיך אינאיינעם.

— וואס טוסטו דארט אויבן אזוי לאנג? האט לא־מאהעד ארויפגעשריגן אויף די טרעפ.

— איך פאַרריכט מיין קלייד, וועלכעס איך האב נעכטן צעריסן, האט קאטערינע אפגעענטפערט.

— גוט... קום נישט אראָפּ, דער פאטער וואַשט זיך.

און מאהע מיט לא־מאהעד זענען איבערגעבליבן אליין. די פרוי האט זיך באַשלאָסן א וועקצולעגן עסטעלען אויף א שטיל, און דאס קינד געפונענדיק זיך נאָענט פונם פייער, האט אויפגעהערט צו שרייען און האט געווענדעט אויף אירע עלטערן א פאר נישט קלאָרע אויגן פון א קליין אומבאַוווסטזיניק באַשעפעניש. דער פאטער איננאַנצן א נאקעטער איז געשטאַנען איינגעבויגן איבער דער וואנע, האט איינגעטונקען צוערשט דעם קאפ און אים געריבן מיט דער שווארצער זייף, וועלכע האט פון א הונדערטיעריק באַנוצן זיך מיט איר פאַראנדערשט און אויסגעבלייכט די האָר פון זיין משפחה. דערנאָך איז ער אריינגעגאַנגען אין וואסער, באַנעצט די ברוסט, דעם בויך, די הענט, די שענקלען און זיך שטארק געריבן מיט ביידע הענט. זיין פרוי איז געשטאנען דאַנעבן און צוגעקוקט.

— ווייסט, האָט זי אנגעהויבן, איך האב געזעען די מינע, וואס דו האסט געמאכט, קומענדיק א היים... דו האסט זיך גוט געזאָרגט? דער אָנבליק פון דער שפייז האט דיר אויפגעמונטערט... שטעל זיך פאר, אז די באזיצער פון לא־פיאלען האבן מיר קיין סו נישט געגעבן. אָה! זיי זענען ליבלעכע מענטשן, זיי האבן באַקליידט די קליינינטשקע און איך האב מיר געשעמט זיי צו בעטן.

זי האט אויף א רגעלע איבערגעהאקט, כדי צו פאררעכטן עסטעלען אויף דער שטול, מורא האָבנדיק זי זאָל נישט אראָפּפאלן. דער פאטער האט ווייטער זיך געריבן דאס לייב, נישט וואגנדיק צו שטעלן קיין פראגע, כאטש די געשיכטע האט אים

אינטערעסירט, ער האט געדולדיק געווארט אויף ווייטערע דערקלערונגען.

— איך מוז דיר נאך זאגן, אז מעגראט האט מיר אפגע־זאגט... אה! און גראב איז ער געווען!.. ווי א הונט, וואס מען יאגט ארויס... דו קענסט זיך פארשטעלן אין וואס פאר א גוטער לאגע איך האב זיך געפונען! וואלגעע קליידער זענען טאקע ווארעם, אבער לעבן פון זיי קען מען נישט, נישט אמת?

ער האט אויפגעהויבן דעם קאפ, נאר ער איז געבליבן שטום ווי פריער. נישט אין לא־פיאלען, נישט ביי מעגראטן! ווי־זשע דען? זי האט זיך גענומען פארקאטשן די ארבל, כדי אים צו העלפן, ווי שטענדיק, זיך ארומוואשן די טיילן קערפער, וועלכע עס איז אים געווען שווער צו דערלאנגען, איבעריגנס האט ער עס ליב געהאט זי זאל אים אנזייפן און גוט איינ־רייבן.

— איך בין דאן נאכאמאל געגאנגען צו מעגראטן און אים געזאגט... אה! איך האב עס אים געזאגט... אז ער האט קיין הארץ נישט, אז עס וועט אים טרעפן אן אומגליק, אויב עס גיט נאך ערגעץ גערעכטיקייט... דאס האט אים געלאנגווייליקט, ער האט פארדרייט די אויגן און וואלט גערן אפגעצויגן... ענדלעך האט ער מיר אנגערופן אלטע קליאמרע... מיר וועלן קריגן ברויט ביז שבת, און דאס בעסטע, ער האט מיר אויס־געבארגט הונדערט סו... איך האב נאך גענומען ביי אים פוטער, קאווע און ציקאריע און וואלט נאך גענומען חזיר־קעז און קארטאפל, נאר איך האב דערזעען, ווי ער ווערט בייז... זיבן סו קאסט דער חזיר־קעז, אכטצן די קארטאפל, איז מיר נאך גע־בליבן דריי פראנק פינפאונזיבציק אויף רינד־פלייש צו יויך און אויף א פארשפייזע... נו? איך גלויב, אז איך האב דעם מארגן נישט פארלוירן אומזיסט?

איצט האט זי אים ארומגעווישט איינרייבנדיק מיט א האנ־טוך די ערטער, וועלכע האבן זיך נישט אזוי גיך אויסגעטרוקנט. ער איז געווען גליקלעך און נישט וועלנדיק באקלערן,

אַז די חובות וועט ער אויך מוזן באַצאָלן, האָט ער פריילעך געלאַכט, אַרומנעמענדיק זי מיט ביידע הענט.

— לאָז מיר! ביזט נאַס, שמירסט מיר אויס, איך האָב נאָר מורא, אַז מעגראַט האָט אין געדאַנק...

זי האָט געוואָלט רעדן פון קאַטערינען, זי האָט זיך אָבער אָפּגעהאַלטן אינמיטן, צוואָס באַאומרויקן דעם פּאַטער? דאָס וועט אָנמאַכן געשוכטעס אָן אַ סוף.

— וואָס אין געדאַנק? האָט ער איבערגעפרעגט.

— איך געדאַנק אונדז צו באַשווינדלען! מען דאַרף, אַז קאַטערינע זאָל גוט נאָכזעען דעם רעכנונג.

ער האָט זי ווידער אַרומגענומען מיט די הענט און דאָס מאָל האָט ער זי שוין נישט אָפּגעלאָזט. שטענדיק האָט זיך די באָד אַזוי געענדיקט.

יינקענדיק די קאַווע, נאָך אַלץ אָן דעם העמד, האָט מאַהע דערציילט זיין פרוי פונם אינצידענט מיטן אינזשעניער. ער איז איצט געווען רויקער און האָט זיך צוגעהערט מיט קאָפּשאָקלען פון צושטימיקייט צו די קלוגע עצות פון זיין פרוי, וועלכע האָט געהאַט אַ פאַרשטענדניש אין אַ זעלכע זאַכן. זי האָט אים געהאַלטן אין איבערחזרן, אַז מען וועט גאָרנישט געווינען דערמיט, וואָס מען וועט זיך בונטעווען געגן דער געזעלשאַפט. זי האָט אים דערציילט דערנאָך וועגן דעם באַזוך פון דער פרוי האַנעבאָ. ביידע האָבן זיך געפילט שטאָלץ דערפון, נישט אַרויסזאָגנדיק קיין וואָרט.

— קען מען אַראָפּגיין? האָט קאַטערינע געפרעגט פון די טרעפּ.

— יאָ, דער פּאַטער טרוקנט זיך אָפּ.

דאָס יינגע מיידל האָט אָנגעטון איר זונטיק-קלייד, אַן אַלט בלוי קלייד, וועלכעס איז שוין געווען אָפּגעבליאַקעוועט און אָפּגעטראָגן. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ פּשוט היטעלע פון שוואַרצן טיול.

— ווי דו האָסט זיך אויסגעפּוצט... וווּ גייסטו?

— איך גיי מיר קויפן אין מאַנטסו אַ באַנד צום היטעלע...

דאס אַלטע האָב איך אַראָפּגענומען, עס איז שוין געווען שמוציק.

— דו האָסט אַלזא געלט?

— ניין, מוקעט האָט מיר צוגעזאָגט אויסצובאָרגן צען סו.

די מוטער האָט איר געלאָזט גיין, נאָר ווען זי איז שוין געווען אויף דער טיר, האָט זי זי צוריקגערופן.

— הער נאָר, זאָלסט נישט גיין צו מעגראַטן קויפן דעם באַנד.. ער וועט דיר באַשווינדלען און וועט גלויבן, אַז מיר באָדן זיך אין געלט.

דער פאַטער, וועלכער האָט זיך איינגעבויגן צום פייער, כדי ווי מעגלעך שנעלער אָפּצוטרוקענען דעם נאַקן און די פּאַכוועס האָט זיך באַגנוגנט מיט דער באַמערקונג:

— נאָר זע שלעפּ זיך נישט אַרום ביינאַכט אויף די גאַסן!

נאָך מיטאָג פלעגט מאַהע אַרבעטן אין גאָרטן. ער האָט שוין פאַרזעצט קאַרטאָפל, בובלעך און אַרבעס פאַרפלאַנצט, און נעכטן האָט ער געקריגן שוין קרויט און סאַלאַט גרייט צום פאַרזעצן. דאָס שטיקל גאָרטן האָט פאַרזאָרגט די פאַמיליע מיט גרינוואַרג אויף אַ גאַנץ יאָר, נאָר קאַרטאָפל איז נישט געווען אויסצוקומען, איבעריגנס, האָט זיך מאַהע גוט פאַרשטאַנען אויף גערטנעריי און האָט פון זיין גאָרטן געהאַט אפילו אַרטישאָקן, וואָס די שכנים האָבן געהאַלטן פאַר אַ גרויסן אויפטו. ווען ער האָט זיינע בעטן צורעכט געמאַכט, איז אין זיין גאָרטן אַרויסגעקומען לעוואַק, רויכנדיק אַ פייקע און באַטראַכטנדיק דעם סאַלאַט, וואָס בוטעלופ האָט גאַנצפרי פאַרזעצט; ווען זיין שכן וואָלט זיך נישט אָפּגעגעבן צום גאָרטן, וואָלט אין אים אויסער קראָפּיווע גאָרנישט געוואַקסן. עס האָט זיך צווישן זיי פאַרבונדן אַ געשפּרעך דורך דעם פּלויט. לעוואַק אַ מידער און אַ אויפגערעגטער נאָכדעם ווי ער האָט זיין פרוי אויסגעפּאַטש, האָט זיך אומזיסט געפּלייסט מאַהען צו פאַרשלעפּן צו ראַכענער. האָט ער דען מורא פאַר אַ גלעזל ביר? מען וועט זיך אַביסל דורכשמועסן מיט די קאָלעגן און צו אָוונטברויט קומען צוריק, מען מוז דאָך פאָרט אַ ביסל קומען צו זיך נאָכדעם ווי מען גייט אַרויס פון די גרובן. קיין שום שלעכטס האָט מאַהע אין דעם נישט

געזעען, נאָר דאָך האָט ער דערפון אַפילו נישט געוואָלט הערן, ווייל אויב ער וועט איצט נישט פאַרזעצן דעם סאַלאַט, וועט ער פארוועלקט ווערן. אבער די אמתע סבה, וואָס ער האָט נישט געוואָלט גיין איז געווען דאָס, וואס ער האָט קיין חשק נישט געהאַט צו פאַרלאנגען פון דעם געלט, וואָס זיין פרוי האט באַקומען.

דער זייגער האָט שוין געשלאָגן פינף, ווען לאַ־פיעראָן איז געקומען פרעגן, אויב יצאנלין איז אַוועקגעגאנגען מיט לידיען. לעוואק האט אפגעענטפערט, אז עס קען געוויס זיין, ווייל בעבערט איז אויך נישטאָ און די דריי גייען שטענדיק ארום צוזאמען. נאָכדעם ווי מאהע האט זי בארויקט, אז זיי זענען אלע געגאנגען קליבן סאלאט, האט ער מיט זיין קאלעגע אנגעהויבן אויף אלערליי אופנים צו אטאקירן דער יינגער פרוי. זי איז געווארן אַ ביסל בייז, נאר זי איז נישט אוועקגעגאנגען, ווייל די באנאלע שפּאַסן זענען איר געפעלן און זי האט אזוי געלאַכט, אַז זי האָט זיך מיטביידע הענט געהאלטן ביי דעם בויך. איר צו הילף איז געקומען א מאָגערע פרוי וועמענס שטאמלען עס איז געווען עבלעך צו דעם קוואָקן פון א הין. די שולע איז איצט געווען געשלאָסן און אלע קינדערלעך האבן זיך מיט קולות אין די גאַסן ארומגעיאָגט, אין דער צייט ווען די פאָטערס וועלכע זענען נישט געווען אין די קנייפּעס, זענען זיך געשטאַנען גרופּנווייז אין די הייזער אנגעשפּאַרט, געראויכערט די פייקעס און זיך דורכגעוואָרפן מיט איינצעלנע ווערטער. לאַ־פיעראָן איז אַוועקגעגאַנגען אַ בייזע, ווען לעוואק האָט שוין אנגעהויבן זיך טשעפּן צו איר מיט דער האנט: ענדליך האָט לעוואַק זיך באַשלאָסן אַליין צו גיין רעווי־סענערן, און מאַהע איז איבערגעבליבן ווייטער צו ארבעטן.

מיט אַמאָל איז צוגעפאַלן די נאכט, לאַ־מאַהעד האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ אַ בייזע וואָס נישט די טאָכטער, נישט די יינגען זענען נאָך נישט אַהיים געקומען. זי האָט זיך געוועט, אַז קיינמאָל קען מען זיך נישט דערשלאָגן יערצו, אַז דעם איינציקן מאָלצייט, ביי וועלכן אַלע וואָלטן געקענט זיין

צוזאַמען, זאָל געמיינזאַם געגעסן ווערן. דערנאָך האָט זי געוואַרט אויף דעם סאלאט. זי האט נישט געקענט פארשטיין, וואס די יינגעך קענען איצט אויפקלויבן אין אזא טונקלקייט. דער ריח פון צוגעריישטע ציבעלעס האָט אנגעפולט דאָס גאַנצע צימער. דער דאָזיקער אָנפאַנגס אזוי אָנגענעמער ריח, וועלכער האָט אַזוי שנעל זיך דורכגעשלאָגן דורך די דינע ווענט פון די אַרבעטס-הייזער, האָט זיי אלע פאַרפעסטעט, אַזוי אז שוין פון וויטן האָט זיך געשפּירט דער דאָזיקער ריח פון די אָרעמע קוכן. ווען מאהע האָט פאַרלאָזט דעם גאָרטן איז שוין געווען גוט טונקל, ער האָט זיך אַ נידערגעזעצט אויף אַ שטיל און דעם קאָפּ האָט ער אָנגעשפאַרט אין דער וואנט, וויבאַלד נאָר ער האט זיך דא אין אוונט אוועקגעזעצט, אזוי איז ער באלד איינגעדרימלט. דער קוקוס-זייגער האט געשלאָגן זיבן. לענארע און הענרי, וועלכע האָבן דורכאויס געוואָלט העלפן אלצירן ביים גרייטן צום טיש, האָבן צעבראכן אַ טעלער, ערשט איצט איז געקומען דער אלטע באַנעמאר, ער האָט זיך געוואָלט אָפּעסן זיין אוונטברויט און גיין צו זיין אַרבעט. און לאַ-מאַהעד האָט געוועקט איר מאַן.

— מיר וועלן עסן אָן זיי!... זיי זענען שוין גענוג גרויס צו געפונען אליין דעם וועג אַ היים, דאס ערגסטע איז וואס מיר האָבן נישט דעם סאלאט!

V

נאכדעם ווי עטיען האָט ביי ראסענערן אפגעגעסן זיין זופּ, איז ער זיך ארויסגעגאנגען צו זיך אויפן בוידעם-שטיבל, פונ-וואנען עס איז געווען אַן אויסבליק אויפן פארעי, און איז אַ מידער מיט די קליידער אַנידערגעפאַלן אויפן בעט. און די לעצטע צוויי טעג איז ער מער נישט געשלאָפן, ווי פיר שעה. ווען ער האָט זיך פארנאַכט אויפגעכאַפּט איז ער אַ רגע געווען ווי פאַרטויבט, נישט דערקענענדיק דאס ארט, ווו ער געפונט זיך. אַ נישט אנגענעם געפיל האט אים באַהערשט, דער קאָפּ איז אים געווען שווער און ער האט זיך נישט געפּענט האלטן

אויף די פיס. ער האט דאריבער באשלאָסן איידער ער וועט אפעסן אוונטברויט און גיין ווידעראַמאָל שלאָפן ארויסצוגיין פריער אויף דער גאס כאפן פרישע לופט.

דרויסן איז די לופט געווען אַ מילדע, דער הימל האָט געהאט אַ קופּענעם אָפּגלאַנץ, אויף צפון-זייט זענען געהאנגען געדיכטע רעגנוואלקנס, וועמענס דערנענטערונג עס האט אָנגעזאָגט אַ פייכט קיל ווינטל. עטיען איז געגאַנגען גלייך אָן אַ שום ציל, ווילנדיק זיך נאָר באַפרייען פון זיין פיבער; ווען ער איז דורכגעגאַנגען פארביי דעם פארעי, וועלכער איז שוין געווען איינגעהילט אין שאָטן, און ביי וועלכן עס האט נאָך נישט געברענט קיין איינציקער לאַמטערן, האט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע צו זעען ווי די ארבעטער קומען פון זייער טאָג-אַרבעט. דער זייגער האט שוין געשלאָגן זעקס. מתנותווייז זענען זיך צונויפגעקומען די וואָגנשיבערס, אנלאדערס און אנטרייבער, צווישן זיי אין דער טונקלקייט האָט מען נישט דייטלעך געזען די געשטאַלטן פון די לאַכנדיקע סארטיר-מיידלעך.

פריער פאר אַלעמען איז געגאַנגען לאַ-בריולע מיט איר איידעם פּיעראָן. זי האָט זיך מיט אים געקריגט, וואס ער איז איר נישט געקומען צו הילף, ווען זי האָט זיך אַרומגעריסן מיט אן אויפזועער.

— גיי, דו שוואַכלינג! דו ווילסט זיין אַ מאן און בויגסט זיך פאר די שמוציקע הונט, וועלכע זויגן אונדז אויס.

פּיעראָן איז רויק געגאַנגען ביי איר זייט און גאָרנישט געענטפערט. ענדלעך האט ער זיך אָפּגערופן.

— זאל איך אפשר שפּרינגען דעם שעף אין פּנים אריין. אַ דאנק! איך זאָל נאָכדעם האָבן אומאנגענעמלעכקייטן!

— טאָ גיי-זשע לעק זיי דעם אונטער-חלק! האט זי אויסגעשריגן. גאָט מיינער! ווען מיין טאָכטער זאָל מיר הערן!.. נישט געבוג, וואס זיי האָבן אומגעבראַכט מיין מאַן, ווילסטו נאך איך זאָל זיי באַדאנקן דערפאר.

זייערע שטימען זענען אנטשוויגן. עטיען האט געזען לאַ-בריולעס אדלערנאָז, אירע פלאַטערדיקע ווייסע האָר

און מאַגערע זשעסטיקולירנדיקע הענט אין דער טונקלקייט פאַר־שוווּנדן. נאר אים האט פאראינטערעסירט דאס געשפרעך פון צוויי יינגע מענטשן. ער האט דערקענט זכריהן, וועלכער האט דאָ געוואַרט און זיין קאָלעגע מוקעט, וועלכער האט זיך צו אים דערנענטערט.

— גייסט מיט? האט געפרעגט דער לעצטער, מיר וועלן שנעל אָפּעסן אַ פּוטערברויט, דערנאָך וועלן מיר גיין צום „וואָלקאַן".

— באַלד, איך האָב נאָך דאָ עפּעס צו טון.

— וואס דען?

דער וואגנשיבער האט זיך אויסגעדרייט און באַמערקט פילאָמענען, וועלכע איז אַרויסגעקומען פונם סארטירהויז. ער האט געגלויבט, אז ער פארשטייט שוין אין וואס עס האַנדלט זיך.

— אָהא! אלזא גוט... אויב אזוי, גיי איך פריער.

— יאָ, איך קום גלייך נאָך דיר.

גייענדיק ווייטער האָט מוקעט באַגעגנט זיין פאָטער, וועלכער איז אויך אָנגעקומען פונם פארעי. זיי האָבן זיך בלויז באַגריסט, דער זון איז אוועקגעגאַנגען מיטן שליאַך און דער פאָטער איז זיך ווייטער געגאַנגען לענגאויס דעם קאנאל.

זכריה האט איר באַלד אַראָפּגעשטופּט פונם וועג, נישט קוקנדיק אויף אַנטקעגנשטעלן זיך. זי האט דאס מאל זיך שטאַרק געציילט, זאָל זיין אַ צווייט מאָל; און זיי האָבן זיך מתוכח געווען ווי שוין פון לאנג חתונה־געהאַט. עס איז גאָר קיין פאַרגניגן נישט, האט זי געזאָגט, צו טרעפן זיך נאָר אינדרויסן, באַזונדערס ווינטער, ווען די גאַסן זענען קויטיק.

— עס האַנדלט זיך נישט וועגן דעם, האט ער אומגעדולדיק געזאָגט, איך האָב דיר עפּעס צו זאָגן.

ער האָט זי אַרומגענומען ביי דער טאַליע און צארט מיט־געצויגן מיט זיך. ווען זיי זענען שוין געווען אין שאָטן, האָט ער זיך געוואָלט דערוויסן, צי זי האָט געלט.

— צוואָס ? וואָס ווילסטו דערמיט מאַכן ? האָט זי געפרעגט.

ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט, אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ חוב פון צוויי פראַנק, וואָס וועט אין דער היים אַרויסרופן אַ טומל.

— שווייג שוין !.. איך האָב געזעען מוקעטן, דו ווילסט מיט אים גיין אין „וואָלקאַן" צו די ברודיקע זינגערינס.

ער האָט זיך פאַרענטפערט, געקלאַפּט זיך אין האַרצן און געגעבן זיין ערנוואָרט. נאָר ווען זי האָט אַלץ געהויבן מיט די אַקסלען, האָט ער זיך פּלוצים אָנגערופן:

— קום אויך מיט אונדז, דו וועסט דאָרט גוט פאַרברענגען.:.

דו זעסט שוין, אַז דו שטערסט מיר נישט. וואָס וועל איך דען טון מיט די זינגערינס ! גייסטו מיט ?

— און דאָס קינד ? האָט זי געענטפערט. קען מען זיך דען רירן פון שטוב, ווען מען האָט אַ קינד, וואָס האַלט אין איין שרייען ?.. לאָז מיר גיין, איך בין זיכער, אַז אין דער היים איז שוין ווידער אַ ליאַרם.

נאָר ער האָט זי נישט אָפּגעלאָזט און געבעטן געלט. עס פּאַסט אים נאָר נישט פאַר מוקעטן, וועמען ער האָט צוגע־זאָגט צו קומען. אַ מאַן קען נישט יעדן אָוונט זיך גיין לייגן שלאָפן מיט די הינער. זי האָט ענדלעך נאָכגעגעבן, האָט אויפ־געטרענט די נאָט פון איר לייבל און אַרויסגענומען פון דאָרט צוועלף צענער־סו. אויס מורא, אַז די מוטער זאָל ביי איר נישט צונעמען, האָט זי דאָרט באַהאַלטן דאָס געלט, וועלכעס זי האָט באַקומען פאַר די שעהן, וואָס זי האָט געאַרבעט מער, וויפיל זי האָט באַדאַרפט.

— זע, האָט זי געזאָגט, איך האָב פינף וועל איך דיר געבן דריי... נאָר דו מוזט מיר שווערן, אַז דו וועסט נוצן דיין מאַמען זי זאָל שוין מסכים זיין אונדז חתונה מאַכן. דאָס לעבן האָב איך שוין גענוג ! די מאַמע וואַרפט מיר פאַר יעדן ביסן, וואָס איך עס... שווער ! שווער פריער !

זי האָט גערעדט מיט אַ מאַטער שטים פון אַ קרענקלען

מיידל, אָן אַ שום ליידנשאפט, נאָר שוין מיד פון דעם לעבן, וואס זי האט געפירט. ער האט געשווירן און געשריגן, אז דאס איז שוין אן אָפּגערעדטע זאך און ס'איז הייליק. דעמאָלט האט ער באקומען דאס געלט. ער האט דאס מיידל געקושט, גע־גלעט אַ ווײַלע און זי לאַכנדיק געמאכט, דערנאך האט זי זיך אַליין אומגעקערט אין דאָרף אַריין און ער האט געשפּאַנט מיט די פעלדער כּדי אָנצוזאָגן זיין קאָלעגע.

עטיען האָט מאַשינאַל באַגלייט פון וויטען מיט זיינע בליקן, נישט פאַרשטייענדיק אין וואס דא האַנדלט זיך און מיינענדיק, אז דאס איז אַ פּשוטע באַגעגעניש. ער האט זיך דערמאנט אין די אַרבעטאָרינס פון ליל, וועלכע ער האָט אויך אָפּגעוואַרט הינטער דער פאַבריק, אָט די מחנות פּערצניעריקע מיידלעך, וועלכע פלעגן אומקומען פון עלענד. נאָר פּלוצים האט אים איבערראַשט אַ נייע באַגעגעניש. ער האט זיך אָ־געשטעלט.

צופיסנס פון אַ בערגל, ווי גרויסע אראָפּגליטשנדיקע זיך שטיינער האָבן געבילדעט אַ הייל, האט דער קליינער יעאנלין שטאַרק אַריינגערעדט אין בעבערטן און אין לידיען, וועלכע זענען געזעסן רעכטס און לינקס פון אים.

— ווי? איר ווילט נאָך רעדן?.. איך וועל יעדן פון אייך אויספּאַטשן אז איר וועט נישט זיין צופרידן... וועמען איז צו־ערשט איינגעפאַלן דער געדאַנק? זאָגט!

און ווירקלעך איז דער געדאנק צוערשט יעאנלינען איינ־געפאַלן.

נאָכדעם ווי ער האָט אַ לענגערע צייט זיך אַרומגעשלעפּט לענגאויס דעם קאַנאַל און געקליבן דעם סאַלאַט צוזאַמען מיט די אַנדערע צוויי, איז ער, זעענדיק דער גרויסן הויפן סאַלאַט, געקומען צו דער איבערצייגונג, אז עס וועט זיין צופיל פון דער היים, ער איז דאַריבער אנשטאט צו גיין אַ היים געגאַנגען קיין מאנטסו און געניוט לידיען זי זאָל אַרומגיין אין די הייזער און אים פאַרקויפן. ער האָט שוין געהאט דערפאַרונג אין אַ זעלכע זאכן און האָט געזאָגט, אז די מיידלעך פאַרקויפן

אלץ, וואָס זיי ווילן, אין הוץ פון פאַרקויף איז דער גאַנצער הויפן אָפּגעגעבן געוואָרן ; נאָר לידז האָט געמאַכט עלף סו. און איצט האָבן זיך אַלע דריי געטיילט מיטן פּאַרדינסט.

— דאָס איז אַן אומרעכט! האָט דערקלערט בעבערט. מען מוז עס אין דריי גלייכע טיילן איינטיילן... אַז דו וועסט נעמען זיבן, וועט אונדז נאָר איבערבלייבן צוויי.

— פאַרוואָס אומגערעכט? האָט יעאַנלין געשריגן אַ צע־ רייצטער. ערשטנס האָב איך אַממייסטן אָנגעקליבן.

בעבערט פלעגט זיך געוויינלעך אונטערגעבן. ער האָט גע־ פילט צו יעאַנלינען אַ מורא און אַ פאַרוווּנדערונג צוזאַמען, זיין לייכטגלויביקייט האָט אים שטענדיק געמאַכט פאַר אַ קרבן. כאָטש ער איז געווען עלטער און שטאַרקער פון יעאַנלינען, פלעגט ער דאָך זיך לאָזן פּאַטשן פון אים. נאר דאס מאָל האָט אים די גרויסע סומע געלט געטריבן זיך אַנטקעגנצושטעלן.

— נישט אמת, לידיע, ער וועט אונדז באַשווינדלען... אויב ער וועט זיך מיט אונדז נישט צעטיילן אויף גלייך וועלן מיר עס דערציילן זיין מוטער.

יעאַנלין האָט געהאַלטן זיין פויסט אונטער בעבערטס נאָז.

— זאָג עס נאָכאַמאָל! דעמאָלט וועל איך שוין אליין גיין און דערציילן ביי אייך, אַז איר האָט פאַרקויפט דעם סאלאט, וואָס איך האָב אנגעקליבן פאַר מיין מוטער... דו בהמהשער קאָפּ דו, ווי קען מען דען איבעריינגס צעטיילן עלף סו אויף דריי גלייכע חלקים? פּרווו עס נאָר מאַכן!... דאָ האָט איר יעדערער פון אייך צוויי סו. באַשליסט שוין צו נעמען, אַ נישט לייג איך דאָס גאנצע געלט אריין צו מיר אין קעשענע.

בעבערט האט זיך געפילט באזיגט און האָט צוגענומען די צוויי סו. לידיע האָט אינגאַנצן געציטערט און זיך נישט אָנגערופן קיין וואָרט, זי האָט געהאַט צו יעאַנלינען דאָס געפיל פון מורא און צערטלעכקייט צוזאַמען, ווי אַ פרוי, וואָס ווערט שלעכט באַהאַנדלט פון איר מאַן. ווען ער האָט איר דערלאַנגט

די צווײ סו, האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט מיט אַן אונטער־טעניקן שמייכל. נאָר ער האָט זיך פּלוצים באַקלערט.

— הײ, וואָס וועסטו דען מיט זײ מאַכן? די מאַמע וועט זײ בײ דיר געוויס צונעמען, אויב דו וועסט זײ נישט גוט באַהאַלטן... שוין בעסער, אַז איך וועל זײ דיר אָפּהיטן. אַז דו וועסט דאַרפֿן האָבן געלד, וועסטו מיר זאָגן.

און די ניין סו זענען פאַרשוווּנדן אין זיין קעשענע. כּדי לידיען צו פאַרמאַכן דאָס מויל, האָט ער זי אַרומגענומען און זיך געקאָשעט מיט איר אויף דער ערד. זי איז געווען זיין קליינע פרוי און זײ האָבן זיך אָפּט געשפּילט אין „טאַטע און מאַמע״.

בעבערט, וועלכן זײ האָבן צו זייער שפּיל נישט צוגעצויגן, האט זיך שטענדיק געערגערט איבער דעם. ער פלעגט זײ מקנא זיין און זיך געפלייסט דאַריבער זײ שטענדיק צו שטערן.

— אַ מענטש גייט! האט ער אויסגעשריגן.

דאָס מאָל האָט ער קיין ליגן נישט געזאָגט, עס איז געווען עטיען, וועלכער האָט זיך באַשלאָסן ווייטער גיין זיין וועג. די קינדער זענען אויפגעשפּרונגען און אנגעהויבן צו אנטלויפן, נאָר ער איז זיך געגאַנגען ווייטער לענגאויס דעם קאַנאַל.

הונדערט שריט ווייטער האָט ער זיך ווידער אָנגעשטויסן אויף אַ פּאָרל. ער איז אָנגעקומען קיין רעקיאַרט, ווי אין די אַלטע חרובדיקע גרובן האָבן זיך אַלע מיידלעך פון מאַנטסו מיט זייער געליבטע ארומגעשלעפּט. אלס וועכטער האט דא געוווינט דער אַלטער מוקע, וועלכן די געזעלשאַפט האט איינגעאָרדנט צוויי שטובן צום וווינען אינם כּמעט איינגעפאַלענעם טורם, וועלכער האָט יעדע מינוט געדראָט אינגאנצן איינצופאַלן. און אזוי ווי די פענצטער זענען אין דעם וווינונג געווען אויסגעשלאָגן, האָט זיך מוקע באשלאָסן זײ מיט ברעטער צו פאַרשלאגן, עס איז דאַריבער אין די שטובן געווען פינצטער, נאָר וואַרעם. איבעריגנס האָט דער וועכטער גאָרנישט אָפּגעהיט, ער האט זיך פאַרנומען בלויז מיט די פערד פון פּאַרטײ און זיך

לגמרי נישט געקימערט מיט די רואינען פון רעקיארט, וועלכע האָבן נאָר פאר די אנדערע גרובן געדינט אלס לופט-שאכט.

דאָ, צווישן די פארליבטע פּאָרלעך, איז דער פּאָטער מוקע גרוי געווארן. אַלע האבן אים געקענט און אלעמען האט ער געקענט. אָפט האט ער מיט אַ שטומען פאָרוווּרף צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, איין זאך האט אים אריינגעבראכט אין אַ שלעכטער שטימונג: אַ פארליבט פארל האט זיך געמאכט די געוווינהייט צו האַלדזן זיך דוקאָ פאר זיין שלאָפצימער.

יעדן אוונט האָט אים באזוכט דער אלטער באנעמאר, וועלכער פלעגט זיך רעגלמעסיק מאכן זיין שפּאציר-גאנג נאך יעדן מיטאָג-עסן. די ביידע אלטע האָבן ווייניק גערעדט צווישן זיך, איבערוואַרפנדיק זיך אינם משך פון זייער האלבשעהדיקן צוזאמענזיין אפשר מיט אַ צענדליק ווערטער. נאר זיי האָבן הנאה געהאט צו זיצן אזוי אינאיינעם, דערמאנענדיק זיך אין די פארגאנגענע צייטן, וועלכע פלעגן ארויפשווימען אין זייער זכרון, נישט פילנדיק קיין שום נויטיקייט צו רעדן פון זיי.

— ווען עטיען איז אין דעם אָוונט גראד פאַרבייגעגאַנגען, האָט זיך שוין דער אלטער באַנעמאר אויפגעהויבן פונם באַלקן, אויף וועלכן ער פלעגט געוויינלעך זיצן, צוריקצוגיין אין דאָרף אריין און האט געזאָגט צו מוקע:

— אַ גוטע נאכט, אַלטער!.. זאג נאָר, דו האָסט דאָך געקענט דעם רויטער?

מוקע האט אַ רגע געקוקט שווייגנדיק פאַר זיך און ארייגייענדיק אין שטוב אריין האט ער אָפּגעענטפערט:

— אַ גוטע נאכט! אַ גוטע נאכט, אַלטער!

באלד איז אַ פּאָרל, וואס איז אָנגעקומען פון מאנטסו, פאַרבייגעגאַנגען עטיענען, נישט באמערקנדיק אים, און זיך פאר-קירעוועט אין דער זייט פון רעקיארט. דאָס מיידל האט זיך געווערט און מיט שטילן געבעט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, נאר דער מאן האט זי בעשטופּט צו די חורבות צו. דאס איז געווען קאָטערינע און דער גרויסער שאוואל. עטיען אָבער האָט זי נישט

דערקענט, ווען זי איז פאַר אים פאַרבייגעגאַנגען, און ער האָט זיי באַגלייט מיט זיינע אויגן צו זעען וואָס דער סוף וועט זיין.

נאָכדעם ווי זי האָט פאַרלאָזט דאָס ארבעטער־דאָרף, איז זיך קאַטערינע געגאַנגען ווייטער אויף דעם וועג, וואָס האָט געפירט קיין מאַנטסו. פון איר צענטן לעבנסיאָר, צייט זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרדינען אין די גרובן, גייט זי זיך אַזוי אַליין אומעטום אין פולער פרייהייט, און אויב ביז אַהער האָט זיך נאָך קיין מאַן צו איר נישט דערנענטערט, איז די סבה געווען די, וואָס זי איז פאַר אירע פופצן יאָר קערפּערלעך נאָך ווייניק געווען אַנטוויקלט. ווען זי האָט זיך געפונען ביי די האָלץ־סקלאַדן פון דער געזעלשאַפט איז זי אַריינגעגאַנגען צו איין וועשערין, ווי זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט טרעפן לאַ־מוקעטן. ליידער אָבער האָט איר לאַ־מוקעט די צוגעזאָגטע צען סו נישט געקענט אויסבאָרגן. אומזיסט האָט מען איר דאָרט געוואָלט טרייסטן, פאַרלייגנדיק אַ גלאָז וואַרעמע קאַווע. זי האָט אויך נישט מסכים געווען, אַז איר פריינדין זאָל די צען סו אויסבאָרגן ביי אַן אַנדערע פרוי. פּלוצים איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז עס וועט בעסער זיין איצט אָפּצושפּאָרן; איר האָט באַהערשט אַ מין אַבערגלויבערישע מוֹרא, אַ זיכערקייט, אַז דער באַנד, אויב זי וועט אים איצט קויפן, וועט איר ברענגען אַן אומגליק.

זי האָט זיך געאיילט צוריק אין דאָרף אריין און האָט שוין געהאַלטן ביי די לעצטע הייזער פון מאַנטסו, ווען איר האָט ביי דער טיר פון דער רעסטאָראַציע „פּיקעט״ עמעצער גערופן:

— הע, קאַטערינע, וווּהין לויפסטו אַזוי שנעל?
עס איז געווען דער לאַנגער שאַוואַל.

זי איז געוואָרן פאַרלעגן, נישט דערפאַר, ווייל ער איז איר נישט געפעלן, נאָר ווייל זי איז פּשוט איצט נישט געווען אויפגעלעגט צום שפּאַסן.

— קום אַריין עפּעס טרינקען מיט מיר... אַ קליין גלעזעלע זיס, ווילסטו? זי האָט העפלעך אָפּגעזאָגט. עס הויבט שוין אָן

טונקל צו ווערן און מען דאַרף זי האבן אין דער היים, ער איז צו איר צוגעגאנגען און מיט אַ שטיל קול געדעדט צו איר אינמיטן גאַס. שוין פון לאנג האָט ער אין געדאנק צו פועלן ביי איר זי זאָל מיט אים ארויפגיין אין דעם שענעם צימער, וואס ער פארנעמט אין דער רעסטאָראַציע „פיקעט" אויף דעם אויבערשטן שטאָק, ווי עס געפונט זיך אַ גרויס בעט. זי וועט דאָרט זיין די באַלעבאָסטע. צי האט זי מורא פאר אים, ווייל זי זאגט אים שטענדיק אפּ? זי האָט געלאכט און געזאגט, אז זי וועט שוין ארויפגיין איך אַ צייט, ווען קיין קינדער וועלן נישט וואקסן. דערנאך, אַ וואָרט פאר אַ וואָרט, איז זי ארויפּגעקומען, אליין נישט וויסנדיק ווי אזוי, אויף דעם בלאָען באנד, וועלכן זי האט נישט געקענט קויפן.

— איך וועל אים דיר קויפן! האט ער אויסגערופן.

זי איז רויט געווארן, פילנדיק, אז זי וועט גיט טון, אז זי וועט ביי אים די מתנה נישט אָננעמען, נאָר אין דער טיף האט איר נישט פארלאזט דער חשק צו באזיצן אזא באנד. עס איז איר צוריק געקומען אויפן געדאנק אויסצובארגן זיך די נויטיקע סומע, און זי האט ענדלעך מסכים געווען אנצונעמען זיין פארשלאג, נאר מיט דעם באדינג, אז זי וועט אים דאס געלט אומקערן. נאר עס איז אנטשטאנען אַ נייע שוועריקייט, ווען ער האָט פאָרגעלעגט גיין צו מעגראטן.

— ניין, נישט צו מעגראטן, די מאמע האָט עס מיר פארווערט.

— לאָז אפּ, דארפסטו דען זאָגן ווי דו ביסט געווען!.. ער האט די שענסטע בענדער פון גאנץ מאנטסו.

ווען מעגראט האט דערזעען ביי זיך אין קלייט דעם לאנגען שאוואל מיט קאטערינען ווי צוויי פארליבטע, וועלכע קויפן איין אויף זייער חתונה, איז ער געווארן פורפור-רויט און האט זיי פארגעלעגט די בלויע בענדער מיט אזא כעס, ווי איינער, וואס מען מאכט פון אים חוזק. ווען זיי זענען אוועקגעגאנגען, האט ער זיך אנידערגעשטעלט אויף דער טיר און זיי נאכגעקוקט ווי זיי זענען ביידע פארשוווּנדן געוואָרן אין דער טונקלקייט.

ווען זיין פרוי האט אים עפּעס געפרעגט, האט ער צו איר אויס־געגאסן זיין ביטער האַרץ, געשאָלטן און געשריגן, אַז דאָס אומדאַנקבאַרע פאָלק מוז נאָך אַמאָל אין שטויב ליגן און זײַנע פיס קישן.

שאָוואָל האָט קאַטערינען באַגלײט. ער האָט זי פּאַמעלעך, שטויסנדיק, אַראָפּגעפירט פונם וועג און זי האָט פלוצים באַמערקט, אַז זי געפינט זיך אויף דער שמאָלע סטעזשקע, וועלכע פירט קיין רעקיאַר. נאָר איידער זי האָט נאָך צײַט געהאַט בייז צו ווערן, האָט ער איר אַרומגענומען פעסט בײַ דער טאַליע און מיט צערטלעכע ווערטער זי אײַנגענומען. עס איז דאָך נאַריש פון איר זײַט, וואָס זי האָט מורא פאַר אים, קען ער דען אַזאַ ליבער קליינינטשקער, וועלכער איז אַזוי ווייך און צאַרט ווי זײַד, עפּעס שלעכטס טון? זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער האָט איר טאַקע ליב אויף דער אמתן. נאָכדעם ווי זי האָט שבת פאַר שלאָפן אויסגעלאָשן דאָס ליכט, האָט זי זיך די פראַגע געשטעלט, וואָס וואָלט געווען, ווען ער זאָל זי אַזוי אַרומנעמען; זי האָט דעמאָלט אײַנגעדרימלט און געחלומט, אַז זי וואָלט אים שוין מער נישט געזאָגט ניין. פאַרוואָס זשע איצט פילט זי צו אים אַזאַ ווידערווילן און האָט חרטה אויף דעם דעמאָלסטיקן געדאַנק? אין דער צײַט ווען זיין באָרד האָט אַזוי צאַרט געקיצלט איר נאַקן, אַז זי האָט אַזש די אויגן צוגעמאַכט, איז פלוצים אויפגעשווומען פאַר אירע געשלאָסענע ברעמען דער שאָטן פון אַן אַנדער מענטשן, פון דעם, וועלכן זי האָט געזען אין דער פרי.

פלוצים האָט קאַטערינע זיך אַרומגעקוקט. שאָוואָל האָט איר געפירט אין די רואינען פון רעקיאַר און אַ שוידער האָט אָנגעפילט איר האַרץ בײַ דעם אָנבליק פון די טונקעלע געביידעס.

— אָה! ניין, אָה! ניין, האָט זי געפליסטערט, איך בעט דיר, לאָז מיר אָפּ!

די מורא פאַר דעם מאַן האָט אים פאַרדרייט דעם קאָפּ

און זי איז געבליבן ווי פארשטיינערט. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי עמעצער זאָל איר דראָען צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ, דער ווייטיק פון וועלכן עס איז איר אומבאַוווּסט.

— ניין, ניין איך וויל נישט! איך בין נאָך צו יינג... שפּעטער.

ער האָט געבּרומט.

— בּהמה! האָב נישט מורא...

ער האָט שוין גאָרנישט גערעדט מער. ער האָט זי פעסט אַרומגענומען און זי געשלעפּט אין דער חרובער געביידע. זי איז געפאַלן נאַזנדיק אויף דער ערד און זיך אויפגעהערט צו ווערן, אונטערגעבנדיק זיך אײַנגאַנצן דעם שטאַרקערן פון איר מאַן. מען האָט נאָר געהערט זיין הייסן אָטעם.

עטיען האָט אַלץ צוגעהערט, נישט רירנדיק זיך פונם אָרט. נאָך איינע איז באַגאַנגען דאָס נאַרישקייט! האָט ער גע-קלערט. אַ מאָדנע געפיל האָט אים אַרומגענומען, אַ געמיש פון אייפערזוכט און צאָרן, ע- האָט זיך שוין נישט געהיט מער נישט אַנצומאַכן קיין גערויש און איז געשפּרונגען איבער די באַלקנס, ווייל די ביידע זענען אַזוי געוועזן פאַרטון מיט זיך, אַז זיי האָט שוין גאָרנישט געקענט שטערן. ער איז אָבער איבערראַשט געוואָרן, ווען אָפּגייענדיק קוים הונדערט שריט, האָט ער באַמערקט נאָך זיך גיין דאָס פּאָרל, וועלכעס איז וואַר-שיינלעך שוין צוריקגעגאַנגען אין דאָרף אַריין. דער מאַן האָט זי ווידער אַרומגענומען ביי דער טאַליע, געדריקט צו זיך און איר עפּעס איינגערוימט אין אויער, און זי האָט אויסגעזען זיך צו איילן אַהיים און בייז צו זיין, וואָס ער האַלט איר אָפּ.

פּלוצים האָט זיך אין עטיענען אויפגעוועקט די נייגי-רעקייט און אים האָט זיך פאַרגלוסט איר געזיכט צו זעען. עס איז געווען אַ נארישער געדאַנק און ער האָט איבמיסטן פאַר-שנעלערט זיינע טריט, כּדי אים נישט נאָכצוגעבן. אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז ער געגאַנגען, לאַנגזאַמער און ווי נאָר ער איז צוגעקומען צום ערשטן גאַס-לאַמטערן, האָט ער

זיך אָפּגערוקט אין שאָטן און זיך באַהאַלטן. ער איז געבליבן שטאַר פון איבעררעשונג ווען ער האָט דערזעען, אַז דאָס איז קאטערינע מיט שאוואלן. אָנפאַנגס האָט ער זיך אַפילו נישט געוואָלט גלויבן. איז דאָס יינגע מיידל אינם בלויען קליידל קאטערינע? און דאָס איז שאַוואַל אָט דער יינג אין די הויזן מיט דעם גרובנהיטל אויפן קאָפּ? נאָר ער האט מער נישט געצווייפלט, ער האָט אירע אויגן דערקענט, אירע גרינשימערירנדיקע אויגן, וועלכע זענען אַזוי קלאר און אזוי טיף ווי קוואַל־וואסער! אים איז פּלוצים באַפאַלן אַ שטארקער בקמהגעפיל און ער האָט זי טיף פאַראכטעט, כאטש זי האָט אים גאָרנישט געטון.

קאטערינע מיט שאוואלן זענען זיך געגאַנגען לאנגזאם ווייטער. זיי האָבן נישט געוווסט, אז מען באַאָבאכטעט זיי און ער האט זי ווידער צוריקגעהאלטן און געקושט, אין דער צייט ווען זי האט לאכנדיק צוגענומען זיינע צערטלעכקייט, קלענער מאכנדיק די שריט. עטיען איז געבליבן הינטער זיי, ביז וואָס זיי פארשפאַרן אים דעם וועג. ער איז געווען געצוווּנגען נאָכצוגיין זיי און זיין אַ עדות פון אזעלכע זאכן, וועלכע האָבן אים אריינגעבראכט אין פארצווייפלונג. דאָס וואָס זי האט אים גאנצפרי געשווירן איז אלזא געווען אמת: זי איז נאך נישט געווען קיינעמס געליבטע, און ער האט זי זיך געלאזט אוועקרייסן פון אונטער דער נאָז.

דער שפּאציר האט שוין געדויערט אַן האלבע שעה. ווען זי זענען צוגעקומען צום פארעי, זענען זיי עטלעכע מאל געבליבן שטיין; זיי זענען איצט געווען ביידע אין אַ פריילעכער שטימונג. עטיען האט יעדעס מאָל געמוזט בלייבן שטיין, מען זאל אים נישט באמערקן. ווען ער איז צוגעקומען צום פארעי, האט ער שוין פריי געקענט אהיים גיין עסן זיין אוונטברויט, נאר ער האט זיי אלץ נאכגעפאלגט ביז אין דארף אריין, ווו ער איז געבליבן שטיין אין דער טונקלקייט ביז קאטערינע איז איי שטוב אריינגעאנגעז. ערשט ווען ער איז

שוין געווען זיכער, אז זיי זענען שוין נישט ביידע צוזאמען איז ער אוועק ווייטער. ער האט לאנג ארומגעוואנדערט אויף דעם וועג, וואס האט געפירט קיין מארשיען, צו טרויערן און געדרוקט, ער זאל קענען זיך אפשליסן איצט אין זיין צימער.

ערשט אין אַ שעה שפעטער, אַרום ניין אַ זייגער, איז ער צוריק געקומען אין דאָרף אַריין, ער האָט זיך געזאָגט, אז אויב ער וויל אויפשטיין מאָרגן פיר אַ זייגער, מוז ער איצט גיין אָפּעסן און זיך לעגן שלאָפן. אין דאָרף זענען שוין אלע געשלאָפן, אומעטום איז געווען פינצטער, דורך די געשלאָסענע לאָדנס האט נישט דורכגעדרונגען קיין שום שיין; די הייזער־רייען האָבן אויסגעזען ווי קאַזארמעס, אין וועלכע אַלץ איז געווען פארזונקען אין טיפן שלאָף, נאָר אַ קאץ איז געלאָפן דורך די פוסטע גערטנער. דאס איז געווען די ענדע פונם טאג, מידע פון דער אַרבעט און עסן, האָבן זיך די אַרבעטער גלייך פונם טיש אין בעט געלעגט.

אין דעם העלבאַלויכטענעם צימער פון ראסענערס גאַסט־הויז איז געזעסן אַ מאַשיניסט און צוויי אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט בייטאָג, און געטרינקען ביר. איידער עטיען איז אַריינגעגאַנגען אין זיין צימער, האט ער נאָך געוואָרפן אַ בליק אין דער טונקלקייט. ער האָט געזען דעם זעלבן אומענדלעכן שוואַרצן האָריזאָנט, וועלכן ער האָט באַמערקט, אנקומענדיק אַ הער פאַרטאָג אינם גרויסן שטורם. פאר אים האָט ווי אַ בייזע חיה געקניט דער פארעי אין טריבן ליכט פון עטלעכע לאַמטערנס. די דריי קוילנבעקן אויף דעם בערגל האָבן ווידער געגליט אין דער לופט, ווי בלוטיקע לבנה׳ס, און פון צייט צו צייט האט מען געקענט זען די פאַרגרעסערטע שאָטנס פון דעם פאטער באַנעמאר און פון זיין געלן פערד, און ארום, אויף דער פוסטער פלאַכקייט איז געלעגן אין שאָטן געהילט, מאנטסו, מארשיען, דער וואלד פון וואנדאם און דער ווייטער ים פון ריבן און תבואה־פעלדער, אויף וועלכע די בלוילעכע פייערס פון די

חויוונס אין די רויטע פלאַמען פון די קאָקספייערן ! האָבן געגליט
די ווייטע לייכט-טורמען. די נאַכט האט אַראָפּגעגידערט לאַנגזאַם.
דרויסן האט פּאַמעלעך אין מאנאטאן געדעגנט און נאָר איינ-
אונאייינציק קול האט זיך געהערט ; דאס שווערע לאַנגזאמע
אָטעמען פון דער מאַשין, וועלכע איז טאָג און נאַכט געווען
טעטיק.

---

# דריטער טייל.

דעם נעכסטן טאג און די פאָלגענדע טעג האט עטינן צוריקגעקערט צו דער אַרבעט אין די גרובן. ער האט זיך וואס ווייטער אלץ מער צוגעוווינט צו דער אַרבעט און ער האָט זיך צוגעפּאַסט צו די נייע געוווינהייטן, וועלכע האבן אים לכתחילה אויסגעזעצן אזוי שווער. איין און איינציקער פאָרפאל האָט איבערגעריסן די איינפאָרמיקייט פון די ערשטע צוויי וואָכן אַרבעט, אַ פיבער, וועלכער האט אים אויף אכטאונפערציק שעה צוגעבונדן צום בעט. און די חלומות, וועלכע ער האָט געהאט אין דער היץ, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אז ער שטופּט זיין וועגעלע דורך ענגע דורכגאַנגען, דורך וועלכע עס איז אים שווער דורכצושטופּן זיין קערפּער. נאָר ער איז שנעל צוריקגעקומען צו זיך פון דער קרענק, וועלכע איז אים געקומען פון איבערמידקייט.

טעג זענען פאַרלאָפן, עס זענען פאַריבער וואָכן און חדשים. איצט איז ער שוין אויפגעשטאַנען גלייך מיט זיינע קאָלעגן דריי פאַרטאָג, אָפּגעטרינקען זיין קאַווע און מיטגענומען מיט זיך דאס עסן, וועלכעס די פרוי ראסענער האט אים אין אָוונט צוגעגרייט. גייענדיק גאַנצפרי צו דער ארבעט האט ער רעגלמעסיק יעדן טאָג באַגעגנט דעם אַלטן באַנעמער, וועלכער איז אַ היים געגאַנגען שלאָפן, און אומקערנדיק זיך בייטאָג פון דער אַרבעט, האָט ער בוטעלופן באַגעגנט, וועלכער איז אין די גרובן נעגאַנגען. ער האט געטראָגן איצט אַ גרובנהיטל, הויזן און אַ קיטל פון לייווענט, געפרוירן גלייך ווי די איבריקע ארבעטער און גלייך מיט זיי זיך געוואַרעמט דעם רוקן ביי דעם גרויסן פייער אין דער וואַרמשטוב. דערנאָך האט ער באַרפעס געמוזט וואַרטן אין שאכטצימער, ווו עס איז געווען אַ גרויסער

צוגעווינט. ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צו אַלץ און אים האָט שוין מער גאָרנישט אינטערעסירט, נישט די גרויסע דאַמפּמאַשין, וועמענס שטאָלענע טיילן און קופּערנע דעק עס האָבן געגלאַנצט אין דער טונקלקייט, נישט די גרובנשטריק, וועלכע האָבן זיך ווי נאַכטפייגל אַראָפּגעגליטשט אין דער טיף, נישט די אויפצוגן, נישט די סיגנאַלן מיטן האַמער און נישט דאָס הויכע איבערשרייען זיך דורך דער רער. זיין לעמפּל ברענט שלעכט, דער אָנצינדער האָט עס זיכער נישט גוט אויסגערייניקט; ער ווערט מונטערער, ווען מוקעט שטופּט זיי שוין אַלע איינצושטייגן. די ווינדע פאַלט אַראָפּ ווי אַ שווערער שטיין, נאָר ער דרייט אַפילו נישט אויס דעם קאָפּ צו זעען ווי עס פאַרשווינדט די שיין פון טאָג. אים איז שוין מער קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז עס קען געשעען אַן אומגליק. וואָס טיפער ער האָט זיך געפילט אין דעם חושך, אַלץ מער האָט ער זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. מיט דער צייט האָט ער זיך אויך צוגעוווינט צו דער פייכטקייט און נישט אַנגענעמע ריחות. די וועגן האָבן אים אויסגעזען צו זיין באַקוועמע, דער קוילנשטויב האָט אים שוין מער נישט געשטערט צו אָטעמען, ער האָט דייטלעך געזען אין דער טונקלקייט און ער האָט אַפילו נישט געפילט, אַז פון גאַנצפרי ביז אין אָוונט טראָגט ער פייכטע קליידער אויף זיין לייב. ער האָט שוין מער זיינע כּוחות נישט אָוועקגעלעגט אומזיסט און האָט זיך אויסגעלערנט צו אַרבעטן אַזוי שנעל און געשיקט, אַז ער האָט אַלעמען פאַרווּנדערט. נאָך דריי וואָכן איז ער שוין געווען פאַררעכנט צו די בעסטע וואַגנשיבערס פון די גרובן; קיינער האָט נישט אַזוי פלינק געפירט זיין וועגעלע און אַזוי זאָרגפעלטיק דאָס אויסגעלאָדן. זיין שלאַנקער קערפּער האָט אים מעגלעך געמאַכט אומעטום זיך אַ דורכצושטופּן און כאָטש זיינע הענט זענען געווען ווייס און צאַרט ווי פרויען־הענט, דאָך האָט ער אויסגעזען צו האָבן שטאָלענע מוסקולן. קיינמאָל האָט ער זיך נישט באַקלאָגט, אָן ספק פון שטאָלץ, אַפילו דעמאָלט, ווען ער איז שיעור

נישט געפאַלן פון מידקייט. מען האט אים גארנישט געקענט פאָרוואַרפן, אויסער דעם וואס ער האט זיך נישט פארשטאנען אויף קיין שפאַס און פלעגט באלד ווערן בייז, ווען מען האט נאר זיך געפרוווט מיט אים אַ רייץ טון.

באַזונדערס פריינטלעך איז געווען צו אים מאהע, וועלכער האט אים געשעצט פאר זיין גוטער אַרבעט. אויסער דעם, האט ער אויך ווי די אַלע אַנדערע באַמערקט, אז דער יינגערמאַן באַזיצט אַ העכערע בילדונג פון אים; ער האט געזעען, ווי ער לייענט, שרייבט, צייכנט פלאנען און רעדט פון אַזעלכע זאַכן, פון וועלכע ער האָט קיין אהנונג נישט.

דאס האט אים נישט פאַרוווּנדערט, ווייל ער האט גוט געוווּסט, אז די בערגלייט זענען אומגעבילדעטע מענטשן און זייערע קעפ זענען הארטער, ווי ביי די מאשיניסטן; פאַרוווּנדערט האט אים נאָר דער מוט פון דעם יינגערמאַן, וועלכער כדי נישט צו הונגערן, האט זיך אזוי לייכט באַשלאָסן צו ווערן אַ קוילנאַרבעטער. דאס איז געווען דער ערשטער פאל מיט אַ מענטש פון דער גאס, וועלכער זאל זיך אזוי שנעל איינארבעטן. ווען עס איז געווען צופיל אַרבעט און מאהע האט נישט געוואָלט אָננעמען קיין ארבעטער, האט ער אים אנגעטרויט דאס פאַרבויען, און האט זיך איבערצייגט, אז ער מאכט עס ערלעך און דויערהאַפט. ער האט באַמערקט, אז דאס פארבויען פון זיין וואגנשיבער באַפרידיקט אפילו די עלצטע, דעם אינזשיניער נעגרעל און דאנסאערטן, כאָטש זיי האָבן זיך אלץ געטשעפעט, געמאכט דעם אָנשטעל ווי זיי זאָלן נישט צופרידן זיין און געהאלטן אין איין איבערחזרן, אז די געזעלשאפט וועט שוין אָננעמען ראַדיקאלע מיטלען דערצו. די דאָזיקע געפאר האט כסדר געשוועבט איבער די קעפ און אַרויסגערופן אן אומצופרידנהייט אין די גרובן; אפילו דער רויקער און שטילער מאהע האט שוין אויך די פויסט געביילט.

אָנפאַנגס האט צווישן זכריהן און עטיען געהערשט אַ פיינטלעכע באַציונג. אין איין אָוונט האָט עס שוין אפילו געהאלטן ביי פעטש. אָבער דער ערשטער, אַ בראַווער יינג,

וועלכער פלעגט זיך ביי אַ גלעזל ביר באַלד איבערבעטן, האָט זיך ענדלעך געמוזט בויגן פאַר דעם ניי־אָנגעקומענעם, וועלכער איז געווען גרעסער פון אים. אפילו לעוואַק האָט אויך געמאַכט אַ פריינטלעך פנים און האָט זיך אָפּט אונטערגעהאַלטן מיט עט־ יענעם, וועלכער, ווי ער האָט געזאָגט, האָט די זעלבע פּאָליטישע איבערצייגונגען, וואָס ער. נאָר צווישן אים און שאַוואַלן האָט נאָך געהערשט אַן אָנגעצויגענע שטימונג און כאָטש לפנים זענען זיי געווען קאָלעגן, דאָך האָט מען פון זייערע בליקן ווען זיי האָבן גערעדט צווישן זיך, געקענט אַרויסלייענען ווי דערווידער זיי זענען זיך איינער דעם צווייטן. קאַטערינע האָט ווי פריער געאַרבעט אין די גרובן, האָט געשטופּט איר וועגעלע, געווען פריינטלעך מיט איר קאָלעגע, באַשיידן און געהאָרכזאַם לגבי איר געליבטן, פון וועלכן זי האָט די צערטלעכקייטן צוגע־ נומען שוין פריי פאַר אַלעמען. דאָס איז שוין געווען אַ זאַך אַ פאַרפאַלענע, אויף וועלכע די פאַמיליע אַליין האָט צוגעמאַכט די אויגן. יעדן אָוונט פלעגט זי שאַוואַל אַוועקפירן אויף דעם בערגל און באַגלייטנדיק זי אַהיים, האָט ער זי געקושט פאַר אַלעמענס אויגן.

עס איז אָנגעקומען דער פרילונג. ווען עטיען איז איינ־ מאָל פון די גרובן אַרויסגעגאַנגען האָט אים אַ ווייַ געטון אין פּנים אַ וואַרעם אַפּריל־ווינטל, וואָס האָט שוין געשמעקט מיט צאַרט גרינס. פון דעמאָלט אָן האָט ער יעדעס מאָל אַרויס־ גייענדיק פון די גרובן, אַלץ מער באַמערקט דעם פרילונג. די טעג זענען געוואָרן לענגער. שוין אין מאַי האָט ער זיך אַראָפּ־ געלאָזט אין די גרובן, ווען די זון איז שוין אויפגעגאַנגען און איבער דעם פאַרעי האָט זיך פאַרשפּרייט אַ פורפורנער הימל. מען האָט שוין מער נישט געציטערט פון קעלט, איבער די פעלדער האָט אַ וויי געטון אַ וואַרעמער הויך און פון אויבן האָבן זיך צעצוויטשערט די פייגעלעך. אין יוני זענען שוין געשטאַנען הויך די תבואות, וועלכע האָבן זיך מיט זייער בלאָ־ לעכער געלקייט אויסגעטיילט צווישן די גרינע ריבנפעלדער. בלומען האָבן באַדעקט אַלע לאָנקעס און אומעטום האָט גע־

שפּראָט אַ ניי לעבן. ווען עטיען האט איצט געמאכט זיינע שפּאַ־
צירגענג און די אָוונטן, האט ער שוין מער נישט געטראָפן די
ליבע־פּאָרלעך אונטער דעם בערגל, נאָר ער האָט באַמערקט
וויערע שפּורן צווישן דער תבואה. צווייטמאָל האט ער אויך גע־
טראָפן קאַטערינען מיט שאוּאלן. נאָך יעדער אזא באַגעגעניש
זענען אים די פעלדער געוואָרן ענג, ער האט זיך דערפילט
נידערגעשלאגן און האט שוין דעם אָוונט פארבראכט איז דער
היים, ביי ראסענערן אין גאסטהויז.

— פרוי ראסענער, גיט מיר אַ קופל ביר... איך וועל שוין
היינט נישט אַרויסגיין, איך פיל מיך עפּעס צעבראכן.

און ער האט זיך געווענדט צו אַ קאָלעגע, וועלכע איז
געוועגלעך געזעסן ביי דעם היגטערשטן טיש דעם קאָפּ אין דער
וואנט אָנגעשפּארט.

— סוּוואַרין, וועסט אויסטרינקען מיט מיר אַ קופל ?

— אַ דאנק, איך טרינק נישט.

עטיען האט זיך באַקענט מיט סוּוואָרינען דורך דעם, וואס
דער לעצטער איז געווען זיין שכן, ער איז געווען אַ מאשיניסט
אין פארעי און האט פארנומען אַ מעבלירט צימער, וואס האט
זיך געגרענעצט מיט עטיענס צימער. ער איז אלט געווען ביי
אַ דרייסיק יאָר און איז געווען אַ שלאנקער בלאָנדין מיט פיינע
געזיכטס שטריכן, מיט בלאָנדע לאנגע האָר אין אַ קליין בערדל.
אין זיין אָרעמען חדר האָט זיך געפונען נאר אַ קעסטל פול
מיט פּאַפּירן אין ביכער. ער איז געווען אַ רוס, האט קיינמאָל
נישט גערעדט פון זיך און געלאָזט די מענטשן רעדן פון אים,
וואס זיי האָבן געוואלט. די בעל־גלייט, וועלכע האבן צו פרעמדע
נישט קיין צוטרוי, האבן אָנפאנגס געקלערט, נעמענדיק אין אכט
זיינע קליינע הענט, אז ער געהער צום בירגערשטאַנד און האט
געמוזט אנטלויפן פון זיין היים צוליב עפּעס אַ געשעעניש, ווי
אַ מאָרד, אדער עפּעס אנדערש. נאר ער האט זיך פארהאלטן
מיט זיי אזוי חבריש, דאס גאנצע קליינגעלט, וועלכעס ער האט
געהאט, צווישן די ארבעטער־קינדער צעטיילט, אזוי, אז מיט
דער צייט האט מען אים אָנגעהויבן צו באטראכטן ווי איינעם

פון זיי, דערצו נאָך איז געוואָרן באוווסט, אַז ער איז אַנטלאָפן פון דער היים צוליב אַ פּאָליטישן פאַרברעכן.

אין די ערשטע וואכן האָט זיך עטינגן אָנגעשטויסן אין אים אויף אַ פּאַרזיכטיקער צוריקגעהאַלטנקייט. ערשט אין אַ צייט אַרום איז ער געוווּיר געוואָרן זיין לעבנס-געשיכטע. סוואַרין איז געווען דער יינגסטער זון פון אַ פּאַרנעמער משפחה אין דער גובערניע טולע. אין פּעטערבורג, ווי ער האָט שטודירט מעדיצין, איז ער מיטגעריסן געוואָרן מיט דער סאָציאַליסטישער שטרעמונג, וועלכע האָט די גאַנצע רוסישע יוגנט באַהערשט, און ער האָט זיך באַשלאָסן אויסלערנען אַ פאַך, כּדי ער זאָל קענען גיין אין פאָלק צו לערנען דעם און אים בייהילפיק צו זיין. ער איז געוואָרן מעכאַניק, און פון דעם פאַך לעבט ער איצט, נאָכדעם ווי ער האָט געמוזט צוליב נישט קיין געלונגענעם אטענטאַט אויף דעם קייזער פאַרלאָזן זיין היים. אַ חודש צייט האָט ער געלעבט אין אַ קעלער פון אַ פּרוכטנהענדלער, ווי ער האָט געגראָבן אַ מינע-הייל אונטער דער גאַס און צוגעגרייט באָמבעס. זייענדיק שטענדיק אין געפאַר צעריסן צו ווערן צוזאַמען מיטן הויז. פאַרשטויסן פון זיין משפחה, אָן געלט און ווערנדיק באַטראַכט פון די פראַנצויזישע ווערקשטאַטן אלס שפּיאָן, איז ער שוין געווען נאָענט אויסצוגיין פון הונגער, ווען די געזעלשאַפט פון מאגטסו האָט אים פּלוצים אָנגענומען אין אַ מינוט, ווען זי האָט זיך שטאַרק גענויטיקט אין אַ מעכאַניק, שוין אַ יאר־צייט אַז ער אַרבעט דאָ און איז פאַררעכנט פאַר אַ גוטן אַרבעטער, נאָר ער איז איינגעהאַלטן און שווייגנדיק. ער האָט געאַרבעט איין וואָך ביי טאָג און די צווייטע ביי נאַכט און מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט, אַז די עלצטע האָבן אים אַלס ביישפּיל אַרויסגעשטעלט.

— קיינמאָל ביזטו גאַרנישט דאַרשטיק? האָט עטיען לאַכנדיק געפרעגט

ער האָט אָפּגעענטפערט מיט זיינע זאַנפטער שטים, כמעט אָן אַ פרעמדער אויסשפּראַך:

— איך בין דאָרשטיק נאָך דעמאָלט, ווען איך עס.

זיינע קאָלעגן פלעגן אַמאָל אַשפּאַס טון מיט אים, זאָגנדיק, אז זיי האָבן אים געזען אַרומגיין מיט אַ וואַגנשיבעריין צווישן די תבואה פעלדער נישט ווייט פון די „זיידענע זאַקן". דעמאָלט פלעגט ער אַ הויב טון מיטן אַקסל. מיט אַ וואַגנשיבעריין? צוואָס זאָל ער עס טון? ער האָט אין די מיידלעך געזען נאָר חברות, ער האָט נישט געוואָלט געבונדן זיין נישט מיט קיין געליבטע, נישט מיט קיין פריינט, ער האָט געוואָלט זיין פריי. יעדן אוונט, ווען דאָס שענק צימער איז אַרום ניין אַ זייגער שוין געוואָרן ליידיק, איז נאָך עטיען געבליבן אַ ביסל צו פּלוידערן מיט סוואַרינען. ער פלעגט זיך לאַנגזאַם טרינקען זיין ביר, אין דער צייט ווען דער מאַשיניסט האָט אומאויפהערלעך געראַכערט און זיך געשפּילט מיט דעם קראַליקל, וואָס איז זיך פריי אַרומגעלאָפן אין שטוב.

— איר ווייסט, האָט איינמאָל אין אַ אָוונט עטיען געזאָגט, איך האָב דערהאַלטן אַ בריוו פון פלוכאַרטן.

אויסער ראַסענערן איז אין שענק קיינער נישט געווען.

— אַה! האָט אויסגעשריגן דער באַלעבאָס, וועלכער איז געשטאַנען פאַר זיינע צוויי שכנים. ווו איז ער דען פלוכאַרט.

שוין 2 מאָנאַטן, אז עטיען האָט זיך איבערגעשריבן מיט דעם מעכאַניק פון ליל, ער האָט אים מיטגעטיילט, אַז ער אַרבעט איצט אין מאָנטסו און יעדער האָט אים געלערנט ווי די בערגלייט צו אַגיטירן.

די געפלאַנטע פאַרבאַנדונג מאַכט גוטע פּאָרטשריט. עס זעט אויס אז פון אַלע זייטן קומען אָן אייַנטריטס-דערקלערונגען.

— וואָס זאָגסטו צו זייער פאַרבאַנד? האָט ראַסענער געפרעגט סוואַרינען.

ער האָט געגלעט דאָס קראַליקל און אַ רויסלאָזנדיק אַ וואָלקן רויך האָט ער געזאָגט:

— נייע שטותים!

עטיען האָט זיך אָנגעצונדן; זיינע סימפּאַטיעס פאַר רע-

וואָלוציאָנערע אידעען האָבן אים דעם ערשטן אריינגעוואָרפן אין קאַמפף צווישן דעם קאַפּיטאַל און ארבעט. דאָ האט זיך געהאנדלט וועגן אַן אינטערנאציאָנאלן פאַרבאַנד, דעם בארימטן אינטערנאציאנאל, וועלכער איז נאר וואס געגרינדעט געוואָרן אין לאנדאן. איז דאס נישט געווען קיין ערלעכע אונטערנעמונג, אַ קאמפף, אין וועלכן עס מוז זיגן די גערעכטע זאך? עס זענען געווארן באַזייטיקט אלע גרענעצן, די ארבעטער פון דער גאנצע וועלט האבן זיך דערהויבן צו פאַראייניקן זיך אין איין ברודער-מחנה, כדי יעדן אַרבעטער זיכערן זיין ברויט. ווי פּשוט און גרויסארטיק עס איז די ארגאניזאציע! צוערשט די סעקציעס, וועלכע פאַרטרעטן די באַזונדערע קהלות, דערנאך די פעדעראציעס, וועלכע פאַראייניקן אלע סעקציעס פון איין פּראווינץ, דערנאך די נאציע און ענדלעך איבער איר די מענטשהייט, די העכסטע אינסטאנץ, אין וועלכער יעדער נאציע איז פאַרטרעטן דורך זיין סעקרעטאר. אין משך פון זעקס חדשים וועט מען די גאנצע וועלט עראבערן און מען וועט די ארבעטסגעבער געזעצן דיקטירן.

—נארישקייטן! האט נאכאמאל אויסגערופן סוואַרין. אייער קארל מארקס וויל לאָזן ווירקן די נאטור אליין. קיין שום פאליטיק, קיין שום פארשווערונג, נישט אמת? אלץ וויל ער דערגרייכן אינמיטן העלן טאג און נאר דורך העכערן דעם ארבעטס-לוין... לאזט מיר צורו מיט אייער עוואלוציע! צינדט אָן די שטעדט אין אלע פיר עקן וועלט, פארניכטעט די מענטשן, צושטערט אלץ, און ווען פון דער פוילער וועלט וועט שוין גארנישט איבערבלייבן, דעמאלט ערשט וועט אפשר אויפשטיין אַ נייע און אַ בעסערע.

עטיען האט געלאכט, ער האט קיינמאָל נישט פארשטאנען וואס זיין חבר האט גערעדט. די טעאריע פון צעשטערן אלץ, וואס איז פאראן, האט אים אויסגעזען נישט מער, ווי אַן אנשטעל. ראסענער, וועלכער איז געווען נאך מער פראקטישער און דערצו נאָך אַ מענטש שוין אַן איינגעאָרדנטער, האָט געהאלטן אַז עס לוינט זיך גאָרנישט צו היצן איבער דעם.

— ווי־זשע האלט עס? האט ער געפרעגט. דו ווילסט פרווון גרינדן אַ סעקציע אין מאָנטסו?

דאס איז געווען דער ווונטש פון פלוכארטן, דעם סעק־רעטאר פון דער פעדעראציע פון צפון־פראנקרייך. ער האט באַ־וונדערס אָנגעוויזן אויף דעם גרויסן פאַדדינסט, וואס אזא בונד קען ברענגען פאר די בערגלייט, ווען ביי זיי וועט אויסברעכן אַ שטרייק. עטיען האט געגלויבט אז עס שטייט ווירקלעך אינ־גיכן פאָר אַ שטרייק. די געשיכטע מיט דעם פארבויען וועט אָננעמען אַ שלעכטע ווענדונג. עס וועט זיין גענוג איין אומגערעכטע פאָדערונג מצד דער געזעלשאפט, אז די גאַנצע אַרבעטער־מאסע זאל זיך אויפרודערן.

— דאס נאַרישסטע זענען דאָ די שטייערן, האט ערקלערט ראַסענער. פופציק סאנטים יערלעך פאר דעם גענעראל פאָנד און צוויי פראנק פאר דער סעקציע, עס איז טאַקע אין דער אמתן נישט פיל, נאָר דאָך קען איך זיך וועטן, אז אַ סך וועלן נישט וועלן איינצאָלן.

— מען דארף נאָך גרינדן אַ הילפס־קאַסע, האט צוגעגעבן עטיען, וועלכע זאל דינען אין פאל פון אַ שטרייק... כאטש וועגן דעם קען מען נאָך אַ קלער טון. וואס אנבעלאנגט מיר בין איך שוין גרייט, די אנדערע זאָלן נאָר זיין גרייט.

עס איז געוואָרן שטיל, אויף דעם שענקטיש האט זיך גע־רויכערט דער פעטראלעום־לאָמפּ. דורך דער אָפענער טיר האט זיך דייטלעך געהערט דער גערויש פון דער לאָפּאטע, מיט וועלכער דער הייצער פון פארעי האט אונטערגעוואָרפן קוילן אין מאַשין אַריין.

— אַלץ איז אַזוי טייער! האט זיך אָנגערופן די פרוי ראַסענער, וועלכע איז אַנגעקומען אינמיטן און זיך צוגעהערט צום געשפרעך מיט אַן ערנסטער מינע; זי האט אויסגעזעען גרויס אין איר שווארץ קלייד, וועלכעס זי האט שטענדיק געטראָגן. אז איך וועל אייך זאגן, אז איך האב באַצאָלט פאר די אייער צו צוויי־און־צוואנציק סו... אַזוי קען עס ווייטער ניט זיין!

אלע דריי מענער זענען איצט געווען ביי איין און דער זעלבער מיינונג. זיי האבן גערעדט צווישן זיך מיט טרויעריקע שטימען. די ארבעטער וועלן עס שוין לענגער נישט קענען אריבערטראָגן, די רעוואָלוציע האט נאר געמאכט אנטדרימלען זייער עלענט, צייט דעם יאָר 89 זענען נאָר די בורזשויען פעט געוואָרן, דעם ארבעטער האט מען נאָר איבערגעלאָזט די שיסל אָפּצולעקן. אין משך פון די הונדערט יאָר צי האט מען דען דעם ארבעטער געגעבן זיין גערעכטן חלק אין דעם אָנוויקס פון רייכטום און וווילזיין? מען האט דערקלערט אז זיי זענען פריי. יאָ, עס איז זיי פארגעשטאנען פריי פון הונגער אויסצוגיין. דאס וואס מען גיט אים דאס רעכט צו וועלן פאָרשטייער, וועלכע האבן אים נאָכדעם אין זינען ווי דעם פאַריאָריקן שניי, ברענגט נאך קיין ברויט נישט. [illegible], אזוי צי אזוי, עס מוז נעמען אַ סוף, צי אויף דעם פרידלעכן, לעגאלן וועג, צי מיט בייזן, ווען אלץ גייט אויף אין פלאמען און איינער דעם אנדערן עסט אויף. אויב די אלטע וועלן עס שוין נישט זען, וועלן עס די קינדער געוויס דערלעבן, ווייל עס איז נישט מעגלעך, אז עס זאל זיך פארענדיקן דאס יאָרהונדערט, אָן אַ צווייטע רעוואָ-לוציע, דאס מאל שוין אן ארבעטער-רעוואָלוציע, וועלכע וועט דורכרייניקן די געזעלשאפט פון אויבן ביז אַראָפּ און זי איבער-בויען פון ס'ניי אויף בעסערע און גערעכטערע יסודות.

— עס מוז קומען צו דעם קראַך! האט אנטשלאָסן געזאגט די פרוי ראָסענער.

— יאָ, יאָ, האבן אויסגערופן אלע דריי, עס מוזן קומען צום קראַך!

סוווארין האט איצט געקיצלט דאס קראָליקל אונטער די אויערן, אזוי אז עס האט פון פאַרגיניגען אזש מיט די נאָזלעכער באַוועגט. קוקנדיק שטאר פאר זיך האט ער געזאגט האלב הויך, ווי ער זאל רעדן צו זיך אליין:

— קען מען דען פארגרעסערן דעם לוין? אז עס איז פעסטגעשטעלט דער ארבעטער זאל פארדינען נאר אזויפיל, וויפיל ער באדארף האבן אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט און

אַ קינד צו דערציען... אויב דער ארבעטס־לוין פאלט צו נידריק, שטארבן אויס די ארבעטער און די נאכפראגע נאך ארבעטס־הענט ברענגט ווידער דערצו, אז די ארבעטס־לוין זאל שטייגן... שטייגט ווידער, איז דער גרויסער אנבאט פון ארבעטס־כּוחות, ווירקט, אז עס זאל צוריק פאלן... דאס איז דאס גלייכגעוויכט פון ליידיקע מאגנס, דאס פארמשפּטן אויף אייביקע צוואנגס־ארבעט ביי דעם הונגער.

ווען ער האט זיך אויף אזא ארט פארגעסן און די פראגע אוועקגעשטעלט ווי אַ געלערנטער סאָציאַליסט, זענען עטיען און ראַסערנער געוואָרן אומרויק. זייערע באַהויפּטונגען, וועלכע מען האט נישט געקענט אָפּפרעגן האבן זיי צעמישט.

— פארשטייט מיר נאָר גוט, האט ער ווייטער גערעדט מיט זיין געוויינלעכער רויקייט און זיי אנגעקוקט דאַבּיי, עס מוז אלץ צעשטערט ווערן, אַז נישט וועט צוריק דער הונגער אָנ־הייבן הערשן. יאָ, די אנארכיע, אויסער איר וועט גאָרנישט העלפן! צווערשט מוזן שטראָמען בלוט אפוואשן די ערד, דאס פייער מוז זי רייניקן... דעמאָלט וועלן מיר שוין ווייטער זעען!

— דער הער האט רעכט, האט אפגערופן די פרוי ראַסענער, וועלכע מיט איר רעוואָלוציאָנערישן ברען האט דאך זיך גע־פלייסט צו זיין העפלעך.

עטיען, וועלכער איז געווען פארצווייפלט פון זיין אומ־וויסנהייט, האט מער נישט געוואלט דיסקוטירן. ער האט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— גייען מיר זיך לעגן. דאס אלץ וועט נישט איבעראַנדערשן, איך זאל נישט דארפן אויפשטיין דריי אַ זייגער.

אלע אוונט איז פארגעקומען ענלעכע געשפּרעכן אין ראַ־סענערס ליידיקן שענק־צימער ביי דער איינציקער גלאז, ביי וועלכע עטיען איז אָפּגעזעסן שעהנלאנג און געטרינקען. אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם טאג־טעגלעכן פארקער, איז סוואַרין דאך געבליבן ווי שטענדיק פארשלאסן אין זיך און געפּוילאָז.

אין די ערשטע טעג פון חודש יולי האט זיך עטיענס לאגע

פארבעסערט, אין זיין איינטאָנען לעבן איז פארגעקומען אַ געשעעניש:

די ארבעטער וועלכע זענען געווען באשעפטיקט אין „ווילהעלם׳ס־אָדער” האבן זיך אנגעשטויסן אויף אַ טויבן גאנג. דאס האט אויפגערודערט די גאנצע גרובן, מען האט פון גארנישט גערעדט, אויסער פון דעם פארלוירענעם אָדער.

איין טאג האט מאהע באגלייט עטיענען ווען ער איז אַהיים געגאנגען און האט אים פארגעלעגט צו פארטרעטן לעוואקס אָרט אלס העקער, ווייל לעוואק האט זיך אנגעשלאָסן אין אַ צווייטער גרופע. די זאך איז שוין געווען אַרומגערעדט מיט אויבער-אויפזעער און מיט דעם אינזשיניער, וועלכע זענען געווען מיט עטיענען זער צופרידן. עטיענען איז איבערגעבליבן נאר צו מסכים זיין צו דער פלוצימדיקער ענדערונג. שטארק דערפרייט פון דער אכטונג, וואָס מאהע וויזט אים דערמיט ארויס.

אין אָוונט זענען זיי ביידע געגאנגען צו די גרובן איבערצולייענען די פרישע מודעות. די געזעלשאפט האט מודיע געווען די ארבעטער, וועלכע זענען געבליבן אָן ארבעט צייט עס איז פארלוירן געגאנגען דער ווילהעלם־אדער, אז די נייע ארבעטס-פלעצער, וועלכע וועלן ווערן אפגעגעבן דורך ליציטאציע, געפונען זיך אין דעם אדער פילאניער, אין צפון-טייל פון פארעי. די זאך האט אויסגעזען נישט זער גינסטיק צו זיין, ווייל דער אלטער בארגמאן האט צוגעשאקלט מיטן קאפ, ווען עטיען האט אים די באַדינגונגען געלייענט. צו־מארגנס ווען זיי האבן זיך ביידע אראפגעלאזט צו באטראכטן דעם נייען אדער, האט מאהע געמאכט אויפמערקזאם עטיענען אויף דער ווייטקייט פונם צושטעלן די קוילן, אויף דעם וואס די קוילן ברעקלען זיך און זענען נישט שטארק. דאך, ווען מען וויל עסן, מוז מען ארבעטן. זיי זענען דאריבער דעם נעכסטן זונטיק געגאנגען אויף ליציטאציע, וועלכע איז פארגעקומען אין אַ שאפע. אָנגעפירט מיט דער ליציטאציע האט דער אינזשיניער נעגרעל מיט דער הילף פון דעם אויבעראויפזעער. פון פינף

ביז זעקס הונדערט מאן האבן זיך געפונען אין עק פון דער קליינער עסטראדע. די ליציטאציע איז צוגעגאנגען שנעל, אזוי, אז מען האט נאר געהערט אַ מישמאש פון קולות, אויסגעשריגענע צאלן, וועלכע זענען פון אנדערע צאלן איבערגעשריגן געווארן.

אַ רגע האט מאהע שוין מורא געהאט אז ער וועט נישט קריגן קיין איינעם פון די פערציק אָנגעבאָטענע דורך דער געזעלשאפט פּלעצער, באַאומרויקט פון אַ ידיעה וועגן אַ קריזיס, באַהערשט דורך דער מורא פאר אַן ארבעטסלאָזיקייט, האָבן די קאנקורענטן געהאלטן אין ווארפן די פרייז. באַמערקנדיק דאס, האט זיך נעגרעל נישט געאיילט צו פארענדיקן און האט אָנגעבאָטן די נידריקסטע פרייזן אין דער צייט, ווען דאנסאווערט, וועלנדיק, אז די זאך זאל צוגיין נאך שנעלער, האט בעהאלטן אין איין אויסלויבן די פּלעצער. מאהע, וועלכער האט געוואלט אָננעמען אַ פלאץ פון פופציק מעטר, האט געהאט אויסצושטיין אַ קאמפף מיט אַ הארטן קאָנקורענט, וועלכער האט זיך איינגעשפארט גלייך מיט אים. זיי האבן באַכגעלאָזט די פרייז, איין סאנטום נאָכן צווייטן פון אַ וואגן, אזוי אז ווען מאהע איז שוין געבליבן דער זיגער, איז די פרייז שוין געווען אזא נידריקע, אז דער אויפזעער ריכאָם, וועלכער איז געשטאַנען הינטער אים, האט אים געשטויסן מיט דעם עלנבויגן און בייז צוגעברומט, אז ביי דעם פרייז וועט ער אפילו די קאסטן נישט אָפּנעמען.

ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען, האט עטיען אנגעהויבן צו שעלטן. און אין דער געגנווארט פון שאַוואלן, וועלכער איז נאר וואס צוריקגעקומען מיט קאטערינען פון די תבואה־פעלדער, אין דער צייט ווען דער שווער זיינער איז מיט אַ זעלכע ערנסטע ענינים באַשעפטיקט, האט זיין צאָרן איינגאנצן אויסגעשאָסן:

— צו אַלדי טייוול! האט ער געשריגן, זאס הייסט אַ מערדעריי!.. אזוי ווערט היינט אַנגעבייצט איין ארבעטער אויפן צווייטן!

שאָוּאַל האָט זיך געהיצט, ער וואָלט קיינמאָל נישט גע־יואָרפן די פּרייז, קיינמאָל נישט! און זכריה וועלכער איז איך צוגעגאַנגען אויס נייגיריקייט, האָט דערקלערט, אַז דאָס איז עקלהאַפט. נאָר עטיען האָט זיי שטיל געמאַכט מיט אַ זשעסט פון ווילדן כעס.

— דאָס וועט נעמען אַן ענדע, עס וועט קומען אַ טאָג ווען מיר וועלן זיין די באַלעבאַטים!

מאַהע, וועלכער האָט פון דער ליציטאַציע אָן קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, האָט פּלוצים אויסגעזעען לעבעדיק צו ווערן. ער האָט איבערגעחזרט!

די באַלעבאַטים זיין... אָה! ווייסט עס דער טייוול! עס וואָלט שוין געווען צייט!

II

עס איז געווען דער לעצטער זונטיק פון חודש יולי, דער יום־טוב טאָג ביי די קוילנגרעבער פון מאָנטסו. נאָך אַן אָוונט פריער האָבן שוין די פרויען פון אַרבעטס דאָרף אויסגעוואַשן זייערע שטיבער באַגיסנדיק מיט אַ סך וואַסער די ווענט און בריקן וועלכע זענען נאָך געווען נאַס, כאָטש מען האָט זיי באַשיט מיט זאַמד, וואָס איז געווען אַ צו טייערער לוקסוס פאַר די קעשענעס פון די אָרעמע.

זונטיק איז די צייט פון אויפשטיין ביי די מאַהע גע־ווען אַן אַנדערע, ווי אין די וואָכנטעג. אין דער צייט ווען דער פאָטער האָט אַרום פינף אַ זייגער שוין פאַרלאָזט זיין גע־לעגער און זיך אָנגעטאָן, זענען די קינדער געשלאָפן ביז אַ זייגער ניין. הייַנט איז מאַהע אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן צו פאַררויכערן זיין פייקע, דערנאָך איז ער צוריק אין שטוב אַריין און אַליין אויפגעגעסן אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער און געוואַרט דאָרט ביז די שטובמענטשן וועלן אויפשטיין. אומבאַמערקט איז אים איבערגעלאָפן דער פרימאָרגן: ער האָט פאַרריכט די וואַנע, וועלכע האָט געריגט און האָט צוגעקלעבט אונטער דעם קוקוס זייגער אַ בילד פון די קייזערלעכע פרינצן, וועלכעס מען

האט געשענקט די קינדער. דערווייל האבן אָנגעהויבן אַראָפּצוקומען די אנדערע. דער פֿאָטער באַנעמאר האט זיך ארויסגעטראגן אַ שטיל אויף דער גאס, כדי זיך צו וואַרעמען אויף דער זון, די מוטער און אלציר האבן זיך גענומען רעכט צומאכן די פּליטע, און קאַטערינע האט זיך אַרומגעיאָגט מיט לעבארעין און העגרין, וועלכע האָבן זיך אָנגעטון עס האט געשלאָגן עלף, דער ריח פונם קראָליקל האט אָנגעפולט די גאַנצע שטוב, ווען זכריה מיט יעאנלינען זענען געגעצנדיק און מיט פֿאַרשלאָפענע אויגן אַראָפּגעקומען די לעצטע.

די מאהעס האָבן זיך געזעצט צו מיטאג, ווען עס האט געשלאָגן צוועלף. אויסער דעם קראָליקל, וועלכעס מען האט אַ גאנצן חודש געפּאַשעט, און געבראָטענע קאַרטאפל איז היינט נאך געווען צום מיטאג אַ זופּ פון פלייש און רינד-פלייש. בעכטן איז געווען דער טאָג, וואס מען האט אויסגעצאָלט. זיי געדענקן נישט, ווען זיי האבן נאך אזא גוטן מיטאג געהאט. אפילו אין דעם לעצטן יום-טוב פון דער הייליקער באַרבאַרא, לכּבוד וועלכער די בערגלייט פייערן דריי טעג, איז דער קראָליק נישט געווען אזוי פעט און געשמאק. אלע צען קינבאַקן פון דער קליינטשקער עסטעלע, וועלכער עס האט זיך נאר וואס אָנגעהויבן שניידן ציין ביז דעם אַלטן באָנעמאָר, האבן געאַרבעט מיט אזא אייפער, אז אפילו די ביינער זענען פארשוונדן. דאס פלייש איז געווען גוט, נאר זיי האבן עס שלעכט פאַרדייעט, ווייל זיי האבן זייער זעלטן געגעסן פלייש. אַלץ איז אויפגעגעסן געווארן, געבליבן איז נאָר איין שטיקל רינד-פלייש אויף וועטשערע. אויב מען וועט זיין הונגעריק, וועט מען קענען דערצו צובייסן אַ פּאָר שטיקלעך ברויט מיט פּוטער.

צוערשט איז נישט געבליבן יעאנלין. דערנאך איז אוועקגעגאנגען דער אלטער באַנעמאר און אפילו מאהע אליין האט זיך אויך באַשלאסן ארויסצוגיין כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט, נאכדעם ווי ער האט געפרעגט זיין פרוי צי זי וועט שפעטער נישט אראָפּקומען פון אונטן. נאר זי האט געשפּערט, אז זי קען

נישט צוליב די קינדער, איבעריינגס וועט זי שוין זעען, מען וועט זיך שוין טרעפן. נאָכדעם ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען פון הויז, האט מאהע זיך געוואַקלט אײן אויגנבליק וווהין ער זאָל גיין, דערנאך איז ער אַרײַנגעגאַנגען צו די שכנים זעען, צי לעוואַק איז שוין גרייט. נאָר ער האָט דאָרט נישט געטראָפן קיינעם אויסער זכריהן, וועלכער האָט געוואַרט אויף פילאמענען, און די לעוואַק איז ווידער אַרויפגעקומען אויף דער חתונה און נעכטיגן, אז מען מאכט איר צום נאָר און אז זי וועט ערנסט אַ רעד טון מיט לאַ־מאהעד.

וואס איז דאס פאר אַ לעבן אָפּצוהיטן די לעבעדיקע יתומים פון איר טאָכטער אין דער צייט ווען די לעצטע שלעפט זיך אַרום מיט איר געליבטן! פילאמענע האָט זיך דערווייל רויק אָנגעטון און זכריה האָט זי אַרויסגעפירט פון שטוב, דער־קלערנדיק נאָך אַמאָל, אז ער איז גרייט חתונה צו האָבן, אויב נאָר זיין מוטער וועט אים דערלויבן. היות ווי לעוואַק איז שוין אַוועקגעגאַנגען, האָט מאהע די שכנה אָפּגעשיקט צו זיין פרוי, און אַליין האָט ער זיך געאײַלט אַרויסצוגיין. בוטעלופ, וועלכער איז געזעסן מיטביידע הענט אָנגעשפּאַרט אויף דעם טיש האָט פאַרענדיקט אַ שטיקל קעז האט אפגעוואָרפן עקשנותדיק די איינלאַדונג צו גיין אויסטרינקען אַ גלעזל ביר. ווי אַ גוטער מאַן, איז ער געבליבן אין דער היים.

מאהע האט פאַרשטאַנען, אז לעוואַק איז ביי ראַסענערן און ער האט לאַנגזאַם זיך געלאָזט גיין אַהין. און ווירקלעך האט זיך לעוואַק געפונען ביי ראסענערן אין דעם קליינעם גערטנדל און געשפּילט מיט אייניקע חברים אין קעגל. דער אַלטער באָנעמאר און מוקע זענען געשטאַנען און זיך צוגע־קוקט צו דער שפּיל, נישט נעמענדיק אַליין קיין שום אנטייל. דאָ האט זיך אויך געפונען עטיען, וועלכע איז זיך געזעסן ביי אַ טישל און געזופט זיין גלעזל ביר. ער איז געווען שלעכט געשטימט ווייל סוואַרין האט אים איבערגעלאָזט אַליין און ער איז אַרײַנגעגאַנגען צו זיך אין צימער לייענען צי שרייבן, ווי ער פלעגט עס טון אַלע זונטיק.

— ווילסטו מיטשפּילן ? האָט לעוואק געפרעגט מאהען.

ער האט אָפּגעזאָגט. עס איז אים געווען שרעקלעך הייס, אז ער איז שיעור נישט אומגעקומען פון דורשט.

— ראסענער ! האט אויסגערופן עטיען, ברענג נאך איין קופּל ביר, און ווענדנדיק זיך צו מאהען האט ער געזאָגט :

— דו ווייסט, איך צאָל היינט.

איצט האָבן זיך אלע געדוצעט. ראסענער האט זיך נישט געאיילט, מען האט אים דריי מאָל געמוזט רופן און ענדלעך האָט די פרוי ראסענער געבראכט דאס ווארעמע ביר. עטיען האט זיך שטיל באַקלאָגט איבער דער באַלעבאטישקייט : זיי זענען געוויס הערלעכע מענטשן, וועלכע האָבן זער איידעלע געדאנקן, נאָר דאס ביר טויג נישט און די זופּן זענען עקלהאפט ! ער וואָלט שוין צען מאָל געביטן די סטאנציע, ווען ער זאָל זיך נישט וועלן אזוי דערווייטערן פון דעם וועג קיין מאָנטסו. ענדלעך וועט ער מוזן זיך אָפּזוכן אַן אָרט ביי אַ פאמיליע אין דאָרף.

— זיכער, זיכער, האט אָפּגעענטפערט מאהע מיט זיין דויקער שטים, ביי אַ פאמיליע וועט דיר זיין בעסער.

נאָר עס האט אויסגעבראָכן אַ געשריי, לעוואק האט געשלאָגן אַלע ניין מיט איין קלאַפּ. די פרייד פון דעם שטויס איז איבערגעגאַנגען אין שפאסן, ווען די שפּילער האָבן באַמערקט פון אונטערן פלויט דאס פריילעכע געזיכט פון לאַמוקעט. זי האט זיך דאָ אַרומגעשלעפּט שוין פון אַ האַלבער שעה, נאָך דערהערנדיק דאס געלעכטער איז זי נענטער צוגעקומען.

— וואס ? ביסט גאָר אַליין ? האט אויסגערופן לעוואק, און ווו זענען דיינע געליבטע ?

— מיינע געליבטע האב איך צעלאָזט, האט זי אָפּגעענטפערט מיט אן אומפארשעמטער אויסגעלאסנקייט. איך זיך אַ נייעם. אלע האָבן זיך איר אָנגעבאָטן, נאָר זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף נישט און קאָקעטיש געלאַכט. איר פאָטער איז

אויך דאַביי געשטאַנען, נאָר ער האט אפילו קיין איין אויגנבליק זיך נישט אָפּגעווענדט פון דער שפּיל.

— גיי! האט געזאָגט לעוואק, אַ ווינקטוענדיק צו עטיענען, מיר ווייסן צו וועמען דו האָסט חשק, מיין טייערע!.. צו דעם מוזטו אָגווענדן געוואלד.

עטיענען האט עס פרעלעך געמאכט. אין דער ווירקלעכקייט האט עס אויסגעזעען, אז די וואגנשיבערין האָט זיך פאַרקוקט אויף אים, נאָר ער האָט אָפּגעזאָגט, כאָטש דאס האט אים אַמוזירט, ווייל זי איז אים נישט געפעלן זי איז נאך געבליבן שטיין אַ פּאָר מינוט און אים אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע אויגן, דערנאָך איז זי לאַנגזאַם אַוועקגעגאַנגען.

עטיען האט ווידער אָנגעהויבן אויפצווייזן מאהען ווי נויטיק עס איז, אז די קוילנאַרבעטער פון מאָנטסו זאָלן גרינדן אַ הילפסקאַסע.

— ווען די געזעלשאפט זאל וועלן אונדז געבן פּרייעהענט, האט עטיען געזאָגט, וואס וואָלטן מיר דען מורא געהאט? אויסער די פּענסיעס, וואס זי פאַרטיילט לויט איר איינזען, האבן מיר גאָרנישט. נו, וואָלט געווען גוט, מיר זאָלן אַליין האָבן אַ פאַריין פון געגנזייטיקער שטיצע, אויף וועלכן מיר וואָלטן געקענט רעכענען אין אַ נויטיקן פאַל.

און ער האָט אים צו פאַרשטיין געגעבן מער נענטער אלע פּרטים פון דער אָרגאניזאציע, צוזאָגנדיק אַליין זיך אָפּגעבן דער זאַך מיטן גאנצן האַרץ.

— איך בין שוין גרייט צוצוטרעטן צו דער זאך, האט ענדלעך מאהע אויסגערופן אַן איבערצייגטער. עס האנדלט זיך נאר פון די איבעריקע... זע פלייס זיך זיי צו געווינען פאר דער זאך.

לעוואק האט געווינען זיין דער עולם האט פארלאָזט דאס שפּיל צו גיין טרינקען ביר. נאָר מאהע האט אָפּגעזאגט צו טרינקען נאך אַ גלאָז ביר. אפשר שפּעטער, דער טאג איז נאך גרויס. ער האט געקלערט פון פיעראנען. ווו קען ער זיין? אָן שום ספק אין דער קאַפּיינע „לאַנפאַן". ער האט איבערגערעדט

עטיענען און לעוואקן מיטצוגיין מיט אים און אלע דריי זענען אַוועקגעגאנגען קיין מאנטסו, אין דער צייט ווען אנדערע האבן פארנומען דאס שפיל.

אינטערוועגס האבן זיי געמוזט אָפּטרעטן אין די שענקהייזער „קאזימיר" און „פּראָגרעס", נישט קענענדיק אָפּזאגן די קאָלעגן, וועלכע האבן זיי אריינגערופן דורך די אָפענע טירן. און יעדעס מאל האט מען אויסגעטרינקען צו גלעזער ביר. אין „לאַנפאַן" האבן זיי געטראפן פיעראנגען, וועלכער האט שוין געהאט אויסגעטרונקען אַ פּאר גלעזער, נאר זיי צוליב האט ער באשטעלט נאך אַ גלאז. דערנאך האבן זיך אלע פיר געלאזט גיין אין דער רעסטאָראציע „טיסאָן" צו זעען אויב זכריה איז דארט נישטאָ. דארט איז קיינער נישט געווען און זיי האבן באשטעלט צו גלעזער ביר, כדי צו קענען ווארטן ראַ אַ פּאר מינוט. דערנאך האבן זיי זיך דערמאנט אין דער שענק סענט-עלואַ און זיי האבן זיך אוועקגעלאזט אהין, אזוי האבן זיי ארומגעוואנדערט פון איין שענק צום צווייטן אן אַ שום ציל, נאר כדי ארומצוגיין.

— מיר מוזן גיין צום „וואלקאן" ! האט פלוצים אויסגערופן לעוואק, וועמען דאס ביר האט שוין אנגעהויבן שלאגן אין קאפּ אריין. די אנדערע האבן געלאכט און זיך געוואקלט אַ רגע, נאר דערנאך האבן זיי געפאלגט דעם קאלעגע. אויף דער בינע פון ברעטער אין דער טיף פון דער לאנגער, שמאָלער וואלקאן-זאל, האָבן זיך באַוועגט פינף זינגערינס, אויסוווּרפן פון די לילער גאַסנמיידלעך, אומפאַרשעמט געקליידעט. עס האָבן זיך דאָ געפונען כמעט די גאַנצע יוגנט פון די גרובן, אפילו פערצניעריקע ייִנגלעך איז דאָ געווען צו זעען, געטרונקען האָט מען דאָ מער וויין, ווי ביר. עטלעכע לייכטזיניקע עלטערע מענער פון דעם אַרבעטס-דארף האָבן זיך דאָ אויך געפונען.

נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך צוגעזעצט ביי אַ קליין טישל, האָט עטיען ווידער אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זיין פּלאַן פון דער הילפס-קאַסע פאר לעוואַקן.

— יעדער מיטגליד קען גאַנץ לייכט אַריינטראָגן חודשלעך

צוואַנציק סו. אין צ' פיר, פינף יאָר וועט דאס צונויפגעזאַמלטע געלט שוין בילדן אַ גענוגנדן פאָנד. און אז מען האָט געלט פילט מען זיך שטאַרק, נישט אמת? דעמאָלט מעג שוין געשען וואס עס וויל זיך... נו, וואס זאָגסטו דערצו?

— איך זאָג נישט ניין, האָט לעוואַק געענטפערט צער־שטרייט, עס לאָזט זיך רעדן.

עס האָט אויפגעטרעטן אַ דיקע בלאָנדע זינגערין און לע־וואַק האָט דורכאויס נאָך געוואלט בלייבן, נאָר מאַהע און פיעראַן אָפּטרייגקנדיק זייערע גלעזער ביר האָבן זיך אויפגע־שטעלט אַוועקצוגיין.

דרויסן האט עטיען, וועלכער איז מיט זיי מיטגעגאַנגען, ווידער געטראָפן לאַ־מוקעטן, וועלכע האָט אים, ווייזט אויס, נאָכגעפאָלגט. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע אויגן און געהאַלטן אין איין שמייכלען צו אים, ווי זי זאָל זאָגן: „ווילסטו?". דער יינגערמאַן האָט געשמייכלט און געהויבן מיט די אַקסלען. דעמאָלט האט זי אָנגענומען אַ בייזע מינע און פאַרשוואונדן אין דער מאַסע.

— ווי איז שאַוואַל? האט געפרעגט פיעראַן.

— טאַקע אמת, האט געזאגט מאַהע. ער איז זיכער ביי פּיקעט... גייען מיר אין פּיקעט.

ווען זיי זענען שוין אָנגעקומען אין דער רעסטאָראַציע פּיקעט, האָט זיי אַ געשלעג־טומל געצווונגען אָפּצושטעלן זיך איוף דער טיר. זכריה איז געשטאַנען מיט אַ געבייזטער פויסט און געדראָט צו שלאָגן אַ פלעגמאַטישן שמיד, און שאַוואַל איז געשטאַנען די הענט אין די קעשענעס און דאס צוגעזען.

— אַה! אט איז שאַוואַל! האט מאהע רויק געזאגט. קאַ־טערינע איז דא מיט אים.

שוין פינף שעה האבן די וואגנשיבערן אַרויסגעשפּאַצירט מיט זייערע געליבטע. אויף די ברייטע גאַסן פון מאַנטסו מיט די קליינע שלעכט־אויסגעטינקענע הייזער האָבן זיך באַוועגט אין זונענגלי גרויסע מענטשן־שטראָמען. די שטענדיקע שוואַרצע בלאָטע איז געוועזן אויסגעטרוקנט און אַ שוואַרצער שטויב ווי

אַ וואָלקן האָט זיך אויפגעהויבן ביז צום הימעל. די שענקן ביי ביידע זייטן וועג זענען געווען פול פון מענטשן און מען האָט אפילו אַזוי ביי די זייטן צעשטעלט טישלעך און בוידן, ווי מען האָט פערקויפט טיכער און שפּיגעלעך פאר די מיידלעך און מעסערס און היטלען פאַר די יינגען. אין דעם עק פון דער גאַס, וועלכע האָט געפירט קיין זשואסעל איז פאָרגעקומען אין אַן אָפּגעצוימטן פּלאַץ אַ קאַמף פון הוהנען; דאס האָבן זיך געשלאָגן צוויי גרויסע רויטע הונען, באַוואָפנטע מיט אייזערנע שפּאָרן, וועלכע זענען שוין צעבלוטיקט ביי די העלדזער. ווייטער צו האט מען געשפּילט אין ביליאַרד, ווי מען האט געקענט געווונען פאַרטוכער און הויזן.

שאוואל האָט געקויפט קאַטערינען אַ שפּיגל פאַר ניינצן סו און אַ שפּיגל פאר דריי פראַנק. זיי האָבן באַגעגנט עטלעכע מאָל דעם אַלטן מוקען און באנעמארן, וועלכע זענען אויך געקומען אויף דעם יום-טוב. אַ צווייטע באַגעגעניש האָט זיי נישט פאַרשאַפט קיין פאַרגניגן. זיי האבן באַמערקט יעאַנלינען, וועלכער האָט אַנגערעדט בעבערטן און לידיען צו צוגנבענען אַ פלעשל וויין פון אַ בויד. קאַטערינע האָט נאָר געקענט איר ברודער אָנפּאַטשן, אָבער פאַרהיטן פון דער גנבה האָט זי שוין נישט באַוויזן, ווייל די קליינע לידיע איז שוין מיט דעם פלעשל געהאַט אַנטלאָפן. די טייוולאָנים וועלן נאָך ענדיקן אין טורמע, האָט זי געזאָגט.

קאַטערינע און שאוואל האָבן באַגעגנט זכריהן מיט פילאָמענען. מען האָט זיך געדריקט די הענט און שוין געבליבן צוזאַמען. נאָר פלוצים האָט זיך זכריה אונטערגעצונדן, ער האָט באַמערקט ווי אַ שמיד, וועלכער איז דאָ אַ דורכגעגאַנגען מיט זיינע קאָלעגן, האָט אַ קניפּ געטון זיין שוועסטער אין דער זייט; כאָטש זי איז רויט געוואָרן, האָט זי דאָך שטיל צוגענומען דעם קניפּ, ווייל זי איז אַנטציטערט געוואָרן ביי דעם געדאַנק, אַז עס קאָן נאָך קומען צו אַ געשלעג אין וועלכען אַלע שמידן וועלן אָנפאַלן אויף שאַוואַלן. זי האָט גוט געפילט די האַנט פון דעם מאַן, נאָר זי איז געווען אַזוי קלוג, אַז זי האָט געשוויגן.

איבעריגנס האָט איר געליבטער אויך געלאַכט דערפון און אַלע פיר זענען פונדאַנען אַוועקגעגאַנגען. די זאַך האָט אויסגעזען צו זיין פאַרענדיקט. נאָר ווי נאָר זיי זענען אַריינגעקומען אין דער רעסטאָראַציע „פיקעט" אויסצוטרינקען אַ גלעזל ביר, האָט זיך באַלד ווידער באַוויזן דער שמיד וועלכער האָט זיך איראָניש און אַרויספאָדערנדיק צוגעפייפט אונטער דער נאָז. זכריה פילנדיק זיך באַליידיקט אין זיין פאַמיליענעהרע, האט זיך געוואָרפן אויף דעם חוצפהניק.

— דאָס איז מיין שוועסטער, דו חזיר ;... וואַרט, איך וועל דיר שוין אויסלערנען, ווי אזוי זי צו רעספּעקטירן !

מען האָט קוים צעגומען די צוויי יינגע מענטשן, אין דער צייט ווען שאוואל האט רויק ערקלערט :

— לאָז אים, עס איז מיין זאַך... איך זאָג דיר, דער פאַרשוין איז גאָר נישט ווערט מען זאָל זיך מיט אים אָפּגעבן.

אין דעם איז אנגעקומען מאהע מיט זיין געזעלשאפט און באַרויקט קאַטערינען מיט פילאָמענען, וועלכע האָבן שוין געוויינט. די צושויער האָבן געלאַכט, נאָר דער שמיד איז שוין געווען פאַרשוואונדן. כּדי צו פאַרענדיקן מיט דעם גאַנצן ענין, האָט שאוואל, וועלכער איז געווען אין פּיקעט אַ שטענדיקער גאַסט, פאָרגעלעגט ביר. אַלע האָבן געמוזט טרינקען לחיים און זיך צווינטשן „צום וווּל פון דער גאַנצער געזעלשאפט!" עטיען האָט געמוזט טרינקען לחיים מיט קאַטערינען. פּיעראַן האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז איצט באַשטעלן פון דעם בעסטן ביר. מען איז געווען אין דער פרייליכסטער שטימונג, ווען זכריה האָט זיך פּלוצים אויפגעריסן פון זיין אָרט, ווען ער האט דערזעען זיין חבר מוקעט און אים אויפגעפאָדערט צו גיין מיט אים זיך אָפּרעכענען מיט דעם שמיד.

— איך מוז אים הרגענען !... שאוואל בלייב דא מיט פילאָמענען און קאַטערינען. איך קום צוריק.

איצט האָט מאהע געשטעלט ביר. מען האָט נישט געזען קיין שום שלעכטס אין דעם, וואס דער ברודער גייט זיך נוקם זיין פאַר דער שוועסטער. נאָר פילאָמענע האָט געשאָקלט מיטן

קאָפּ. זי איז געווען איבערצייגט, אז די ביידע יינגען זענען אַוועקגעגאַנגען אין ווולקאַן.

אין אָוונט האָט מען פאַרענדיקט דעם יום-טוב ווי געוויינלעך אויף דעם באַל ביי דעם „פרייליכן ברודער". דער לאָקאַל האָט געהערט צו דער אלמנה דעסור, א פרוי פון א יאָר פופציק, וועלכע איז געווען קייליכדיק ווי א פאַס, נאָר זער א פריילעכע. זי האָט אַלע קוילנאַרבעטער גערופן אירע קינדער, ווערנדיק צערטלעך געשטימט ביי דעם געדאַנק פון דעם טייך ביר, וואָס זי האָט שוין אין זיי אַריינגעגאָסן צייט דרייסיק יאָר און זי האָט זיך אויסגערומט, אז קיין שום וואַגנשיבערין האָט נישט חתונה געהאַט, נישט האָבנדיק פריער געטאַנצט ביי איר אין לאָקאַל.

דער „פרייליכער ברודער" איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן, דעם שענקצימער, וווּ עס האָט זיך געפונען דער בופעט און פון דעם באַל-צימר, וועלכער האָט געהאַט א דיל נאָר אינמיטן, און א רום ביי די ווענט איז ער געווען נאָר אויסגעפלאַסטערט מיט ציגל. די דעקאָראַציע איז באַשטאַנען פון צוויי גירלאַנדן פון פאַפּיר-בלומען אויף דער סטעליע און פון שילדן, וועלכע זענען געהאַנגען אויף די ווענט און אויף וועלכע עס איז געווען אויסגעקריצט די נעמען פון הייליקע, פון דעם הייליקן עלוא, דער באַשיצער פון די אייזנשמידן, פון דעם הייליקן קריספּין, דער באַשיצער פון די שוסטערס און פון דער הייליקער באַרבאַרא, די באַשיצערין פון די קוילנאַרבעטער. די סטעליע איז געווען אַזוי נידריק, אז די דריי מוזיקאַנטן, וועלכע זענען געזעסן אויף דער טריבונע, האָבן איר שיעור מיט די קעפּ נישט דערלאַנגט. פיר נאַפט-לאַמפּן צעהאַנגען אין אַלע פירעקן, האָבן אין אָוונט באַליכטן דעם לאָקאַל.

היינט האָט מען שוין פינף שעה געטאַנצט און דער טאָגשיין האָט אַלץ נאָך אַריינגעדרינגען דורך די פענצטער, אבער ערשט אַרום זיבן א זייגער האָט זיך די זאַל אָנגעהויבן אָנצופילן. אין דרויסן האָט זיך אויפגעהויבן א שטאַרקערער ווינט, וועלכער האָט געטראָגן גרויסע שוואַרצע שטויב-וואָלקנס. זועןן מאַהע,

עט־יען און פיעראן זענען אַהין אַרײַנגעקומען און געזוכט אָרט ווי זיך אַנידערצוזעצן, האָבן זיי ווידער באַגעגנט שאוואלן מיט קאַטערינען, וועלכע האָבן געטאנצט, אין דער צייט ווען פילא־מענע איז זיך געשטאַנען אַליין און צוגעקוקט. נישט לעוואַק און נישט זכריה זענען נאָך דאָ נישט געווען, ווייל דאָ אין דעם זאַל איז נישט געווען נישט קיין שטילן און נישט קיין בענק, האָט זיך קאַטערינע נאָך יעדער מאָל טאַנצן אָנגעשפּארט ביי דעם טישל פון איר פאטער. מען האט אויך צוגערופן פילאָמענען, נאָר זי האט בעסער געוואָלט שטיין. דער טאָג האט זיך שוין געלאָשן, די דריי מוזיקאַנטן האָבן געשפילט מיט אַ פערצווייפלטער אנשטרענגונג און אין דעם זאַל האט מען גאָרנישט געקענט אונטערשיידן אויסער אַ מישמאַש פון ברוסטן, בוזעמס און אָרעמס, אַ פרייד־אויסגעשריי פון דעם גאַנצן עולם האט באַגריסט די פיר אָנגעצונדענע לאָמפּן. עס איז פלוצים געוואָרן העל און מען האָט געקענט זען די רויטע פנימער, צעפּלאָשעטע האָר און די צעפּלאַטערטע קליידער, וועלכע האָבן פונאַנדערגעטראָגן אַ שטאַרקן ריח פון שווייס. מאהע האט געמאכט אויפמערקזאַם עטיענען אויף לא־מוקעטן, וועלכע איז געווען דיק און קיילעכדיק ווי אַ חזיר־בלאָז. זי האָט זיך געדרייט מיט אַ גרויסן מאָגערן וואגנשיבער: זי איז שוין געווען געטרייסט און זיך אויסגעפונען אַ מאַן.

עס איז שוין געווען אַפּט אַ זייגער, ווען עס איז דער־שינען לא־מאהעד מיט עסטעלען אויף די הענט און מיט אלע קינדער, אלצירן, הענרין און לענארען. זי איז גלייך געקומען אַ הער, ווייל זי האט געוווסט, אז זי וועט איר מאַן דאָ טרעפן. עסן אָוונט־ברויט האָט מען געקענט שפּעטער אויך, קיינער איז נישט געווען הונגעריק, ווייל די מאָגנס זענען געווען פול מיט קאַווע און מיט ביר. עס זענען נאָך אָנגעקומען אנ־דערע פרויען און מען האָט פיל געלאַכט, ווען מען האט דער־זען הינטער לא־מאהעדן אויך לאַ־לעוואק מיט בוטעלופן, וועלכער האָט געפירט ביי דער האַנט פילאמענעס קינדער אכילן און דעסירע. צווישן דיביידע שכנהטעס, האט אויסגעזעצן צו

הערשן פולע איינשטימיקייט. זיי האָבן זיך ביידע געפלוידערט אונטערוועגס איז געקומען צווישן זיי צו אַ העפטיקן שמועס און לא־מאהעד האט ענדלעך איינגעשטימט אויף חתונה־מאכן : זי איז געווען גערודערט פון דעם וואָס זי וועט פאַרלירן דעם לוין פון איר עלצטן זון, נאָר זי האָט איינגעזעען, אז עס וועט זיין אַן אומגערעכטיקייט פון איר זייט, ווען זי וועט נאָך לענגער האַלטן דעם זון ביי איר אין שטוב. זי האָט זיך געפלייסט צו מאַכן אַ פריינטלעך פנים, ווען דאס האַרץ האָט זיך איר צוזאַמענגעדרוקט ביי דעם געדאַנק ווי זי וועט איצט קענען אויסקומען מיט איר באַלעבאַטישקייט.

— זעץ דיך דאָ אַנידער, שכנהטע! האָט זי געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף אַ טיש נישט ווייט פון דעם, ביי וועלכן עס זענען געזעסן מאהע, עטיען און פיעראַן.

— איז מיין מאַן נישטאָ מיט אייך? האט געפרעגט לא־לעוואק. די מענער האָבן אָפגעענטפערט, אז ער וועט באַלד קומען. אַלע האבן זיך צוזאַמענגעדריקט אינאיינעם, בוטעלופ די קינדער, אזוי אז ביידע טישן האבן אויסגעזען ווי איין טיש, מען האט באַשטעלט ביר. ווען פילאמענע האט דערזעען די מוטער מיט אירע קינדער האט זי זיך באַשלאָסען נענטער צוצוקומען, זי האט זיך אַנידערגעזעצט אויף דערש טיל, וועלכע מען האט איר דערלאנגט און האָט אויסגעזען צו זיין צופרידן, ווען זי האט געהערט, אז מען וועט זי שוין ענדלעך חתונה מאַכן. ווען מען האט זיך געפרעגט אויף זכריהן, האט זי געענטפערט מיט איר זאַנפטער שטים:

— איך וואַרט אויף אים, ער איז דאָרט.

מאהע האט זיך איבערגעקוקט מיט זיין פרוי, זי האט אַלזא געגעבן איר הסכמה? ער איז געוואָרן ערנסט און האט שווייגנדיק געדרייכערט זיין פייקע. אויך אים האט באַהערשט די זאָרג פאר דעם עתיד אויג־אויף־אויג מיט דער אומדאַנקבאַרקייט פון די קינדער, וועלכע האָבן איינציקווייז חתונה און לאָזן איבער די עלטערן אין אָרעמקייט.

— דו דערמאנסט זיך? האט געזאָגט לא־לעוואק, איינ־

בזיגנדיק זיך צו לא־מאהעדן. דו האָסט געזאָגט, אז דו וועסט קאטערינען דערשטיקן, ווען זי וועט באַגיין אזא נאַרישקייט! שאוואל האט צוגעפירט קאטערינען צום טיש און, שטייענדיק הינטער דעם פאָטער, האָבן זיי ביידע אויסגעליידיקט זייערע גלעזער.

— בא! האט לא־מאהעד רעזיגנירט געמורמעלט. מען זאָגט זיך אמאָל ארויס... נאר דאס, וואס עס באַרויקט מיר איז, אז זי קען נישט האָבן קיין קינד. אה! אין דעם בין איך זיכער!..

איצט האָט דער עולם אויסגעפייפט א פאלקע, און ווען עס האָט זיך פונסניי אָנגעהויבן א טומעל, האָט זיך מאהע שטילערהייט געטיילט מיט זיין אַ נייעם געדאַנק. פאַרוואס זאָלן זיי נישט אריינגעמען אַ שכן? צום ביישפיל עטיען, וועלכער זוכט א וווינונג. זיי וועלן האָבן געננוג פלאַץ, אז זכריה וועט אוועקגיין, און דאס געלד, וואס זיי פאַרלירן פון איין זייט, וועלן זיי פון דער זייט צוריק געפונען. לא־מאהעדס פנים איז געוואָרן פריילעכער; דאס איז אָן ספק זער אַ גוטער געדאנק, מען דאַרף זיך וועגן דעם אָפרעדן, זי איז מיטאַמאָל געוואָרן ווידער גוט געשטימט און האָט באַשטעלט ביר פאר אַלעמען.

עטיען האָט דערווייל געפרווט צו געווינען פיעראנען פאר זיין פלאַן און האָט אים ערקלערט די איינריכטונג פון דער הילפס־קאַסע, שוין האט אים פיעראן צוגעזאָגט צו צושטיין, ווען עטיען האָט די אומפאָרזיכטיקייט געמאַכט און אים אנטדעקט דעם ציל פון דער זאך:

— און דו זעסט דאָך, וואס פאר אַ גרויסע פאַרדינסטן די קאַסע קען אונדז ברענגען, ווען עס וועט אויסברעכן אַ שטרייק. מיר וועלן זיך נישט שוין לאָזן שערן פון דער געזעלשאַפט, מיר וועלן שוין האָבן מיטלען צו קענען זיך זיי אַנטקעגנשטעלן... נו, שטייסטו צו?

פיעראן האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און איז בלייך געוואָרן.

— איך וועל מיר איבערלעגן, האט ער געשטאַמלט, די בעסטע הילפס-קאַסע איז ווען מען פירט זיך גוט אויף.

מאהע האט גלייך אָן אַ שום פּאררעדענישן פאָרגעלעגט עטיענען איבערציען זיך צו אים. עטיען האָט באַלד מספים געווען, ווייל ער האָט געוואָלט ווינען אין דאָרף און צווישן זיינע קאָלעגן. אַלץ איז געוואָרן פאַרענדיקט אין אַ פּאָר ווערטער, די מאהעד האט נאָר באַמערקט, אז מען מוז צו וואַרטן ביז דער חתונה פון קינדער.

ענדלעך זענען געקומען זכריה, מוקעט און לעוואק. אלע דריי האָבּן מיטגעבראַכט מיט זיך דעם ריח פון „וואָלקאַן", זיי האָבן געשמעקט מיט־ווײַן און עסיק. זיי זענען געווען שטארק אָנגעטרינקען, נאָר זיי האָבּן אויסגעזעען באַפרידיקט צו זיין און האָבּן זיך לאַכנדיק געשטויסן מיט די עלנבויגנס. ווען זכריה איז געוואָר געוואָרן, אז ער וועט שוין אינגיכן חתונה האָבּן האט ער אנגעהויבן הויך צו לאַכן. פילאָמענע אָבער האט רויק ערקלערט, אז איר איז ליבער ווען ער לאַכט, איידער ער זאָל וויינען. אזוי ווי עס איז מער נישט געווען קיין ליידיקע שטילן, האט בוטעלופּ אַ האלבע שטיל אָפּגעטרעטן לעוואַקן, וועלכער, ווערנדיק פּלוצים געריירט פון דעם, וואס אלע זיצן זיך אזוי געמיטלעך צוזאמען, האט נאך אַמאָל באַשטעלט ביר.

— צום טייוול, מען לעבט זיך נאר איינמאָל! האט ער הויך אויסגערופן.

מען איז אלע געבליבן ביז צען אַ זייגער. און כסדר האט געהאלטן אין איין קומען פרויען אויפצוזוכן זייערע מענער און זיי אַהיים צופירן; זיי האט באַגלייט מחנות פון קינדער; און די מוטערס האָבּן זיך נישט געשעמט, זיי האָבן אנטבלויזט זייערע ברוסטן און זיי געגעבן די זויגקינדער, אין דער צייט ווען די קינדער, וואס זענען שוין אַרומגעלאָפן, האבען באַקומען ביר צו טרינקען און זענען אַרומגעקראכן אויף אלע פיר אונטער די טישן. אונטער די פּאַרביקע פּאַפיר-גירליאנדן האבן די טענצערס שוין גארנישט געזעען, אזוי שטארק האבן זיי געשוויצט און זיין טענצערין איז אומגעפאלן און

דער טענצער אויף איר, האט דער גאנצער עולם אויסגעשאסן מיט אַ געלעכטער.

פיעראַנען האט עמעצער, פארבייגייענדיק אים, געגעבן צו וויסן, אז זיין טאכטער לידיע ליגט פאר דער טיר איינ־מיטן דעם טראָטואר און שלאפט. זי האט אויסגעטרינקען איר חלק פון דער געגנבעטער פלאש און איז געווען פּאַלקאם שכור; דער פאטער האט זי געמוזט ביי דעם האלדז אַ היים טראגן, אין דער צייט ווען יעאַנלין מיט בעבערטן, וועלכע האבן מער געקענט טרינקען, זענען געגאנגען נאָך אים אויף אַ געוויסן שטח און זיך אמוזירט פון דעם גאנצן ענין.

דאס איז געווען אזוי ווי דער סיגנאל פאר אלע; די פאמיליעס האבן זיך באשלאסן צו פארלאזן דעם „פריילעכן ברודער", מאהע און לעוואק האט זיך אויך אומגעקערט צוריק אין דארף אריין. צו דער זעלבער צייט האבן אויך די אלטע מוקע און באנעבאר פארלאזט מאנטסו פארזינקען אין זייערע זכרונות. און אלע איינאייגעם האבן זיך געלאזט אַ היים צוריק דורך די רייען פון בוידן און רעסטאראציעס, פון וועלכע דאָס ביר האט זיך שוין פשוט געגאָסן אויף דער גאַס. דער שטורם האט נאך אלץ געדראָט אַ ליאדע מינוט אויס־צוברעכן. ווען זיי האָבן שוין געהאט די באַלויכטענע הייזער הינטער זיך, גייענדיק שוין איבער די טונקעלע פעלדער, האט אַ פריילעך געלעכטער אויפגעשאַלט דאָ און דאָרט. איינציקווייז זענען זיי געקומען אין דאָרף אַריין, נישט די לעוואָקס, נישט די מאהעס האבן שוין מיט אַפּעטיט געגעסן זייער אָוונט־ברויט; ווען זיי האבן געגעסן דאס איבערגעבליבענע פונם מיטאג פלייש, זענען זיי שוין האלב געשלאָפן.

עטיען האט שאוואלן נאך געשלעפּט צו ראַסענערן, כדי דאָרט צו טרינקען אַ גלעזל ביר.

— איך בין גרייט! האט געזאָגט שאוואל, נאָכדעם ווי עטיען האט אים אנטוויקלט די פּלענער בנוגע דער הילפס־קאַסע, קלאַפּ איין! דו ביסט אַ וואוילער יאַט!

דאס שכּרות פלעמעלע האט זיך שוין אָנגעהויבן צו צינדן אין עטיענס אויגן. ער האט געשריגן:

— יאָ, לאָמיר זיך האַלטן צוזאַמען... זעסט, איך גיב אַוועק פאר דער גערעכטער זאַך אַלץ, דאָס טרינקען און די מיידלעך. נאָר איין זאַך דערוואַרעמט מיר מיין האַרץ, דאס איז דער געדאַנק, אז מיר וועלן פארקערן די בורזשויען.

אינמיטן אווגוסט האָט זיך עטיען איבערגעקליבן צו די מאַהעס, נאָכדעם ווי זכריה האט חתונה געהאַט און האָט באַקומען פון דער געזעלשאַפט אַ ליידיק הויז אין אַרבעטס-דאָרף פאַר זיך און זיין הויזגעזונט. אין דער ערשטער צייט האט זיך דער יינגערמאַן געפילט אַ ביסל זשענירט צוליב דער אַנוועזנהייט פון קאַטערינען.

עס איז געווען אן אומאויפהערלעכע אינטימקייט, ער האט אומעטום פאַרטרעטן דעם עלטערן ברודער, געשלאָפן מיט יעאַנליגען אין איין בעט, אנטקעגנאיבער דעם בעט פון דער גרויסער שוועסטער. אין אָוונט און גאַנצפרי האָט ער געמוזט אין איר געגנוואַרט זיך אויסטון און אָנטון און האָט אויך געזען ווי זי טוט זיך אויס און טוט זיך אָן.

איבעריגנס האט זי קיינמאָל נישט געהאַט קיין סיבה צו בייזערן זיך אויף אים, ער האָט אויסגעמיטן יעדן שפּאַס, יעדע באַרירונג. אויך די עלטערן זענען דאָ געווען און, אויסער דעם, האָט ער געפילט צו איר אַ מישמאַש פון פריינטשאַפט און שנאה, וואס האט אים אָפּגעהאַלטן צו טראַקטירן איר ווי אַ מיידל צו וועלכן מען האָט נאָר געפילן פון תאווה. דאס געפיל פון שעמען זיך איז געקומען צום אויסדרוק נאָר אין דעם, וואס איצט האָט זיך שוין קאַטערינע געוואַשן אַליין אין שלאָפצימער, ווען די מאַנסבילן האָבן זיך אייגער נאָכן אַנדערן געבאָדן פון אונטן.

ווען עס איז שוין פאַריבערגעגאַנגען אַ חודש, האָבן עטיען און קאַטערינע אפילו קיין אַכט שוין נישט געלעגט, ווען זיי זענען, איידער מען האָט נאָך דאָס ליכט פאַרלאָשן, אַרומגעגאַנגען אויסגעטועגע איבער דעם צימער. עטעיען האָט זיך נאָר

באַקלאָגט אויף יעאָנלינען, וועלכער האָט פאַרנומען דעם גרעסטן חלק בעט. אלציר האט שטיל געאָטעמט און יעדן פרימאָרגן האט מען געפונען העגרין מיט לענארן אַרומגענומען זיך, ווי זיי זענען אין אָוונט איינגעשלאָפן.

אין דעם טונקעלן צימער האָט מען קיין שום אַנדער גע-רויש נישט געהערט אויסער דאס שנאָרכן פון מאַהען און זיין פרוי. אין אַלגעמיין האט זיך עטיען געפילט דאָ בעסער ווי ביי ראַסענערן, דאָס בעט איז נישט געווען קיין שלעכטס און דאָס בעט-וועש האָט מען געביטן אַלע חודש. די זופּ איז אויך געווען אַ בעסערע, ער האָט נאָר געליטן דערפון וואָס מען האָט זעלטן געגעסן פלייש, נאָר ער האט דאָך נישט געקענט פאַר-לאַנגען אז פאר פינפאונפערציק פראַנק חודשלעך זאָל ער באַ-קומען צו יעדן מאָלצייט אַ קראָליקל. פאַר דער פאַמיליע, איבעריגנס, איז די פינפאונפערציק פראַנק געווען אַ גרויסע שטיצע און די מאַהעס האָבן געוווּסט ווי אָפּצודאַנקען זייער שכן. זיין וועש איז געוואָרן געוואַשן און אויסגעפּאַריכט און אַלע זיינע זאַכן האָט מען געהאַלטן אין דער בעסטער אָרדנונג; ער האָט געפילט אַרום זיך די זויבערקייט און זאָרג פון אַ פרוי.

אין דער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַנט־ויקלען און פאַרשפרייטן די אידעען, וועלכע האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין עטיענס כּוח. ביז אַהער האָט ער צווישן דער נעפּלהאַפטער אומצופרידנהייט פון זיינע קאַמעראַדן געפילט אַן אינסטינקטיוון בונט אין האַרצן. איצט זענען אים וואַך געוואָרן פאַרשידענע אומקלאָרע פראַגן: פונוואַנען נעמט זיך דער עלענד פון אייניקע און דאָס וווילזיין פון אַנדערע? פאַרוואָס זענען אייניקע מענטשן שטענדיק אונטער די פיס פון אַנדערע, נישט האָבנדיק קיין האָפנונג ווען עס איז צו פאַרבעסערן זייער לאַגע? און די ערשטע מדרגה, צו וועלכער ער האָט דערגרייכט נאָך די אַלע קלערענישן איז געווען די, אז אים איז געוואָרן קלאָר זיין אומוויסנהייט. אַ געהיימע בושה און אַ פאַרבאָרגן ליידן האָט אים פאַרצערט: ער האָט נישט געוווּסט אין נישט געוואגט צו רעדן פון די אלע זאַכן וועלכע האָבן אים אזוי שטאַרק אויפגערעגט,

פון דער גלייכהייט פון אַלע מענטשן און פון דעם גערעכטיקן געזעץ, וואָס הייסט צעטיילן אַלע גיטער פון דער ערד גלייך אויף גלייך צווישן אַלע מענטשן. איצט האט ער רעגלמעסיק געפירט אַ בריוו-אויסטויש מיט פלוכארטן, וועלכער איז מער געווען געלערנט און באַהאווגט אין דער סאָציאַלער באַוועגונג. ער האָט אים געשיקט ביכער, וועמענס שלעכט פאַרדייטער אינהאַלט עס האָט אים נאָך מער אַריינגעבראַכט אין התלהבות, אַנארכיסטישע בראָשורן, וועלכע האָבן אים אויפגעטרייסלט, פּאָליטישע עקאָנאָמיעס און אַלטע צייטונגסנומערן, וועלכע ער האט אָפגעהיט ווי די שטאַרקסטע אַרגומענטן און פאַרשידענע מעגלעכע דיסקוסיעס. סוואַרין האט אים אויך געליען ביכער, אַזוי איז מיט דער צייט פאַרשוווּנדן זיין שעמען זיך פאַר זיין אומוויסנהייט און ער האט זיך דערפילט שטאָלץ פון דעם וואס ער האָט שוין אָנגעהויבן באַוווּסטזיניקער צו דענקען.

ביי די מאָהעס איז מען איצט געבליבן שטענדיק נאָך איין שעה צו זאמען, איידער מען איז געגאַנגען שלאָפן. עטיען האט שטענדיק פאַרפירט דעם שמועס אויף דער זעלבער טעמע. צייט זיינע אנשויאונגען האָבן זיך אויסגעפיינערט, האָט ער זיך געפילט שטאַרק דערשלאָגן פון דעם צוזאמענלעבן אין ארבעטער דאָרף.

זעגען זיי דען חיות, וואָס מען האָט זיי אַזוי צוזאַמענגעפרעסט אַלע אינאיינעם, אַזוי אַז מען קען קיין העמד נישט אָנטון, מען זאָל נישט בלייבן שטיין נאַקעט פאַר אַלע שכנים? און ווי שעדלעך דאס איז פאר דעם געזונט און ווי ווירקט דאָס שלעכט אויף דער מאָראַלישקייט פון די מיידלעך און יינגלעך!

— צו אלדי רוחות! האט אָפּגעענטפערט מאהע, ווען מען האָט מער געלט, האָט מען אויך פאַרגניגן... דאס איז אמת, אַז עס איז נישט גוט פאר קיינעם דאס וואס מען וווינט אזוי איינער אויפ׳ן אנדערן.

לא-מאהעד האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס.

— דאס טרויעריקסטע איז, האָט זי זיך אָנגערופן, וואָס

מען מוז זיך זאָגן, אז עס קען אַנדעריש נישט זיין. אַזוי לאַנג ווי מען איז נאָך יינג רעדט מען זיך נאָך איין, אז דאָס גליק וועט נאָך קומען און מען האָפט פאַרשידן... נאָר עס קומט אַלץ דער עלענד און מען בלייבט אין די זעלבע קייטן... איך ווינטש קיינעם נישט קיין שלעכטס, נאָר עס איז דאָ מינוטן, ווען די דאָזיקע אומגערעכטיקייט ברענגט אַרויס פון זיך

אַלע האָבן געשוויגן אַ מינוט. נאָר דער פּאָטער באַנעמאר האָט אַ דערשטוינטער אויפגעריסן די אויגן, ווייל אין זיינע צייטן האָט מען זיך איבער אַ זעלכע זאכן דעם קאָפּ נישט גע-בראָכן; מען איז געבוירן געוואָרן צווישן די קוילן, געלעבט צווישן זיי און נישט געפרעגט קיין קשיות; איצט אָבער האָט אַ ווי געטון אַן אַנדער ווינטל און ביי די קוילנגרעבער האָבן זיך דערוועקט נייע ווינטשן.

— מען דאַרף אויף גאָרנישט שפייען! האט ער געמורמלט. אַ גוטע גלאָז ביר בלייבט אַ גוטע גלאָז ביר... די עלצטע זענען אָפט כּלבים, אָבער עס וועט דאָך שטענדיק זיין עלצטע, נישט אמת? עס איז איבריק זיך צו ברעכן דעם קאָפּ איבער אַ זעלכע זאכן און עס איז איבריק זיך צו גריבלען.

דאָ איז פּלוצים עטיען געוואָרן לעבעדיקער. ווי! מען זאָל אפשר פאַרבאָטן דעם אַרבעטער אויך צו דענקן! אינגיכן וועט זיך אַלץ ענדערן טאַקע דערפאַר, ווייל דער אַרבעטער האָט אָנגעהויבן נאָכצודענקען. אין די אַלטע צייטן איז דער אַרבעטער געווען ווי אַ חיה, ווי אַ מאַשין, שטענדיק אונטער דער ערד, בלינד און טויב צו די אַלע געשעענישן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין דרויסן. נאָר איצט הויבט שוין אָן דער קוילנגרעבער אויפצוואַכן, דאס קערנדל, וועלכעס מען האט פאַר-זייט הויבט אָן אין דער ערד צו שפּראָצן און אין אַ שענעם פרימאָרגן וועט מען עס דערזעען פּלוצים אַרויסגעשפּראָצט אויף דעם פרייען פעלד; יאָ, עס וועלן אויפשטיין מענער, אַ גאַנצע אַרמעע פון מענער, וועלכע וועלן צוריק אויפשטעלן די גע-רעכטיקייט, זענען דען נישט צייט דער רעוואָלוציע אַלע בירגער גלייך? ווען זיי גיבן אָן זייערע שטימען ביי די וואַלן, דאַרף

דען דער אַרבעטער בלייבן דער קנעכט פונם באַלעבאָס, וועל־כער צאָלט אים? די גרויסע געזעלשאַפט מיט זייערע מאַשינען דערדריקן אַלץ, איצט קען מען שוין נישט אָנווענדן די מיטלען פון דער אַלטער צייט, נאָר כּדי זיך אַנטקעגנצושטעלן זיי, מוז מען זיך באַנוצן מיט דעם זעלבן געווער, פאַרייניקן זיך אין געזעלשאַפטן און זיך באַשיצן. צוליב דעם און צוליב אַנדערע סבות, וועט אין איין שענעם טאָג צו אַלץ נעמען אַן ענדע, אַ דאנק דער בילדונג. מען קען זעען אפילו דאָ אין אַרבעטער דאָרף. די זיידעס האָבן זייער נאָמען נישט געקענט אונטער־שרייבן, די פאָטערס האָבן שוין יאָ געקענט און די זון לייענען שוין און שרייבן כּמעט ווי פּראָפעסאָרן.

עס גייט לאַנגזאם פאָרויס. און פאַרוואָס זאָל מען טאַקע נישט איצט אין דער צייט, ווען מען איז שוין מער נישט צוגעשמידט צו זיין פּלאַץ אויפן גאַנצן לעבן און מען קען אויך האָבן די אַמביציע צו שטרעבן צום שכנס פּלאַץ, פאַרוואָס זאָל מען איצט נישט זיך באַנוצן מיט די פויסטן און אַ פּרוּוו טון זיך צו פאַרמעסטן מיט די כּוחות, ווער עס איז שטאַרקער?

מאַהע האט זיך געוואַקלט אין זיינע אַנשויאונגען, נאָר ער האָט נאָך אַלץ פאַרמאָגט דעם אומגלויבן.

— ווי באַלד מען וועט זיך אַ ריר טון, וועט מען דערלאָזן. דער אַלטער האט רעכט, דער גורל פונם אַרבעטער איז זיך צו מוטשן, נישט האָבנדיק די האָפנונג ווען עס איז צו באַקומען אַלס באַלוינונג אַ שטיקל גראָב פלייש.

לאַ-מאַהעד האט אַ ווײַלע געקוקט שטום פאַר זיך און האָט אויסגעזעען ווי פון אַ חלום צו ערוואַכן.

— ווען עס זאָל כאָטש ווייניקסטנס זיין אמת דאס, וואס די גייסטלעכע דערציילן, אז די אָרעמע אויף דער וועלט זענען אויף יענער וועלט די רייכסטע!

אַ הויך געלעכטער האָט איר איבערגעריסן אינמיטן, אפילו די קינדער האָבן אויך געהויבן די אַקסלען, ווייל זיי זענען אַלע אונטער דעם איינפלוס פון דרויסן געווען אומגלויביק, און

אין דער צייט ווען זיי האָבן נאָך געהאַט אַ ביסל פּחד פאַר דעם שוואַרצן מאַן פון די גרובן, האָבן זיי אײַנגאַנצן חוזק געמאַכט פון דעם ליידיקן הימל.

— אַך יאָ, די גייסטלעכע! האט אויסגערופן מאַהע, ווען זיי זאָלן אַליין אין דעם גלויבן, וואָלטן זיי ווייניקער אַ ביסל געגעסן און מער געאַרבעט, כדי זיך צו פאַרזאָרגן פון אויבן מיט אַ גוטן פּלאַץ... ניין, ווען מען איז טויט, איז מען טויט!

לאַ-מאַהעד האָט שווער געזיפצט.

— אַך, מיין גאָט! אַך, מיין גאָט!

דערנאָך זענען אירע הענט אויף די קני אַנידערגעפאַלן און זי האט געזאָגט מיט אַ טאָן פון אומענדלעכער נידערגעשלאָגנקייט!

— אויב אַזוי איז עס טאַקע אמת, אז מיר זענען פאַרלוירן, מיר אנדערע!

אַלע האָבן איר אָנגעקוקט. דער פאָטער באַנעמאַר האט אַריינגעשפּיגן אין זיין טאַשנטיכל און מאַהע האט פאַרגעסן אַרויסצונעמען פון מויל זיין אויסגעגאַנגענע פייקע. צווישן לעוואַרען און הענרין, וועלכע זענען איינגעשלאָפן אויפן ראַנד פונם טיש, איז געשטאַנען אַלציר און זיך איינגעהערט. קאַטערינע האט איר פּנים אויף דער האַנט אָנגעשפּאַרט און אירע גרויסע אויגן האָבן גערוט אויף עטיענען, ווען ער האָט באַגייסטערט גערעדט וועגן זיינע סאָציאַלע חלומות אין עתיד. אין דעם דאָרף איז מען שוין אומעטום געשלאָפן, מען האט נאָר געהערט אַ געשריי פון אַ קינד אָדער דעם ליאַרם פון אַ שיכּור, וועלכע האט זיך אומגעקערט אין דער שפּעטער שעה. דער קוקוס-זייגער האט לאַנגזאַם געלאָזט הערן זיין טיק-טאַק און נישט קוקנדיק אויף דער שטיקנדיקער לופט, האָט אַ קילע פייכטקייט אויפגעשטיגן פון דעם מיט זאַמד באַשאָטענעם דיל.

— זענען דאס נאָך פאָרשטעלונגען! האט עטיען געזאָגט. צוואָס דאַרפט איר דעם ליבן גאָט מיט זיין גן-עדן כדי גליקלעך צו זיין? קענט איר דען נישט אַליין זיך דאָ אויף דער וועלט דאס גליק פאַרשאַפן?

ער האט באַגייסטערט ווייטער גערעדט. אַ שטראַל האט אַריינגעדרונגען אין דעם פינצטערן לעבן פון די אָרעמע מענטשן. דער אייביקער עלענט, די שווערע אַרבעט-משא, דער גורל צו באהאנדלט ווערן גלייך ווי אַ חיה, וועלכע מען שערט פריער אָפּ און דערנאָך פירט מען זי צו דער שחיטה, אַלץ איז פאַר-שווונדן פאר אַ העלן זונענשטראַל; און אַרומגעזוימט פון אַ ליכטיקן ארעאל איז די גערעכטיקייט פון הימל אַראָפּגעגנידערט. דער ליבער גאָט איז טויט, די גערעכטיקייט אַליין וועט זיכערן דאס גליק פון דעם מענטשן און זי וועט מאַכן הערשן אומעטום די גלייכהייט און ברודערלעכקייט. אין אַ שענעם טאָג וועט אויפשטיין אַ נייע געזעלשאַפט, ווי מען האָט זיך אויסגע-חלומט, אַ ריזיקע שטאָט אין לעגענדאַרישן גלאַנץ, אין וועלכער יעדער בירגער וועט זיך לעבן פון זיין ארבעט און וועט זיך האָבן זיין חלק אין די פאַרגניגנס. די אַלטע וועלט וועט צע-פאַלן אין שטויב און אַ נייע מענטשהייט, וועלכע ווייסט נאָך נישט פון קיין פאַרברעכן, וועט בילדן איין איינציק פאָלק פון אַרבעטנדיקע מיט דעם לאָזונג: יעדן נאָך זיין פארדינסט און יעדער פארדינסט נאך דער ארבעט! און וואס ווייטער אַלץ מער האט זיך אנטוויקלט דאס בילד, אַלץ שענער איז דאס געוואָרן, אַלץ פארפירעשער.

צוערשט האט די מאהעד נישט געוואָלט ווייטער הערן. צו שען, מען טאָר זיך נישט אריינלאָזן אין אַ זעלכע חלומות. ווען זי האט דערזעען ווי מאהעס אויגן לייכטן, איז זי געוואָרן אומרויק און אויסגערופן, איבעררייסנדיק עטיענען:

— הער זיך נישט צו צו אים, מיין מאן! דו זעסט דאָך, אז ער פראָוועט אונדז נאר מעשהלעך!... וועלן דען אמאָל די בורזשויען מסכים זיין צו ארבעטן גלייך מיט אונדז? נאר דער-נאָך האט זי זיך אַליין אָנגעהויבן אונטערגעבן דער קראפט פון דעם כשוף. זי האָט געשמייכלט, איר פאַנטאַזיע האט דער-וואכט, און אויך זי איז פארזינקען אין דער וואנדערוועלט פון האָפנונג. עס איז געווען אזוי אנגענעם כאָטש אויף אַ שעה צו פארגעסן די טרויעריקעווירקלעכקייט!

— אין דעם האָבן זי רעכט! האט זי אויסגערופן. ווען עס האנדלט זיך אין אַ גערעכטע זאך, קען איך מיר אליין אויך לאזן צעהאקן אויף שטיקער... און עס וואלט טאקע געווען אַ יושר, ווען אויך מיר זאָלן אמאָל געניסן פון דעם לעבן!

מאהע האט זיך געלאזט מיטרייסן פון זיין באַגייסטערונג.

— צו אלדי רוחות! האט ער אויסגעשריגן, איך בין נישט רייך, אבער הונדערט סו וואָלט איך געגעבן, ווען איך זאל נאך דאס אלץ דערלעבן!.. וועט עס באלד זיין און ווי אזוי וועט מען זיך דערצו נעמען?

עטיען האט ווידער אנגעהויבן צו רעדן. די אלטע גע-זעלשאפט צעפאלט זיך פון טאג צו טאג, עס קען נאך אַ פאר חדשים געדויערן, האט ער פארזיכערט. וואס אנבעלאנגט דעם ארט אין אופן, ווי אזוי דאס אלץ וועט אויסגעפירט ווערן, איז אים נאך נישט געווען קלאָר, דאך האט ער אנגעוויזן שטעלן פון די דורך אים געלעזענע ביכער און האט נישט מורא געהאט פאר די אומגעבילדעטע מענטשן אריינצולאָזן זיך אין ערקלערונגען, וועלכע ער האט אליין גוט נישט פאר-שטאנען, נאר לא-מאהעד האט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם קוקוס-זייגער.

— עס איז שוין ניין אַ זייגער פארביי! איז עס דערלויבט! מארגן וועט מען נישט וועלן אויפשטיין.

און די פאמיליע האט זיך אויפגעהויבן פונם טיש מיט אַ געפיל פון אומצופרידנהייט און פארצווייפלונג, עס האט זיך זיי אויסגעדאכט, ווי זיי זאלן האבן ערשט רייך געווען און זענען מיטאמאל ווידער פארזינקען אין דער בלאטע. דער פאטער באנעמאר, וועלכער האט זיך געלאָזט אין די גרובן, האט אונטערגעברומט, אז דורך אַ זעלכע מעשיות וועט די זופ נישט ווערן בעסער, אין דער צייט ווען די איבעריקע זענען איינער נאָכן אנדערן ארויפגעגאנגען אין דעם אויבער-שטיבל, ווו זיי האבן געפונען פייכטע ווענט און פארשטיקטע לופט. באכדעם, ווי קאטערינע האט שוין די לעצטע זיך אריינגעלעגט אין בעט אריין און דאס ליכט אויסגעלאָשן, האט עטיען נאך לאנג

געהערט, ווי זי האט זיך אין פיבערדיקן אומרו געדרייט אין בעט איידער זי איז אנטשלאָפן.

אָפטמאל פלעגן בייוויינען ענלעכע שמועסן אויך די שכנים. לעוואַק פלעגט אריין אין אַ התלהבות ביי דער אידעע פון צעטיילן די גיטער, נאָר פיצראן איז געווען פאָרזיכטיק און איז שטענדיק אַוועקגעגאנגען, ווען מען האט אנגעהויבן אטאקירן די געזעלשאפט. זכריה פלעגט זיך אויך אריינכאַפן אויף אַ פאָר מינוט, נאָר אים פלעגן די פאָליטישע שמועסן פארנודזשען און איז בעסער אַוועק אויסטרינקען אַ גלעזל ביר. וואס אנבעלאַנגט שאוואל, פלעגט ער יעדן אָוונט אָפזיצן ביי מאהען אַ שעה־צוויי. קאַטערינע האט אים שוין אָנגעהויבן צו נודזשען, נאָר די נאָענטקייט אירע מיט עטיענען האט צוריק דערוועקט זיין אייפערזוכט און זי איז אים צוריק געוואָרן טייער, ווייל ער האט מורא געהאט, אז יעדע נאכט קען ער זי ביי אים צונעמען.

עטיענס איינפלוס איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, ער האט רעוואָלוציאָנירט דאס גאַנצע דאָרף. עס איז געווען אַ שטילע פראָפאגאנדע, נאָר אַ זיכערע דערמיט, וואס ער איז געווען ביי יעדן געאַכטעט. כאָטש מאהעד אלס קלוגע הויז־פרוי האט זיך באצויגן צו דעם אלעמען מיט אומצוטרוי, דאָך האט זי אים באַהאנדלט מיט דרך־ארץ, ווייל ער האט פינקטלעך געצאָלט, נישט געטרינקען, נישט געשפילט און איז שטענדיק געזיצן איבער זיינע ביכער; זי האט פאר די שכנות דערציילט זיין געלערנטקייט, וואס זיי האבן אויסגענוצט, בעטנדיק אים ער זאָל זיי זייערע בריוו שרייבן. ער איז ווי געוואָרן אַלעמענס געשעפטספירער, באַקאנט מיט זייער גאנצער קאָראַספאָנדענץ און אַריינגעצויגן אין אלע זייערע שווערע פאַמיליענאנגעלעגנהייטן. אין סעפטעמבער האט ער אויך די הילפס־קאסע געגרינדעט, אָבער זי איז נאָך געווען קליין ווייל עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט דערווייל נאָר די איינוווינער פונם ארבעטסדאָרף. נאר ער האט געהאָפט, אז אינגיכן וועלן זיך אָנשליסן די ארבעטער פון אלע גרובן, בפרט נאָך ווען די געזעלשאפט וועט

נישט מאכן קיין שטערונגען און בלייבן צו דער גאנצער זאַך פּאַסיוו. מען האט אים נאָמינירט פאר דעם סעקרעטאַר פונם פארבאנד און ער האט אפילו געהאט אַ קליינע פּענסיע, דאס האט אים געמאכט כמעט רייך, ווייל אויב אפילו אַ חתונה־געהאטער ארבעטער האט זיך אויסגעמוטשעט זיין באַדערפניש, האט ער, אַ בחור און דערצו נאָך נישט קיין טרינקער, אַודאי געהאט אלץ וואס ער האט באדארפט און האט געקענט אפילו עפּעס אָפּשפּאָרן אויך.

פון דעמאָלט איז פאָרגעקומען ביי עטיענען אַ שטיקל ענדערונג. דער קאָקעטעריי־אינסטינקט, וואס איז געווען איינגעדרימלט ביי אים פון אָרעמקייט האט זיך צוריק דערוואכט און ער האט זיך געקויפט שענע קליידער און אַ פּאָר איידעלע שטיוועלעך. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן דער קאָפּ פון דעם גאַנצן דאָרף און אלע האָבן זיך אַרום אים גרופּירט, און ער האט זיך געפילט שטאָלץ איבער זיין פּאָפּולאַריטעט און געחלומט פון דער נאָענטער רעוואָלוציע אין וועלכער ער וועט שפּילן אַ ראָלע. זיין פּנים האט זיך אויך געענדערט, עס איז געוואָרן ערנסטער און ער פלעגט זיך שוין צוהערן צו דעם וואס ער האט גערעדט.

אינמיטן איז אָנגעקומען דער הערבסט. די אָקטאבער־פרעסט האָבן צוגעדעקט די קליינע גערטנדלעך פון די ארבעטער מיט פארוועלקטע בלעטער. אין די הייזער האט מען שוין געהייצט די אויוונס מיט די קוילן, וועלכע פאַרשטינקט די לופט. עס האט זיך אָנגעהויבן אַ מיאוסע צייט.

אין איינע פון די ערשטע קאַלטע אָקטאבער־נעכט, האט עטיען, זיך אַ סך אָנרעדנדיק, נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. ער האט געזען ווי קאַטערינע האט זיך ארונטערגעגליטשט אונטער דער קאָלדרע, נאָכדעם ווי זי האָט דאס ליכט פאַרלאָשן. אין דער פינצטער איז זי געבליבן ליגן ווי אַ טויטע, נאָר ער האט געהערט, אז זי שלאָפט נאָך נישט; ער האט עס געפילט, אז זי קלערט איצט וועגן אים, פונקט ווי ער קלערט וועגן איר. מינוטן זענען פארפלאָסן, נישט ער נישט זי האבן

זיך גערירט, עס האט זיך געהערט נאר זייער אָטעמען. מאָמענטנ־ ווייז איז ער געווען גרייט זיך אויפצוהויבן און זי נעמען, עס איז דאָך נאריש צו שטרעבן אזוי אייבער צום אנדערן און נישט באפרידיקן די שטרעבונג, ווען קיין שום שטערונג איז נישטא, די קינדער שלאָפן און זי, איז ער זיכער געווען, ווארט דאָך אויף אים און וועט אים איינשליסן אין אירע אָרעמס. עס איז אריבער כמעט אַ שעה, ער איז נישט געגאַנגען צו איר און זי האָט זיך קיין ריר נישט געטון מורא האָבנדיק, אז זי וועט זיין נאָמען אָנרופן. וואס מער זיי האָבן געלעבט צו־ זאַמען, אלץ מער איז געוואקסן דאס געפיל פון בושה און רייגער צאַרטער פריינטשאַפט, וועלכעס ער אליין האט זיך נישט גע־ קענט דערקלערן.

IV

— הער נאָר, האט לא־מאהעד געזאָגט צו איר מאן, דו גייסט דאָך קיין מאנטסו נאָך געלט, ברענג מיר איין פונט קאווע און אַ קילאָ צוקער.

ער האט פאררעכנט איינעם פון זיינע שיך כדי איינצו־ שפארן געלט.

— גוט! האָט ער געזאָגט, נישט איבעררייסנדיק זיין אַ בעט.

— איך האב נאָך געוואָלט ארויפלעגן אויף דיר זאלסט מאַכן אַ באשטעלונג ביי דעם קצב... אזוי, אַ שטיקל קאַלב־פלייש, וואס? מיר האבן עס שוין אזוי לאנג נישט אָנגעקוקט.

דאס מאל האט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ

— דו מיינסט אַ וודאי, אז איך האב אָפּצונעמען הונדער־ טער און טויזנטער?.. דער לוין וועט דאס מאל, אַ דאנק זייער פארשאָלטענעם איינפאל אלעמאָל איבערצורייסן די ארבעט, גענוג מאָגער זיין.

ביידע האבן געשוויגן. עס איז געווען אין אַ זונטיק ענדע אקטאבער נאך פרישטיק. אונטער דעם אויסרייד, אז דאס אפרעכענען זיך מוז פארנעמען דעם גאנצן טאג, האט די גע־

זעלשאפט אָפּגעשטעלט אין דעם טאג די ארבעט אין אלע גרופּן. צוליב דעם האנדלס-קריזיס וועלכער האט זיך פארשארפט פון טאג צו טאג און צוליב די גרויסע אוצרות קוילן, וועלכע עס זענען שוין געווען, האט די געזעלשאפט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו מאכן יום-טוב פאר אירע צען טויזנט ארבעטער.

— דו ווייסט, אז עטיען ווארט אויף דיר ביי ראסענערן, נעם אים מיט, האט ווידער אנגעהויבן לא-מאהעד, ער וועט זיך שוין גיכער כאפן, אויב מען וועט אייך נישט גוט צונויפ-רעכענען די שעהן.

מאהע האט צוגעשאָקלט מיטן קאפּ איינשטימענדיק.

— און רעד איבער מיט די הערין וועגן דיין פאָטער... דער דאקטאר האלט שטענדיק מיט דער געזעלשאַפט, נישט אמת אלטער, דער דאָקטאר איז זיך טועה, ווען ער גלויבט, אז איר וועט שוין נישט קענען ארבעטן?

שוין פון צען טעג איז דער פאטער באנעמאר געזעסן מיט איינגעשלאָפענע פיס, ווי ער האט זיך אויסגעדרוקט, אויף זיין שטול. זי האט נאך אַמאָל געמוזט איבערחזרן איר פראגע און ער האט געברומט:

— געוויס וועל איך ארבעטן. עס איז נאך נישט קיין סוף, ווען מען האט ווייטיקן אין די פיס. דאס אלץ איז נאָר גע-שיכטעס, וועלכע זיי האבן אויסגעקלערט, כדי מיר נישט צו געבן די הונדערט אכציק פראנק פענסיע.

— לא-מאהעד האט זיך דערמאנט אין די פערציק סו, וועלכע דער אלטער וועט שוין מער נישט ברענגען און זי האט ווייטיקלעך אויסגעשריגן:

— מיין גאָט, מיר וועלן אלע אומקומען אויב עס וועט אזוי ווייטער גיין!

— אז מען איז טויט, האט געזאגט מאהע, לייידט מען מער נישט קיין הונגער.

ער האט אריינגעשלאָגן נאָך אַ פּאָר צוועקעס אין זיין שטיוול און איז אַוועקגעגאַנגען. די איינוווינער פונם ארבעטער

דאַרף האָבן באַדאַרפט זייער לוין אָפּנעמען אַרום פיר נאָכ־מיטאָג. די אַרבעטער האָבן זיך דאַריבער נישט געאײַלט און אַרומגעשפּאַצירט, וואַרטנדיק, אַהין און צוריק, ווערנדיק באַגלייט פון זייערע ווײַבער, וועלכע האָבן זיי געהאַלטן אין איין בעטן, זיי זאָלן קומען באַלד אַהיים. אייניקע האָבן זיי מיט־געגעבן צו דערליידיקן געוויסע ענינים כדי אויף אַזאַ אופן נישט צו דערלאָזן זיי זיך צו פאַרגעסן אין די שענקען.

ביי ראַסענערן האָט עטיען געטראָפן נייע ידיעות, באַ־אומרויִנדיקע גריסן האָבן זיך איבערדערציילט פון מויל צו מויל, אַז די קאָמפּאַניע איז וואָס ווייטער אַלץ מער אומצו־פרידענער מיט דעם פאַרבויען; מען דריקט די אַרבעטער מיט געלט־שטראָפן, און עס איז אומפאַרמיידלעך אַ קאָנפליקט. נאָר דאָס אַליין איז נאָך נישט געווען דער עיקר, עס זענען נאָך געווען פאַרשידענע אַנדערע קאָמפּליקאַציעס און געהיימע, וויכטיקע סבות.

ווען עטיען איז אָנגעקומען האָט אַ קאָלעגע, וועלכער האָט נעטרינקען אַ גלאָז ביר צוריקוועגס פון מאַנטסו, דערצעלט, אַז אין קאַסע איז געהאַנגען אַ פּלאַקאַט, נאָר ער קען נישט זאָגן וואָס אויף אים איז געווען אָנגעשריבן, עס איז אָנגעקומען אַ צווייטער, אַ דריטער און יעדער האָט געבראַכט אַנדערע ידיעות. פון דעם אַלץ איז איינס געוואָרן קלאָר, אַז די געזעל־שאַפט האָט אָנגענומען אַ געוויסן באַשלוס.

— וואָס זאָגסטו דערצו? — האָט עטיען געפרעגט צוזעצנדיק זיך צו סוּוואָרינען.

דער מאַשיניסט האָט זיך נישט געאײַלט צו ענטפערן, ער האָט זיך פריער פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס און דערנאָך געזאָגט:

— מען האָט עס לייכט געקענט פאָרויסזען, זיי ווילן אײַך טרייבן צום אויסערסטן. ער איז געווען דער איינציקער, וועלכער האָט באַזיצט גענוג בילדונג, כדי צו קענען פאַרשטיין די לאַגע.

ער האָט זי דערקלערט אויף זיין רויִקן אופן. די גע־זעלשאַפט, וועלכע שטייט פאַר אַ קריזיס, מוז פאַרקלענערן אירע

הוצאות, אויב זי וויל נישט פאלן; און נאַטירליך וועלן דאס זיין די ארבעטער, וועלכע וועלן מוזן ענגער מאכן דעם רימען, מען וועט שוין אויסזוכן ערגעץ אַן אויסרייד, כדי צו פאַרקלענערן זייער לוין.

ראָסענער האט זיך אָוועקגעזעצט נעבן עטיענען און ביידע האָבן זיך צוגעהערט צו דער דערקלערונג מיט אַ צע-רודערטער מינע. זיי האבן געקענט רעדן הויך, ווייל אויסער דער פרוי ראסענער, וועלכע איז געשטאנען ביי דעם צאָלטיש, איז דאָרט קיינער נישט געווען.

— וואס פאר אַ געדאנק! — האט געזאָגט דער באַלעבאָס. צוואָס דאס אַלץ? די געזעלשאפט איז נישט פאַראינטערעסירט אין אַ שטרייק, און די ארבעטער נאָך ווייניקער. דאס בעסטע וואָלט געווען, מען זאָל זיך פאַרשטענדיקן.

— דו ביסט, אַלזא, געגן דעם שטרייק? האט אויסגערופן פרוי ראסענער, נישט פאַרלאָזנדיק איר אָרט.

און ווען ער האט געענטפערט, אז יאָ, האָט זי אים גע-הייסן שווייגן.

— גיי! דו האָסט נישט קיין מוט! לאָז רעדן די הערן! עטיען האט געקוקט פאַרחלומט אויף דעם גלאָז ביר, וואס מען האט אים דערלאַנגט, ענדלעך האט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— וואס דער קאָלעגע האָט געזאָגט, איז אַלץ מעגלעך, האט ער אָנגעהויבן, און ווען מען צווינגט אונדז צו אַ שטרייק, מוזן מיר אָננעמען אַ באשלוס... פלוכארט האט מיר געשריבן וועגן דעם. ער איז אויך געגן אַ שטרייק, אין וועלכן דער אר-בעטער ליידט, פונקט אזוי ווי דער ארבעטסגעבער, אָן עפּעס ממשותדיקעס צו דערגרייכן. ער זעט נאָר אין דעם שטרייק די גלענצענדע געלעגנהייט צו באַוועגן די אַרבעטער אָנצושליסן זיך אין דער גרויסער פאַראייניקונג... דאָ איז, איבעריגנס, דער בריוו...

אין דער ווירקלעכקייט האט פלוכארט, וועלכן דער אומ-צופרידן, וואס דער אינטערנאַציאָנאַל האט באַגעגנט אין די

רייען פון דער מאנטסוער ארבעטערשאפט, האט אַריינגעבראכט אין פאַרצווייפלונג, געהאָפט צו זעען אַ מאסנאויפטריט פון די אַרבעטער, ווען אַ קאָנפליקט וועט זיי צווינגען ארויסצוטרעטן אין קאַמף מיט דער געזעלשאַפט. נישט קוקנדיק אויף אלע באַמיונגען האט זיך עס ביז אַ הער עטיענען נישט איינגעגעבן אפילו קיין איין מיטגליד צו שאַפן, אין דער צייט, ווען זיין הילפס-קאסע האָט שוין געפונען אַ גרעסערן אָפּקלאנג. נאר אפילו די קאסע איז נאך אויך געווען אזוי אָרעם, אז גאָר גיך וואָלט זי געווען אויסגעליידיקט, ווי סוואָרין האט געזאָגט, און דעמאָלט וועלן די שטרייקנדיקע זיך געוויס וואַרפן אין די אָרעמס פון דער גרויסער ארבעטער-פאַרייניקונג, כדי די ברידער פון דעם גאַנצן לאנד, זאָלן זיי קומען צו הילף.

— וויפיל האט איר דען אין דער קאָסע? — האט געפרעגט ראַסענער.

— אפילו נאך נישט קיין דריי טויזנט פראנק, — האט עטיען געענטפערט. און איר ווייסט, אז די דירעקציע האט מיר איינגעלאַדן צו זיך. אָ, זיי זענען זער העפלעך, זיי האָבן מיר דערקלערט, אז זיי וועלן נישט שטערן די ארבעטער זיך צו שאפן אַ רעזערוו-פאָנד, נאר איך האָב גוט פארשטאַנען, אז זיי ווילן האבן די אויבער-קאנטראל... יעדנפאַלס, וועט מען נאָך וואס אַנבעלאַנגט דעם געגנוג מוזן קעמפן.

דער באַלעבאָס האט אָנגעהויבן אַרומצושפּאַנען אין צימער און מיט ביטול אונטערצופייפן. דריי טויזנט פראַנק! וואס ווילט איר דערמיט אויפטון? מען קען דאָך אפילו אויף זעקס טאג קיין ברויט נישט קויפן, און ווען מען זאָל רעכענען אויף די אויסלענדער, אויף די אַרבעטער אין ענגלאַנד, וואָלט מען זיך שוין באַדארפט באַגראָבן. ניין, אַ שטרייק וואַלט געווען אַ צונארישע אונטערנעמונג!

דעמאָלט האָבן זיך צום ערשטן מאָל איבערגעוואָרפן מיט שאַרפע ווערטער די צוויי מענער, וועלכע האָבן זיך דאָך לייכט פאַרשטענדיקט צווישן זיך אין זייער געמיינזאַמען האס צום קאַפּיטאַל.

— לאָמיר הערן וואס דו זאָגסט? — האָט זיך עטיען גע־יוענדעט צו סוּוואָרינען.

ער האט געענטפערט ווי זיין שטייגער איז געווען מיט נרינגשעצונג.

— אַ שטרייק? נאַרישקייטן!

און אינמיטן פון דעם בייזן שווייגן, וואס איז איינגע־טרעטן, האט ער ווייטער גערעדט:

— אין אַלגעמיין זאָג איך נישט ניין, אויב דאס פאַר־שאַפט אייך פאַרגניגן; אייניקע רואינירט עס און אנדערע ברענגט עס איינגאַנצן אום, און דאס איז שטענדיק אַ געוויסע דורכרייניקונג... נאָר ביי אזא לאַנגזאַם גיין, וועט מען דאַרפן צו דעם אויפבויען פון אַ נייער וועלט טויזנטער יאָר. הויבט בעסער אָן דערמיט, וואָס איר וועט אויפרייסן דאס געפענגניש, אין וועלכן איר קומט אום!

ער האט אָנגעוויזן מיט זיין צאַרטער האנט אויף דעם פּאָרעי, די געביידעס פון וועלכן מען האט געקענט זען דורך דער אָפענער טיר.

אין דעם אויגנבליק איז אַריינגעקומען מאַהע, ער האט גאַר־נישט געוואָלט טרינקען, נישט קוקנדיק וואס די פרוי ראסענער האט אים שטארק צוגערעדט, גלייך זי זאָל איר ביר נישט פאַר־קויפן, נאָר שענקן אומזיסט. עטיען האט זיך אויפגעהויבן און ביידע זענען אַוועקגעגאַנגען קיין מאָנטסו.

און די טעג ווען מען האָט אויסגעצאָלט די ארבעטער, האט מאנטסו געהאַט אַ יום־טובדיקן אויסזען. גאַנצע מחנות פון אַרבעטער פלעגן זיך צונויפקומען פון אלע ארבעטער־דערפער און די שענקן פלעגן מאַכן גוטע געשעפטן, ווייל די ארבעטער זענען דאָרט אָפּגעזיצן איידער מען האָט זיי אויסגעצאָלט, און דערנאָך, ווען זיי האָבן שוין באַקומען דאס געלט, פלעגן זיי נאָך אַמאָל אַריינגיין כדי צו „באַגיסן" דעם לוין, וועלכן זיי האָבן געהאט אין טאַש.

ווען עטיען מיט מאהען זענען דורכגעגאַנגען די גרופן אַרבעטער, האָבן זיי באַמערקט, אז אין דעם טאָג, האט אַלעמען

באַהערשט אַ טעמפּע פאַרצווייפלונג. מען האט געזעען געבייקטע פּויסטן און היציקע ווערטער האבן זיך געהערט פון מויל צו מויל.

— עס איז אלזא אמת — האט מאהע געפרעגט שאוואלן, וועלכן ער האָט געטראָפן פאר דער רעסטאָראציע פּיקעט, זיי האבן געמאכט די ברודיקייט?

נאָר שאוואל האט אָפּגעענטפערט מיט אַ ברומען און געוואָרפן פון דער זייט אַ בליק פול מיט האַס אויף עטיענען. פון דער לעצטער ליציטאַציע פון די קוילן-שטחים איז שאוואל צוגעטרעטן צו אנדערע, ער איז וואס ווייטער אלץ מער איבערפולט געוואָרן מיט שנאה צו עטיענען, וועלכער האט געמאכט דעם אָנשטעל פון אַ גאנצן האַר און וועלכן, ווי ער האט זיך אויסגעדרוקט, דאס גאַנצע דאָרף האט געלעקט די פיס. דערצו האט נאך מיטגעווירקט די אייפערזוכט פון אַ געליבטן, ווייל שטענדיק ווען ער האט קאטערינען געפירט קיין רעקיאַכט, האט ער איר פאַרגעוואָרפן אין מיאוּסע אויסדריקן, אז זי האָט באַציאונגען מיטן שכן פון איר מוטער.

מאהע האט אים געשטעלט נאָך אַ פראגע:

— איז שוין די ריי פון פאַרעי?

ווען ער, נאָכדעם ווי ער האט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ, האט זיך אויסגעקערט צו זיי מיט דעם רוקן, זענען די ביידע מאנסליי'ס אַוועקגעגאַנגען אין קאַסע.

די קאַסע איז געווען אַ קליין פּירעקיק צימער, וועלכעס איז געווען מיט אַ ווענטל צעטיילט אויף צוויי טיילן. אויף די בענק לענגאויס די ווענט זענען געזעסן אַ פינף זעקס ארבעטער און געוואַכט, אין דער צייט ווען דער קאַסירער, וועלכער האט געהאט זיינעם אַ געהילף האט אויסגעצאָלט אן אַרבעטער, וואָס איז געשטאַנען ביי דעם ווענטל מיט דעם היטל אין דער האַנט. איבער דער באַנק אויף לינקס איז געהאָנגען אַ געלער פּלאַקאַט, פאר וועלכן עס האָבן זיך דעם גאַנצן מאָרגן צונויפגעקליבן די אַרבעטער. צוויי ארבעטער זענען איצט געשטאַנען פאר אים, אָבער זיי האָבן נישט געקענט לייענען,

דער יינגערער האָט קוים בוכשטאבירט, דער עלטערער האט גע־קוקט טעמפּ פאר זיך.

— לייען אונדז דאָס פאָר, האָט מאהע געזאָגט צו עטיענען.

עטיען האט אָנגעהויבן צו לייענען. עס איז געווען אַ מודעה פון דער געזעלשאַפט צו אַלע ארבעטער. די געזעלשאַפט האט אָנגעוויזן, אז זי איז שוין מיד פון די געלד־שטראפן פאר דעם שלעכטן פאַרבויען, וועלכע ברענגען נישט קיין שום נוצן, און זי פירט דאַריבער איין אַ נייעם אַרט פון באַצאָלן. פון היינט אָן און ווייטער וועט זי צאָלן פאַר דעם פארבויען באַזונדער לויט דעם קוביקמעטער פארנוצט האָלץ און גוטער ארבעט, פארשטענדליך איז די פרייז פון אַ וואגן קוילן גע־פאַלן לויט דער ווייטקייט פונם אַרבעטס־פּלאַץ אויף פערציק אָדער פופציק סאנטים. אין נישט קיין קלאָרן רעכנונג האט מען זיך געפלייסט אויפצווייזן אז דאס אַראָפּנעמען פון די וואגנס קוילן וועט זיך דעקן מיט דעם באַזונדערן אָפּצאל פון דעם פאַרבויען. צום סוף האָט די געזעלשאפט דערקלערט, אז זי וויל יעדן איבערלאָזן צייט זיך איבערצוצייגן אין דער בעסער־קייט פון דעם נייעם אופן פון ארבעט און זי וועט דאַריבער דאס אלץ איינפירן ערשט דעם ערשטן דעצעמבער.

— אפשר וועט איר לייענען דאָרט אַ ביסעלע שטיל ר פון הינטן! — האט אויסגעשריגן דער קאַסירער. מען הערט דאָך גאָרנישט.

עטיען האָט פארענדיקט זיין לייענען, נישט לייגנדיק קיין אכט אויף דער באַמערקונג פונם קאַסיר. עטיענס שטימע האט געציטערט און ווען ער האָט שוין געהאט פארענדיקט, האָבן נאָך אלע שטאַר געקוקט אויף דעם פּלאַקאט. דער אלטער און דער יינגער בערגמאַן האבן אויסגעזען, ווי זיי זאָלן נאָך האָבן אויף עפּעס געווארט; ענדלעך זענען זיי אַוועקגעגאַנגען פון דאַנען.

— גרויסער גאָט! — האט מאהע געמורמלט.

ער מיט זיין באגלייטער האבן זיך אַנידערגעזעצט אויף דער באַנק.

— גרויסער גאָט! גרויסער גאָט! — האט מאהע געהאלטן אין איין איבערחזרן, מיר וועלן זיין ערגער פון זיי, אז מיר וועלן אָננעמען די באַדינגען.

נאָר עס איז געקומען זיין ריי און ער איז צוגעגאנגען אָפּ־געמען זיין לוין.

— מאהע און די שותּפים, האט געזאָגט דער געהילף, די שאכטע פילאָניער, ארבעטס־פּלאַץ נומער זיבן.

ער האט געזוכט אין דער ליסטע, ווו דער אויפזעער האט אלע טאָג פארשריבן די צאָל וואגנס, דערנאָך האט ער געזאָגט:

— מאהע און די שותּפים, שאכטע פילאָניער, ארבעטס־פּלאַץ נומער זיבן... הונדערט פונפאונדרייסיק פראנק. דער קאַסירער האט אויסגעצאָלט דאס געלט.

— אַנטשולדיקט, הער קאַסירער, — האט מאהע געשטאַמלט, צי זענט איר זיכער, אז איר האט נישט געהאט קיין טעות?

ער האט געקוקט אויף דעם ביסעלע געלט און עס נישט גענומען, ער האט געפילט ווי זיין הארץ ווערט אים פארשטארט. ער איז געווען גרייט אויף ווייניק געלט, אָבער אזוי ווינציק קען עס שוין נישט זיין, ער האָט געוויס געהאט אַ טעות. נאכ־דעם ווי ער וועט אָפּגעבן זייערס זכריהן, עטיענען און דעם דריטן קאָלעגע, וועלכער האט פאַרטרעטן שאוואלס אָרט, וועט פאר אים, קאטערינען און וואנלינען איבערבלייבן העכסטנס פופציק פראנק.

— ניין, ניין! איך האָב נישט געהאט קיין טעות, — האט אָפּגעענטפערט דער קאַסירער. איר מוזט אָפּרעכענען צוויי זונטיקן און פיר טעג יום־טוב; דאַן בלייבט איבער ניין ארבעטס־טעג.

מאהע האט שטיל נאָכגערעכנט: ניין ארבעטס־טעג ברענגען אים אריין קנאפּע דרייסיק פראנק, קאטערינען אכצן און יעַ־אַנלינען ניין, דערצו גייט נאָך צו דריי טעג ארבעט פון פּאטער באנעמאר, ווען ער זאָל צו דער סומע צו רעכענען די ניינציק

פראנק, וועלכע ער דארף צעטיילן זכריהן און די איבעריקע, וועט נאָך אלץ זיין מער פון הונדערט פונפאונדרייסיק.

— און פארגעסט נישט די שטראָפגעלטן, האט צוגעגעבן דער קאַסירער, צוואנציק פראנק שטראָף פאר דעם שלעכטן פארבויען!

מאהע האט געמאכט אַ פארצווייפלט מינע. צוואַנציק פראנק שטראָף, פיר טעג יום־טוב! אויב אזוי שטימט שוין. און פריער, ווען דער פאטער באנעמאר האָט נאָך געארבעט און זכריה איז אויך געווען מיט זיי צוזאמען האט ער אַ היים געבראכט הונדערט פופציק פראנק.

— וועט איר אַ מאָל נעמען דאס געלט? — האט דער קאסירער אויסגערופן אומגעדולדיק, איר זעט דאָך ווי אנדערע וואַרטן... אויב איר ווילט עס נישט, טאָ זאָגט!

ווען מאהע האט מיט ציטערנדיקע הענט צונויפגענומען דאָס געלט האָט אים דער באַאַמטער נאָך צוריקגעהאַלטן.

— וואַרט נאָר, דאָ האָב איך אייער נאָמען טוסען מאהע, נישט אמת?.. דער הער גענעראל־סעקרעטאר וויל אייך זעען, גייט אריין, ער איז אליין.

אַן איבערראַשטער איז עטיען אַריין אין אַ טייער אויסגעמעבלירט צימער, וואס איז געווען באַשלאָגן מיט גרינעם ריפס. ער האָט זיך צוגעהערט אַ פינף מינוט צו דעם רעדן פונם סעקרעטאר, אַ גרויסער בלאסער הער, וועלכער נישט אויפהייבנדיק זיך און זיצנדיק איינגעבויגן אויף זיינע פאַפירן איבער דעם שרייב טיש, האט צו אים גערעדט. ער האט נישט קלאָר פארשטאנען, אז עס האַנדלט זיך וועגן זיין פאטער, וועלכער זאָל מיט אַ פענסיע פון הונדערט פופציק פראנק אין דער עלטער פון פופציק יאָר נאָך פערציק יאָר ארבעט אָפּגעזאָגט ווערן. דערנאָך איז די שטימע פונם סעקרעטאר געוואָרן הארטער און שטרענגער. ער האָט אים געמאכט אַ פאָרוואורף, אז ער פארנעמט זיך מיט פאָליטיק, רעדנדיק אויף זיין שכן און דער הילפסקאסע, און האט אים געעצהט זיך בעסער נישט צו פארנעמען מיט אַ זעלכע נארישקייטן, ער איינער פון

די בעסטע ארבעטער אין די גרובן, ער האט געוואָלט פּראָ־טעסטירן, נאָר ער האָט ארויסגעבראכט אומפארשטענדלעכע ווערטער בלויז און צעמישט געדרייט די היטל צווישן די פינ־גער. ענדלעך האָט ער זיך צוריקגערוקט שטאַמלנדיק:

— געוויס הער סעקרעטאר... איך פאַרזיכער אייך, הער סעקרעטאר...

דרויסן, ווען ער איז שוין געשטאנען נעבן עטיענען, וועלכער האט אויף אים געוואַרט, האט ער ערשט אויסגעשאָסן:

— איך בין אַ גאָרנישט, איך האָב אים באַדארפט ענטפערן!

מען האָט נישט איינמאָל קיין שטיקל טרוקן ברויט נישט צו עסן, זיך נאָך לאָזן זאָגן געמיינהייטן! דאס האט ער דיך גע־מיינט, ער האט געזאָגט, אז דאס גאַנצע דאָרף איז אָפּגעסמט... וואָס דען טון? זיך רוקן און זאָגן אַ דאנק, ער האט רעכט, דאס איז דאס קליגסטע.

צוריקוועגס פון מאנטסו אין דאָרף אריין האבן מאהע און עטיען קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. ווען מאהע איז אריינגע־קומען אין שטוב אַריין האט לא־מאהעד, וועלכע איז געווען אַליין מיט די קינדער, באַלד דערקענט, אז דער מאן אירער איז געקומען מיט ליידיקע הענט.

— נו, דאס איז זער שען פון דיין זייט, האט זי אויס־געשריגן, ווו איז מיין צוקער, מיין קאַווע, מיין פליישׂ? אַ שטיקל קאַלב־פלייש וואָלט דיר נישט רואינירט.

ער האָט גאָרנישט געקענט ענטפערן. דערנאָך האָט זיך אויף זיין פאַרהאַרטעוועט פּנים באַוויזן אַ מינע פון טיפער פאַרצווייפלונג און טרערן האָבן אָנגעפולט זיינע אויגן. ער האָט זיך אַנידערגעוואָרפן אויף אַ שטול און זיך עצווייינט, ווי אַ קליין קינד.

— נאַ! — האָט ער אויסגעשאָסן, נאַ, זע וואָס איך האב דיר מיטגעבראַכט... דאס איז דער פּארדינסט פון אונדז אַלע!

לא־מאהעד האט געוואָרפן אַ בליק אויף עטיענען און האָט דערזעען ווי ער שטייט דערשלאָגן, דעמאָלט האָט זי אויס־

געבראָכן אין אַ געוויין. ווי זאָלן אויסקומען ניין מענטשן פערצן טאָג מיט פערציק פראנק? דער עלצטער זון האָט זיי פאַרלאָזט, דער זיידע קען שוין מער מיט די פיס נישט רירן... נו, וועט באַלד קומען דער טויט. אלציר, זעענדיק ווי די מאַמע וויינט, איז איר ארויפגעפאלן אויפן האַלדז. עסטעלע האט זיך אויך צעוויינט און לענארע און הענרי קוקנדיק אויף זיי האָבן זיך אויך צעכליפּעט.

אין גאַנצן דאָרף האט זיך באַלד דערהערט דער זעלבער יאָמער. די מאַנסלייט האָבן זיך אַהיים געקערט און אין יעדער הויז האָט זיך אויפגעהויבן אַ קלאָג איבער דעם שלעכטן לויך. עס האָבן זיך געעפנט די טירן און די פרויען זענען ארויסגעגאַנגען אויף דער גאס, גלייך ווי אין די הייזער וואָלט נישט געווען גענוג אָרט פאר זייערע קלאָגן. עס איז געפאַלן אַ שטארקער רעגן, נאָר זיי האָבן אים אפילו נישט באַמערקט, איבערשרייענדיק זיך איינער צו דער אַנדערער און אָנווייזנדיק מיט די הענט אויף דער קליינער פענסיע, וואס זיי האָבן באַקומען.

— זעט נאָר! דאס האָבן זיי אים געגעבן!

— און מיר דאס! דערפאר קען איך אפילו קיין ברויט נישט קויפן אויף די פערצן טאָג.

— און איך! איך וועל מוזן דאָס העמד פון לייב פארקויפן! לא־מאהעד איז ווי די אַנדערע פרויען ארויסגעגאנגען אויף דער גאס. ארום לא־לעוואק האָט זיך געבילדעט אַ גאנצע גרופּע ווייל זי האָט געשריגן צום העכסטן; איר מאן, וואס האָט ליב געהאט אַ טרינק צו טון, איז נאָך נישט געהאט אַ היימגעקומען, און זי האט זיך משער געווען, אז דאָס ביסל געלט, וואָס ער האט אָפּגענומען, צי דאָרט איז געווען אַ ביסל מער, צי ווייניקער, איז שוין זיכער פאַרבליבן אין ווולקאַן. פילאמענע האט אָפּגעהיט מאהען, זכריה זאָל נישט אָפּנעמען ביי אים דאָס געלט, נאָר לא־פיעראַן האט אויסגעזען צו זיין רויק, ווייל דער נידריקער חניפהניק, פיעראַלי האט עס שטענדיק איינגעאָרדנט, גאָט ווייסט ווי אזוי, אז פאר אים איז אין בוך שמי...

ריק געווען פארשריבן מער־שען, ווי פאר זיינע קאָלעגן. לאַ־בריולע אָבער האט איר איידעם אָנגערופן פחדן, און שרייענדיק גלייך מיט אלע, האט זי אויפגעהויבן איר מאָגערע האנט געגן מאנטסוי.

— היינט גאנצפרי האב איך געזעען איר קעכן פאָרן אין עקיפאזש, האט זי געשריגן, נישט אָנרופנדיק דעם נאָמען פון האַנעבאָ. יאָ, די קעכן איז געפאָרן אין אַ עקיפאזש איינגע־שפאנט אין צוויי פערד קייז מאַרשיען צו קויפן פיש גאַנץ זיכער!

עס איז געוואָרן אַ ליארם. די פרויען האָבן ווידער אָנ־געהויבן צו שעלטן. דאס דינסטמיידל אין ווייסן פארטוך, וועלכע איז געפאָרן אין קאָטש פון אירע באַלעבאטים אין מארק אריין, האט אלעמען צעקאָכט, אין דערצייט, ווען די ארבעטער גייען אויס פון הונגער, דארפן זיי נאך עסן פיש? נאָר עס קען זיין, אז זיי וועלן שוין נישט עסן אזוי כסדר פיש: עס וועט קומען די ריי פון די ארעמע לייט. און די געדאַנקען, וועלכע עטיען האט פאַרזייט, האָבן גיך ארויסגעשפּראָצט און זענען געקומען איצט צום אויסדרוק. עס האָט דערוואכט דער אומגעדולדיקער פארלאנג נאך דער גאָלדענער צוגעזאָגטער צייט, ווען אלע וועלן אנטיילנעמען אין דעם אלגעמיינעם גליק, וועלכעס עס ליגט אויף יענער זייט האָריזאנט פון זייער עלענט. די אומ־גערעכטיקייט איז שוין געוואָרן צו גרויס, זיי מוזן אליין זיך נעמען זייער רעכט, ווען מען וויל זיי דאס שטיקל ברויט פון מויל אַוועקנעמען. די פרויען האבן שוין געוואָלט ארייג־גיין אין דעם אידעאלן לאנד פון פראָגרעס, ווו עס וועט מער נישט זיין קיין אָרעמקייט. עס איז שוין געווען נאכט, דער רעגן איז געוואָרן שטארקער, נאר דאס ארבעטער־דארף איז נאך געווען פול פון די ליארמען פון די פרויען צווישן די מחנות קוויטשנדיקע קינדער.

אין אוונט איז ביי ראסענערן באַשלאָסן געווארן דער שטרייק. ראסענער אליין האט שוין מער נישט אָפּאנירט און

וואָרין האָט אים אַקצעפּטירט אַלס דעם ערשטן שריט. עטיען האָט די געשאָפּענע לאַגע רעזומירט אין קורצע ווערטער:

— ווען די געזעלשאַפט וויל אומבאַדינגט דעם שטרייק, וועט זי אים האָבן;

## V

עס איז פאַריבער אַ וואָך, מען האָט געאַרבעט נאָר די לאַגע איז געווען אָנגעשטרענגטע און פול מיט חשד אַ דערוואַרטונג פון אַ קאָנפליקט.

פאַר דער צווייטער העלפט חודש איז מאַהען פאַרגע־שטאַנען אָפּצונעמען נאָך אַ קלענערן לוין ווי פאַר דער ערשטער. אפילו לאַ־מאַהעד, וועלכע איז שטענדיק געווען אַ מיושבדיקע און קלוגע האָט אויך געברענט פון כּעס. האָט זיך דאָך איר טאָכטער קאַטערינע דערלויבט אַ נאַכט נישט צו נעכטיקן אין דער היים! אויף דעם צווייטן טאָג איז זי געקומען אַהיים אַזוי מיד און אַזוי שוואַך, אַז זי האָט נישט געקענט גיין אין די גרובן; זי האָט געוויינט און דערציילט, אַז עס איז נישט איר שולד, שאַוואַל האָט זי נישט אָפּגעלאָזט, דראָענדיק איר צו שלאָגן, אויב זי וועט נישט בלייבן בײַ אים. ער איז שיעור נישט משוגע געוואָרן פון אייפערזוכט און האָט געוואָלט שטערן איר זיך אומצוקערן צוריק צו עטיענען. לאַ־מאַהעד איז געווען אויסער זיך פון כּעס, האָט פאַרבאָטן איר טאָכטער יעדן פאַר־קער מיט דעם ווילדן מענטש און האָט אַליין געוואָלט גיין קיין מאָנטסו אויסצופּאַטשן אים. נאָך אַלעמען, איז אָבער דאָך פאַר־לוירן געגאַנגען אַן אַרבעטס־טאָג, און די קליינע, האָבנדיק שוין דעם דאָזיקן געליבטן, האָט זיך שוין געמוזט מיט אים האַלטן.

צוויי טעג שפּעטער איז זיך פאַרלאָפן אַן אַנדערע גע־שיכטע. מאָנטיק און דינסטיק האָט זיך יעאַנלין, אויף וועלכן מען האָט געמיינט, אַז ער איז בײַ דער אַרבעט, אַרויסגעגנבעט פון די גרובן און אוועק שפּאַצירן מיט בעבערט און לידיען בײַ די זומפּן און אין וועלדל פון וואַנדאַם. ער האָט טאַקע באַ־

קומען זיינס, פאר די אויגן פון דער גאַנצער דאָרפסיוגנט האט אים די מאמע אַריבערגעלייגט אויף די קני און גוט אַריינגע־שמיסן. נאר ווי האט מען עס געזעען דאסגלייכן? אזוי באַנעמען זיך קינדער, וועלכע קאָסטן אָז געלט פון זייער געבורט אָן און דארפן שוין איצט אליין עפעס פארדינען!

ווען די מאַנסלייט און טאָכטער זענען דעם צווייטן טאָג בעגאַנגען אין די גרובן האָט זיך לאַ־מאַהעד אויפגעהויבן אין בעט און נאָכאַמאָל אָנגעזאָגט יעאַנליגען:

— געדענק זשע, דו שלעכטער יונג, אז דו וועסט זיך נאָכאַמאָל דערלויבן טון אַזאַ זאַך, וועל איך דיר די הויט אָפשינדען!

אויף דעם נייעם פלאַץ, ווו מאַהע האָט געאַרבעט, איז די אַרבעט געווען זעהר אַ שווערע. אין דער טייל פון דער שארטע פילאָניער איז דער קוילנשיכט געווען אַזאַ דינער, אז די אַרבעטער, האַקנדיק די קוילן, זענען שיעור נישט דערשטיקט געוואָרן צווישן די ווענט, און זיך צעקאַליעטשעט די עלנבויגן. אויסער דעם, האָט זיך אַלעמאָל מער אָנגעהויבן פילן פייכקייט און מען האָט יעדע מינוט געציטערט עס זאָל זיך נישט ארויס־שלאגן אַ אונטערערדישער קוואל, וועלכער וועט צערייסן די פעלזן און מיטשלעפן מיט זיך די מענטשן. נעכטן אוונט ווען עטיען האט אַרויסגעצויגן זיין לאָם צוריק פון די שטיינער, האט אים אַ שפריץ געטון אין פנים אַ שטראַל וואַסער. ער האט אָבער נישט געקלערט פון אַן אומגליק, און האט זיך ווייטער זאָרגלאָז געאַרבעט, ווי זיינע קאלעגן. מען האט געאַרבעט אָן אָפרו, נישט פילנדיק די משא פון די פארשידענע גאַזן אויף די אויגן, פאר וועלכע, זיי זענען געלעגן ווי שפינוועבס. נאר פון צייט צו צייט, ווען די לעמפלעך האָבן אָנגעהויבן מאַטער צו לייכטן און עס האט זיך אַרום זיי געשפרייט אַ בלוילעכע שיין, האָט אַן אַרבעטער צוגעלעגט זיין אויער צו דער וואַנט און זיך צוגעהערט צום גערויש פון די גאַזן, וועלכע האבן אַרויסגעשטראמט פון דארט. די גרעסטע סכנה איז דאך געווען דאס איינוואַלגערן זיך פון דער ערד, וועלכע, נישט קוקנדיק

אוין דעם פאַרבוּיען, וואָס איז אַלץ נאָך געמאַכט געוואָרן אין גרויס איילעניש, איז זעהר אָפּט איינגעפאַלן אונטער דעם דרוק פון די וואַסערן און אַלץ צוגעדעקט.

שוין דריימאָל האט מאהע געהייסן פעסטער מאכן די אָנלעהן-זיילן. דער זייגער איז געווען האַלב-דריי, די אַרבעטער האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויפצושטייגן. ליגנדיק אויף אַ זייט, האָט עטיען פאַרענדיקט דאָס צעהאַקן אַ שטיינער-מאַסע, ווען עס האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ געוואַלדיק דונערן, וועלכעס עס האט אויפגעציטערט די גאַנצע גרובן.

— וואָס איז דאָס? האָט ער אויסגערופן, אַרויסלאָזנדיק דעם לאָם פון די הענט, כדי זיך צו צוהערן.

אים האט זיך אויסגעדוכט, אַז די גאַלעריע הינטער אים פאלט איין.

נאָר מאַהע האט זיך שוין געהאט אַראָפּגעגליטשט באַרג אַראָפּ פון דער שאַרטע און האט געשריגן:

— אַן ערד איינפאַל!... שנעל! שנעל?

אַלע זענען גיך אַראָפּגעשפּרינגען, און זענען געלאָפן דורך דעם לאַנגען דורכגאַנג איינגעבויגן, ווי זיי זאָלן לויפן אויף אַלע פיר, און האבן זיך דורכגעוואָרפן מיט פראַגן, נישט אָפּשטעלנדיק זיך.

— ווי איז דאָס דען?... אפשר אין די שאַכטן?... ניין, עס קימט פון אונטן!...

ווען זיי זענען שוין אַרויסגעקומען אויפן וועג, האָבן זיי זיך אַראָפּגעגליטשט איינער אויפן אַנדערן, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דעם, וואָס זיי האָבן זיך צעבלוטיקט.

יעאַנלין, וועמענס הויט עס איז נאָך געווען פאַררויטלט פון די בעכטיקע שמיץ, האט זיך שוין היינט נישט אַרויסגעגנבעט פון די גרובן. ער האָט באַרפעס אונטערגעשטופּט זיין וועגעלע און פאַרמאַכט איינע נאָך דער אַנדערער די לופט-טורן; ווען ער האט נישט מורא געהאַט זיך צו באַגעגענען מיט אַן אויפזעער, האָט ער זיך צוגעזעצט אָפּרוען אויף זיין וועגעלע, וואָס איז געהיבן פאַרבאָטן, ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז די

וואַגנפירערס קענען אַזוי אַנטשלאָפן ווערן. זיין גרעסט פאַרגניגן איז געווען, ווען ער האט זיך באַדאַרפט אָפּשטעלן מיט זיין וועגעלע כדי דורכצולאָזן אַנדערע, אויפצוזוכן בעבערטן, וועלכער האָט געפירט דאָס פערד ביי דער צוים. ער פלעגט זיך פאַרגנבענען הינטער אים שילערהייט אָן אַ לעמפּל, האָט אים אַ קנופּ געטון אין האַנט און מאַכן אַ מינע פון אַ מאַלפּע, אויף וועלכע ער איז געווען ענלעך מיט זיינע געלע האָר, גרויסע אויערן און גרינשומערירנדיקע אויגן, וועלכע האָבן געלייכט אין דער טונקלקייט.

נאָכמיטאָג האָט מעקעט צוגעפירט צו ביידע יינגלעך באַטאַיען, וועמענס ריי עס איז איצט געווען; און אַזוי ווי דאָס פערד האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ שיידוועג, האָט יעאַנלין, וועלכער האָט זיך פארגנבעט צו בעבערטן, אים געפרעגט:

— וואָס האָט זיך עפּעס די אלטע קלאַטשע אָפּגעשטעלט?...

איך האָב זיך שיעור אַ פּיס נישט צעבראָכן.

בעבערט האָט נישט געקענט ענטפערן, ער האָט געדאַרפט אויפהאַלטן באַטאַיען, וועלכער איז מיטן אָנקומען פון אַ נאָך וואגן, פּלוצים פרצלעך געוואָרן. דאס פערד האט שוין פון דערווייטן דערקענט זיין חבר טראָמפּעט, צו וועלכן עס האָט דערפילט פונם ערשטן טאָג, וואָס איז געקומען אין די גרובן, אַ שטאַרקע נייגונג. עס איז געווען דאָס צערטלעכע געפיל פון מיטלייד פון אַן אַלטן פילאָזאָף, וועלכער האָט געוואָלט פאַרגרינגערן דעם גורל פון זיין יינגער חברטע מיט דעם, וואָס ער האָט איר מיטגעטיילט פון זיין איבערגעבנהייט און געדולד, וואָס טראָמפּעט האָט בשום אופן נישט געקענט איבערנעמען און האָט אויסגעזען מיט איר טיף אַראָפּגעהאָנגענעם קאָפּ אין דער טונקלקייט צוריק צו דער זון צו בענקען. און באַטאַיען האָט יעדעס מאָל, ווען ער האָט איר געטראָפן אויסגעשטרעקט צו איר דעם קאָפּ, זיך צעפּאָרסקעט און געוואָלט, זעט אויס, דורך זיינע צערטלעכקייטן איר אויפמונטערן.

— צו אַלדי טייוול! האָט בעבערט געשאָלטן. זיי לעקן זיך שוין ווידער די פּצל!

ערשט ווען טראָמפּעט איז שוין געהאַט פאַריבערגעגאַנגען, האָט בעבערט געענטפערט אויף דער פראַגע וואס אַנבעלאַנגט באַטאַיען.

— לאָז איר נאר, דער אַלטער האט זיינע קאַפּריזן... ווען ער בלייבט אַזוי פּלוצים שטיין, איז שוין עפּעס נישט אין אָרדנונג, ער דערפילט אַ שטיין אין וועג, אָדער אַ לאָך. און ער גיט גוט אכטונג ער זאָל נישט ברעכן די פוס... איך ווייס נישט וואס ער האט היינט דערזעען פאר דער טיר דאָרט אונטן. ער האט זי אויפגעעפנט און געבליבן שטיין ווי איינגעוואַקסן... האסטו עפּעס באַמערקט?

— ניין, האט יעאַנלין געענטפערט. וואסער איז דארט דאָ, זי דערגרייכט מיר ביז די קני.

דער צוג האט זיך ווידער גערירט פונם אָרט. ווען אבער באַטאַי האָט מיטן קאָפּ געעפנט די נעכסטע לופט-טיר, האט ער זיך געוואַקלט ווייטער צו גיין, ער האָט זיך אומעטיק צעהיר־זשעט און ציטערנדיק געבליבן שטיין. ענדלעך האָט ער זיך אַנטשלאָסן און אָנגעהויבן גיין ווייטער.

יעאַנלין וועלכער איז געבליבן צו פאַרמאַכן די טיר האָט זיך איינגעבויגן און באַטראַכט די פאַרבלאָטיקטע פיס; ווען ער האָט זיך אויסגעגלייכט און אויפגעהויבן זיין לעמפל האט ער באַמערקט, אַז די אָנלעהן-ציילן האָבן זיך אונטערגעגעבן אונטער דעם אומאויפהערלעך אַראָפרינענדיקן וואַסער. אין דער מינוט איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אַרבעטער, אַ געוויסער בערלאָק, וועלכן מען האט גערופן ביקאָט. ער האָט געציילט פון זיין אַרבעט אַ היים צו דער פרוי, וועלכע איז שוין וואָכנלאַנג געלעגן אין בעט. ער איז דאָך געבליבן שטיין אַ רגע צו באַטראַכטן די ציילן. אין דעם האט זיך דערהערט אַ געוואַלטיקער קראַך. און ווען יעאַנלין האָט געציילט אָנצוויאָגן זיין וועגעלע איז ער צו־זאַמען מיט דעם אַרבעטער געבליבן אונטער די איינגעפאַלענע שטיינער.

באַלד נאכדעם איז געוואָרן אַ גרויסע שטילקייט אַ גרויסער וואלקן שטויב האט זיך צעטראָגן פון דעם איינפאַל איבער אלע

דורכגענג, פון אַלע זייטן האָבן זיך געלאָזט לויפן די אַרבעטער, פון די פאַרוואָרפנסטע אַרבעטער־פּלעצער, פאַרבלענדטע אויף האַלב־דערשטיקטע פונם שטויב, מיט זייערע טאַנצנדיקע לעמפּלעך, וועלכע האָבן באַלויכטן דעם וועג פון די דאָזיקע שוואַרצע מענער. ווען די ערשטע האָבן דערגרייכט צום אָרט פונם איינפאַל, האָבן זיי אָנגעהויבן רופן זייערע קאָלעגן. אַ צווייטע גרופּע אַרבעטער האָט זיך געפונען אויף דער צווייטער זייט. מען האָט באַלד פעסטגעשטעלט, אַז עס האָט זיך איינגעוואַלגערט די ערד אויף אַ שטח פון צוועלף מעטער, ווייניקסטנס, דער שאָדן איז נישט געווען גרויס. נאָר ביי אַלעמען איז אָפּגעשטאַרבן דאָס האַרץ, ווען מען האָט פּלוצים דערהערט פון אונטער די איינגעפאַלענע שטיינער אַ גסיסה כאָרכל.

בעבערט, וועלכער האָט איבערגעלאָזט זיין וואָגן, איז אָנגעלאָפן שרייענדיק!

— יעאַנלין איז פון אונטן! יעאַנלין איז פון אונטן!

אין דער מינוט איז אונגעקומען מאַהע מיט זכריהן און עטיענען.

זייענדיק באַפאַלן פון אַ פאַרצווייפלטן ווילדן כעס האָט ער געהאַלטן אין איין שעלטן.

— צו אַלדי רוחות! צו אַלדי טייוול! קאַטערינע, לוציע און לאַ מוקעט, וועלכע זענען אויך אָנגעלאָפן, האָבן אָנגעהויבן צו וויינען און אײַנמיטן דעם מיש־מאַש, וואָס איז נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן דורך דער פינצטערניש, שטאַרק צו קלאָגן. מען האָט זיי געוואָלט איינשטעלן, נאָר ביי יעדן נייעם כראָפּן, וואָס עס האָט זיך דערהערט, האָבן זיי זיך נאָך העכער פונאַנדערגעוויינט.

דער אויפזעער ריכאָם איז געקומען צולויפן אין שטאַרקער פאַרצווייפלונג, וואָס נישט דאַנסאַערט, נישט נעגרעל זענען דאָ. צולייגנדיק דאָס אויער צו די שטיינער, האָט ער זיך שטאַרק איינגעהערט און דערנאָך דערקלערט, אַז די קלאָג־געשרייען זענען נישט פון קיין קינד. עס ליגט זיכער אונטער די שטיינער אַן עלטערער מאַן. צוואַנציק מאָל, האָט מאַהע

יעאנלינס נאמען גערופן. מען האט גארנישט נישט געהערט דער קליינער האט געמוזט זיין דערשטיקט.

דאָס כאָרכלען האט זיך אַלץ געהערט, מען האָט גע-שריגן צום פאַרשיטן ער זאָל אָנרופן זיין נאמען, נאר מען האט מער נישט געהערט ווי אַ ווייטעקלעך כאָרכלען.

— לאמיר זיך צואיילן! האט געשריגן ריכאָם, וועלכער האט שוין ארגאניזירט מענטשן צו ראַטעווען. רעדן וועט מען קענען שפּעטער.

פוןביידע זייטן האבן זיך די אַרבעטער גענומען צום גראָבן. שאוואל האט, נישט אויסרעדנדיק קיין ווארט, געארבעט נעבן מאהען און עטיענען, אין דער צייט ווען זכריה האט אנגעפירט מיטן אַ וועקשארן די ערד. עס האט געשלאָגן די שעה פון אויפשטייגן, נאר קיינער האט אַפילו נישט געקלערט פון גיין עסן. מען האט דאך נישט געקענט גיין עסן ווען קאַ-לעגן האבן זיך געפונען אין אַזאַ לעבנס-סכּנה. דאַגעגן האט מען זיך געכאפּט, אז אין דער היים וועלן די ווייבער איבער-קלערן און מען האט באשלאָסן די פרויען אַ היימצושיקן. אָבער נישט קאַטערינע, נישט לאַ-מוקעט, נישט לוציע האָבן געוואלט אוועקגיין; זיי האבן געוואלט זעען צי די פארשיטע לעבן נאך, און איינצייטיק העלפן אויפצוגראבן. דעמאָלט האט עס איבערגענומען אויף זיך לעוואַק צו גיין איבערגעבן, אז עס איז געשעען אַ נישט באַדייטנדיקער איינפאל, וועלכן מען וועט באלד פאררירכטן. דער זייגער איז געווען פיר; די אַרבעטער האָבן געמאַכט ווייניקער ווי אין איין שעה די אַרבעט, אויף וועלכע מען האָט געדארפט ארבעטן אַ גאַנצן טאָג: עס וואָלט שוין געווען מער ווי אַ העלפט אָפּגערוימט, ווען עס זאָל נאָר נישט געווען האַלטן אין איין פאַלן פון דער הויך. מאהע האָט געאַרבעט מיט אַזאַ כּעס, אז יעדן איינעם וואָס האט זיך געוואלט אויף אַ רגע אָפּשטעלן, האָט ער אָפּגעמאָסטן מיט אַזאַ בליק, אז יענער האט זיך באלד גענומען צוריק צו דער ארבעט.

— פאָרזיכטיק! האט ענדלעך אויסגערופן ריכאָם. מיר דערנענטערן זיך שוין צום סוף... גיט נאָר אַכטונג איר זאָלט זיי נאָך מער נישט צעשעדיקן!

און ווירקלעך איז איצט דאָס כאָרכלען דייטלעכער געווארן

און עס האט זיך אויסגעוויזן צו זיין אונטער די רידלען.

פּלוצים האט עס אויפגעהערט.

אַלע האָבן זיך שווייגנדיק איבערגעקוקט און אַ ציטער איז זיי דורכגעלאָפן, גלייך זיי זאלן האבן דערפילט אין דער פינצטערניש דעם הויך פונם טויט. דער שווייס איז גערונען פון זייערע שטערנס און זיי האבן איצט געאַרבעט, אָנשטרענגענדיק די לעצטע כּוחות. עס האט זיך באַוויזן אַ פּיס, מען האט מיט די רידלען דערווייטערט די ערד און אויסגעגראָבן דעם גאַנצן קערפּער. דער קאָפּ איז געווען אומבאַשעדיקט. עס האָבן אים באַלויכטן די לעמפּלעך און דער נאמען ריקאָט איז איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, ער איז נאָך געווען גאַנץ וואַרעם נאָר די שדרה איז געווען צעשמעטערט פון די שטיינער.

— וויקלט אים איין אין אַ דעק און לעגט אים אַרויף אויף אַ וואָגן, האָט באַפוילן דער אויפזעער, איצט צום קליינעם! איילט אייך!

מאַהע האָט געגעבן נאָך איין קלאַפּ מיט דער האַק און עס איז אַנטשטאַנען אַ עפענונג. מען האָט זיך געקענט צוריק פאַרבינדן מיט די מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען פון יענער זייט, זיי האָבן געשריגן, אַז זיי האָבן געפונען יעאַנלינען אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד, עס זענען אים געווען צעבראָכן ביידע פיס, נאָר ער האָט נאָך געאָטעמט. דער פאָטער האָט גענומען דעם קליינעם אויף די הענט און דורך זיינע צוזאַמענגעפּרעסטע ציין האָט זיך געהערט איין קללה נאָך דער אַנדערער, אין וועלכע ער האָט אויסגעדריקט זיין ווייטיק, אין דער צייט ווען קאַטערינע און די אַנדערע מיידלעך האָבן פון ס׳ניי אָנגעהויבן צו וויינען.

מען האט אויף דער גיך צוזאמענגעשטעלט דעם טראַנספּאָרט פון די אומגליקלעכע. בעבערט האט געבראַכט צופירן באַטאַיען און אים איינגעשפּאַנט אין ביידע וועגן; אין ערשטן איז געלעגן דער קערפּער פון ריקאָטן, וועלכן עטיען האט געהאלטן ער זאָל נישט אַרויספאַלן; אין דעם צווייטן איז געזעסן

מאהע און געהאלטן אויף זיינע קני דעם באַוווסטלאָזן יעאנלינען, וועלכער איז געווען צוגעדעקט מיט אַ שטיקל וואָלנס, וואס מען האט אָפגעריסן פון א לופט-טיר. לאנגזאם האט זיך געריכט דער צוג, אויף יעדן וואגן האט א לעמפל געוואָרפן א רויטלעכן שיין. פון הינטן האָט זיך געשלעפּט די ארבעטער-מחנה, א פוס-ציק שאטנס אין אַ לאנגער שורה. ערשט איצט האָבן זיי דער-פילט די מידקייט און האָבן זיך מיט שווערקייט געשלעפּט אויף דעם גליטשיקן וועג אין טיפן שווייגן, ווי אַ סטאדע, וועלכע עס האט אָנגעגריפן אן עפידעמיע. א האלבע שעה האט געדויערט ביז זיי זענען צוגעקומען צו דער ווינדע, וועלכע ריכאם האָט שוין געהאט צוגעגרייט. פיעראן האט ארויפגעשטעלט ביידע וועגן. אין איינעם איז מאהע געבליבן שטיין אויף די קני פאר זיין קינד און אין צווייטן האט עטיען געמוזט בלייבן מיטן טויטן קערפּער פון ריקאטן, ער זאל נישט ארויספאלן. נאָכדעם ווי די ארבעטער האָבן פארנומען די איבערגעבליבענע צוויי שטאָקן, האט זיך אָנגעהויבן דאס ארויפשטייגן. עס האט באַ-דארפט דויערן צוויי מינוט. פון די פארבויטע טיילן האט אַראפּגעשפּריצט קאלטע וואסער, די ארבעטער האָבן אומגע-דולדיק געקוקט ארויף פון אויבן גארנדיק צו דערזעען שוין אַמאָל דאס ליכט פון טאָג.

צום גליק האט דאָס יינגל, וועלכן מען האט אַוועקגע-שיקט צום דאָקטאר וואנדערהאַגן, אים געטראָפן אין דער היים און געקומען מיט אים. יעאנלינען און דעם קערפּער פונם טויטן האָט מען אריינגעטראָגן אין די חדרים פון די אויפזעער, ווו מען האט אַ גאנץ יאָר שטארק געהייצט. מען האט זיי ארומגעוואַשן די פיס מיטווארעמע וואסער און זיי אַנידער-געלעגט דערנאָך אויף צוויי מאַטראַצן, וועלכע זענען געווען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד. אינעווייניק זענען אריינגעגאנגען נאָר מאהע מיט עטיענען. די פרויען, מאנסלייט און בחורים, וועלכע זענען זיך אָנגעלאָפן, זענען געבליבן אין דרויסן און ארומגערעדט מיט פארשטיקטע שטימען דעם פאַרפאַל.

נאָכדעם ווי דער דאָקטאר האט געוואָרפן אַ בליק אויף ריקאַטן, האט ער אַ ברום געטון:

— דער איז פארפאלן !.. איר קענט אים ארומוואשן.

צוויי וועכטער האָבן אים אויסגעטון און זיך גענומען אַרומצוואשן דעם פון קוילנשטויב שוואַרצן קערפער, אויף וועלכן עס האָט זיך נאך געקלעבט דער ארבעט-שווייס.

— דער קאָפּ איז גאַנץ, — האט ווייטער געזאָגט דער דאָקטאר, וועלכער האט געקענט פאר יעאַנלינס מאטראץ. די ברוסט אויך... אַה! די פיס זענען צעשעדיקט! ער האט אליין אַראָפּגעצויגן די מלבושים פונם קינד, דאס גרובנהיטעלע, די בלוזע, די הויזן און דאס העמד, און עס האָט זיך באַוויזן דער מאָגערער קליינער קערפער, ווי פון אַ פליגעלע, וועלכער איז געווען באַדעקט מיט שוואַרצן שטויב און געלער ערד, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אַרויסגעזעען די פארבלוטיקטע ערטער. מען האט גאָרנישט געקענט אונטערשיידן און מען האט אים אויך געמוזט אַרומוואַשן. נאָכן אַרומוואַשן האט ער אויסגעזעען נאך מאָגערער, די הויט איז געווען אזוי בלייך און דורכזיכטיק, אז מען האָט די ביינער ארויסגעזעען. עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף דעם יינגסטן קינד פון אַ דעגענערירטער משפחה פון אומגליקלעכע, וועלכעס איז געווען האלב פון די שטיינער צעשמעטערט. ווען מען האט אים אָפּגערייניקט, האט מען דערזען די וואונדן, צוויי רויטע פלעקן אויף דער ווייסער הויט.

יעאַנלין וועלכער האָט זיך אויפגעוואַכט פון זיין באַוווסטלאָזן צושטאַנד, האט ארויסגעלאָזט אַ וויי-געשריי. מאהע האט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני מיט געביילטע פויסטן און האָט אים שטאַר אָנגעקוקט. גרויסע טרערן זענען געריגען פון זיינע אויגן.

— היי! דו ביזט זיין פאָטער? — האט דער דאקטאר געפרעגט, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, וואס-זשע וויינסטו? דו זעסט דאָך, אז ער איז נישט טויט... העלף מיר בעסער צו!

ער האט פעסטגעשטעלט צוויי געוועגלעכע ברוכן. נאר די

רעכטע פיס האט אים אַ ביסל באומרויקט; מען וועט זי אָן ספק מוזן אַראָפּנעמען.

אין דער מינוט זענען אָנגעקומען דער אינזשעניער נעגרעל מיט דאנסאערטן, וועלכע מען האט ענדלעך געגעבן צו וויסן, צוזאמען מיט ריקאָמען. דער ערשטער האט מיט אַ פּארצווייפ־לונגס־פולער מינע אויסגעהערט דעם באַריכט פונם אויפזעער. ער האט אויסגעשריגן: אַלץ נעמט זיך פון דעם שלעכטן פּאַר־בויען! האט ער דען נישט געזאָגט שוין הונדערט מאָל, אז עס וועט נאָך קאָסטן מענטשלעכע לעבנס! און דער נאַרישער המון שמועסט נאָך פון אַ שטרייק, ווען מען וויל אים צווינגען גוט צו פּארבויען! דאָס ערגסטע איז אָבער, וואס די געזעלשאפט וועט נאָך דאַרפן באַצאָלן פאַר די צעבראָכענע טעפּ. הער האַנעבאָ וועט זיין העכסט צופרידן!

— ווער איז דאָס? — האט ער געפרעגט דאַנסאַערטן, וועל־כער איז שווייגנדיק געשטאנען פאר דעם מת, וועלכן מען האט איינגעהילט אין אַ טוך.

— ריקאָט איינער פון אונדזערע בעסטע ארבעטער, האט אָפּגעענטפערט דאַנסארערט. ער האט דריי קינדער... דער אומ־גליקלעכער!

דער דאָקטאר האט געהייסן יעאַנלינען באַלד אָפּפירן אַהיים. דער זייגער האט שוין געשלאָגן זעקס און אויף דער גאַס האט שוין אָנגעהויבן טונקל צו ווערן; עס וואָלט געווען גוט מען זאָל דעם טויטן אויך צונעמען. דער אינזשעניער האָט באַלד באַפוילן מען זאָל ברענגען אַן איינגעשפּאַנטן וואָגן און אַ טראָג־בעטל. דאס פאררוונדעטע קינד האט מען ארויפגעלעגט אויף דעם טראָג־בעטל אין דעם מאַטראַץ מיטן טויטן האט מען אַרייַנגעשטופּט אין וואגן.

פאר דער טיר זענען נאָך אַלץ געשטאנען די אַרבעטאָריִנס מיט די ארבעטער, וועלכע זענען איבערגעבליבן צו זעען, וואָס עס וועט געשעען. ווען די טיר האט זיך אויפגעעפנט, זענען אַלע געבליבן שטום. עס האט זיך געבילדעט אַ צוג. פריער דער וואגן, דערנאָך דאס טראָג־בעטל און נאך זיי די אַרבעטער־

מחנה. דער צוג האט זיך לאַנגזאם באַוויגן באַרג-אַראָפּ צום דאָרף צו.

די ערשטע נאָוועמבער-פרעסט האבן הויל געמאכט די פעלדער ארום און אַ לייכטער אָונט-נעפל האט זיך געשפּרייט איבער זיי, ווי עס זאָל זיך פון הימל אַראָפּלאָזן אַ ווייסער טויטן-טוך.

עטיען האט שטילערהייד געראַטן מאהען ער זאָל פריער שיקן אַהיים קאטערינען זי זאל צוגרייטן דער מוטער צו דער שלעכטער בשורה. דער פאָטער, וועלכער איז ווי אַ צעמישטער נאָכגעגאנגען נאכן טראג-בעטל, האט נאָר מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטון, אז ער איז איינשטימיק. און דאס ייִנגע מיידל איז אַוועקגעלאָפן גיך, ווייל מען איז שוין כמעט געווען ביי דעם דאָרף. אין דאָרף האט מען שוין באמערקט די גוט באַקאַנטע טויטן-עגלה און די ווייבער זענען ווי משוגענע ארויסגעלאָפן פון די הייזער און אנטקעגן געלאָפן צום צוג. באלד זענען שוין געווען דרייסיק, פופציק פרויען אָנגעלאָפן אלע כמעט באַר-שטיקט פון שרעק. עס איז אלזא דאָ אַ טויטער? ווער קען עס זיין? די געשיכטע, וועלכע עס האט זיי פריער איבערגע-געבן לעוואק און זיי באַרויקט, האט זיי איצט געבראַכט צו פארשידענע איבערגעטריבענע השערות; נישט קיין איין טויטער איז דאָ, צען זענען אומגליקלעך געוואָרן, נאָר די עגלה וועט זיי ברענגען איינציקווייז.

קאטערינע האט געטראָפן דער מוטער באַאומרויקט פון פאר-שידענע פאָרגעפילן. ווען קאַטערינע האט ארויסגעשטאַמלט די ערשטע ווערטער, האט זי אויסגעשריגן:

— דער פאטער איז טויט!

אומזיסט האט זיך געפלייסט דאס מיידל איר איבערצורעדן, אז עס איז נישט אמת, און דערציילט פון יעאנלינען. לא-מאהעד, נישט לייגנדיק קיין אכט אויף אירע ווערטער, איז ארויסגעלאָפן אויף דער גאס. נאר דערזעענדיק די טויטן-עגלה אין עק גאס ביי דעם קלויסטער, האבן איר פארלאזט די כוחות און זי איז געבליבן שטיין אויפן אָרט בלאס

ווי אַ מת. די פרויען זענען געשטאַנען אויף די טירן שטאַר פון שרעק מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער, אנדערע ווידער האבן באַגלייט דעם צוג מיט די אויגן, אינגאַנצן ציטערנדיק פון שרעק, ביי דעם געדאנק, ווער עס קען זיין דער טויטער.

די עגלה איז פאַריבער און הינטער איר האט לאַ-מאהעד דערזען איר מאַן, וועלכער איז געגאנגען נאָך דעם טראג-בעטל. ווען מען האט זיך אָפּגעשטעלט ביי איר שטוב און זי האט דערזען יעאַנלינען, כאָטש לעבעדיק, נאר מיט צעבראָכענע פיס, איז פאַרגעקומען אין איר אַזא איבערקערעניש, אז זי איז שיעור נישט דערשטיקט געוואָרן פון כעס און זי האט געשטאַמלט באַדנדיק זיך אין טרערן

— אזוי! איצט מאַכן זיי אונדזערע קינדער פאר קאַ-ליקעס!.. ביידע פיס! אָה, מיין גאָט! וואס זאל איך איצט מיט אים טון?

— שווייג כאָטש! — האט געזאגט דער דאקטאר וואנדער-האגן, וועלכער איז נאכגעגאנגען צו באַנדאזשירן יעאַנלינען. וואָלט דיר בעסער געווען ער זאל געווען אינגאַנצן בלייבן טויט?

ווען זי האט דערהערט די קינדער יאָמערן, האט איר כעס נאך מער געשטיגן, און העלפנדיק דעם דאקטאר און דערלאַנגנדיק אים אַלץ, וואס ער האט באדארפט, האט זי גע-שאָלטן איר גורל און געפרעגט ווי וועט זי איצט נעמען צו שפייזן דעם קאַליקע, נישט געווּג, וואס דער זיידע איז געבליבן געליימט, האט נאך דער ייִנג אויך געדארפט פארלירן זיינע פיס, און זי האט נישט אויפגעהערט אפילו דעמאלט, ווען עס האבן זיך דערהערט פון דעם שכנותדיקן הויז הארצרייסנדיקע געשרייען! ריקאטס פרוי און קינדער האבן געיאָמערט ביי דעם קערפּער פון זייער מת.

עס איז געוואָרן פינצטער, די אויסגעמוטשעטע ארבעטער האבן ענדלעך אויפגעגעסן זייער זופּ און אַ טיף שווייגן האט

איינגעהילט דאס ארבעטער־דאָרף. נאר די יאָמערלעכע ווי־געשרייען האבן איבערגעריסן די שטילקייט...

עס זענען פאריבער דריי וואכן. די פיס אָפּשניידן האט מען אויסגעמיטן, יעאַנלין איז געבליבן צוריק ביי זיינע ביידע פיס, נאר עס איז געווען זיכער, אז ער וועט שוין שטענדיק הינקען. די געזעלשאפט האט אים באשטימט, נאך אן אויספאָרשונג, אַ פּענסיע פון פופציק פראנק יערלעך אלס אנטשעדיקונג. אויסער דעם האט זי צוגעזאגט צו געפינען פאר דעם קליינעם קאַליקע, אזוי ווי ער וועט איינגאנצן געזונט ווערן, אַ שטעלע אויסער די גרובן. דערווייל איז די אָרעמקייט נאָך גרעסער געוואָרן, ווייל דער פאָטער איז פון גרויסער אויפרעגונג געבליבן ליגן אין אַ שטאַרקן פיבער.

פון פרייטיק האָט מאַהע ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן אין די גרובן. עס איז געווען זונטיק, אין אָוונט האָט עטיען געשמועסט פונם נעכסטן 1־שטן דעצעמבער און איז געווען ביייגיריק, צי די געזעלשאַפט וועט טאַקע אויספירן איר דראהונג. מען איז געבליבן זיצן ביז אַרום צען אַ זייגער ווייל מען האט געוואַרט אויף קאַטערינען, וועלכע האט געמוזט פארשפעטיקן צוליב איר שפּאַציר מיט שאַוואלן, נאר זי איז נישט געקומען.* לאַ־מאַהעד האָט אין כּעס, נאר אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, פאַרמאכט די טיר. עטיען האט לאנג נישט געקאנט איינשלאָפן, אים האט באַאומרוהיקט דאס ליידיקע בעט, וואס אַלציר האט נישט אויסגעפולט.

גאַנצפרי איז קאטארינע אויך נישט געקומען, ערשט נאָכמיטאָג, ווען צו מאהע זענען געקומען פון די גרובן, זענען זיי געוווּיר געוואָרן, אז שאוואל האט קאַטערינען פארהאלטן. ער האט איר געמאכט אַזעלכע מיאוסע אייפערזוכט־סצענעס, אז זי האט זיך באשלאָסן, ביי אים צו בלייבן. כּדי אויסצומיידן פאָרווורפן האָט ער פארלאָזט דעם פארעי און האט געפונען ארבעט אין זשאן־בארט, אין די גרובן פון הער בענעאולין, וווּ קאטערינע איז מיט אים מיטגעגאנגען אלס וואגנשיבערין.

דאס פּאָרל איז דערווייל געבליבן אין שאוואל ביזאהעריקער וווינונג אין מאנטסו.

אָנפאנגס האט מאהע געזאגט, אז ער וועט גיין דעם יינג אויספּאטשן און די טאכטער א היימטרייבן. נאָר שפּעטער האט ער רעזיגנירט דערפון; צוואָס וועט עס פירן? עס איז דא פּאָר־געקומען דאָס סאמע געווינלעכסטע. מען קען די מיידלעך נישט אָ האלטן נאכצוגיין דעם מאן, צו וועלכן זיי האבן לוסט. דאס בעסטע איז רוהיק אָפּצווווארטן ביז זיי וועלן חתונה האבן. נאר לא־מאהעד האט די זאך געגומען נישט אזוי גרינג.

— האב איך זי דען געשלאגן, ווען זי האט זיך ארייגגע־לאָזט מיט שאוואלן? האט זי געטענהט צו עטיענען, וועלכער האט איר א בלייכער שווייגנדיק אויסגעהערט. זאגט איר אַליין, זאגט, איר זענט דאך א קלוגער מענטש... מיר האבן איר געגעבן די פולע פרייהייט, נישט אמת? מיין גאָט, עס טרעפט זיך ביי יעדן אזוי, איך בין אויך געווען שוואנגער, ווען מען האט מיר חתונה געמאכט. אָבער איך בין נישט אנטלאפן פון מיינע עלטערן, קיינמאָל בין איך נישט געווען אזוי געמיין צו ברינגען נאר דער צייט מיין לוין א מענטשן, וועלכער דארף אים גארנישט האבן... דאס איז עקלהאפט, איר ווייסט! עס וועט נאך קומען דערצו אז מען וועט מער נישט וועלן האבן קיין קינדער.

און ווען עטיען האט אלץ געענטפערט נאר מיט א קאפּ־שאקל איז זי געווארן צו דרינגלעכער.

— א מיידל, וואָס האט יעדן אָוונט געקענט גיין ווו זי האט געוואָלט! האט זי דען נישט געקענט צווווארטן ביז זי וואלט חתונה געהאט, ביז זי וואלט אונדז ארויסגעהאלפן פון דער סאמער שלעכטער צייט? נישט אמת? דאס וואלט געווען גאנץ נאטירלעך. צוואס האט מען דען א טאכטער, ווען נישט צום ארבעט?... אבער מיר זענען צו גוט געווען, מיר וואלטן איר נישט בא־דארפט דערלויבן זיך ארומצושלעפּן מיט א מאן. מען שטרעקט זיי אויס דעם קליינעם פינגער, בייסן זיי אפּ די גאנצע האנט.

אלזיר האט צוגעשאקלט מיטן קאפּ, אלס צייכן פון איינ־שטימיקייט. לענארע און הענרי וועלכע האבן זיך איבערגעשראקן

פון דער מאמעס שטארקן רעדן, האבן זיך שטיל צעוויינט, נאר לא־מאהעד האט געהאלטן אין איין אויסדערציילן אירע אומ־גליקן: פריער זכריה, וועלכן מען האט געמוזט חתונה מאכן, דערנאָך באָנעמאר, וועלכער איז מיט זיינע שטייפע פיס געזעסן אויף דער שטיל, שפעטער יעאנלין, וועלכער, מיט זיינע שלעכט־צוזאמענגעוואקסענע ביינער, וועט נישט קענען פריער פאר צען טעג פארלאזן די שטוב, און ערשט דער לעצטער קלאפ מיט קאטארינען, וועלכע איז אוועק מיט א מאן! די גאנצע פאמיליע איז צעבראכן. נאר דער פאטער איז נאך געבליבן אין די גרובן. טא ווי זשע זאלן זיבן פארשוין, שוין נישט אריינדעכנדיק עסטעלן, לעבן פאר די דריי פראנק וואס ער פארדינט? עס וואלט דאך שוין געוועזן בעסער, ווען זיי זאלן זיך אלע אריינווארפן אין קאנאל!

— עס וועט גארנישט צוגעבן דאס, וואס דו גריזשעסט זיך אזוי, האט מאהע געזאגט אין א הארטן טאן. מיר זענען נאך אפשר דאס ערגסטע נישט א ריבערגעגאנגען!

עטיען, וועלכער האט געקוקט שטארק אויף דער ערד, האט אויפגעהויבן דעם קאפ, און פאר זיינע אויגן איז אויפגעשוועמען אַ בילד פון דער צוקונפט.

— אה! האט ער געפליסטערט, עס איז שוין צייט! עס איז צייט!

# פערטע טייל.

## I

עס איז געווען מאנטיק און ביי האנעבא האט מען געווארט מיטן פרישטיק אויף די גרעגוארס מיט זייער טאכטער. מען האט זיך אפגערעדט, אז פאאול נעגרעל וועט נאָכן פרישטיק פירן די דאמען באטראכטן די גרובן סענט-טהאמאס, וועלכע זענען באנייט געווארן מיט א סך לוקסוס. נאר דאס אלץ איז געווען נישט מער ווי א אויסרייד, פרוי האנעבא האט אויסגעקלערט די רייזע, כדי צו צואיילן די פארלויבונג פון סעסילי מיט פאאולן.

און דא איז פלוצים דעם זעלבן מאנטיק פיר א זייגער אין דער פרי אויסגעבראָכן דער שטרייק. ווען די קאמפאניע האט דעם ערשטן דעצעמבער איינגעפירט דעם נייען לוין-אפצאל, זענען די ארבעטער געבליבן רוהיק. פערצן טאג שפעטער, אין טאג, ווען מען האט אויסגעצאלט, האבן זיך נישט געהערט קיין טענות פון קיין שום אַרבעטער. דער גאַנצער פערסאָנאַל, אָנהייבנדיק פונם דירעקטאָר און ענדינדיק מיט דעם אויפזעער, האָט געגלויבט, אַז די אַרבעטער, האָבן איינגעשטימט מיט דעם נייעם אָפּצאָל; עס האָט דאַריבער אין דעם מאָרגן אַרויסגערופן אַ שטארקע איבעררַאשונג די פלוצימדיקע מלחמה-דערקלערונג, די טאַקטיק פון וועלכער און אייניקייט עס האט עדות געזאָגט אויף אַן ענערגישער אָנפירערשאַפט.

פינף אַ זייגער פרי האָט דאנסאַערט אויפגעוועקט האַנעבאָ און אים געמאָלדן אַז קיין איין מאַן איז נישט געקומען צו דער אַרבעט אין פאָרעי. דאס ארבעטערדאָרף, דורך וועלכן ער איז דורכגעגאַנגען, איז נאָך געלעגן אין טיפן שלאף און די פענצטער און טירן זענען געווען געשלאסן, דער דירעקטאָר,

וועלכער איז אַ פאַרשלאָפענער אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, האָט יעדע פערטל שעה אויפגענומען אַ נייעם שליח און אויף זיין שרייב־טיש האָט עס געהאָגלט פון דעפּעשן.

אָנפאַנגס האָט ער געהאַט, אַז דער שטרייק וועט זיך באַגרענעצן נאָר מיטן פּאַריז, נאָר מיט יעדער מינוט זענען די מעלדונגען געוואָרן ערנסטער: אין מיכו, אין קרעוועסער, אין מאַדעלעין האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט נאָר די, וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען אַרום די פערד; אין לאַ־וויקטואַר און אין פּעטכו־קאַנטעל, די צוויי גרובן, ווו די אַרבעטער זענען געווען אַמבעסטן דיסציפּלינירט, איז געקומען צו דער אַרבעט קוים איין דריטל; נאָר אין איין סענט־טהאָמאַס זענען געקומען אַלע אין פולן קאָמפּלעט און עס האָט אויסגעזען אַז זיי ווילן בלייבן שטיין ווייט פון דער גאַנצער באַוועגונג. ביז ניין אַ זייגער, האָט ער דיקטירט דעפּעשן, טעלעגראַפירט אומעטום, צו די עלצטע אין ליל, צו דער ליטונג פון דער קאַמפּאַניע, בעטנדיק פאָרשריפטן ווו ער זאָל זיך פאַרהאַלטן. נעגרעל האָט ער אַוועקגעשיקט אין די נאָענטע גרובן, כדי ער זאָל אויפן אָרט צונויפזאַמלען גענויע ידיעות.

פּלוצים האָט זיך הער האַנעבאָ דערמאַנט אינם פרישטיק און האָט שוין געוואָלט שיקן דעם קוטשער צו דער הערשאַפט גרעגואַר זאָגן, אַז היינט וועט מען שוין נישט קענען מאַכן דעם שפּאַציר אין די גרובן, נאָר ער האָט זיך דערפילט נישט אָנטשלאָסן און זיך אָפּגעהאַלטן, ער, וואָס האָט מיט אַזאַ מיליטערישער קורצקייט אַרויסגעגעבן זיינע באַפעלן צום קאַמף, האָט זיך אין דעם ענין נישט געקענט דעצידירן. ער איז אַרויפגעגאַנגען צו דער פרוי האַנעבאָ, וועלכע עס האָט פונקט אַ דינסט־מיידל פאַרענדיקט די פריזור אין איר טואַלעט־צימער.

— אַה! זיי שטרייקן! האָט זי רוהיק געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט איר שוין געהאַט אַלץ מיטגעטיילט. נו! וואָס קען דאָס

אונדז שטערן ?... מיר וועלן דאָך נישט אויפהערן עסן, נישט אַזוי ?

ער האָט זיך נאָך געפּרוּווט איר געבן צו פאַרשטיין, אַז דער פּרישטיק וועט הייַנט זיין געשטערט, אַז אַ שפּאַציר אין סענטטהאַמאַס איז איצט נישט אויפן אָרט — נאָר זי האָט אויף אַלץ געהאַט גרייט אַן ענטפער, צוואָס זאָל מען לאָזן פאַרלוירן גיין אַ פרישטיק, וואָס שטייט שוין אָנגעגרייט אויף דער פּליטע ? און וואָס אַנבעלאַנגט דער שפּאַציר אין די גרובן, קען מען זיך אָפּזאָגן דערפון, אויב עס איז ווירקלעך נישט קלוג איצט צו גיין אַהין.

— איבעריגנס, האָט זי ווידער אָנגעהויבן, נאָכדעם ווי דאָס דינסט-מיידל איז אַוועקגעגאַנגען, ווייסט איר דאָך וואָס מיר גייט אַזוי שטארק אָן דער באַזוך פון די מענטשן. די דאָזיקע חתונה דאַרף אייך מער אָנרירן, איידער ווי די נאַרישקייטן פון אייערע אַרבעטער... קורץ, איך וויל עס, זאָגט מיר אַלזאָ נישט אַנטקעגן.

— גוט ! האט ער געזאָגט, אַוועקגייענדיק. רופן מיר גאָר נישט אָפּ.

הער האַנעבאָ איז געבוירן געוואָרן אין די אַרדענען. אַלס אַ קינד פון אָרעמע עלטערן, איז אים אויסגעקומען אין דער פריער יוגנט שווער צו קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ. ווערנדיק פארוואָרפן אַלס יתום אויף דער פאַריזער בריק. נאָכדעם ווי ער האָט מיט גרויסע שוועריקייטן געענדיקט די שולע פון באַרג-בוי-אַרבעט, איז ער, זייענדיק אַלט פיראונצוואַנציק יאָר, אַלס אינזשעניער פון די גרובן סענט-באַרב אנגעקומען קיין גראַנד-קאָמב. דריי יאָר שפּעטער איז ער געוואָרן הויפּט-אינזשעניער אין פּאַ-דע-קאַלע אין די גרובן פון מאַרל ; דאָרט האט ער דורך אַ גליקליכען צופאַל, וואָס טרעפט זיך אָפּט אין די גרובן, חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אַ רייכן שפּינערײַ-באַזיצער אין אַרכאַ. פופצן יאָר האָט דאס פּאָרל געוווינט אין דער קליינער פראָווינץ-שטאָט און קיין שום געשעעניש האט נישט איבערגעריסן זייער איינטאָניקן לעבן, אַפילו נישט קיין געבורט פון אַ קינד.

עס האט זיך פאמעלעך געבילדעט צווישן זיי א פארפרעמדקייט.
פרוי האנעבא, וועלכע האט לויט איר גאנצע דערציאונג געקענט
אכטן נאר געלט, האט נישט געקענט זיך באציען מיט רעס-
פעקט צו א מאן, וועלכער האט מיט שווערער מי קוים פאר-
דינט אויף זיין אויסקומעניש און נישט געקענט באפרידיקן קיין
איינעם פון אירע פוסטע פארלאנגען, פון וועלכע זי האט
געטרוימט זייענדיק אין פענסיאן, זי האט זיך דאריבער גע-
שאפט א געליבטן, און ער האט דערפון נישט געוווסט

ענדלעך האט ער פארלאזן פא-דע-קאלע, כדי איבערצו-
נעמען א פאסטן אין א ביורא אין פאריז, האפנדיק, אז זי וועט
אים זיין דאנקבאר דערפאר. נאר פאריז, וווהין זי האט געבענקט
פון איר קינדהייט אן און וו זי האט אין א משך פון אכט טעג
זיך אפגעוואשן פון איר גאנצער פראווינציאנעלישקייט. האט די
אפגעזונדערטקייט נאך פארגרעסערט. די צען יאר, וועלכע זי
האט דארט פארבראכט האט זי אויסגעפילט מיט א גרויסער
ליידנשאפט, מיט א ליבע, וואס איז געווען אלעמען באקאנט, און
פאר וועלכע זי האט שיעור מיטן לעבן נישט באצאלט, ווען
דער פארהערער אירער האט איר פארלאזט. דאס מאל האט
שוין דער מאן אויך געוווסט פון די באציאונגען, נאר נאך
אייניקע העפטיקע סצענעס איז ער געבליבן אנטוואפנט מיט
דעם רויקן פארהאלטן זיך פון זיין פרוי, וועלכע האט נישט
געזעען קיין שום שלעכטס אין דעם, וואס זי נעמט זיך איר
גליק ווי זי קען, און ער האט געמוזט שלום מאכן מיטן גורל.
נאכדעם ווי די באציונגען אירע האבן זיך איבערגעריסן און
ער האט געזעען אז זי איז אזש קראנק געווארן פון צרות, האט
ער אנגענומען דעם פאסטן פון דירעקטאר אין מאנטסו, האפנדיק,
אז דארט אין דער איינזאמקייט וועט זי צוריק ארויף אויפן
רעכטן וועג.

צייט די האנעבאס האבן זיך באזעצט אין מאנטסו, האט
צוריקגעקערט די לאנגווייליקייט פון דער ערשטער צייט נאך
דער חתונה. דא איז צו דער רעכטער צייט אנגעקומען נעגראל.
זיין מוטער, אן אלמנה נאך א קאפיטאן, האט זיך פון איר טרוקן

ברויט און וואסער אָפּגעשפּאָרט אויף אזוי פיל, אז זי האט איר זון געקענט געבן די מעגליכקייט צו באַזוכן די פּאָליטעכניק-שולע. ווען ער האט זי מיט אַ שלעכטער צייגניש געענדיקט, האט אים זיין פעטער האַנעבא פאָרגעלעגט די שטעלע פון אן אינזשעניער אין פארעי. ביי די האַנעבאָס איז ער באַהאנדלט געוואָרן ווי אן אייגענער זון, דאָרט געוווינט און דאָרט געגעסן און געטרונקען אזוי, אז ער האט געקענט אַ העלפט פון זיין דרייטוויזנט פראַנקנדיקער פענסיע שיקן דער מוטער. אלס אויסרייד פאר די אלע וווילטעטיקייטן מיט וועלכע מען האט אים באַשאָנקען, האט הער האַנעבאַ אָנגעגעבן דאָס, אז עס איז זער שווער פאר אַ יינגערמאן זיך איינער אַליין איינאָרדנען אין איינעם פון די קליינע הייזלעך, וועלכע זענען באַשטימט פאר די בארג-אינזשעניערן. פרוי האַנעבאָ אָבער האט באלד אנגעהויבן שפּילן די ראָל פון אַ גוטער מימע, אים געדוצט און אים אָפּגעהיט. באַזונדערס אין די ערשטע חדשים פון זיין אָנקומען האט זי אים באַהאנדלט מיט אַ מוטערלעכער צערטלעכקייט און ביי יעדער קלייניקייט געשטאנען גרייט אים צו געבן איר עצה און הילף.

עס זענען פאַריבער צוויי יאָר. איין איין נאכט האט הער האַנעבא דערהערט עמעצן זיך דורכשלייכן מיט באָרוועסע פיס ביי זיין טיר, וואס האט אויפגעוועקט זיין פארדאכט. די בייטע וואנטורע האט אים אויפגעבראכט, נאר ער האט זיך גאָרנישט געקענט גלויבן, אז עטוואס ענלעכעס זאל געשען אין זיין שטוב, צווישן זיין פרוי און זיין פּלימעניק. איבערינגס האט דעם צווייטן טאָג זיין פרוי גערעדט מיט אים וועגן דעם שידוך צווישן נעגרעלן און ססעסיל גרעגאור און האט דעם שידוך אונטערגעשטיצט מיט אזא היץ, אז ער איז פאר זיך אַליין רויט געוואָרן פאר זיין עקלהאפטן חשד. און ער איז געבליבן דעם יינגצן מאן דאנקבאר, וואס צייט ער איז געקומען איז אין שטוב בישט אזוי טרויעריק, ווי פריער.

ווען הער האנעבא איז ארויסגעגאַנגען פונם טואלעט צימער פון זיין פרוי האט ער באַגעגנט אין דעם פאָדער-הויז אריינ-

קומען פּאַולן. די געשיכטע מיטן שטרייק האט אים אויסגע־
זען קאָמיש.

— נו? — האט דער פאטער געפרעגט.

— איך בין געווען אין אַלע דערפער. די ארבעטער זען
אויס זער מיושבדיק און איבערגעלעגט... איך גלויב נאָר, אז
זיי וועלן שיקן צו דיר מסתמא אַ דעלעגאַציע.

נאָר אין דעם אויגנבליק האט פרוי האַנעבאַ אויסגערופן
פון אויבן:

— דו ביזט עס פּאַאול?.. קום נאר ארויף און דערצייל
מיר וואס דו ווייסט עפּעס נייעס. עס איז דאָך קאָמיש, אז
די מענטשן, וועלכע זענען אזוי גליקלעך מאַכן פּלוצים דעם אָנ־
שטעל פון שלעכטע און אויפגערייצטע.

און דער דירעקטאָר האט אויף דעם געמוזט איבעררייסן
זיין ראַפּאָרט אָפּנעמען פון דעם שליח, ווייל דאס ווייב האט
אים פארנומען אין איר רשות. ער האט זיך צוריק אנידערגע־
זעצט ביי זיין טיש, אויף וועלכן עס האט זיך שוין ווידער אנ־
געזאַמלט אַ הויפן פון דעפּעשן.

אַרום עלף אַ זייגער זענען געקומען די גרעגוארס און זיי
האָט שטאַרק פאַרוווּנדערט, וואס היפּאָליט, דער קאַמערדינער,
האט זי אזוי שנעל אַריינגעבעטן אין פּאַדערהויז און נאך זיי
זיך ארומגעקוקט אין ביידע זייטן גאַס, אין סאַלאָן זענען די
גאַרדינען געווען אַראָפּגעלאָזט און די געסט האט מען געפירט
דירעקט אין ארבעטצימער, ווי הער האנעבאָ האט זיך אנט־
שולדיקט, וואס ער נעמט זיי אזוי אויף; די פענצטער פונם
סאַלאָן זענען ארויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, און עס וואָלט גע־
ווען אומנוצלעך, צו מאכן דעם אָנשטעל, אז מען וויל די מענטשן
פראוואצירן.

— וואס! איר ווייסט נאָך פון גאָרנישט? — האט הער
האנעבא אויסגערופן, באַמערקנדיק זייער פאַרוווּנדערונג.

ווען הער גרעגואר איז געוויר געוואָרן, אז דער שטרייק
איז ענדלעך אויסגעבראָכן, האט ער אַ צי געטון מיט די אַקסלען,
נאָר דאס פּנים איז געבליבן רויק ווי צריער. מע! עס איז גאָר

נישט. די באַפעלקערונג איז דאָ אַן אנשטענדיקע. אויך מאדאם גרעגואַר האט אויסגעדרוקט דורך אַ בעוועגונג פון די קינבאַקן איר פולן צוטרוי און גלויבן אין דער הונדערטיעריקער אונטערטעניקייט פון די ארבעטער, נאָר סעסיל, וועלכע איז היינט געווען זייער גוט געשטימט און האט געשפּראָצט מיט לעבן פון איר ברוינעם טוך-קלייד ארויס, האט ביי דעם וואָרט שטרייק, וואס האט איר דערמאנט אין אירע באַזוכן אין די ארבעטערדערפער און צעטיילן נדבות, נישט געקענט זיך איינהאלטן פון אַ שמייכל צו טון.

עס איז אַריינגעקומען פרוי האנעבא, באַגלייט פון נעגרעלן; זי איז געווען אינגאַנצן געקליידט אין שוואַרצן זייד.

— נו! איז עס נישט פאַרדריסלעך! — האט זי אויסגערופן נאָך פון דער טיר. גלייך ווי די מענטשן וואָלטן גאָרנישט געקענט אַ ביסל צו וואַרטן!.. איר ווייסט שוין אז פאַאול וויל אונדז שוין נישט פירן קיין סענט-טהאָמאַס.

— וועלן מיר דאָ בלייבן, האט העפלעך ערקלערט הער גרעגואַר. מיר וועלן זיך דאָ אויך גוט אונטערהאלטן.

פאַאול האט זיך באַגנוגנט מיט באַגריסן סעסילן און איר מוטער. געערגערט פון זיין צוריקגעהאַלטנקייט, האט אים די מימע מיט די אויגן אָנגעוויזן אויף דעם יינגען מיידל; און ווען זי האט דערהערט זייער ביידעס געלעכטער צוזאמען האט איר בליק גערוט אויף זיי מיט מוטערלעכער צערטלעכקייט.

הער האנעבא האט דערווייל געלייענט די דעפּעשן און אויף אייניקע געענטפערט. אין דער צייט, ווען ער האט געארבעט, האבן די איבעריקע געפלוידערט און דאס ווייב זיינס האט דערקלערט די געסט, אז זי האט זיך מיט דעם ארבעט-צימער לחלוטין נישט פאַרנומען, דעריבער האט עס אזא פאַרלאָזענעם אויסזען. עס איז פאַריבער אזוי אַ דריי-פערטל שעה און מען האט זיך שוין געוואָלט זעצן צום טיש, ווען דער קאַמערדינער האט געמאָלדן דעם הער דענעאולין.

— אַה! איר זענט דאָ? — האט ער אויסגערופן, דערזעענדיק די גרעגואַרס.

דערנאָך האט ער זיך לעבעדיק געווענדעט צום דירעקטאר.

— עס איז אלזאָ אמת? איך האב זיך עס נאר וואס דער־וווּסט פון מיין אינזשעניער... ביי מיר זענען אלע ארבעטער ארייננעפאָרן. נאר די באַוועגונג קען זיך איבערטראגן צו מיר אויך. איך בין נישט רויק... לאָמיר הערן וואס הערט זיך ביי אייך.

ער האט שנעל געאיילט אַ הער און זיין הויך רעדן און זיינע העפטיקע תנועות, וועלכן האבן אים געגעבן דעם אויסזעען פון אַ קאַוואלעריע־אָפיציר, האבן פאַרראטן זיין אומרו.

הער האַנעבאָ האט אָנגעהויבן אים באַקענען מיט דער לאַגע, ווען היפּאָליט האט געעפנט די טיר צום שפּייז־צימער. דאָ האָט הער האַנעבאָ פּלוצים איבערגעריסן:

— קומט מיט עסן מיט אונדז! — האט ער געזאָגט. איך וועל אייך שוין דאס איבריקע דערציילן ביים טיש.

— יאָ, ווי אייך געפעלט, — האט אפּגעענטפערט דענעאולין, זייענדיק אזוי פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען, אז ער האט די איינלאַדונג אָנגענומען אויף אזא אופן.

ער האט זיך אָבער באַלד געכאפּט אויף זיין נישט העפ־לעכקייט, און זיך ווענדענדיק צו פרוי האַנעבאָ, האט ער זיך אנטשולדיקט. זי איז איבעריגנס געווען זער ליבנסווירדיק. נאָכ־דעם ווי זי האט געהייסן לעגן דעם זיבנטן גדעק, האט זי יעדן אָנגעוויזן אויף זיין אָרט: פרוי גרעגוואַר און סעסעל נעבן איר מאַן; דאַן הער גרעגוואר און דענעאולין צו איר רעכטער און לינקער זייט; ענדלעך פּאַול, צווישן דעם יינגען מיידל און זיין פעטער. נאָכדעם ווי מען האט אויפגעגעסן די אלע צובייסעכצן, האט זי זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל:

— איר וועט מיר אנטשולדיקן, איך האב אייך געוואָלט געבן אויסטערן צום טיש... איר ווייסט דאָך, אז אלע מאנטיק ברענגט מען פרישע קיין מארשיען, און איך האב געוואָלט שיקן דער קעכין אין מארק אריין איינקויבן... נאר זי האט נישט

געוואָלט פּאָרן, מורא האָבנדיק, מען זאָל איר נישט באַווארפן מיט שטיינער...

אַלע האָבן אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געלעכטער, מען האָט איינגעפונען די מעשה קאָמיש.

— שאַ! — האָט זיך אָנגערופן הער האָנעבאַ געערגערט און ער האָט אַקוק געטון אין פענצטער, דורך וועלכן מען האָט געקענט זעען די גאַס. עס דאַרף נישט וויסן די גאַנצע געגנט, אַז מיר האָבן היינט געסט.

— דאָ זע איך אַ רעדעלע וורשט, וואָס דאַרף נישט אַריינפאַלן אין אייערע הענט, האָט דערקלערט הער גרעגוואַר.

מען האָט ווידער געלאַכט, נאָר שוין נישט אַזוי ווי פריער. יעדער גאַסט האָט זיך געמאַכט באַקוועם אין דעם דאָזיקן מיט פלאַמאַנדישע גאָבעלינען אויסגעפוצטן זאַל, אין וועלכן עס איז געשטאַנען אַלט דעמבן-מעבל, זילבערנע כלים האָבן אַרויסגעפינקלט פון אונטער די גלעזערנע שאַפעס און אַ גרויסער לאָמפּ האָט אַראָפּגעהאַנגען פון דער סטעליע, אין וועמענס אויסגעפוצטן שירם, עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ פּאַלמע און נאָך עפּעס אַן עקזאָטישע פלאַנצונג, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דעם טיש. דרויסן האָט געבלאָזן אַן אייז-קאַלטער צפון-ווינט, נאָר אינווייניק אין שטוב האָט נישט אַריינגעדרונגען קיין שום לופטעלע, עס האָט געהערשט דאָ די וואַרעמקייט פון אַן אָ אַנזשערייע, אין וועלכער עס האָט זיך געפילט דער דופט פון אַן אַנאַנאַס, וואָס איז געלעגן אויף אַ קרישטאָלענער שאָל.

— וואָס וואָלט געווען ווען מיר פאַרציען די גאַרדינען ? — האָט פאָרגעלעגט נעגרעל, וועלכן עס האָט אַמוזירט די מורא פון די גרעגוואַרס.

די קאַמער פרוי, וועלכע האָט מיט אַ קאָמערדינער באַדינט די געסט, האָט עס אָנגענומען פאַר אַ באַפעל און פאַרצויגן איין גאַרדין. דאָס איז געוואָרן די סבה פון אומענדלעכע ווערטלעך: מען האָט קיין גלאָז נישט געקענט מער אַוועקשטעלן פון דער האַנט אין קיין גאָפל נישט אַוועקלעגן, נישט אָננעמנדיק פריער קיין געוויסע פאַרזיכטס-מיטלען; מען האָט באַגריסט יעדן

מאַכל, ווי אַ זאַך וואס מען האט אַרויסגעראַטעוועט פונם שׂונאס הענט, ביי דעם איינעמען פון אַ שטאט, נאָר אונטער דער געצוווּנגענער פרייליכקייט האָט זיך פאַרבאָרגן אַ שטומער פחד. וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין וואַרפן זייטיקע בליקן אויף דער גאַס, גלייך עס זאָל דאָרט שטיין אַ מאַסע פון הונגעריקע מענטשן, וואס לויערט אויף דעם רייך־געדעקטן טיש.

נאָך די אייער האָט מען דערלאַנגט פיש. דער שמועס האט זיך געדרייט ארום דעם אינדוסטריעלן קריזיס, וועלכער דויערט שוין אכצן חדשים.

— עס האָט געמוזט אזוי קומען, האט דערקלערט דענע-אולין, דער גרויסער אויפשוווּנג פון די לעצטע יאָרן האט זיך געמוזט אזוי ענדיקן... דערמאנט זיך נאָר אין די געוואלדיקע קאַפּיטאַלן, וואָס מען האט אַריינגעלעגט אין אייזנבאַנען, פּאָרטן, קאנאַלן און אין פאַרשידענע אנדער משוגענע ספּעקולאַציעס. ביי אונדז אַליין האט מען אזוי פיל צוקער־פאַבריקן אויסגעבויט, גלייך ווי אין אונדזער געגנט זאָל מען דריימאָל אין יאָר אַראָפּ-נעמען ריבן פון די פעלדער. נו, איז איצט דאָס געלט געוואָרן זעלטן, און מען מוז וואַרטן ביז די אַריינגעבראָקטע מיליאָנען וועלן צוריק אַריינברענגען זייערע צינזן: פון דאַנען נעמט זיך די טויטקייט אין פולע סטאַגנאציע אין אלע געשעפטן.

האַנעבא האט באַקעמפט די טעאָריע, אָבער ער האט צוגעגעבן, אז די גוטע יאָרן האָבן די אַרבעטער קאַליע געמאַכט.

ווען איך באַקלער זיך נאָר, האט ער אויסגערופן, אז די מענטשן האָבן אין אונדזערע גרובן געקענט פאַרדינען טעג-לעך זעקס פראַנק, דאָס הייסט טאָפּלט ווי זיי פאַרדינען היינט! און זיי האָבן זיך געלעבט זער גוט און זיך צוגעוווינט צו אַלערליי לוקסוסן... איצט איז זיי, פאַרשטענדלעך, שווער זיך אומצוקערן צו דעם אַלטן איינפאַכן לעבנסשטייגער.

— הער גרעגואר, — האט אים איבערגעהאקט פרוי האַנעבא, קען איך אייך פאָרלעגן נאָך אַ ביסל פון די פיש?.. זיי זענען זער געשמאַק, נישט אמת?

דער דירעקטאר האט פאָרטגעזעצט:

— אָבער איז עס דען אונדזער שולד? אויך אונדז גייען נישט די געשעפטן אזוי גוט, אויך אונדז... צייט עס פאַרמאכט זיך איין פאַבריק נאָך דער אַנדערער, קענען מיר גאָרנישט פטור ווערן פון אונדזערע קוילן-אוצרות, און לויט דער נאָכ-פראַגע מוזן מיר רעגולירן די הוצאות... דאָס ווילן אָבער די אַרבעטער נישט באַגרייפן.

אויף איין אויגנבליק איז געוואָרן שטיל. דער דינער האָט אַריינגעבראַכט געבראָטענע יינגע קוראָפּאַטוועס און די דינערין האט אָנגעהויבן צעגיסן פאַר די געסט דאס בעסטע בור-גונדישע וויין.

— אין אינדיען האָט אויסגעבראָכן אַ הונגער-נויט, האָט אָנגעהויבן דענעאולין האַלב-הויך, ווי ער זאָל רעדן צו זיך אַליין. אַמעריקע איבעררייסנדיק אירע באַשטעלונגען אין אונ-דזערע גיס-אייוונס, האָט אונדז געגעבן אַ שווערן קלאַפּ. אַלץ האָט אַ צוזאַמענהאַנג, עס פילט זיך אין דער ווייט אַ דער-שיטערונג אין דער גאַנצער וועלט... און די אימפּעריע איז געוועזן אזוי שטאַלק פון דעם אויפשוווּנג פון דער אינדוסטריע!

ער האט זיך גענומען צו צושניידן דעם פליגל פון דער קוראָפּאַטווע. דערנאָך האָט ער ווייטער אָנגעהויבן צו רעדן אויף אַ הויך קול:

— דאָס ערגסטע איז וואָס, ווען מען וויל זיך ביליקער מאַכן די סחורה, מוז מען קאָנסעקווענט מער פּראָדוצירן, אַ נישט וועט זיך דאס גאַנצע פאַרביליקן פאַלן אויף דעם חשבון פונעם אַרבעטס-לוין און דער אַרבעטער וועט זיך האבן רעכט, ווען ער וועט טענהען, אז ער טראָגט די לאַסט פון קריזיס.

די דאָזיקע לעצטע מיינונג האט אַרויסגערופן אַ דיסקוסיע, וועלכע האט די פרויען נישט באַזונדערס געפעלן. ענדלעך האט זיך יעדער פאַרטיפט אין זיין טעלער. ווען דער דינער איז נאָכאַמאָל אַריינגעקומען, האט ער אויסגעזען ווי ער זאָל וועלן עפּעס מעלדן, נאָר ער וואַקלט זיך.

— וואס איז? — האט געפרעגט הער האַנעבאָ. אויב עס איז

אָנגעקומען דעפּעשן, טאָ גיט זיי אַהער, איך וואַרט טאַקע אויף ענטפער.

— ניין, הער דירעקטאר, הער דאנסאערט שטייט אין דרויסן... אָבער ער האָט מורא צו שטערן...

דער דירעקטאָר האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר די געסט און האָט געהייסן אַריינלאָזן דעם אויבעראויפזעער. ער איז געבליבן שטיין אַ פּאָר טריט פונעם טיש, אין דער צייט, ווען אַלע האָבן זיך אויסגעקערט צו אים און באַטראַכט זיין ריזנגעשטאַלט, וועלכע איז געווען פארסאַפּעט פון די נייעסן, וועלכע ער האט געבראכט. אין ארבעטער-דאָרף איז אַלץ רויק; עס איז נאָר באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ דעלעגאַציע. עס קען זיין, אז אין אַ פּאָר מינוט וועט זי שוין זיין דאָ.

— גוט! איך דאנק אייך! — האט הער האַנעבאָ געזאָגט, איך וויל האָבן אַ באַריכט גאנץ פרי און ביינאכט, איר פאַרשטייט?

ווי נאָר דאנסאערט האָט זיך דערווייטערט האט מען ווידער אָנגעהויבן צו שפּאַסן און מען איז באַפאַלן דעם רוסישן סאַלאַט, דערקלערנדיק אז ווער עס וויל פון אים געניסן, טאר קיין רגע נישט פארלירן. נאָר די פרעלעכקייט איז אריבער אַלע גרענעצן, ווען נעגרעל האט געבעטן ביי דער קאַמער-דינערין ברויט און זי האט אים אָפּגעענטפערט אזוי שטיל אין שרעקעוודיק „יאָ, הער נעגרעל”, גלייך זי זאָל האָבן אונטער זיך אַ באַנדע, וואָס איז גרייט צו מאָרדן און טויטן.

— איר קענט נאָך רעדן הויך, האָט זיך אָנגערופן פרוי האַנעבאָ. זיי זענען נאָך נישטאָ. דער דירעקטאר, וועמען מען האָט געבראכט אַ גאַנצן פּאַקעט פון בריוו און דעפּעשן האט געוואָלט איין בריוו איבערלייענען אין דער הויך. עס איז געווען אַ בריוו פון פּיעראַנען, אין וועלכן ער האָט מיט רעספּעקט-פולע אויסדרוקן געגעבן אָנצוהערן, אז ער איז געווען געצוווּנגען אנטיילצונעמען אינעם שטרייק מיט אַלע קאָלעגן צוגלייך, כדי נישט שלעכט באַהאַנדלט צו ווערן דורך די שכנים; און ער האָט צוגעגעבן, אז ער האָט זיך אויך נישט געקענט

אַרויסדרייען פון צונעמען אנטייל אין דער דעפוטאַציע, כאָטש ער פאַראורטיילט די גאנצע געשיכטע.

— דאָ זעט מען די פרייהייט פון די אַרבעטער! האָט אויסגערופן האַנעבאָ.

דער שמועס האָט זיך ווידער געדרייט אַרום דעם שטרייק און מען האָט געוואָלט הערן זיין מיינונג.

— אָ, האָט זיך אנגערופן דער דירעקטאָר, מיר האָבן שוין איבערגעלעבט אַ סך שטרייקן... די פוילקייט וועט דויערן אַ וואָך העכסטנס פערצן טאָג, ווי דאס לעצטע מאל. זיי וועלן זיך אַרומדרייען פון איין שענק אינם צווייטן און ווען דער הונגער וועט זיי שוין גוט צודריקן, וועלן זיי זיך אומקערן צוריק אין די גרובן.

דענעאולין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך בין נישט אַזוי רוהיק... דאָסמאָל זעען זיי אויס צו זיין בעסער אָרגאַניזירט. האָבן זיי נישט קיין שטרייק-קאַסע?

— יאָ, אָבער זי פאַרמאָגט קוים דריי טויזנט פראַנק. אויף ווי לאַנג וועט דאָס ביי זיי דויערן?... איך בין חושד, אַז אַ געוויסער עטיען לאַנטיע איז זייער פירער. ער איז אַ גוטער אַרבעטער און עס וועט מיר באמת זיין אַ שאָד, ווען איך וועל אים דארפן אפזאָגן, ווי אַ מאָל דעם באַוווסטן ראַסענער, וועלכער פאַרסמט נאָך היינט דעם גאנצן פאָרעי מיט זיין ביר און זיינע אידעען... נאר עס מאכט גארנישט אויס אין אכט טאָג וועט שוין אַ העלפט ארבעטער זיך אומקערן צוריק און אין צוויי וואכן וועלן שוין אַלע צען-טויזנט זיין פון אונטן.

ער איז געווען אין דעם פעסט איבערצייגט. זיין גאנצע זארג איז נאר געווען, די געזעלשאפט זאל נישט ווארפן אויף אים אַן אומחן, מאכנדיק אים פאַראנטוואָרטלעך פארן שטרייק. אַז די באַציהונגען צו אים זענען געוואָרן אַ ביסל אנגעשטרענגט, ער האט אנגעפילט דעם לעפל מיט רוסישן סאַלאַט און אים דערלאַנגט צום מויל, לייענדיק דערביי די דעפעשן, וועלכע זענען אנגעקומען פון פאריז אוז פרווונדיק צו טרעפן דעם

געהיימען זין פון יעדער ווארט באזונדער. די געסט האבן אים מוחל געווען און דער מאלצייט האט זיך ווידער פארוואנדלט אין א מיליטערישן פרישטיק, וועלכן מען כאפט אריין אויף דעם שלאכטפעלד איידער עס פאלן די ערשטע שאָסן.

די פרויען האבן אויך אנגעהויבן אנטייל צו נעמען אין דעם געשפרעך. פרוי גרעגואר האָט באדויערט די אָרעמע לייט, וועלכע ווילן ליידן אזויפיל נויט און סעסעל האָט שוין גערעדט פון דער פאַרטיילונג פון ברויט און פלייש. פרוי האנעבא דאגעגן איז געווען אינגאנצן דערשטוינט, ווען זי האט דערהערט רעדן איבער דער נויט פון די מאנטסוער ארבעטער. זענען זיי דען נישט גליקלעך?

די מענטשן באקומען דאך באוווינונג און באהייצונג און מעדעצינישע הילף און דאס אלץ אויפן חשבון פון דער קוילן-געזעלשאפט. און איר גלייכגילטיקייט צו דער דאָזיקער סטאדע פון מענטשן, האט זי פון איר גארנישט געוווסט, אויסער די פאָר אויסגעלערנטע פראזן, מיט וועלכע זי פלעגט ארויסרופן די פארוווּנדערונג פון די פאריזער, וועלכע פלעגן קומען אהער אין באזוך; זי איז אזוי ווייט אוועק, אז זי האט אליין אין דעם געגלויבט און איז געווען שטארק אויפגערייצט פון דער אומדאנקבארקייט פון דעם פאָלק.

נעגרעל האָט דערווייל אנגעהויבן ווייטער צו רעדן, כדי איבערצושרעקן די גרעגואַרס. סעסיל איז אים נישט געפעלן, דאָך איז ער געווען גרייט מיט איר חתונה צו האבן, כדי צוליב צו טון דער מימען, אבער ער איז צוגעגאנגען צו דעם גאנצן עסק אָן א שום ליבעפייער, ווי א יונגערמאן וואס האט שוין דערפארונג אין לאזט זיך נישט מער, ווי ער האט זיך אויסגעדרוקט, איינוויקלען. ער האט זיך געהאלטן פאר א רעפובליקאנער, וואס האט אים דאך נישט געשטערט זיינע ארבעטער שטרענג צו באהאנדלען און אין דער געזעלשאפט פון דאמעס צו שפילן די ראל פון א גייסטרייכן ווערטלזאגער.

— איך טייל נישט דעם אָפּטימיזם פון מיין פעטער האט

ער אנגעהויבן. איך האב מורא פאר גרויסע אונרוהען... איך עצה אייך דאריבער די טויערן פון לא-פיאַלען האלטן גוט פאר־שלאָסן, הער גרעגואר, א נישט קען מען אייך נאך בארויבן אויך.

— מיך בארויבן? האט אויסגעשריגן הער גרעגואר אן אויפגערייצטער. פארוואָס זאָל מען עפּעס מיר בארויבן?

— זענט איר דען נישט אויך קיין אקציאָנער פון מאנסטו? איר ארבעט נישט און לעבט פון דער ארבעט פון אנדערע. איר רעפּרעזענטירט אלזא דעם העסלעכן קאפּיטאל, און דאס איז שוין גענוג... זייט זיכער אז מען וועט אייך צווינגען, ווען די רעוואָלוציע וועט נאר קומען, אייער גאנץ פארמעגן אפּצוגעבן ווי געגנבעט געלט.

מיטאמאָל האט דער אלטער פארלוירן זיין קינדישע רו און זארגלאזע הייטערקייט, וועלכע ער האט געהאט ביז אהער.

— מיין פארמעגן איז געגנבעט געלט! האט ער געשטאמלט. האט דען מיין עלטערזיידע זיין חלק, וועלכן ער האט אריינ־געלעגט, נישט דערווארבן מיט גרויסער מי און מאטערניש? האבן מיר נישט געטראָגן די גאנצע ריזיקע פון דער אונטער־נעמונג? און צי האב איך ביזן היינטיקן טאג פון מיינע הכנסות פארנוצט אויף עפּעס שלעכטע צוועקן?

פרוי האנעבאָ האט, צו איר גרויסער צערודערונג, דער־זעען, אז די מוטער מיט דער טאכטער זענען אויך בלייך גע־וואָרן און זי האט זיך געאיילט אריינצומישן.

— פּאאול מאכט עס נאר איז שפּאס, מייז ליבער הער גרעגואר, האט זי געזאגט.

נאר הער גרעגואר איז געווען אויסער זיך. ווען דער דינער האט אים פאָרגעלעגט א שיסל ראקעס, האט ער אנשטאט איינעם גענומען דריי און זיי אנגעהויבן צו בייסן מיט די ציין, אליין נישט וויסנדיק וואס ער טוט.

— אה! איך פארלייקן עס גארנישט, אז אייניקע פון אנדערע אקציאנערן באגייען מיסברויכן. אזוי, למשל, האט

זען מיר דערציילט, אז אייניקע מיניסטארן האבן באקומען חלקים אין מאנטסו פאר געוויסע פארדינסטן לגבי דער קוילן-געזעלשאפט. נאך איינער, א פארנעמער הער, א געוויסער הער-צאג, וועמען איך וויל נישט אָנרופן ביי דעם נאמען, איינער פון אונדזערע גרעסטע אקציאנערן, פירט אן אויסערגעוויינלעך אויסגעלאסן לעבן, ווארפט ארויס מיליאָנען פאר פרויען און לוקסוסען... אבער מיר, וואס מיר לעבן שטיל און באשיידן, ווי ערלעכע מענטשן! מיר, וואס שפעקולירן נישט, זענען שטענדיק צופרידן דערמיט, וואס מיר האבן און גיבן נאך דערפון אראפ די ארעמע אויך... אך, גייט שוין דארט! אונ-דזערע ארבעטער וואלטן שוין באדארפט זיין די אמתע רויבער, זיי זאלן ביי אונדז אפילו א נאדל צונעמען!

נעגרעל אליין, וועמען דער צאָרן פון גרעגואארן האט שטארק פריילעך געמאכט, האט דאך געמוזט אים באַרוהיקן. דאביי האט מען געהאלטן אין איין ארומטראגן די ראקעס און עס האט זיך געהערט דאס צערברעכן פון זייערע שאָלן. דאס געשפרעך איז אריבער אויף פּאָליטישע טעמעס. הער גרעגואאַר, וועלכער האט נאך געהאלטן אין איין ציטערן, האט דערקלערט, אז ער איז א ליבעראל; און ער האט באדויערט די דעמיסיע פון לודוויק פיליפּ. דענעאולין דאגעגן איז געווען פאר א שטארקן רעזשים און האט באהויפּטעט אז קייזער האט זיך געגליטשט אין א תהום פון געפערלעכע קאנצעסיעס.

— דערמאנט זיך נאר אין דעם יאָר 89! האט ער גע-זאָגט. דער אדעל אליין האט דורך זיינע סימפאטיעס פאר די נייע פילאָזאָפישע ריכטונגען מעגלעך געמאכט די רעוואָלוציע... נו, און איצט שפילט דאָס בירגערטום די זעלבע נאַרישע שפיל מיט זיין באַגייסטערונג פאר דעם ליבעראַליזם און חנדלען זיך צו דער מאַסע... יאָ, יאָ, זיי אליין שאַרפן נאך די ציין פון דער חיה, וועלכע וועט אין אַ שענעם טאג אונדז איינשלינגען. און זי וועט אונדז שוין איינשלינגען, איר מעגט שוין זיין רוהיק!

די פרויען האבן אים איבערגעריסן און כדי דעם שמועס צו פאַרפירן אויף אַנדערע טעמעס, האָבן זיי ייד אָנגעהויבן נאכ-

פרעגן נאָך זיינע טעכטער. לוסיע איז געווען אין מאַרשיען, ווו זי האָט זיך מיט אירער אַ פריינדין איינגעאיבט אין גע-זאַנג; זשאַני האָט געמאָלן דעם קאָפּ פון אַן אַלטן בעטלער. דאָך האָט ער דאָס איבערגעגעבן מיט אַ צעשטרייטער מינע און האָט נישט אראָפּגעלאָזט קיין אויג פונם דירעקטאָר, וועלכער האָט זיך אַזוי שטאַרק פארטיפט אין דעם לייענען די דעפּעשן, אז ער האט אינגאַנצן פארגעסן אין זיינע געסט. היגטער די דאָזיקע דינע פּאַפּירן האט ער געפילט פּאַריז, די באַפעלן פון די באַלעבאַטעם, וועלכע מוזן אַנטשיידן דעם גורל פונם שטרייק.

ער האָט אויך נישט געקענט ארויפקומען צוריק אויף דעם וואָס אים האָט אינטערעסירט.

— און וואָס וועט איר אַלזאָ טון? האָט ער פּלוצים אַ פרעג געטון.

דער האַנעבאָ האָט אויפגעציטערט און געגעבן אַן אויס-מיידנדיקן ענטפער.

— מיר וועלן זעען ווי עס וועט זיך ווייטער אַנטוויקלען.

— אָן שום ספק! איר שטעט אויף געזונטע פיס, איר קענט וואַרטן, האט דענעאולין אנגעהויבן הויך צו דענקן. אבער איך בין רואינירט, אויב דער שטרייק וועט זיך פאַרשפּרייטן אויך אויף וואַנדאַם. וואָס קומט מיר ארויס פון דעם וואָס איך האָב צוריק באַנייט זשאַן-באַרט, ביי די גרובן קען איך נאָר שטיין ביי אַן אומאויפהערלעכער פּראָדוקציע.. אָה, איך פאַר-זיכער אייך, אַז איך בין איצט נישט גאָר אין קיין יומטובדיקע שטימונג!

די דאָזיקע אָפנהערציקע ווידוי האָט האַנעבאָ איבערראַשט. ער האָט זיך גוט צוגעהערט און אין זיין קאָפּ איז אויפגעשווימען אַ נייער פּלאַן: פארוואָס זאָל מען טאַקע נישט, אויב דער שטרייק וועט זיך פאַרשפּרייטן, דערפון ציען אַ נוצן און דער-פירן דעם שכן ביז רואין, כדי דערנאָך אָפּצוקויפן ביי אים זיין קאָנצעסיע פאַר אַ קלייניקייט? דאָס וואָלט געווען דאָס זיכערסטע מיטל ווידער צו פאַרבעסערן די באַציאונגען פון דער

קאַמפּאַניע צו אים, וועלכע וויל שוין פון יאָרנלאַנג ארייננעמען וואַנדאַם אין אירע הענט.

— ווען זשאַן-באַרט איז פאר אייך אַזוי אומבאַקוועם, פאַרוואָס פאַרקויפט איר עס נישט אונדז? האָט ער זיך אנגערופן לאַכנדיק.

נאָר דענעאולין האט שוין חרטה געהאט אויף זיין באַקלאָגן זיך.

— אזוי לאנג ווי איך לעב! האָט ער אויסגעשריגן. מען האָט געלאכט פון זיין צאָרן, און ווען מען האָט דערלאנגט דעם דעסערט האָט מען שוין געהאט כמעט ווי פארגעסן אין שטרייך. א עפּל-טאָרט האט ארויסגערופן אן אלגעמיינעם בייפאל. פּרוכטן, וויינטרויבן און בארן האָבן פארענדיקט דעם רייכן פרישטיק, אלע זענען געווען אין א פרייליכער שטימונג און מ"ן האט זיך גוט אונטערגעהאלטן, אין דער צייט ווען דער דינער האט געהאלטן אין איין פאָרלעגן שאמפאן אדער רהיינוויין.

אין די פארלויבונג פון נעגרעלן מיט סעסעלן איז ביי דעם געמיטלעכן דעסערט אוועק א שריט פאָראויס. די מומע האט אים צוגעווארפן א זעלכע דורכדרינגענדיקע בליקן, אז ער איז געוואָרן זעהר ליבעסווירדיק און מיט זיין שמייכלענדיקן אויסזעען צוריק געווינען חן אין די אויגן פון די גרעגוארס, וועלכע זענען געווען איבערגעשראָקן צוליב דער מעגליכקייט פון אַרויבאָנפאל. איין אויגנבליק האט זיך אין האַנעבאָס האַרץ ווידער אויפגעוועקט דער עקלהאפטער חשד וועגן געהיימע באַציונגען צווישן זיין פרוי אין זיין פלימעניק און ער האט געגלויבט צו דערקענען אין דעם בליקן-אויסטויש אַ שטומע פאַרשטענדניש, נאָר עס האט אים ווידער באַרויקט דער חתונה-פּראָיעקט, וועלכן די פרוי זיינע האָט אזוי שטארק זיך באַמיט עס זאָל צושטאַנד קומען. היפּאָליט האט יעדן דערלאנגט די קאַווע, ווען די קאמער פרוי איז אַן איבערראַשטע אריין אין צימער.

— הער דירעקטאר! הער דירעקטאר! זיי זענען דאָ! עס איז געווען די דעלעגאַציע.

מען האָט געהערט ווי טירן עפענען זיך און פאַרשליסן זיך. אַ שרעק האָט געווייט פון די שכנותדיקע צימערן.

— פירט זיי אַריין אין סאַלאָן! — האָט געזאָגט די האַנעבאַ.

די געסט אַרום דעם טיש האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט פאַרזאָרגטע בליקן. אַלע האָבן געשוויגן. באַלד אָבער האָט מען ווידער געוואָלט אָנהייבן צו שפּאַסן: מען האָט געוואָלט דעם צוקער אָפּרוימען, דעם זילבערנעם קרעדענץ ערגעץ פאַרבאַלטן, דער דירעקטאָר אָבער איז געבליבן ערנסט און דאָס לאַכן האָט פאַרשטומט. די הויכע קעלער האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פליסטערן, גלייך ווי מען זאָל די שווערע טריט פון די דעלעגירטע, וועלכע מען האָט אַריינגעלאָזט אין סאַלאָן אַריין, פאַרנעמען דאָ אויפן טעפּיך.

איך האָף, אַז איר וועט צוערשט אויסטרינקען אייער קאַווע, — האָט פרוי האַנעבאַ שטיל געזאָגט צו איר מאַן.

— געוויס! — האָט ער אָפּגעענטפערט, זיי מעגן וואַרטן! אַ נערוועזער אומרו האָט אים באַהערשט, ער האָט זיך איינגעהערט אין יעדער גערויש, כאָטש דעם אָנשטעל האָט ער געמאַכט, גלייך ווי ער איז גאָר פאַרנומען מיט זיין קאַווע.

פּאַאול און סעסיל האָבן זיך אויפגעהויבן און ער האָט איר געלאָזט אַ בליק טון דורך דעם שליסל־לאָך. זיי האָבן זיך געשטיקט פון געלעכטער און געגרעדט זער שטיל.

— זעט איר זיי?

— יאָ, איך זע איין גרויסן און הינטער אים צוויי קליינע.

— נו? זעען זיי אויס שרעקלעך?

— אָ, ניין זיי זעען אויס זייער איידל.

פּלוצים האָט זיך הער האַנעבאַ אויפגעהויבן און דערקלערט, אַז די קאַווע איז צו הייס, ער וועט זי שוין שפּעטער טרינקען. אַרויסגייענדיק, האָט ער אַרויפגעלייגט דעם פינגער־

אויפן מויל צו דערמאָנען די געסט זיי זאָלן זיין פאַרזיכטיק. אלע זענען געבליבן זיצן שווייגנדיק ביי דעם טיש, נישט וואַגנדיק צו אָטעמען, און זיך צוגעהערט געשפּאַנט צו די רויע מענער שטימען, וועלכע האָבן דערוועקט אין זיי אן אומצופרידנהייט.

II

אַ טאָג פריער האט מען אויף אַ פאַרזאַמלונג ביי ראַסענערן אויסגעוויילט עטיענען און נאָך אייניקע קאָלעגן אלס דעלעגירטע, וועלכע דאַרפן זיך דעם נעכסטן טאג צונויפרעדן מיטן דירעקטאָר. דער זייגער איז געווען צוויי, ווען זיי זענען אַריינגעקומען צום דירעקטאר. דער דינער האט זיי געהייסן וואַרטן און האט פאַרשלאָסן הינטער זיי די טיר. ווען ער איז צוריקגעקומען, האט ער זיי אַריינגעפירט אין סאַלאָן אַריין, וווּ ער האט די גארדינען אויפגעהויבן. עס איז אריבער א פּאָר מינוט און די אַרבעטער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו פילן אומבאַקוועם אין די מיט לוקסוס איינגעאָרדנטע צימערן, נאָר באַלד איז אַריינגעקומען דער דירעקטאר; זיין ראָק איז געווען מיליטעריש פאַרשפּילעט אין דער רויטער באַנד פונם עהרנלעגיאָן איז געווען פאַרשטעקט אין לאָך פון קנאָפּ.

— אה! דאס זענט איר... איר בונטעווט עס, ווי עס שיינט...

ער האט איבערגעהאקט, כּדי מיט שטייפער העפלעכקייט צו צוגעבן:

— זעצט אייך! איך בין גערן גרייט אייך אויסצוהערן.

די ארבעטער האָבן זיך אויסגעדרייט, זוכנדיק מיט די בליקן ווו זיך אַנידערצוזעצן. אייניקע האָבן זיך געוואגט צו זעצן, אין דער צייט ווען די אנדערע האבן שרעקעוודיק באַטראַכט דאס זיידענע צייג פון די שטילן און געבליבן שטיין.

אויגנבליק האבן אלע געשוויגן. הער האַנעבאָ, וועלכער האט זיין שטיל אָוועקגעשטעלט נעבן קאַמין, האט זיי אלע גוט באַטראַכט און זיך געפלייסט צו דערמאנען זייערע

וזיכטס־שטריכן. ער האט דערקענט פיעראַנען, וועלכער האט זיך פארשטעקט פון הינטן, און זיינע בליקן זענען געבליבן הענגען אויף עטיענען, וועלכע איז געזעסן געגנאיבער אים.

— נו, — האט ער אָנגעהויבן, וואס האט איר מיר צו זאגן? ער האט ערוואַרט, אַז דער יינגערמאן וועט נעמען דאס וואָרט, און ווען ער האט דערזעען ארויסטרעטן פאר זיך מאהען, איז ער געוואָרן אזוי איבערגעראַשט אז ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן נישט אויסצורופן:

— וואס? איר, אַגוטער ארבעטער, וועלכער איז שטענדיק געווען אזוי מיושבדיק, אַן אלטער תּושב פון מאנטסו, וועמענס פאמיליע עס אַרבעט נאָך פון צייט די גרובן האָבן זיך געעפנט!.. אָה! דאס איז אַ שאָד! עס טוט מיר לייד וואס איך זע אייך אין דער שפּיץ פון די אומצופרידענע! מאהע האט אים אויסגעהערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. דערנאָך האט ער אָנגעהויבן און זיין שטימע האט צוערשט אויסגעזעען טעמפּ און וואַקלדיק:

— הער דירעקטאר, טאקע דערפאר, וואס איך בין אַ רויקער מאן און מען האָט מיר גאָרנישט וואס פאָרצוּוואַרפן, האָבן מיר מיינע קאָלעגן אויסגעוועלט. דאס דארף איך באַווייזן, אז מיר זענען נישט קיין בונטאָווטשיקעס, צעשטערער, אָדער מענטשן וואס ווילן סתם אריינברענגען אַן אומאָרדנונג. מיר פארלאנגען באָר גערעכטיקייט, מיר ווילן שוין מער נישט הונגערן און אונדז דאכט זיך, אז עס איז שוין צייט איינצואָרדנען אלץ אזוי, אז מיר זאָלן כאָטש וויינקסטנס ברויט האָבן אלע טאָג.

וואָס ווייטער ער האט גערעדט, אלץ פעסטער איז געוואָרן זיין שטימע. ער האט אויפגעהויבן די אויגן, אַריינגעקוקט דעם דירעקטאָר אין געזיכט און ווייטער גערעדט:

— איר ווייסט גאנץ גוט, אז מיר קענען נישט אָננעמען דעם נייעם טאַריף... מען באַשולדיקט אונדז, אז מיר פאַרבויען שלעכט. עס איז אמת, מיר געבן אָפּ צו דער ארבעט ווייניק צייט. ווען מיר זאָלן אָבער אָפּגעבן מער, וואָלט אונדזער טעגלעכער פארדינסט אויסגעטראָגן נאָך ווייניקער, און היות ווי

מיר קומען אזוי אויך קוים אויס, וואלט שוין דעמאָלט געווען די ענדע, און אייערע ארבעטער וואָלטן אומגעקומען. באַצאָלט אונדז בעסער, וועלן מיר בעסער פאַרדינען, וועלן מיר מער צייט אָפּגעבן צו דער ארבעט, אנשטאט נאָר צו דענקען פון האַקן, די איינציקע ארבעט, וועלכע ברענגט עטוואָס אריין. קיין אנדער אויסוועג איז נישטאָ; די ארבעט, וואס ווערט געפאָדערט מוז באַצאָלט ווערן... וואס האט איר אָבער אנשטאט דעם אויסגעטראכט? עטוואָס אזוינס, וואָס וויל אונדז זיך אפילו נישט לעגן אויפן שכל! איר האט קלענער געמאכט דעם לוין פון די וועגעלעך און איר גלויבט אים צוריק אויסצוגלייכן דורך דעם וואס איר וועט באַצאָלן באַזונדער פאר דעם פארבויען. ווען דאס אפילו זאָל זיין אמת, וואָלטן מיר נאָך אלץ געווען די באַשוינדלטע, אָבער דאס איז גאָרנישט אמת און דאס רעגט אונדז אויף. די קאָמפּאניע גיט אונדז גאָרנישט קיין אנטשעדיקונג און שטעקט פּשוט אַראָפּ צו זיך אין קעשענע צוויי סאנטים פון יעדן וואגן. דאס איז עס!

— יאָ, יאָ דאס איז דער אמת, האָבן צוגעפּליסטערט די איבעריקע דעלעגירטע, דערזעענדיק ווי האַנעבאָ מאכט אַ בייזע מינע און וויל איבעררהאַקן מאהען.

איבעריגנס האט מאהע אַליין נישט געלאָזט דעם דירעקטאר קומען צום וואָרט. איצט איז ער געווען אין גאַנג, די ווערטער זענען אים אַליין געקומען אין מויל אריין. ער האט גערעדט פון דער אַלגעמיינער נויט, פון דער שווערער ארבעט, פון דעם עלענדן לעבן, פון די פרויען און קינדער, וואס שרייען אין דער היים נאָך ברויט. ער האָט באַרעכנט דעם קליינעם לוין, וועלכן מען האט אויסגעצאָלט דאס לעצטע מאָל, פון וועלכן מען האט נאָך אַראָפּגענומען די שטראַפגעלדער; ער האט דערציילט דעם יאָמער, וואס איז געוואָרן אין די שטיבער, ווען מען איז מיט אַזעלכע סומעס אַהיימגעקומען. ווייל מען זיי טאקע אינגאנצן אומברענגען?

— מיר זענען אַלזאָ געקומען, הער דירעקטאָר, איז ער געקומען צום אויספיר. אייך צו דערקלערן, אז אויב אונדז

קומט אויס טאַקע אומצוקומען פון הונגער, ווען מיר שוין בעסער אומקומען ביי גאָרנישט טון. דעמאָלט וועט עס ווייניקסטנס זיין אָן מוטשעניגע... מיר האָבן פאַרלאָזט די גרובן און מיר וועלן זיך נישט צוריק אומקערן ביז די קאָמפּאַניע וועט נישט אָננעמען אונדזערע באַדינגונגען. איר ווילט דעם לוין פון די וואַגאָנס פאַרקלענערן און פאַר דעם פאַרבויען באַזונדער באַצאָלן, און מיר ווילן, אַז אַלץ זאָל בלייבן אַזוי, ווי עס איז געווען און אויסער דעם ווילן מיר, אַז מען זאָל אונדז מוסיף זיין אויף דעם וואָגן פינף סענטים... איצט הענגט עס אָפּ אין אייך צו דערווייזן, צי איר זענט פאַר אַ גערעכטער אַרבעטס-לוין.

צווישן די אַרבעטער האָבן זיך אויפגעהויבן שטימען פון צושטימונג.

— אַזוי איז עס!.. ער האָט געזאָגט דאָס, וואָס מיר אַלע קלערן... מיר פאַרלאַנגען נאָר דאָס, וואָס אונדז קומט. אַנדערע ווידער האָבן נאָר שטיל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זיי האָבן שוין מער נישט געזען דאָס פאַרשווענדעריש איינגע-ריכטעטע צימער מיט די גאָלדענע באַצירונגען און זיידענע שטיקערייען; זיי האָבן שוין מער נישט געפילט דעם טעפּיך, וועלכן זיי האָבן געטרעטן מיט די שווערע שטיוול.

— לאָזט מיר שוין אויך קומען צום וואָרט, האָט אויס-געשריגן הער האַנעבאָ, וועלכער האָט שוין אָנגעהויבן ווערן בייז. ערשטנס איז עס נישט אמת, אַז די קאָמפּאַניע פאַרדינט צוויי סאַנטים אויפן וואָגן... לאָמיר באַרעכענען!

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ הייסע דיסקוסיע. כדי אַרויס-צורופן אַ שפּאַלטונג צווישן זיי, האָט דער דירעקטאָר זיך גע-ווענדעט צו פּיעראַנען, נאָר דער האָט נאָר אַרויסגעשטאַמלט אַ פּאָר ווערטער און פאַרשווונדן הינטער די איבעריקע. איינער פון די הויפּט שרייער איז געווען לעוואַק, וועלכער האָט געבראַכט פאַרשידענע אַרגומענטן און באַהויפּטעט אַ זעלכע זאַכן, וואָס ער אַליין האָט נישט פאַרשטאַנען.

— אַז איר וועט רעדן אַלע צוזאַמען, — האָט געזאָגט האַנעבאָ, וועלן מיר קיינמאָל נישט קומען צו קיין פאַרשטענדיקונג.

ער האט צוריק באַקומען זיין רו, וועלכע איז געווען פריי פון יעדער ביטערקייט, די קאַלטע העפלעכקייט פון אַ באַאַמטן, וועלכער האט זיינע אינסטרוקציעס דערהאַלטן און ווייסט ווי צו שאפן צו זיי אַכטונג. פון די ערשטע ווערטער האט ער שוין עטיעגען פון אויג נישט פאַרלוירן און זיך געפלייסט דעם יינגערמאן, וועלכער האט די גאַנצע צייט געשוויגן, באַוועגן צום רעדן. פלוצים האט ער דעם שטרייט אַרום די צוויי סאַנטים איבערגעהאַקט און די פארהאנדלונגען געגעבן אַ גאנץ נייע ווענדונג.

— זאָגט זיך אָפּן ארויס, האט ער אויסגערופן, איר לאָזט זיך באַאיינפלוסן דורך אומווירדיקע אנרעגונגען! אן עפּידעמיע גייט איצט ארום אין די ארבעטער-קרייזן און שטעקט אָן די בעסטע... אָ, איר דאַרפט מיך נישט קלוג מאַכן, איך זע עס דייטלעך, אז איר, וועלכע איר זענט פריער געווען אַזעלכע רויקע מענטשן, זענט מיט אַמאָל געוואָרן אזוי פאַרענדערט. נישט אמת, מען האָט אייך מער פוטער, ווי ברויט, צוגעזאָגט, מען האָט אייך געזאָגט, אז איצט איז געקומען אייער ריי צו שפּילן די ראָל פון באַלעבאַטים?.. געוויס האט מען אייך אין דעם שענדלעכן אינטערנאַציאָנאַל ארייגעצויגן, אין דער רויבער באַנדע, וועלכע טרוימט נאָר פון צערשטערונג...

איצט איז אים עטיען אַריינגעפאַלן אין די רייד.

— איר האט אַ טעות, הער דירעקטאר! קיין איין ארבעטער פון מאנטסו האט ביז אַהער נישט געהערט צו דעם אינטערנאַציאָנאַל. אָבער ווען מען וועט דערצו ברענגען, וועלן זיך אַלע גרובן אין אים אָנשליסן. דאָס הענגט אָפּ פון דער געזעלשאַפט.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אן אייצנל-קאַמף צווישן הער האנעבאָ און אים, גלייך ווי די איבעריקע זענען גאָרנישט דאָ אנוועזנט.

— די קאָמפּאַניע זאָרגט פאר אירע ארבעטער, עס איז אן אומרעכט פון אייער זייט איר צו דראָען. אין דעם יאָר האט זי אויסגעגעבן דריי-הונדערט-טויזנט פראנק אויף צו בויען

ארבעטער-וווינונגען, וועלכע טראָגן נישט אריין קיין צוויי פּראָצענט אפילו. איך רעד שוין גאָרנישט פון די פּענסיאָנען, פון די קוילן און מעדיציניש הילף, וואס זי שטעלט אייך צו אינגאַנצן אָן געלט... איר זעט אויס צו זיין אן אינטעליגענטער מאַן און איר האָט אין עטלעכע חדשים שוין באַוויזן צו ווערן איינער פון אונדזערע בעסטע ארבעטער. וואָלט דען נישט בעסער געווען, אז איר זאָלט אַזעלכע אמתן פאַרשפרייטן צווישן אייערע קאָלעגן, אנשטאט צו פאַרקערן מיט מענטשן וועלכע האָבן אזא שלעכטן נאָמען? יאָ, איך רעד פון ראַסענערן, וועלכן מיר האָבן געמוזט אָפּזאָגן, כדי אונדזערע גרובן צו פאַרהיטן פון דער אנשטעקונג דורך דער סאָציאַליסטישער פוילעניש... מען זעט אייך שטענדיק ביי אים און ער האָט אייך זיכער אָנגערעדט צו גרינדן די דאָזיקע הילפסקאַסע, וועלכע מיר האָבן געדולדעט אזוי לאַנג, ביז מיר האָבן געמיינט, אז זי איז נאָר אַ שפּאָר-קאַסע, אָבער אין וועלכער מיר האָבן איצט דערקענט אַ געווער קעגן אונדז, אַ רעזערוו-פאָנד צו דעקן די קריגס-אָפּעראַציעס קעגן אונדז. איך מוז דעריבער, דרך-אגב, באַמערקן, אז די קאָמפּאַניע פאָדערט איבערצוגעבן איר די קאָנטראָלע איבער דער קאַסע.

עטיען האָט אים די גאַנצע צייט געלאָזט רעדן. ביי די לעצטע ווערטער האָט ער אַ שמייכל געטון און רויק אָפּגעענטפערט:

דאָס איז אַלזאָ אַ נייע פאָדערונג, ווייל ביז אַהער האָט דער דירעקטאר די קאָנטראָל נאָך נישט געפאָדערט... אונדזער ווונטש איז, ליידער, אז די קאָמפּאַניע זאָל זיך וואָס ווייניקער אינטערעסירן מיט אונדזערע אנגעלעגנהייטן און אנשטאַט צו שפּילן די ראָלע פון אונדזערע פאַרזאָרגערין, בעסער דערפילן אונדזערע גערעכטע פאָדערונגען און גיבן אונדז דאָס, וואס אונדז קומט. איז עס דען אן אנשטענדיקע אַרט האַנדלונג ביי יעדער קריזיס אויסצושטעלן אויף הונגער-טויט אלע ארבעטער, כדי צו ראטעווען די פארדינסטן פון די אקציאָנערן?.. דער הער דירעקטאָר קען זיך זאָגן וואָס ער וויל, אָבער ער

גייער טאַריף, איז דאָך נישט מער, ווי אַ פאַרבאַרגענע פאַרקלענערונג פונם אַרבעטס-לוין, און דאס איז עס, וואס אונדז צערייצט אזוי, ווייל ווען די קאָמפּאַניע איז געניטיקט צו מאַכן אַ געוויסע שפּאָרזאמקייט, איז עס זער מיאוס פון איר זייט, ווען זי וויל אָט די שפּאָרזאַמקייט פאַרווירקלעכן נאָר אויף די קאָסטן פון דעם אַרבעטער.

— אַה! דאָ האַלטן מיר אַלזאָ! — האט אויסגערופן הער האַנעבאַ. אויף דעם וואַרט איך נאָר, אויף דער באַשולדיקונג, אז מיר לאָזן די ארבעטער הונגערן, אין דער צייט, ווען מיר ווערן פעט פון זייער שוויס! ווי קענט איר גאָר אזא אומזין רעדן, איר מוזט דאָך וויסן, מיט וואס פאר אַ גרויסער ריזיקע מען לעגט היינט אַריין דעם קאַפּיטאַל אין יעדער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג! די פּאָלשטענדיקע איינריכטונג פון אַ קוילן-גרוב פאָדערט היינט ביז צוויי מיליאָן פראנק, און וויפיל מי קאָסט, ביז וואנען אַזא סומע ברענגט אַריין כאָטש מיטלמעסיקע צינזן! כמעט אַ העלפט פון היינטיקע גרובן-געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך שטעען איצט פאר באנקראָט... און סוף-כל-סוף איז עס אומזיניק די, וועלכע האבן יאָ דערפאָלג, צו באַשולדיקן אין אכזריות. ווען זייערע אַרבעטער ליידן, ליידן זיי אויך. צי גלויבט איר אז די געזעלשאַפט האט נישט אזוי פיל צו פארלירן אין דעם איצטיקן קריזיס ווי איר?

דאָס באַשטימען פונם לוין הענגט נישט אָפּ פון איר, זי מוז זיך אונטערגעבן דער קאָנקורענץ, אויב נישט גייט זי צו גרונט. איר קענט זיך באַקלאָגן אויף די היינטיקע געשעפטן אין אַלגעמיין, נישט אויף איר... אָבער איר ווילט דאס אַלץ נישט הערן, איר ווילט דאס נישט פאַרשטיין!

— אָה! האָט אויסגערופן דער יינגער מענטש, מיר פאַרשטייען גאַנץ גוט, אז אונדזער לאַגע קען זיך נישט פאַרבעסערן אזוי לאַנג ווי אַלץ וועט בלייבן אזוי ווי ביז אַהער, דערפאַר טאַקע וועלן שוין די ארבעטער זיך זאָרגן דערפאַר, אז עס זאָל און איין שענעם טאָג ווערן אנדערש.

די דאַזיקע ווערטער זענען ארויסגעזאָגט געוואָרן שטיל

און אין אַ זער באַשיידענער פֿאָרם, דאָך אין אַזאַ איבערצייגנדיקן טאָן, אין וועלכן עס האָט אַ ציטער געטון אַ שטילע דראָהונג, אַז נאָך זיי האָט אַ שטיקל צייט געהערשט אַ שטילשווייגן. די איבעריקע דעלעגאַטן האָבן די ווערטער נישט אַזוי גוט פֿאַרשטאַנען, דאָך האבן זיי געפֿילט, אַז זייער חבר רעקלאַמירט דאָ זייער אַנטייל אין דעם זאַטערן רייכערן לעבן און זיי האָבן געוואָרפֿן גנבהשע בליקן אויף די דיקע פֿאָרהאַנגען, אויף די באַקוועמע שטילן, אויף די אַלע לוקסוס-געגנשטאַנדן, וואָס נאָך דער קלענסטער פֿון זיי וואָלט זיי שוין גענוגטצו באַזאָרגן זיך אויף אַ גאַנצן חודש מיט זופּן.

הער האַנעבאַ, וועלכער איז געזעסן פֿאַרקלערט, האָט זיך ענדלעך אויפֿגעהויבן זיך צו שיידן. אַלע האָבן געפֿאָלגט זיין בייַשפּיל. עטיען האט מאהען לייכט אַ שטויס געטון ביי דעם עלנבויגן, און דער האט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן, נאָר דאס מאָל שוין שווערער אונאומבאַהאָלפֿן:

— דאס איז אַלזאַ אַלץ, וואס איר האט אונדז צו זאגן, הער דירעקטאָר... מיר וועלן דאַריבער דערקלערן אַלע אונדזערע חברים, אַז איר האט אונדזערע פֿאָדערונגען אָפּגעוואָרפֿן.

— איך, מיין ליבער, האט אויסגערופֿן דער דירעקטאר, וואַרף גאָרנישט אָפּ!.. איך בין דערזעלבער אָנגעשטעלטער ווי איר און האב דאָ אַזוי פֿיל צו זאָגן, ווי איינער פֿון אייערע וואָגן-יינגען. מען גיט מיר אָנווייזונגען און מיין אויפֿגאַבע איז נאָר זיי פּינקטלעך אויסצופֿירן. איך האָב אייך געזאָגט דאס, וואָס איך גלויב, אַז איך דאַרף אייך זאָגן, אָבער ענדגילטיק צו אַנטשיידן דעם ענין, דאס נעם איך נישט אויף זיך... איר האָט מיר פֿאָרגעשטעלט אייערע פֿאָדערונגען, איך וועל זיי איבערגעבן דער לייטונג און דעמאָלט אייך זאָגן איר תשובה.

עטיען האט זיך פֿונסניי אָנגערופֿן:

— איר זעט, הער דירעקטאר, עס איז זייער צום באַדויערן, וואס מיר קענען נישט אונדזער זאַך אַליין פּערזענלעך פֿאַרטרעטן. מיר וואָלטן עס שוין ווי עס איז נישט איז דערקלערט,

געבראַנגט אַזעלכע באַווייזן, וועלכע איר וועט זיכער פאַרזעען. ווען מיר זאָלן נאָר וויסן צו וועמען מיר האָבן זיך צו ווענדן...

הער האַנעבאַ איז נישט געוואָרן בייז, ער האָט זאָגאַר געשמייכלט:

— יאָ, ווען איר האָט צו מיר נישט קיין צוטרוי, וועט די זאַך נאָר ווערן מער קאָמפּליצירט... אויב אַזוי דאַרפט איר זיך ווענדן דאָרט אַהין פון אונטן.

די בליקן פון די דעלעגאַטן האָבן זיך געוווענדעט אין דער ריכטונג אין וועלכער ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט.

ווו געפינט זיך דער „אונטן"? זיכער פּאַריז. נאָר אויף קלאָר האָבן זיי דאָס נישט געוווּסט. ער האָט זיך פאַרלוירן אין דער ווייטער, אומצוגענגלעכער, הערלעכער געגנט, וועלכע עס האָבן באַוווינט די אומבאַקאַנטע געגנט. זיי האָבן אים קיינמאָל נישט געזעען, זיי האָבן אים נאָר געפילט אין דעם כּוח, אין דער קראַפט, וועלכע האָט פון דער ווייט געדרוקט די צענטויזנט אַרבעטער פון מאַנטסו. און ווען דער דירעקטאָר האָט גערעדט, איז הינטער אים געווען פאַרבאָרגן די קראַפט.

אַלע האָבן אָנגעוווירן דעם פריערדיקן קוראַזש. עטיען אַליין האָט אַ צי געטון מיט די אַקסלען, אַלס סימן, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען שוין צו גיין, אין דער צייט ווען הער האַנעבאַ, האָט פריינטלעך אַ קלאַפּ געטון מאַהען אין די פּלייצעס און זיך נאָכגעפרעגט נאָך יעאַנלינס געזונט-צושטאַנד.

— דאָס איז געווען אַ שווערע לעקציע און דאַך זענט איר פון די, וואָס באַשיצן דאָס שלעכטע פאַרבויען!.. איר וועט זיך באַקלערן, מיינע ליבע, וועט איר זעען, אַז אַ שטרייק, דאָס איז אַן אומגליק פאַר אַלע. אין פאַרלויף פון איין וואָך וועט איר שוין שטיין נאָענט פאַר אַ הונגער. וואָס וועט איר דעמאָלט טון?.. איך פאַרלאָז זיך איבעריקנס אויף אייך אַליין און איך בין איבערצייגט, אַז איר וועט שפּעטסטנס מאַנטיק .ווידער זיך שטעלן צו דער אַרבעט.

אלע זענען אַוועקגעגאַנגען. זיי האבן פארלאזט דעם סאַלאָן, טופנדיק מיט די פיס ווי אַ סטאַדע שעף און מיט געזינקענע קעפ. אויף דער האָפענונג פונם דירעקטאר, אז זיי וועלן זיך אינגיכן אונטערגעבן האט קיינער גארנישט געענטפערט.

דער דירעקטאר, וועלכער האט זיי באַגלייט, האט געהאַלטן פאר זיין חוב צו רעזומירן דעם גאַנצן שמועס: פון איין זייט האַלט זיך די קאמפאַניע פעסט ביי איר נייעם טאַריף, פון דער צווייטער זייט פאדערן די אַרבעטער נאך אַ לוין־העכערונג פון פינף סאנטים אויף אַ וואגן. כדי צו צושטערן יעדע אילוזיע, האט ער געגלויבט, זיי צו מאכן פריער אויפמערקזאם אויף דעם, אז די קאמפאניע וועט זייערע פאדערונגען זיכער אפוואַרפן.

— באַקלערט אייך, ווייל איר באַגייט נאַרישקייטן! — האט ער איבערגעחזרט, ווערנדיק אומרויק פון זייער שווייגן.

אין פאדער־הויז האט זיך פיעראן טיף פארנייגט, אין דער צייט ווען לעוואק האט אַרויספאדערנדיק אנגעטון די היטל, מאהע האט נאך געוואלט עפעס זאגן, נאר עטיען האט אים ווידער אַ צי געטון ביי דעם עלנבויגן, און אלע האבן זיך דערוויטערט אין אַ דראעענדיק שווייגן. מיט אַ רויש איז הינטער זיי צוגעפאלן דער טויער צום שלאס.

ווען הער האנעבא איז צוריק אריינגעקומען אינם עסצימער האט ער זיינע געסט געטראפן זיצן שוויגנדיק אין אַ באוועגונג פאר די ליקיער־גלעזער. אין אייניקע ווערטער האט ער איבערגעגעבן דעם אינהאלט פון די אונטערהאנדלונגען דענעאולינען, וועמענס געזיכט עס איז געווארן אינגאנצן פינצטער. ווען ער האט געטרינקען זיין קאַלט געווארענע קאווע האט ער געפרווט אפצווענדן דעם שמועס אויף אן אנדערע טעמע, אבער די גרעגוארס זענען אלעמאל צוריק געקומען אויף דעם שטרייק און זיי האָבן אויסגעדרוקט אַ טיפע פאַרוונדערונג, פאַרוואָס עס איז נישטאָ קיין געזעצן, וועלכע זאָלן פאַרווערן די ארבעטער צו שטרייקן. פאאול האט מיטגעטיילט סעסילן, כדי איר צו באַרויקן, אז מען ערוואַרט אינגיכן דאס

אָנקומען פון פּאָליציי. ענדלעך האט פרוי האַנעבאַ צוגערופן דעם דינער:

— היפּאָליט, איידער מיר גייען אַריין אין סאַלאָן, עפן אויף די פענצטער און לאָז אַריין פרישע לופט!

## III

עס זענען פאַריבער פערצן טאָג און מאָנטיק די דריטע וואָך האבן די קאָנטראַ-צויגן, וועלכע עס האבן איינגעפירט די דירעקציע, אָנגעוויזן אויף אַ נייע פאַרקלענערונג פון דער צאָל אַרבעטער, וועלכע זענען נאָך געשטאַנען ביי דער אַרבעט. מען האָט געהאָפט, אז אין דעם טאג וועט די אַרבעט צוריק אנהייבן גיין, נאָר די נישט נאָכגיביקייט פון דער דירעקציע האט אַלע אַרבעטער אַריינגעבראַכט אין פאַרצווייפלונג. דער פאָרעי גרע-וועסער, מירו, מאַדעלעין זענען שוין נישט געווען די איינציקע גרובן, וואס האָבן געפייערט; אין לאַ-וויקטואַר און אין פּעטרי-קאַנטעל האט קוים אַ פערט חלק געאַרבעט, און אפילו אויף סענט-טהאָמאַס האט זיך דער שטרייק פאַרשפּרייט און איז פּאַמעלעך איבערגעגאַנגען אין אן אַלגעמיינעם שטרייק.

אין דעם פאָרהויף פון פאָרעי האָט געהערשט אַ שווער שטילשווייגן. אויך דאָס אַרבעטער דאָרף האָט אויסגעזען ווי אויסגעשטאָרבן. פון ליל האָט אַהערגעאיילט דער פּרעפעקט און זשאַנדאַרמען האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן, נאָר אַזוי ווי די שטרייקנדיקע האָבן זיך פאַרהאַלטן זעהר רוהיק, האָט דער פּרעפעקט מיט די זשאַנדאַרמען זיך צוריק אַהיימגעקערט. נאָך קיינמאָל נישט האָט דאָס דאָרף געגעבן אַזא שיינעם ביישפּיל. די מענער, כּדי אויסצומיידן דאָס גיין אין די שענקן, זענען גאַנצע טעג געשלאָפן; די פרויען האָבן ווייניקער קאַווע געטרינקען, געוואָרן ווייניקער באַרעדעוודיק און קאָמפּסלוסטיק, אפילו די קינדער, האָט אויסגעזען, האָבן אויך געהאט פאַרשטענדניש פאַר דער לאַגע, זיי זענען אַרומגעלאָפן באַרפעס און האָבן זיך אַרומגעריסן שטיל, נישט אַנמאַכנדיק קיין גערויש. דאָס וואָרט

אָרדנונג איז אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל, מען האָט זיך געפלייסט נישט צו פאַרשולדיקן אין גאָרנישט.

דאָס הויז פון די מאַהעס איז קיינמאָל נישט געווען ליידיק, מען האָט געהאַלטן דאָרט אין איין קומען און אַוועקגייען, עטיען אַלס סעקרעטאַר האָט די דריי טויזנט פראַנק צעטיילט צווישן די נויטבאַדערפטיקע; עס איז אויך פון דער זייט אריינגעפאַלן אַ פּאָר הונדערט פראַנק, פון זאַמלונגען, נאָר היינט האָבן זיך שוין אויסגעשעפּט אַלע מיטלען און די אַרבעטער האָבן שוין מער נישט געהאַט די מעגלעכקייט ווייטער פאָרטזעצן דעם שטרייק; דער הונגער האָט שוין אנגעקלאַפּט אין די טירן. מעגראַט האָט צוערשט צוגעזאגט צו געבן קרעדיט אויף פערצן טעג, נאָר באלד האט ער זיך באַקלערט און נישט געוואָלט קיינעם באָרגן. ער האט גענומען אין אַכט די פאָדערונג פון דער קאָמפּאַניע, וועלכע האָט דורך דעם זיכער געוואָלט אויסהונגערן די אַרבעטער און זיי צווינגען זיך אונטערצוגעבן. ער האָט זיך, איבערגנס, באַנומען ווי אַ קאַפּריזער טיראַן, דאָך האָט ער אַ מאָל אויך געגעבן אויף באָרג, נאָר דאָס איז שוין געווען אָנבעלאַנגט אינם געזיכט פון דעם מיידל, וואָס איז צו אים געקומען. פאר אלעמען איז אָבער זיין טיר געווען פאַרמאַכט פאַר לאַ-מאהעד, אויף וועלכער ער איז נאָך בייז פאר קאַטערינען. כדי די מאָס פון ליידן און צרות זאָל שוין זיין איבערפולט איז נאָך געוואָרן אַ פראָסט אויף דער גאַס. און די פרויען האָבן מיט שרעק צוגעזען ווי די קוילן ווערן אַלע מאָל ווינציקער און געקלערט, אַז זיי וועלן שוין קיין קוילן נישט אנקוקן ביז די מאַנען וועלן זיך נישט צוריק שטעלן צו דער אַרבעט. אלזא נישט גענוג וואס מען הונגערט וועט מען נאָך דאַרפן פרירן אויך!

ביי די מאהעס האט שוין אלץ געפעלט. די לעוואקס האבן נאך געהאט וואס צו עסן, ווייל בוטעלופ האט זיי צוואַנציק פראנק אויסגעבארגט. פיעראנען האט קיין געלט נישט אויסגעפעלט, נאר מורא האבנדיק אז מען וועט קומען צו אים בארגן, האט ער זיך געמאַכט, גלייך ווי ער האט אויך נישט און

צוזאמען מיט אלע געבארגט ביי מעגראטן, וועלכער וואלט אויף לא-פיערצנס פארלאנג די גאנצע קלייט איר אין פארטוך ארייג־געשיט. פון שבת אָן איז מען שוין אין אסך שטיבער זיך גע־לעגט אָן אונט-ברויט. דאך, נישט קוקנדיק אויף דער שרעק־לעכער צייט, וועלכע מען איז געגאנגען אנטקעגן, האט מען קיינעם נישט געהערט זיך הויך קלאגן און אלע האבן רוהיק און מוטיק געפאלגט דעם ארויסגעשטעלטן לאזונג. אלעמענס הערצער האט אנגעפילט א טיפע האפנונג, א מין פרומער גלויבן, א בלינדער צוטרוי פון א גלויביק פאלק. פון זינט אָן מען האט זיי צוגעזאגט, אז עס דארף קומען א צייט פון גערעכטיקייט, זענען זיי געווען גרייט צו ליידן, כדי אויסצוקעמפן דאס אל־געמיינע גליק.

עטיען איז געווען דער פירער פון דער באוועגונג. פלו־כארט האט אים געהאלטן אין שרייבן איין בריוו נאך דער צווייטער, ווו ער האט זיך אליין אנגעמיט צו קומען קיין מאָנטסו, כדי אונטערצוגעבן די שטרייקנדיקע מוט אויף ווייטער. ער האט פארגעלעגט, אז עס זאל פארקומען ערגעץ א געהיימער פאר־זאמלונג, ווו ער וועט זיך פלייסן די ארבעטער צו געווינען פאר דעם אינטערנאציאָנאל, אויף וועלכן זיי האבן ביז א הער גע־קוקט מיט אומצוטרוי! עטיען האט מורא געהאט פאר אומרוען, דאך וואלט ער פלוכארטן שוין פונלאנג דערלויבט צו קומען, ווען נישט ראסענער, וועלכער האט זיך דעם אנטשלאסן אנט־קעגנגעשטעלט. נישט קוקנדיק אויף דעם גרויסן איינפלוס וואס ער האט געהאט אויף די ארבעטער, האט עטיען זיך דאך גע־מוזט רעכענען מיט דער מיינונג פון ראסענער, וועלכער האט נאך פאר זיין קומען פאר די ארבעטער פיל געלייסטעט און וועלכער האט נאך געהאט פיל אנהענגער. עטיען האט זיך דעריבער געוואקלט און נישט געוווסט וואָס ער זאל פלוכארטן ענטפערן.

אין דעם מאָנטיק, ארום צען פרי, איז ווידער אָנגעקומען אַ בריוו פון ליל. אין שטוב איז נאר געווען עטיען און לאַ־מאהעד. מאהע זייענדיק מיד פון גאָרנישט טון איז אוועקגע־

נאָגנעט כאַפּן פּיש! אז דאָס גליק וועט אים זאגן ער וועט באַפּן אַ פּאָר היבשע פּיש, וועט ער זיי פּאַרקויפן און פאר דעם געלט ברויט ברענגען. דער אלטער באָנעמאָר און דער קליינער יעאַנלין זענען אביסל ארויסגעגאנגען, כדי אויסצופּריוון זייערע פּיס; אין דער צייט ווען די קינדער זענען אוועקגעגאַנ־גען מיט אלצירן צו זאמלען דעם קוילן־שטויב, זיצנדיק פאר דעם קליינעם פייער, וועלכן מען האט שוין נישט געוואגט כסדר אונטערצוהאלטן, האט לאַ־מאַהעד געזויגן עסטעלען.

— איז עס גוטע בייסן? האט זי געפרעגט דעם יינגן מענטשן, ווען ער האט די בריוו צונויפגעוויקלט. וועט מען אונדז שיקן געלד?

ער האט אשאקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין, און זי האט פּאָרטגעזעצט:

— די וואך ווייס איך שוין נישט, ווי מיר וועלן עס דורכקומען... עס מוז אבער אזוי זיין. נישט אמת; ווער עס האט די גערעכטיקייט אויף זיין זייט, דער פילט זיך שטענדיק רוהיק, און ער מוז סוף־כל־סוף ארויס אלס דער שטארקערער?

זי איז איצט געווען פאר דעם שטרייק. אוודאי וואלט בעסער געווען, ווען מען וואלט געקענט די קאמפּאַניע צווינגען אויפצופירן זיך לויטן אמת, נישט אָפּשטעלנדיק די אַרבעט, נאר אזוי ווי מען האט זי שוין איינמאל אפגעשטעלט, דארף מען זי שוין נישט צוריק אנהייבן ביז מען וועט נישט דערפילן די גערעכטע פאדערונגען, שוין בעסער אויסצוגיין פון הונגער, איידער אַפילו אַן אנשטעל צו מאכן, אז מען איז נישט גערעכט, אין דער צייט ווען מען איז פּאָלקאָם גערעכט.

אין דער זעלבער מינוט האט זיך אויפגעעפנט די טיר און ביידע זענען געוואָרן שטום פון איבערראַשונג, ווען זיי האבן דערזעען קאטערינען אריינגיין.

זינט זי איז אנטלאָפן מיט שאַוואלן איז זי שוין מער אין דאָרף אריין נישט געקומען, זי איז געווען אין אזא גרויסער פארלעגנהייט, אז זי האט די טיר נישט צוגעמאַכט און אַ ציטערנ־

דיקע געבליבן שטיין ביי איר. זי האָט געהאפּט צו טרעפן די מאַמע אליין, נאר ביי דעם אנבליק פון דעם ייִנגן מאַן האט זי פארלוירן מיט אמאָל אַלע ווערטער, וועלכע זי האט זיך שוין געהאט צוגעגרייט אונטערוועגס.

— וואָס זוכסטו דאָ? האט אויסגעשריגן לאַ-מאַהעד זיך נישט אויפהייבנדיק פונם אָרט. איך וויל מער נישט וויסן פון דיר, גיי דיר דיין וועג!

קאַטערינע האט זיך געפלייסט צוריק צו געפונען די ווערטער.

— מאַמע, האט זי געזאגט, דא האָסטו קאַווע און צוקער... יאָ, פאַר די קינדער... גאַנצע שׂוָהן האָב איך פון זיי געקלערט...

זי האָט אַרויסגענומען אַ פונט קאַווע און אַ פונט צוקער און די פעקלעך אויף דעם טיש אַנידערגעלעגט. עס האט איר געשייניקט דער געדאנק אַז אין פארעי שטרייקט מען אין דער צייט, ווען אין זשאַן-באַרט האט זי אַרבעט, און זי האט געוואָלט אונטער דעם אויסרייד פון די קינדער מיט עפּעס מיטהעלפן די עלטערן. איר גוט האַרץ האט אבער דער מוטער נישט באַרוהיקט, וועלכע האט באַלד אפּגעענטפערט.

— אַנשטאַט אונדז צו ברענגען א מתנה וואָלסטו בעסער געקענט דאָ פארבלייבן און אונדז העלפן ברויט צו פארדינען!

זי איז ארויפגעפאַלן אויף איר מיט זידלערייען און זיך גריגער געמאַכט דאָס האַרץ דערמיט, וואָס זי האָט איר געזאָגט אין פנים אריין אַלץ, וואָס זי האָט וועגן איר גערעדט אין משך פונם גאַנצן חודש. צו זעכצן יאר שוין אנטלויפן מיט אַ מאַן, אין דער צייט ווען מען האט אַ פאמיליע, וועלכע ליידט נויט! אזא זאך קען נאָר טון די אויסגעלאַסנסטע טאָכטער! מען קען אמאָל מוחל זיין אויף אַ לייכטזיניקע האנדלונג, אבער אזא באַנעמען זיך קען אַ מוטער קיינמאָל נישט פארגעסן.

עטיען האט זיך אויפגעהויבן, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אז ער גייט פארריכטן דאָס פייער, ווייל ער האט נישט געוואָלט זיי שטערן זיך אויסצושמועסן. נאר זייערע ביידעס בליקן האבן

ויך באגעגנט, ער האט זי אויסגעפונען בלייך און אויסגע-מוטשעט, נאָר נאָך אלץ שען מיט אירע גרויסע קלאָרע אויגן און שטארק בלייך געוואָרענעם געזיכט. א זעלטן געפיל האט אים באהערשט, די שנאה צו איר איז פארשוואונדן און ער וואָלט זי נאר גערן געזען גליקלעך ביי דער זייט פון דעם, וועלכער האט באוויזן איר מער צו געפעלן ווי ער. זי אָבער האט אין זיינע צערטלעכע בליקן געזען נאָר מיטלייד, ער קען זי געוויס פאראכטן, ווען ער קען אזוי קוקן אויף איר. דאס האט איר אזוי צוזאמענגעפרעסט דאָס הארץ, אז זי איז געשטאנען כמעט שטיקנדיק זיך און האט נישט געקענט ארויסברענגען פון מויל קיין איין וואָרט אלס אנטשולדיקונג.

— דו האָסט רעכט, עס איז שוין בעסער, אז דו שווייגסט, האָט לא-מאהער ווייטער פאָרטגעזעצט, נישט ווערנדיק מיד. אויב דו ביסט געקומען צוריק דא צו פארבלייבן, טאָ קום א הער נענטער, אויב ווידער נישט, טאָ טראג זיך שוין אָפּ פונדאַנען און שעץ זיך גליקלעך וואָס איך קען מיר נישט אויפהייבן, א נישט וואָלט איך דיר שוין דיינס באצאָלט.

און גלייך ווי די דראהונג זאל שוין ווערן רעאליזירט, האט קאטערינע באקומען פלוצים פון הינטן אזא שטארטן שטויס מיט דער פיס, אז זי איז פון איבערראשונג און ווייטיק ארייג-געפלויגן אין מיטן שטוב.

שאוואל איז ארײן דורך דער אָפענער טיר און איז ווי א ווילדע חיה אנגעפאלן אויף איר. שוין פון אייניקע מינוט איז ער געשטאנען דרויסן און זיך צוגעהערט.

— אך, דו אויסוואורף! האט ער געברומט. איך בין דיר נאכגעגאנגען, איך האָב געוווּסט אז דו וועסט גיין אהער! דו האלטסט אים אלזאָ אויס? דו פארצוקערסט אים די קאווע מיט מיין געלט?

לא-מאהעד און עטיען זענען געווען איבערראשט און זיך נישט גערירט. מיט א צארנדיקע מינע האט שאוואל געטריבן קאטערינען צו דער טיר.

— ארויס פונדאנען, צו אלדי טייוול!

און ווען זי האט זיך פארשטעקט אין א ווינקל, האט ער זי אנגעכאפט ביי דער האנט און זי געשלעפט צו דער טיר. נאר ווען ער איז שוין געווען ביי דער טיר, האט ער זיך אויסגעקערט צו לא-מאהעד, וועלכע איז נאך געזעסן מיט עסטעלן אויף דער שטיל, און אויסגערופן:

— אז די טאכטער איז נישטא, האלט ער זיך אונטער מיט דער מוטער...

עטיען האט חשק געהאט אים אויסצופאטשן, נאר די מורא אויפצוועקן דאס גאנצע דארף מיט דעם געקריגעריי האט אים אפגעהאלטן פון ארויסצורייסן קאטערינען פון זיינע הענט. מיט בלוט-פארלאפענע אויגן זענען די ביידע מענער געשטאנען איינער אנטקעגן דעם אנדערן. די אלטע שנאה, דער לאנג אונטערדריקטער אייפערזוכט איז איצט געקומען צום אויסדרוק און עס האט זיך אויסגעדאכט, אז איינער וויל דעם צווייטן דערווארגן.

— נעם דיר אין אכט! — האט עטיען ארויסגעברומט פון צווישן די צונויפגעדרוקטע ציין. איך וועל דיר אפשינדן די הויט!

— פרווו! האט אפגעענטפערט שאוואל.

אייניקע מינוט זענען זיי אזוי געשטאנען איינער אנטקעגן דעם אנדערן אזוי נאענט, אז זיי האבן געפילט איינער דעם צווייטנס גליענדיקן אטעם, נאר קאטערינע האט אנגעכאפט איר געליבטן ביי דער האנט און אים געפרווט אוועקצושלעפן. זי האט אים געצויגן הינטערן דארף און אליין איז זי געלאפן נישט אויסדרייענדיק דעם קאפ.

— וואס פאר א גראבער יונג! — האט אויסגערופן עטיען פארהאקנדיק הינטער איס די טיר.

ער איז געווען אזוי אויפגערעגט, אז ער האט זיך געמוזט אנידערזעצן.

לא-מאהעד האט זיך נישט גערירט.

— ער איז א חזיר, — האט זי ענדלעך געזאגט. נאר

אַ שמוציקער חזיר קען אַזעלכעס פון מויל אַרויסברענגען ער איז גאָרנישט ווערט געווען, מען זאָל אים ענטפערן דאַרויף.

און נישט אָפּוועגדנדיק די בליקן פון דעם יינגען מאַן האָט זי ווייטער פאָרטגעזעצט:

— איך האָב מיר מיינע פעלער, דאָס איז זיכער, נאָר דאָס נישט... איך האָב נאָר מיט צוויי מענער געהאַט צו טון, אַלס פּופּצניעריק מיידל מיט אַ וועגעלע־פירער און דערנאָך מיט מאַהען. איך ווייס נישט וואָס פון מיר וואָלט געוואָרן, ווען ער זאָל מיר געווען אויף פאַרלאָזן, ווי דער ערשטער, און איך בין גאָרנישט שטאָלץ אויף מיין גוטער אויפפירונג פון צייט אונדזער חתונה, ווייל ווען מען טוט נישט קיין שלעכטס, איז עס אָפטער דערפאַר, ווייל עס האָט זיך נישט געטראָפן דער צופאַל... נאָר איך זאָג דאָס וואָס איז געווען, און איך קען שכנות, וואָס קענען נישט זאָגן דאָס זעלבע, נישט אמת?

— דאָס איז געוויס אמת, — האָט אָפּגעענטפערט עטיען און זיך אויפגעהויבן.

ער איז אַרויסגעגאַנגען און זי האָט זיך באַמיט דאָס פייער ווידער צו דערמונטערן, צוליב וואָס זי האָט די שלאָפנדיקע עסטעלע אַוועקגעלייגט אויף צוויי שטילן. ווען דער פאָטער זאָל אַ פיש כאַפּן און פאַרקויפן, וואָלט נאָך געקענט זיין אַ זופּ אויך.

דרויסן איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט, אַ פּראָסטיקע נאַכט. מיט אַ געזונקענעם קאָפּ האָט עטיען געשפּאַנט אין דער טונקלקייט, דורכגענומען פון אַ טיפן טרויער. דאָס וואָס האָט אים איצט באַוועגט איז נישט געווען מער קיין כעס אויף דעם מאַן און נישט קיין רחמנות צו דעם שלעכט באַהאַנדלטן מיידל.

דער ברוטאַלער נאָר וואָס געשעענער פאַל איז צוריק פאַרשוואונדן פון זיינע אויגן און ער האָט ווידער דערזען פאַר זיך די אַלגעמיינע נויט. ער האָט געזען דאָס ארבעטער־דאָרף אָן ברויט, די פרויען און קינדער, וועלכע האָבן אין אָוונט שוין נישט געהאַט וואָס צו עסן, דאָס גאַנצע פאָלק, וועלכעס האָט

מיט אַ ליידיקן מאָגן ווייטער פאַרטגעזעצט זיין קאַמף. און די ספּקות, וועלכע האָבן זיך שוין אַמאָל אין אים געוועקט, האָבן אויפגעוואַכט פונסניי; אים האָט געפּייניקט אַן אומאַנגענעם געפיל, וועלכעס ער האָט נאָך אליין נישט געוווּסט ווי עס זיך גוט צו דערקלערן.

וואָס פאַר אַ שרעקלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט ער האָט גענומען אויף זיך! זאָל ער זיי נאָך ווייטער טרייבן, ווייטער צוגעבן חשק זיך אַנטקעגנשטעלן, איצט, ווען עס איז שוין נישטאָ נישט קיין געלט און נישט קיין קרעדיט? און וואָס וועט זיין דער סוף, אַז קיין הילף וועט נישט קומען און דער הונגער וועט ברעכן זייער מוט? און ער האָט פּלוצים דערזעען פאַר זיך די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע; שטאַרבנדיקע קינדער, קלאָגנדיקע מוטער און אָפּגעצערטע, מאָגערע מענער, וועלכע לאָזן זיך ווידער אַראָפּ אין די גרובן.

ער האָט געשפּאַנט אַלץ ווייטער, און דער געדאַנק, אַז די קאָמפּאַניע קען אַרויס אַלס זיגערין און אַז ער וועט זיך האָבן פאַרשולדיקט פאַר זיינע אַלע קאָלעגן, האָט אים אָנגעפילט מיט פּחד.

ווען ער האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן, האָט ער זיך דער־זעען לעבן דעם פאַרעי. די פינצטערע געביידעס האָבן שווער גערוט אין דער טונקלקייט.

אַרום איז געווען שטיל און פינצטער, עס האָט נישט געברענט קיין איין לאַמטער. און עס איז נישט געווען צו פאַר־נעמען קיין שום קול. עטיען האָט זיך ארומגעקוקט אַרום זיך און דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטון אין האַרצן. אין דער צייט ווען די אַרבעטער הונגערן, מוז די קאָמפּאַניע אירע מיליאָנען איינבייסן, פאַרוואָס זאָל זי זיין די שטאַרקערע אין דעם קאַמף פון ארבעט געגן דעם געלט? יעדנפאַלס, וועט איר דער נצחון אָפּקאָסטן געגוג טייער. נאָכדעם וועט מען פוןביידע זייטן אויסרעכענען די פאַרלוסטן. עס האָט אים באַהערשט אַ נייער קאַמפס־חשק, אַ ווילדער פאַרלאַנג צו מאכן אַ סוף צו דער נויט, ווען אפילו עס זאָל קאָסטן דאָס לעבן. עס האָבן

זיך אים דערמאַנט אייניקע שלעכט פאַרדייטע לעקציעס, ביי־שפּילן פון פעלקער, וועלכע האבן זייערע אייגענע שטעט פאַר־ברענט, כדי זיי נישט איבערצוגעבן אין די הענט פון זייערע שונאים; געשיכטעס, ווו מאמעס האָבן זייערע אייגענע קינדער געטויט, אַבי נאָר זיי נישט איבערגעבן פאר קנעכט און מענער, וועלכע האבן זיך ליבערשט געלאָזט הרגענען, איידער צו עסן דאס ברויט פון טיראַנען. דאס האט אים אויפגערעגט, זיין פינצטערער טרויער איז איבערגעגאַנגען אין אַ ראָזעווע שטימונג, זיינע ספקות זענען פאַרשוווּנדן און ער האט זיך פאַרשעמט פאר זיך אַליין, וואס ער האט אויף אַ שעה צייט געקענט פאַר־לירן זיין מוט.

פּלוצים האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע טרוימען און אויפגעציטערט, דערהערנדיק לעבן זיך מאהעס שטים, וועלכער האט אים דערציילט פון זיין גליק. ער האט געפאַנגען אַ פרעכ־טיקן פיש און אים פאר דריי פראַנק פארקויפט. עס וועט שוין זיין אַ זופּ. עטיען האט דעם קאָלעגע געלאָזט גיין אַליין אין דאָרף, זאָגנדיק, אז ער וועט באַלד אויך קומען; דערנאָך איז ער אַוועק צו ראַסענערן, זיך אַוועקגעזעצט ביי דעם טיש און ווען דער לעצטער גאַסט איז שוין געהאט אַוועקגעגאַנגען, האָט ער ראַסענערן גלייך דערקלערט, אז ער וויל שרייבן פּלוכארטן און אים אויפפאָדערן, ער זאָל באַלד קומען. זיין באַשלוס איז געווען פעסט צונויפצורופן אַ געהיימע פאַרזאמלונג, ווייל אים האט אויסגעדוכט, אז דער נצחון איז זיכער, אויב נאָר די אר־בעטער פון מאָנטסו וועלן זיך אָנשליסן אין דעם אונטער־נאַציאָנאַל.

IV

די געהיימע פאַרזאמלונג האָט געזאָלט פאָרקומען פרייטיק ארום צוויי אַ זייגער אין דער שענק פון דער אלמנה דעסיר. די אלמנה דעסיר, וועלכע האָט זיך שטארק גענומען צום הארצן די נויט פון אירע קינדער, די קוילן-ארבעטער, האט זיך גאָר־נישט אויפגעהערט צו כעסן, זינט איר שענק איז געבליבן ליי־

דיק. נאָך קיינמאָל נישט ביי אַ שטרייק איז אַזוי קליין געווען דער דורשט. פאַר קאַזימירס ווייַנשענק און דער רעסטאָראַציע „פּראָגרעס" האָט מען נאָר געזעען די בלייכע געזיכטער פון די באַלעבאַטים, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט אויף דער ליידיקער גאַס; אַפילו אין מאַנטסו איז אויך געווען אומעטום ליידיק פון דער רעסטאָראַציע ליאַנפאַן ביז טיסאָן און פון פּיקעט ביז אין ווייַנשענק „דער אָפּגעשניטענער קאָפּ". נאָר אין דער רעסטאָראַציע סענט-בלואַ, וווּ עס פלעגן זיך צונויפקומען די אויפזעער, האָט מען נאָך אַמאָל אויסגעליידיקט אַ פּאָר גלעזער. די פּוסטקייט האָט אָנגעשטעקט אַפילו דעם „וווּלקאַן", וווּ די דאַמען האָבן אויך געפייַערט, ווייַל זייערע פאַרעהרערס זענען נישט געבליבן.

— צו אַלדי-רוחות! — האָט די אַלמנה דעסיר געשאָלטן, שלאָגנדיק זיך דאַבײַ מיט ביידע הענט אויף דער ברוסט אין דעם זענען שולדיק די זשאַנדאַרמען! זיי מעגן מיר אייַנזעצן אויב זיי ווילן, נאָר איך מוז זיי אָפּטון אַ שפּיצל.

אין אירע אויגן זענען אַלע אויטאָריטעטן, אַלע אַרבעטסגעבער, געווען זשאַנדאַרמען, וועלכן אויסדרוק זי האָט אַרומגענומען אַלע פיינט פון פאָלק, זי האָט דאַריבער מיט פרייד אייַנגעשטימט אָפּצוגעבן די זאַל, ווען עטיען האָט איר דאָס געבעטן:

די גאַנצע שטוב אירע געהער צו די קוילנאַרבעטער און זי האָט אָפּגעגעבן אָן געלט דעם באַל-זאַל, זי אַליין וועט צעשיקן די אייַנלאַדונגען, אויב דאָס געזעץ פאָדערט עס. אויב דאָס געזעץ וועט נישט זייַן באַפרידיקט איז נאָך בעסער! דעמאָלט וועט מען ערשט דערקענען איר מויל.

דעם צווייטן מאָרגן האָט איר דער יינגערמאַן געבראַכט פופציק בריוו צום אונטערשרייבן, און די בריוו האָט מען צעשיקט אין די באַזונדערע גרובן צו די דעלעגירטע און פאַרטרויאונגס מענטשן. דער אָנגעגעבענער אין זיי טאָג-אָרדנונג איז געווען אַ באַראַטונג איבער דער פאָרטזעצונג פון שטרייק. אין דערווירקלעכקייט אָבער האָט מען געוואַרט אויף

פלוכארטן, וועלכער וועט, ווי מען האט געגלויבט האלטן אַ רעפּעראַט און ווירקן, אַז די ארבעטער וועלן זיך מאסנוויין אָנשליסן אינם אונטערנאַציאָנאַל.

דאָנערשטיק אינדערפרי איז עטיען געוואָרן אומרויִק, זע־ענדיק אַז זיין אַמאָליקער מייסטער איז נאָך נישטאָ, כאָטש ער האט זיך מיטוואך אין אָוונט טעלעגראַפיש געמאָלדן. וואס איז דאָ פאָרגעקומען? ער איז געווען אין פאַרצווייפלונג, וואס ער וועט מיט אים נישט קענען גאָרנישט איבעררעדן פאר דער פאַרזאַמלונג.

אַרום ניין אַ זייגער איז ער געגאַנגען קיין מאָנטסו, קלערנדיק, אַז דער מעכאַניקער האט זיך גלייך אַוועקגעלאָזט אַהין, נישט אָפּשטעלנדיק זיך ביי דעם פּאַרעי.

— ניין, איך האב אייער פריינט נישט געזען, — האט אָפּ־געענטפערט די אַלמנה דעסיר. אָבער אַלץ איז שוין גרייט, קומט אַריין וועט איר זען.

זי האט אים אַריינגעפירט אין באַל־זאַל. די דעקאָראַציע איז געבליבן די זעלבע. די גירלאַנדן האָבן געהאַלטן אין מיט פון דער סטעליע אַ פּאַפּירענע קרוין און אויף די ווענט זענען געהאַנגען די בילדער מיט די נעמען פון הייליקע. מען האט נאָר אין עק פאַרביטן די טריבונע פון די מוזיקאַנטן אויף אַ טיש און דריי שטילן; אין זאַל גופא זענען געווען אויסגע־שטעלט בענק.

— אויסגעצייכנט, האט עטיען דערקלערט.

— און איר ווייסט, האָט די אַלמנה ווייטער געזאגט, אַז איר זענט דאָ ווי ביי זיך אין דער היים. דאָ קענט איר שרייען וויפיל איר ווילט... און אויב עס וועלן קומען זשאַנדאַרמען, וועלן זיי אַריינגיין אַהער סיידן איבער מיין קערפּער!

נישט קוקנדיק אויף די פאַרשידענע זאָרגן וואָס ער האָט געהאַט, האט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון אַ שמייכל, ווען ער האָט אַ קוק געטון אויף איר געוואַלטיקן קערפּער.

עטיען איז געוואָרן דערשטוינט זעענדיק אַריינקומען רא־

סענערן און סוואַרינען; איבערלאָזנדיק דער באַלעבאָסטע אין גרויסן ליידיקן זאַל האָט ער אויסגערופן:

— וואָס! איר זענט שוין דאָ?

סוואַרין, וועלכער האָט אַ גאַנצע נאַכט געאַרבעט, ווייל די מאַשיניסטן האָבן נישט געשטרייקט, איז געקומען אַהער נאָר אויס נייגיר. ראַסענער דאַגעגן האָט שוין פון אַ פּאָר טעג אויסגעזעען זייער פאַרלעגן און דאָס שמייכעלע פון זיין קיי-לעכדיק פּנים איז ווי פאַרשוואונדן.

— פלוכאַרט איז נישט געקומען, איך האָב צרות דערפון, האָט אָנגעהויבן עטיען.

— ראַסענער האָט אָפּגעקערט די אויגן און אַ ברום געטון צווישן די ציין:

— דאָס וווּנדערט מיך גאָרנישט, איך ערוואַרטע אים נישט.

— וואָס הייסט?

דאַן האָט ראַסענער אים אַנטשלאָסן אָנגעקוקט און געענטפערט:

— ווייל איך האָב אים אויך געשריבן אַ בריוו, אויב דו ווילסט וויסן, און אין דעם בריוו האָב איך אים פאַרגעלעגט נישט צו קומען... יאָ, איך בין אין דער מיינונג, אַז מיר דאַרפן אַליין זיך פאַרנעמען מיט אונדזערע אָנגעלעגנהייטן, נישט ווענדנדיק זיך צו אויסלענדער..

עטיען איז געוואָרן אויסער זיך. ציטערנדיק פון אויפ-רעגונג, האָט אויסגעזעען, אַז ער וויל זיין קאָלעגע מיט די בליקן דורכנעמען. ער האָט געשטאַמלט:

— דאָס האָסטו געטון! דאָס האָסטו געטון!

— דאָס האָב איך געטון, געוויס! און דו ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ גרויסן צוטרוי איך האָב צו פלוכאַרטן! ער איז אַ קלו-גער און טיכטיקער מענטש, מיט וועלכן עס לאָזט זיך עפּעס אָנהייבן... אָבער, זעסטו, אַלע אייערע אידעען האָבן אין מיינע אויגן קיין שום ווערט נישט. פּאָליטיק, רעגירונג... איך פייף אויף אַלץ! דאָס, וואָס איך פאַרלאַנג איז נאָר אַ בעסערע באַ-

האנדלונג פונם קוילנארבעטער. איך האב צוואנציק יאר געארבעט דארט פון אונטן און האב זיך אנגעזעען מיט אזא עלענט און מוטשענישע, אז איך האב געשווירן פאר די ארעמע, וועלכע זענען נאך דארט געבליבן, אויסקעמפן א פארלייכטערונג. און איך זע עס קלאר, אז איר, מיט אלע אייערע מעשות, וועט עס נישט דערגרייכן, איר וועט דעם גורל פון דעם ארבעטער נאך פארערגערן... וויבאלד נאר דער הונגער וועט זיי צווינגען ווידער אין די גרובן זיך אראפלאזן וועט די קאמפאניע זיך שוין מיט אים אפרעכענען ווי מיט אן אנטלאפענעם הונט, וועלכן מען האט צוריק אומגעקערט אין דער בודע... און צו דעם וויל איך נישט דערלאזן, פארשטייסטו?

ער האט לאנג גערעדט, שטייענדיק גלייך אויסגעצויגן און מיט ארויסגעסטארטשעטן בויך אויף זיינע קרעפטיקע פיס. און דער גאנצער כאראקטער פון דעם פארשטענדיקן און געדולדיקן מאן האט זיך אויסגעדריקט און אנטפלעקט אין די קלארע ווערטער, וועלכע זענען ארויסגעפלאסן פון זיין מויל. איז עס דען נישט א נארישקייט צו גלויבן, אז מיט איין קלאפ וועט מען די גאנצע וועלט-ארדנונג איבערענדערשן, די ארבעטער אוועקשטעלן אויפן ארט פון די ארבעטסגעבער און דאס געלט צוטיילן, ווי מען צעטיילט אן עפל? עס דארף פאריבערגיין טויזנטער יאר, איידער דאס זאל פארווירקלעכט ווערן. דערווייל דארף מען נאך דעם ארבעטער מיט א זעלכע וואונדער לאזן צורו! אויב מעל וויל נישט ברעכן דעם האלדז-און-נאקן, איז דאס בעסטע צו גיין נאר מיטן גלייכן וועג, שטרעבן צו אזעלכע רעפארמען, וועלכע לאזן זיך דערגרייכן און דעם גורל פונם ארבעטער פארבעסערן דארט ווו עס איז דא א מעגלעכקייט דערצו. אזוי וואלט ער, ווען ער זאל עס איבערנעמען די קאמפאניע זיכער צו בעסערע באדינגונגען געפירט, אין דער צייט ווען אלע וואלטן צו גרונד געגאנגען, ווען זיי וואלטן זיך ווייטער איינגעעקשנט. עטיען האט אים געלאזט רעדן, די אויפרעגונג האט אים פארשלאסן דאס מויל, איצט האט ער געשריגן:

— צו אַלדי רוחות! האָסטו דען נישט קיין בלוט אין די אָדערן?

איין אויגנבליק האָט ער חשק געהאַט אים צו פּאַטשן און כּדי דעם נסיון זיך ווידערשטעלן, האט ער אנגעהויבן מיט גרויסע שריט ארומצושפּאַנען אין זאַל, ווי ער האָט זיך געמאַכט אַ דורכגאַנג.

— שליסט ווייניקסטנס צו די טיר, האָט זיך אָנגערופן סוואַרין. מען דאַרף דאך אייך נישט הערן.

נאָכדעם, ווי ער האט אליין צוגעמאַכט די טיר, האָט ער זיך רוהיק אַנידערגעזעצט אויף אַ שטיל ביי דעם ביורא־טיש. פאַרדרייענדיק זיך אַ פּאפּיראָס, האט ער באגלייט ביידע מענער מיט זיינע קלוגע גייסטרייכע בליקן און אַ קוים באמערקבארער שמייכל האט געשפּילט אויף זיינע ליפּן.

— עס וועט צו גארנישט דערפירן זיין דיין בייזערן זיך, האט ווידער אָנגעהויבן ראַסענער. איך האָב דיר פון אנהייב אָן געזאלטן פאר אַ קלוגן מענטשן. עס איז זער גוט פון דיין זייט, וואס דו האסט די קאלטן געראטן זיך רוהיק צו פארהאלטן, וואס דו האסט געווירקט, אז זיי זאלן בלייבן אין די שטיבער און אויסגענוצט דיין איינפלוס צו דערהאַלטן די פולע אָרד־נונג. און איצט ווילסטו זיי פאַרפירן אין זומפּ.

שפּאַנענדיק אַזוי צווישן די בענק, איז עטיען צוריק צוגעקומען צו ראַסענערן, האָט אים אָנגענומען ביי די אַקסלען און טרייסלנדיק אים, האט ער אין אים אריינגעשריגן זיינע ענטפערס.

— צו אַלדי טייוול! איך וועל אויך זיין רוהיק. יאָ, איך האָב איינגעפירט ביי זיי אַ דיסציפּלין! יאָ, איך האָב זיי גע־ראַטן נאָך נישט צו רירן זיך! נאָר סוף־כּל־סוף דאַרף מען דאָך זיך נישט מאַכן, ווי מען באַמערקט אונדז גאָרנישט... דו האָסט אַ גליקלעכע נאַטור, וואָס דו קענסט בלייבן קאַלט. אבער איך גלויב צייטנווייז, אַז איך פארליר דעם פארשטאנד.

עס איז געווען פון זיין זייט אַ מין ודוי. ער האָט געלאַכט איצט פון אלע אילוזיעס, פון אַלע פרומע חלומות איבער

אַ מלוכה, אין וועלכער עס וועט הערשן נאָר די גערעכטיקייט
און אַלע מענטשן וועלן לעבן צווישן זיך ווי ברודער. אַ היבש
מיטל איז עס צונויפצולעגן די הענט און וואַרטן און דערווייל
זעצן, ווי די מענטשן עסן זיך אויף איינע די אַנדערע, ווי די
וועלף. ניין! מען דאַרף עפּעס טון, וואָרום אויב נישט וועט די
אומגערעכטיקייט אייביק הערשן, אייביק וועלן די רייכע אויס-
זויגן דאָס בלוט פון די אָרעמע. ער קען זיך אויך נישט מוחל
זיין דאָס נאַרישקייט צו האָבן געזאָגט אַ מאָל אַז מען דאַרף
דערווייטערן די פּאָליטיק פון די סאָציאַלע פראַגן, ער האט
דעמאָלט גאָרנישט געוווּסט, ערשט שפּעטער האָט ער
געלייענט, געשטודירט, איצט זעען זיינע אידעען פעסט, ער
פילט זיך גרויס דערמיט, וואָס ער באַזיצט אַ סיסטעם, דאָך האָט
ער שלעכט געגעבן צו פאַרשטיין. אין זיינע ווערטער האט זיך
נאָך געפילט אַ נישט קלאָרקייט, וועלכע האָט זיך גענומען פון
דעם מיש-מאַש פון פאַרשידענע טעאָריעס. אין שפּיץ אָבער איז
ביי אים געשטאַנען די אידעע פון קאַרל מאַרקס: דער קאַ-
פּיטאל איז א רעזולטאט פון רויב און די אַרבעט האָט דאָס
פולע רעכט און אפילו דעם חוב אויסצוקעפּן צוריק דאָס
אָנגערויבטע רייכטום. אין דער פּראקטיק איז ער פריער מיט-
געגאנגען מיט פּרודאָנען, זיך לאָזנדיק פאנגען דורך דער פּוסטער
פאנטאזיע פון געגנזייטיקן קרעדיט און פון גרונדן א גרויסע
אויסטויש-באנק, וועלכע זאל פארניכטן די פארמיטלערישע
אינסטאנצן; דערנאָך מיט די קאָאָפּעראטיווע געזעלשאפטן פון
לאסאלן און דערנאָך ערשט איז ער איבערגעגאנגען צום קאָ-
לעקטאויזם, פאָדערנדיק, אז אלע ארבעטס-מיטלען זאלן איבער-
גיין צום קאָלעקטיוו. דאָך איז די פאָדערונג געבליבן פאר אים
אומקלאָר, ער האָט נישט געוווּסט ווי דער טרוים זאל פאר-
ווירקלעכט ווערן, און ער האָט זיך געזאָגט, אז קודם כל מוז
מען זעען זיך צו באפרייען פון דעם רעגירונגסגעוואַלט. דאָס
ווייטערע וועט שוין קומען פון זיך.

— אָבער וואס איז דען מיט דיר פאָרגעקומען? פאַר-
וואס גייסטו איבער אינם לאַגער פונם בירגערטום? האט ער

זוייטער פאַרטגעזעצט מיט כעס, אַוועקשטעלנדיק זיך ווידער הארט נעבן ראַסענערן. האַסט דאָך אַליין געזאָגט, אז אלץ מוז חרוב ווערן.

ראַסענער האַט זיך לייכט פאַררויטלט.

— יאָ, דאָס האָב איך טאַקע געזאָגט. און ווען עס וועט איינפאַלן דאָס אַלטע, וועסטו זען, אַז איך בין נישט מער פּחדן, ווי אַן אַנדערער... איך וויל נאָר נישט געהערן צו די, וועלכע פאַרגרעסערן נאָר די מהומה, כּדי צו פאַרזיכערן זיך דערווייל איינעם טומל מיט אַ גוטע שטעלע.

איצט איז שוין עטיען רויט געוואָרן. די ביידע מענער האָבן שוין מער נישט געשריגן. אונטער דעם קאַלטן הויך פון זייער קאָנקורענץ זענען זייערע שטימען געוואָרן שאַרף און שלעכט. עס איז געווען די קאָנקורענץ, וואָס האָט איינעם געפירט צו רעוואָלוציאָנערע איבערטרייבונגען און דעם צווייטן צו באַווייזן זיך מיט זיין קלוגער פאַרזיכטיקייט. אויף דעם בלאָנדן מיידל-געזיכט פון סוואַרינען, וועלכער האָט זיך צו אַלץ צוגעהערט, האָט זיך אויסגעדרוקט אַ שטילע פאַראַכטונג, אַ פאַראַכטונג פון אַ מאַן, וועלכער איז גרייט אַוועקצוגעבן זיין לעבן אין דער שטיל און פאַרבאָרגן, נישט שטרעבנדיק צום רום פון אַ מערטירער.

— אַלזאָ, אין באַצוג צו מיר האָסטו עס געזאָגט? — האָט עטיען געפרעגט. דו ביסט מיך מקנא?

— וואָס האָב איך דיך מקנא צו זיין? — האָט ראַסענער אָפּגעענטפערט. איך שפּיל נישט די ראָלע פון אַ גרויסן מאַן, איך וויל נישט גרינדן קיין סעקציע אין מאָנטסו כּדי צו זיין איר סעקרעטאַר.

דער אַנדערער האָט אים געוואָלט אַריינפאַלן אין די רייד נאָר ער האָט נאָך צוגעגעבן:

— זיי כאָטש אויפריכטיק! דיר גייט קנאַפּ אָן דער אינטערנאַציאָנאַל, נישט מער, דו ווילסט שטיין אין דער שפּיץ און שפּילן די ראָל פון דעם הער קאָראַכפּאָדענט פון דער באַ-

וווסטער צפון-פעדעראַציע,ביידע האָבן געשוויגן, ענדלעך האָט אָנגעהויבן עטיען אינגאַנצן ציטערנדיק פון כּעס:

— עס איז גוט!.. איך גלויב אַז איך האָב מיר גאָר נישט וואָס פאָרצוואַרפן. שטענדיק האָב איך זיך מיט דיר אָן עצה געהאַלטן, ווייל איך האָב געוווסט, אַז דו האָסט שוין לאַנג נאָך פאַר מיין קומען דאָ געקעמפט. אַזוי ווי אָבער די קענסט קיינעם נישט ליידן ביי דיין זייט, וועל איך שוין פון היינט אָן האַנדלען אַליין... און צוערשט קען איך דיר מעלדן, אַז די פאַרזאַמלונג וועט פאָרקומען, אפילו דאַן, ווען פלוכאַרט וועט נישט קומען, און אַז די קאָלעגן וועלן צו דעם פאַרבאַנד צוטרעטן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דו וועסט זיי אָפּרעדן.

— אָ! האָט געענטפערט ראַסענער, צוטרעטן איז נאָך גאָרנישט... דער עיקר איז די מיטגלידס-אָפּצאָלן.

— גאָרנישט! דער אינטערנאַציאָנאַל נעמט נישט קיין שום אָפּצאָל ביי אַרבעטער וואָס שטרייקן. מיר וועלן שפּעטער צאָלן, אָבער צו הילף קומען וועט ער אונדז שוין.

ראַסענער האָט זיך פּלוצים צעהיצט.

— נו גוט! דאָס וועלן מיר שוין זען! איך בין דאָ אויף דיין פאַרזאַמלונג און איך וועל רעדן. יאָ, איך וועל נישט דערלויבן אַז דו זאָלסט די פריינט די קעפּ פאַרדרייען, איך וועל זיי אויפקלערן אייערע אמתע כּוונות. דעמאָלט וועלן מיר זען וועמען זיי וועלן פאָלגן—מיר, וועלכן זיי קענען שוין פון דרייסיק יאָר, אָדער דיר, וועלכער וויל אין איין יאָר אַלץ איבערדרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ... ניין! ניין! לאָז מיר צורו! איצט וועט זיך עס אַרויס ווייזן ווער וועמען עס וועט מנצח זיין!

ער האָט פאַרלאָזן דעם זאַל און העפטיק צוגעמאַכט די טיר הונטער זיך. די בלומענגירלאַנדען אויף דער סטעליע האָבן אַ ציטער געטון און די בילדער האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אין די ווענט, און עס ווידער אַ שטילקייט באַהערשט דעם זאַל.

סוואַרין האט זיך רויק גערויכערט זיין פּאַפּיראָס, זיצנדיק ביי דעם טיש.

נאָכדעם ווי עטיען האט אַ ווײַלע שווייגנדיק אַרומגעשפּאַנט איבער דעם זאַל, האט ער זיך אָנגעהויבן אויסרעדן דאס האַרץ. איז עס דען דיין שולד, וואס דער דיקער ליידיקגייער האט זיך אים אַוועקגעשטעלט אינמיטן וועג? און ער האָט זיך פאַרטיידיקט געגן דעם פאָרוואורף, אז ער זוכט נאָר מפורסם צו ווערן, ער ווייסט אליין נישט ווי אזוי אַרום דאס אַלץ איז געקומען, די פריינטשאַפט פונם גאַנצן דאָרף, דער צוטרוי פון די קוילנארבעטער און דער איינפלוס, וואס ער האט איצט אויף אַלעמען. ער איז געווען אויסער זיך פון דער באַשולדיקונג, אז ער טוט דאס אַלץ פון אייגנליבע, ער האט זיך געהאַקט אין ברוסט און פאַרזיכערט זיין ברידערלעכע באַציאונג.

פּלוצים האט ער זיך אָפּגעשטעלט פאר סוואַרינען און אויסגעשריגן:

— זעסטו, ווען איך זאָל וויסן, אז איך וועל קאָסטן מיינעם אַ פריינט כאָטש איין טראָפּן בלוט, וואָלט איך באַלד אַוועק קיין אַמעריקע!

דער מאַשיניסט האט געצויגן מיט די אַקסלען און אויף זיינע ליפּן האט פונסניי געשפּילט אַ שמייכל.

— אָ! בלוט! — האט ער געפּליסטערט, וואס מאַכט עס אויס? די ערד דאַרף עס האָבן.

עטיען האט פּאַמעלעך באַרויקט, ער האָט גענומען אַ שטול און זיך אַנידערגעזעצט ביי דער אנדערער זייט פונם טיש.

— זאָג נאָר, האט ער געפרעגט, וואס וואָלסטו געטון אויף מיין אָרט? האב איך נישט קיין רעכט, וואס איך וויל עפּעס אויפטון?.. נישט אמת, אז עס וואָלט געווען דאס בעסטע, ווען מיר שליסן זיך אָן אין דעם פאַרבאַנד?

נאָכדעם ווי סוואָרין האָט ארויסגעלאָזט אַ לייכטן רויך־וואָלקן, האט ער אָפּגעענטפערט מיט זיין באַליבסטן אויסדרוק:

— יאָ, דאס זענען נאַרישקייטן! דאָך דערווייל איז עס

פעס... איבעריקנס וועט זיך אייער אינטערנאַציאָנאַל רוקן פאָרויס.
ער פאַרנעמט זיך דערמיט.
— ווער?
— ער!
ער האט דאס וואָרט אַרויסגעזאָגט מיט אַ האַלבער שטים און רעליגיעזער היץ, אַנווייזנדיק דאַבּיי אויף מזרח. ער האָט גערעדט פון דעם פירער, פון באַקונינען, דעם פאַר-טעליקער.
— ער אַליין קען פירן דעם אנטשידענעם קאַמף, אין דער צייט ווען דיינע געלערנטע מיט זייער עוואָלוציע זענען נאָר פּחדנים... אונטער זיין אָנפירונג מוז דער אינטערנאַציאָנאַל אין משך פון דריי יאָר פאַרניכטן די אַלטע וועלט.
עטיען האָט אָנגעשטעלט די אויערן און זיך אויפמערק-זאַם צוגעהערט. ער האט געברענט פון חשק נאָך וויסן און האט געגאַרט זיך צו באַקענען מיט דער לערע פון דער אַלגע-מיינער צעשטערונג, אויף וועלכער דער מאַשיניסט האט שוין נישט איינמאָל געגעבן אָנצוהערן.
— נו, ערקלער-זשע מיר שוין ענדלעך!.. וואס איז אייער ציל?
— אַלץ צו צושטערן!.. קיין נאַציע מער, קיין רעגירונג, קיין אייגנטום, קיין גאָט און קיין רעליגיע מער!
— איך פאַרשטיי. אָבער צוואָס זאָל דאס פירן?
— צו דער פרימיטיווער, אייגפאַכער קאָמונע, צו אַ נייער וועלט, אין וועלכער אַלץ וועט זיך אָנהייבן פונסניי.
— און די מיטל דאס אויסצופירן? ווי אזוי האָפט איר דאָס צו דערגרייכן?
— דורך דעם פייער, דורך דעם סם און דורך דעם קינ-זשאַל! יעדער רויבער איז אַן אמתער העלד, וואס נעמט נקמה פאַרן פאָלק, וואס האַנדלט רעוואָלוציאָנעריש און נישט נאָר ער שלעפט ארויס רעוואָלוציאָנערע פראַזן פון די ביכער. אַ גאנצע ריי פון שרעקלעכע אטענטאַטן וועט אַרויפוואַרפן אַ פּחד אויף די מאַכטהאָבער און אויפוועקן דאס פאָלק.

רעדנדיק דאָס, האָט סווואָרין אויסגעזען שרעקלעך. אין עקסטאַז האט ער זיך אויפגעהויבן פון דער שטול, אַ מיסטיש פייערל האָט אים געשפריצט פון די אויגן און מיט זיינע צאַרטע הענט האט ער אזוי שטאַרק געדריקט דעם ראַם פונם טיש, ווי ער זאָל אים וועלן צעדריקן. פול מיט פחד האט אים עטיען אָנגעקוקט, ער האט זיך דערמאַנט אין די אַלע מעשיות, וועלכע ער האט אים אָנפערטרויט, פון דער מינע, וואס מען האט אונטערגעלעגט אונטער דעם צאַרס פאַלאַץ, פון דעם קאַמף מיט די פאָליציי-אָרגאַנען, וועלכע מען האט ווי די חזרים געשטאכן און פון דעם איינציקן ווייבלעכן וועזן, וועלכעס ער האט געליבט און וואס איז אויפגעהאנגען געוואָרן אין איינעם אַ רעגן-טאג, אין דער צייט ווען ער האט זי דאס לעצטע מאָל באַגריסט פון צווישן דעם צושויער-פובליקום.

— ניין! ניין! — האט עטיען שטילערהייט גערעדט צו זיך אַליין, מיר זענען נאָך נישט אַוועק אזוי ווייט, בלויז רציחות און שרפות! קיינמאָל נישט! די קאלעגן אליין וועלן אויף דעם שולדיקן ארויפפאַלן און אים טויטן.

ער האט נאך אלץ נישט פארשטאנען גוט די לערע. טיף אין אים האט זיך עפעס געווערט געגן אט דעם וויסטן חלום פון צעשטערן די גאנצע וועלט, פון פאַרשניידן אלץ, ווי א קאָרן-פעלד, וואס ווערט אפגעשניטן גלייך מיט דער ערד. און וואס וועט מען טון דערנאך? ווי אזוי וועלן אויסוואקסן נייע פעלקער?

ער האט געפאדערט אן ענטפער.

— דערקלער מיר דיין פראָגראַם! מיר אנדערע ווילן וויסן ווו אונדזער וועג פירט!

נאָר סווואָרין האָט איבערגעריסן דעם שמועס, און מיט אַ פאַרלוירענעם בליק פון זיינע פאַרחלומטע אויגן האָט ער אָפגעענטפערט:

— יעדער שמועס איבער דער צוקונפט איז א פארברעכן, ווייל עס שטערט דער עכטער צעשטערונג און האמעוועט די רעוואָלוציע.

דאָס האָט עטיענען געמאַכט לאַכנדיק, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס פון דעם ענטפער איז אים איבערגעלאָפן אַ

קאַלטער ציטער איבערן לייב, ער האָט, איבעריקנס, מודה געווען, אַז אין די אידעען, וועלכע האבן אים אַזוי פאראינ-טערעסירט מיט זייער איבערראַשנדעקער פשוטקייט, מוז שטעקן אַ געוויסער קערן פון אמת. נאָר דאָס וואָלט געהייסן פאר-לייכטערן ראַסענערן די שפּיל זיינע, ווען מען זאל אַ זעלכע מעשיות דערציילן די חברים. מען מוז זיין פראַקטיש...

די אַלמנה דעסיר האָט זיי פאָרגעלעגט צו פרישטיקן. זיי האָבן אָנגענומען דעם פארשלאַג און אריינגעגאַנגען אין שפּייז-צימער, וועלכעס איז געווען אָפּגעטיילט פון דער טאַבק-זאַל אין משך פון אַ גאַנצער וואָך מיט אַ באַוועגלעכער צווישנ-וואַנט.

נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעגעסן דעם פרישטיק, האָט דער מאַשיניסט זיך אויפגעהויבן צו גיין, און ווען עטיען האט גע-פּרווט אים צו פארהאַלטן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— צוואָס? כדי צו הערן ווי איר רעדט אומנוצלעכע נארישקייטן?... איך האָב שוין גענוג געהערט פון דעם מין. אַ גוטן-טאָג!

ער איז אַוועקגעגאנגען, דעם פאפיראָס אין מויל.

עטיענס אומרו איז געוואקסן פון מינוט צו מינוט. דער זייגער איז שוין געווען איינס, פלוכאַרט האָט זיכער נישט גע-האַלטן קיין וואָרט. ארום האַלב צוויי האָבן זיך אנגעהויבן צו-נויפגיין די דעלעגאטן און ער האט זיי געמוזט אַליין אויפ-נעמען, ווייל ער האט מורא געהאט, אַז די קאמפאניע קען נאָך אהערשיקן אירע שפּיאָנען. ער האָט קאנטראלירט יעדער איינלאדונג און האָט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס זענען די ריכ-טיקע מענטשן; פיל זענען אויך אריינגעגאנגען אָן איינלאַדונגען עס איז געווען גענוג, אז ער האט זיי פערזענלעך געקענט. ווען דער זייגער האָט געשלאָגן צוויי, האָט ער דערזעען ארייג-קומען ראַסענערן, וועלכער האט זיך, רויכערנדיק זיין פייקע, רוהיק געפלאָדערט ביי דעם שענק-טיש. די דאָזיקע איראָנישע רוהיקייט האָט אים נאך מער אויפגערייצט, דערצו האט נאך געווירקט דאס אנקומען זיך פון מענטשן, סתם חוזק-מאכערס, ווי זכריה, מוקעט און אנדערע; זיי איז דער שטרייק געווען

גלייכגילטיק און דאָס ארומגיין ליידיק האט ביי זיי אין די אויגן אויסגעזעען סתם ווי א מעשה-חוזק. אנגעשפּארט אויף דעם שענק-טיש האבן זיי פאר זייערע לעצטע פּאָר סו געקויפט ביר, געטרינקן, געלאכט און חוזק געמאכט פון די חברים.

עס איז פאַריבער נאך א פערטל שעה, און זאל האָט מען שוין אָנגעהויבן צו ווערן אומגעדולדיק. דא האָט עטינן אָנגענומען אן אנטשידענעם באשלוס. ער האט שוין געוואלט אריינגיין אין זאל, ווען די אלמנה דעסיר, וועלכע האט ארויסגעקוקט פונם פענצטער, האט אויסגערופן:

— אָבער דאָ קומט שוין אייער הער!

עס איז ווירקלעך געווען פלוכארט. ער איז אנגעקומען מיט א וואָגן און איז באלד אראפגעשפרונגען אויפן טראָטואר. ער איז געווען שלאנק, האט אויסגעזעען א ביסל אויסגעצערט, געהאט א גרויסן קאָפּ מיט א ברייטן שטערן און אונטער זיין שווארצן פּאלטאָ האט ער געטראָגן א יומטובדיקן מלבוש פון א פארמעגלעכן ארבעטער. צייט פינף יאָר האָט ער שוין נישט געהאלטן קיין פייל אין דער האנט און האט פיל פלייס אריינגעלעגט אין זיין אויסערלעכן אויסזעען, ער האָט זיך זארגפעלטיק פריזירט און איז געווען שטאָלץ פון זיין דערפאלג אויף דער טריבונע; דאָך זיינע גלידער זענען געבליבן פארהארטעוועט און די דורכן אייזן אָפּגעגעסענע נעגל זענען שוין צוריק נישט אָנגעוואקסן.

— אָך! נעמט מיר עס נישט אָן פאר אומגוט! האט ער בעזאגט אָנטקעגנקומענדיק אלע פראגן און פארווורפן. געכטן פרי א קאָנפערענץ און פּריאי, אין אוונט א פארזאמלונג און פּאלענסעי. היינט א פרישטיק מיט סאָוואניאט אין מארשיען... צום גליק האָב איך געקענט קריגן א פור. איך בין אינגאנצן ערשעפּט, נאר עס מאכט נישט, איך וועל דאָך רעדן.

ער איז שוין געשטאנען אויף דער שוועל, ווען ער האט זיך פלוצים אין עפּעס דערמאנט.

— צום טייוול! איך האב פארגעסן די קארטעס! דאס וואָלט געווען שען!

ער איז צוריק צוגעלאָפן צום וואָגן און פון אונטער דעם זיצקאסטן האט ער ארויסגענומען א קליין הילצערן קאסעטקעלע.

עטיען איז א שטראלנדיקער פון פרייד געגאנגען הינטער אים, אין דער צייט ווען ראסענער איז געווען אינגאנצן פאר־לעגן און האט קוים געוואגט אים צו דערלאנגען די האנט. נאר פלוכארט האט זי געדרוקט און דרך־אגב נאר דערמאנט די בריוו: וואס פאר א קאָמישער געדאנק! פארוואָס דען די פאר־זאמלונג נישט אפהאלטן? מען מוז שטענדיק אָפּהאלטן פאר־זאמלונגען, אויב עס איז נאר דא די מעגלעכקייט דערצו.

די אלמנה דעסיר האט אים פארגעלעגט פריער עפּעס צו נעמען אין מויל אריין, נאָר ער האָט אָפּגעזאָגט. עס איז נישט נויטיק. ער האט גערעדט נישט טרינקנדיק דאַביי, דאָך האט ער זיך שטארק געאיילט, ווייל ער האָט נאָך געוואָלט אויפן אָוונט זיין אין זשואַסעל און ארומרעדן אלץ מיט לעגוזשו. נאָך זיי זענען נאָכגעגאַנגען מאהע און לעוואַק, וועלכע האָבן זיך פאַרשפּעטיקט. און די טיר איז געוואָרן צוגעמאַכט, כדי מען זאָל בלייבן אומגעשטערט, וואס זכריה און מוקעט האָבן אויס־געניצט אויף פאַרשידענע שלעכטע וויצן.

כמעט הונדערט קוילנאַרבעטער האָבן געווארט אויף די בענק אין דעם דומפן זאַל. דער בריק פון וועלכן עס האָט נאָך ארויסגעלאָזט די פאַרשידנארטיקע ריחות פון דעם לעצטן באַל. א שטיל שעפּטשן איז א דורך דעם גאנצן זאַל ווען די פריש אָנגעקומענע האָבן פארנומען די פרייע פלעצער. מען האט באַ־טראכט דעם הער פון ליל, זיין שוואַרצער פּאַלטא האט נישט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק.

אויף עטיענס פאָרשלאג ווערט באַלד קאָנסטיטואירט דאס פּרעזידיום דורך אָפּשטימען מיט די הענט. פלוכארט איז אויס־געוועלט געוואָרן אלס פּאָרזיצער, מאהע און עטיען אלס ביי־זיצער. איין אויגנבליק האט מען געזוכט דעם פּאָרזיצער, וועלכער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אונטערן טיש, אונטער וועלכן ער האט אַנידערגעשטעלט זיין קאָסעטקע, וועלכע ער האט פון

די הענט נישט ארויסגעלאָזט. ווען ער האט זיך אויפגעהויבן, האָט ער לייכט אַ קלאַפּ געטון אויפן טיש כדי צו פאַרשאַפן זיך די אויפמערקזאַמקייט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ הייזעריקער שטים:

— מיטבירגער!..

עס האט זיך געעפנט אַ קליינע טיר, ער האט געמוזט זיך אָפּשטעלן. עס איז געווען די אלמנה דעסיר, וועלכע איז אריינגעקומען דורך דער קעך-טיר און האָט אַריינגעבראַכט אויף אַ טאַץ זעקס גלעזער ביר.

— שטערט אייך נישט, — האט זי געפּליסטערט. אז מען רעדט ווערט מען דורשטיק.

מאהע האט צוגענומען די גלעזער און פלוכאַרט האט גע-קענט פאָרטזעצן. ער האט דערקלערט, אז ער איז זער גערירט פון דער פריינטלעכער אויפנאַמע, וועלכע ער האט געטראָפן ביי די קוילנארבעטער אין מאָנטסו, האט זיך אנטשולדיקט פאר זיין פארשפּעטיקן זיך און האט גערעדט פון זיין מידקייט און הייזעריקייט. דערנאָך האט ער געגעבן דאס וואָרט דעם בירגער ראַסענער, וועלכער האט עס געבעטן.

ראסענער איז שוין געשטאַנען נעבן דעם פּרעזידיום טיש, ביי די גלעזער ביר. אַן איבערגעקערטער שטול האט אים גע-דינט פאר אַ טריבונע. ער האט אויסגעזען זייער אויפגערעגט צו זיין און האט זיך פריער אויסגעהוסט איידער ער האט אָנ-געהויבן מיט אַ הויכער שטים:

— חברים!..

זיין איינפלוס אויף די ארבעטער האט ער געהאט צו פארדאנקען זיין אַרט רעדן, דעם גוטמוטיקן אַרט רעדן זיינעם ווי אזוי ער האט געקענט אָפּשטיין שעהנלאַנג נישט מיד ווערנדיק. ער האט זיינע ווערטער נישט באגלייט מיט קיין שום האַנטבאַוועגונגען, און פלעגט בלייבן שטיין שווער און שמייכלנ-דיק, נאר דער שטראם פון ווערטער פלעגט זיך צעגיסן אויף די צוהערער און זיי באַטויבן, אזוי, אז אלע האבן שליסלעך געשריגן: „יאָ, יאָ, עס איז אמת, דו האסט רעכט!". היינט

אָבער האט ער שוין נאָך די ערשטע ווערטער באמערקט אָן אָפּאזיציע. דעריבער איז ער פארזיכטיק געגאנגען צו זיין ציל. ער האט גערעדט נאר פון דער פאָרטזעצונג פון שטרייק און געוואַרט אויפן ערשטן בייפאל, אום צו צוטרעטן דערנאָך צום אנגריף אויפן אינטערנאציאָנאל. געוויס דערלאָזט נישט די עהרע נאָכצוגעבן די פאדערונגען פון דער קאמפאניע, דאָך וואס פאר אן עלענט, וואס פאר א שרעקלעכער עתיד עס ערוואַרט אלעמען, אויב מען וועט נאָך לאנג אזוי שטרייקן. און נישט וואגנדיק זיך ארויסצוזאגן פאר אונטערגעבן זיך האט ער נאר אזוי געזוכט אפצושוואכן זייער מוט. ער האט געשילדערט דעם הונגערנויט אין די דערפער און האט געפרעגט די אנהענגער פונם שטרייק אויף וועלכע הילפס-קוועלן זיי וואַרטן.

א דריי, פיר פריינט האבן געפרווּוט אים צו קלאַפּן בראַוואָ, צוליב וואס דאס שווייגן פון דער גרויסער מערהייט איז נאָך געוואָרן בולטער, אייניקע האבן אפילו אין איינצעלנע אויסרופן געפרווּוט אויסדריקן זייער אומצופרידנהייט. דעמאלט האט ער שוין אינגאנצן אנגעווירן די האפנונג איבערצוציען די ארבעטער אויף זיין זייט און ער האט אנגעהויבן נביאות צו זאגן, אז זיי וועט טרעפן דאס גרעסטע אומגליק, אויב זיי וועלן זיך לאָזן פארדרייען די קעפ פון פרעמדע.

די מערהייט פון די צוהערער האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער, געשריגן און אים געוואלט שטערן ווייטער צו רעדן; ער האט זיי באליידיקט, ווען ער האט זיי באהאנדלט ווי קינדער, וועלכע ווייסן נישט ווי אזוי זיך אויפצופירן. ער אבער האט פון צייט צו צייט א זופּ געטון פונם ביר און האט ווייטער גערעדט, שרייענדיק דאביי, אז עס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן דער, וואס זאל אים קענען שטערן צו דערפילן זיין פליכט.

פלוצעם האט זיך אויפגעהויבן, און ווייל ער האט

קיין גלעקל נישט געהאט, האט ער געקלאפט מיטן פויסט אויפן טיש און געשריגן מיט א הייזעריקער שטים:

— מיטבירגער !.. מיטבירגער !..

ענדלעך איז אים געלונגען די רו צוריקצושטעלן און מיט דער הסכמה פון דער פארזאמלונג איז ביי ראסענערן צוגענומען געווארן דאס ווארט.

— דיר איז, נאטירלעך, אלץ-איינס, — האט געליארמט לעוואק, ווייזנדיק ראסענערן די פויסט.

— בירגער, דערלויבט מיר צו רעדן, — האט געזאגט פלוכארט.

עס איז געווארן זער שטיל. ער האט אנגעהויבן צו רעדן, די ווערטער זענען מיט מי ארויסגעגאנגען פון זיין ברוסט און האבן זיך געהערט כריפלע אין רוי, אבער די הייזעריקייט האט געהערט צו דעם פראגראם. צו-ביסלעכווייז אבער איז זיין שטים געווארן שטארקער און ער האט זיך אנגעהויבן באנוצן מיט פאטעטישע עפעקטן, ער האט ווייט אויסגעשפרייט די אָרעם, באגלייט זיינע זאצן מיט א לייכט וויגן זיך און האט אנטוויקלט אזא בארעדעוודיקייט, וואס האט געהאט אין זיך עטוואס פון א פרעדיקער. דעם סוף פון יעדער זאץ האט ער אויסגעזונגען מיט דעם ניגון פון א גייסטלעכן, האבנדיק שטענדיק מיט דער הילף פון דער זינגענדיקער איינפארמיקייט אן איבער-צייגנדיקע ווירקונג אויף די צוהערער.

ער האט גערעדט פון דער גרויסקייט און וווילטעטיקייט פון דעם אינטערנאציאנאל; עס איז געווען די רעדע, וועלכע ער האט געוויינלעך אומעטום געהאלטן, ווו ער איז נאר געווען צום ערשטן מאל. ער האט דערקלערט דעם ציל פון דעם פארבאנד, די באפרייאונגס-אידעע פון די ארבעטער און האט געשילדערט די גרויסארטיקייט פון דער ארגאניזאציע, צוערשט די קאמונע, איבער איר די פראווינץ, נאך העכער די נאציע און איבער אלעמען די גאנצע מענטשהייט. דערנאך איז ער איבערגעגאנגען צו דער אינערלעכער פארוואלטונג; ער האט פארגעלייענט די סטאטוטן, גערעדט פון די קאנגרעסן, אנגע-

וויזן אויף דעם כסדרדיקן פֿאָרשריט פֿונם פֿאַרבאַנד, אויף דער פֿאַרברייטערונג פֿונם פּראָגראַם, וועלכעס האָט זיך פֿריער פֿאַרנומען בלויז מיט דער הויך פֿונם לוין, איצט אָבער נעמט עס אין אַכט די גאַנצע סאָציאַלע פֿראַגע, כּדי מיט איינמאָל צו מאַכן אַן ענדע מיט דער פֿראַגע פֿון לוין. קיינע נאַציעס מער! די אַרבעטער פֿון דער גאַנצער וועלט וועלן זיך פֿאַראייניקן אין זייער געמיינזאַמען פֿאַרלאַנג נאָך גערעכטיקייט, אָפּרייניקנדיק די ערד פֿון דער צעפּוילטער בורזשואַזיע, וועלן זיי גרינדן אַ פֿרייע געזעלשאַפֿט, אין וועלכער דער נישט אַרבעטנדיקער וועט אויך נישט גאָרנישט באַקומען! איצט האָט ער געשריגן אויף אַ קול און זיין אָטעם האָט באַוועגט די פֿון דער סטעליע זיך אַראָפּהענגענדיקע פּאַפּיר-בלומען.

דאָ האָט זיך צווישן די פֿאַרזאַמעלטע אָנגעהויבן אַ באַוועגונג. אייניקע האָבן געשריגן:

— דאָס איז דאָס גערעכטע!.. מיר שטייען צו!

ער האָט פֿאָרטגעזעצט, אַז דריי יאָר וועט שוין די גאַנצע וועלט זיין עראָבערט. און ער האָט איבערגעציילט די פֿעקלעך, וועלכע זענען שוין צוגעשטאַנען. פֿון אַלע זייטן זענען אָנגעקומען דערקלערונגען, אַז מען וויל זיך אָנשליסן אינם פֿאַרבאַנד. קיין שום רעליגיע האָט נאָך נישט געהאַט אין אָנהייב פֿון איר עקזיסטענץ אַזוי פֿיל אָנהענגער. ווען זיי זאָלן האָבן די מאַכט אין זייערע הענט, וואָלטן זיי די היינטיקע הערן דעקטירט געזעצן און זיי וואָלטן אויך דערפֿילט דעם קולאַק אויפֿן קאַרק.

— יאָ! יאָ!.. זיי וואָלטן שוין געמוזט ווערן אַביסל נידריקער!

מיט אַ האַנט-באַוועגונג האָט ער געגעבן אַ צייכן מען זאָל שווייגן. ער איז איבערגעגאַנגען צו רעדן פֿונם שטרייק. אין גרונט בענומען האַלט ער נישט פֿון שטרייקן, ווייל זיי זענען קודם-כּל אַ מיטל, וואָס ווירקט זייער לאַנגזאַם און פֿאַרמערט נאָר די ליידן פֿונם אַרבעטער; דאָך איידער מען קען עפּעס בעפּערס אויפֿטון, זענען זיי אומפֿאַרמיידלעך און מען מוז צו זיי

אנקומען כדי צו דעזאָרגאַניזירן דעם קאַפּיטאַל. אין דעם פֿאַל איז דער אינטערנאַציאָנאַל ווי די השגחה אליין. ער האָט גע-בראַכט ביישפּילן: אין פּאַריז ביי דעם שטרייק פֿון די מעטאַל-אַרבעטער האָבן די אַרבעטער באַלד נאָכגעגעבן אַלע פֿאָדערונגען, דערשרעקנדיק זיך פֿאַר דער ידיעה, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל שיקט געלט; אין לאָנדאָן האָט דער אינטערנאַציאָנאַל אָפּגע-ראַטעוועט די אַרבעטער פֿון אַ קוילנגרוב, אָפּשיקנדיק אויף זיינע קאָסטן צוריק אַהיים די בעלגישע אַרבעטער, וועלכער, די אַרבעטסגעבער האָבן אויסגעשריבן. עס איז גענוג צוצוגעבן, אַז אַלע קאַמפּאַניעס ציטערן, ווי נאָר די אַרבעטער שליסן זיך אָן אין דער גרויסער אַרבעטער-מחנה. בעסער איינער פֿאַרן אַנדערן צו שטאַרבן, איידער צו בלייבן די קנעכט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט.

אַ שטורם פֿון אַפּלאָדיסמענטן האָט אים איבערגעריסן. ער האָט זיך אָפּגעווישט דעם שטערן מיט זיין טאַשן-טיכל, נאָר ער האָט אָפּגעזאָגט צו טרינקען דאָס גלאָז ביר, וואָס מאַהע האָט אים פֿאַרגעלייגט. ווען ער האָט ווייטער געוואָלט רעדן, האָט אים ווידער איבערגעריסן דער פֿריערדיקער שטורם פֿון אַפּלאָדיסמענטן.

— עס האָט געווירקט! — האָט ער צוגעפֿליסטערט שנעל צו עטיענען, זיי וועלן שוין האָבן גענוג... גיב די מיטגלידער-קאַרטעס!

ער איז פֿאַרשוווּנדן אונטער דעם טיש און האָט זיך צוריק באַוויזן מיט דעם שוואַרצן קאַסעטקעלע.

— בירגער! — האָט ער אויסגערופֿן, איבערשרייענדיק דעם ליאַרם, דאָס זענען די מיטגלידער-קאַרטעס! זאָלן די דעלעגירטע נעענטער צו גיין, איך וועל זיי די קאַרטעס איבערגעבן און זיי וועלן זיי שוין צעטיילן... דאָס איבעריקע וועט מען שוין שפּעטער איינאָרדנען.

ראַסענער האָט זיך אויפֿגעהויבן און נאָכאַמאָל געוואָלט פּראָטעסטירן, אויך עטיען האָט געוואָלט רעדן. עס איז אַנטשטאַנען אַ געוואַלטיקער טומל. לעוואַק האָט אויסגעשטרעקט די געביילטע

פויסט, גלייך ער זאל זיך וועלן שלאגן מיט עמעצן, אלע האבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און אלע האבן געשריגן אזוי, אז מען האט קיין איין וואָרט נישט געהערט.

פלוצים האט זיך געעפנט די טיר און עס האט זיך באַוויזן אין איר דעסיר מיט איר מעכטיקן קערפּער, זי האט געשריגן!

— עוויגט דאָך, אין נאָמען פון גאָט!.. די זשאנדארמען זענען דאָ!

עס איז געווען דער קרייז-קאָמיסאר. ער איז שוין געקומען אַ ביסל צו שפּעט צו צוטרייבן די פארזאמלונג. פיר כאַליציאַנטן האָבן אים באַגלייט. פינף מינוט האט אים די אלמנה דעסיר אויפגעהאַלטן, דערקלערנדיק אים, אז ביי זיך אין שטוב האט זי רעכט צו טון וואס זי וויל און איז געווען פאָלקאם באַרעכטיקט איינצולאדן אירע פריינט.

— איר מוזט שוין ארויס! — האט זי געזאָגט, די פאַרשאָלטענע פאָליציאַנטן באַוואָרן דעם הויף, נאָר דאָס מאכט נישט זויס, ווייל מיין שטאַל האט אן ארויסגאנג דורך דעם געסל... מאכט עס נאר שנעל!

דער קאָמיסאַר האט שוין געקלאַפּט מיט דער פויסט אויף דער טיר, און ווייל מען האט אים נישט געעפנט האט ער געדראָט אויפצורייסן די טיר.

עס האָט עמעצער זיכער געמוזט פאררעטן, ווייל ער האט געשריגן אז די פארזאמלונג איז נישט געזעצלעך און אין זאל איז דא אַ סך ארבעטער, וועלכע האָבן נישט קיין איינלאדונגען.

אין זאַל איז דער טומל געוואַקסן, מען האט דאָך נישט געקענט אזוי סתם צוּעקלויפן, נישט האָבנדיק אָפּגעשטימט, נישט דאס אָנשליסן זיך אין דעם אינטערנאַציאָנאַל און נישט די פאָרזעצונג פון שטרייק. אלע האָבן געוואָלט רעדן אין דער זעלבער צייט. דאָ איז פלוכארטן פלוצים איינגעפאַלן דורכצופירן די אָפּשטימונג דורך אַקלאַמאַציע. די הענט האָבן זיך אין איילעניש אויפגעהויבן און די דעלעגאַטן האָבן דערקלערט

זייער צושטימונג אין זייער נאמען און אין נאמען פון די וועלכע האָבן זיי אויסגעוועלט.

אזוי זענען די צענטויזנט ארבעטער פין מאָנטסו צוגעטרעטן צום אינטערנאַציאָנאַל.

איצט האט זיך אָנגעהויבן דאס אָפּציען. די אַרבעטער זענען געשפּרונגען איבער די בענק און זענען געפלויגן דורך דער קעך אין דורך דעם האָלץ-שטאַל. ראסענער איז געווען דער ערשטער, נאך אים לעוואק, ער האט פאַרגעסן אין דעם גאַנצן זידלען זיך און געהאָפּט, אז ראַסענער וועט אים געבן אַ גלעזל ביר. עטיען האט קודם כל געכאפּט די קאַסטעקע און צו זאמען מיט מאהען און פלושארטן געווארט ביז אלע וועלן ארויסגיין. און קוים האבן זיי אויך דעם זאַל פארלאָזט, אזוי האבן זיך באַלד אַריינגעריסן די פּאָליציאנטן און זיך אַוועקגעשטעלט געגנאיבער דער אלמנה דעסיר, וועלכע האט נאך מיט איר בויך זיי פארשטעלט דעם וועג.

— נו צוואָס האט עס אייך גענוצט, וואס איר האט יך אלץ חרוב געמאכט ? האט זי געזאָגט, איר זעט דאָך, אז קיינער איז דאָ נישטאָ.

דער קאָמיסאַר, וועלכער איז געווען אַ רוהיקער מענטש און די אלע פּאָרפאלן זענען אים געווען שטארק דערווידער, האט איר נאר געדראָט, אז ער וועט זי איינזעצן ; דערנאָך איז ער געגאַנגען צונויפשטעלן אַ פּראָטאקאָל און די פיר פּאָליציאַנטן האבן אים באַגלייט אונטער די לֵצנידיקע בליקן פון זכריהן און מוקעטן, וועלכע האבן זיך לוסטיק געמאכט איבער דער באַוואָפנטער מאַכט.

ווען עטיען איז שוין געווען אין דרויסן האט ער אנגעהויבן צו לויפן, טראָגנדיק די קאָסטעקע אונטער דער האַנט ; אנדערע האבן אים נאָכגעטון. פּלוצים האט ער זיך דערמאנט אין פּיעראנען און האט געפרעגט צו קיינער האט אים נישט געזען, און מאהע האט אפגעענטפערט, לויפנדיק, אז ער איז קראנק : עס איז געווען אַ קרענק צו דער רעכטער צייט, די מורא זיך צו קאָמפּראמעטירן.

מען האט געהאָלט פּרוכארטן נאך אויפהאלטן דא, נאר ער האט דערקלערט, אז ער מוז באלד זיין אין זשואַסבל, ווו ער דארף זיך זעען מיט לעגאָזשע. אלע האבן אים געווונטשן אַ גליקלעכע רייזע, נישט אפּשטעלנדיק זיך דאַביי, און זענען ווייטער געלאפן אין דער ריכטונג פון מאנטפּו. עטיען און מאהע האבן געלאַכט פול מיט האפנונג, זייענדיק זיכער אין דעם זיג! וויבאלד דער אינטערנאַציאנאל האט צוגעשיקט געלט, וועט די קאָמפּאניע זיי שוין בעטן ווידער אנצונעמען די ארבעט. און אין דעם דאזיקן אויפשוווּנג פון האפנונג, אין דעם גאַלאָפּ פון שווערע שטיוול, וועלכע האבן אָנגעמאכט אַגערויש אויף די שטיינער פון דער גאַס, האט זיך דערפילט נאך עטוואס פינצטערעס און ווילדעס, אַ ווילדע קראפט, וועלכע דער ווינט וועט צעטראגן איבער אלע ארבעטער דערפאר אין אלע פיר זייטן פון דער געגנט.

י׳

ווידער זענען פאַריבערגעגאַנגען פערצן טעג. עס זענען געווען די ערשטע יאַנואַר טעג, און קאַלטע נעפּלען האבן איינגעהילט דאָס ווייטע פעלד. די עלנט איז נאָך געוואָרן גרעסער, די נויט אין די אַרבעטער דערפער האָט דערגרייכט איר העכסטן פונקט. די פיר טויזנט פראַנקען, וועלכע זענען צוגעשיקט געווארן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל אין לאָנדאָן, האָבן פאַרזאָרגט די אַרבעטער מיט ברויט נישט מער ווי אויף דריי טעג. דערנאך איז שוין מער נישט אָנגעקומען. דער מוט פון די שטרייקנדיקע איז געבראָכן געוואָרן. אויף וועמען זאָלן זיי איצט האָפן אַז זייערע ברידער אַליין האָבן זיי פאַרלאָזט? זיי האָבן זיך דערפילט ווי פארלוירענע אין מיטן פון שטרענגען ווינטער, אָפּגעזונדערטע פון דער גאַנצער וועלט.

אַרום דינסטיק האָבן זיך אינם אַרבעטער-דאָרף אויסגעשעפּט אַלע מיטלען. עטיען און די אַנדערע דעלעגאַטן האָבן געטון אַלץ, וואָס זיי האָבן געקענט: מען האט געזאַמלט געלט אין די שכנותדיקע שטעט, אפילו אין פאריז, און מען האָט אָפּ-

געהאַלטן קאָנפערנצן. עס האט קוים גענוגט אויף אונטערצושטיצ די אָרעמסטע פאַמיליעס. די אַנדערע משפחות האבן פאַרמשכנט זייערע בעסערע קליידער און אויספאַ־קויפט איינציקווייז די מער ווערטפולע זאַכן פון זייער באַלעבאַטעשקייט. אַלץ האָט איבערגעוואַנדערט צו די הענדלער פון אַלטווארג, די וואָל פון די מאטראַצן, דאס קיך־געפעס און אפילו דאס מעבל. איין אויגנבליק האט מען שוין געגלויבט, אז מען איז אפגעראטעוועט, ווען די קליינע סוחרים פון מאנטסו, וועלכע מעגראַט האט דערדריקט מיט זיין קאנקורענץ, האָבן אנגעהויבן געבן אויף באָרג אין דער האפנונג, אז זיי וועלן דערמיט אָפּציען די קונים. אַ גאַנצע וואָך האבן אין דער ווירקלעכקייט די דריי קליינע קרעמערלעך פון מאנטסו, דער באַקאַליי־קרעמער פערדאַנק און די צוויי בעקערס קאַרובל און סמעלטען געגעבן אויף קרעדיט. נאר באַלד האבן זיי געמוזט זיך צוריקציען, ווייל עס האָבן זיך אויסגעשעפּט ביי זיי אויך די מיטלען.

עס האט זיך אויסגעלאזט אזוי אַרום אומעטום דער קרעדיט און אין די שטיבער איז שוין נישט געבליבן גאָרנישט אַזוינס, וואָס מען זאל נאך קענען פאַרזעצן — מען האט זיך געקענט אַוועקלייגן ערגעץ אין אַ ווינקל און פּגרן ווי אַ קרעציקער הונט!

עטיען וואָלט זיין אייגענע הויט פערקויפט, כדי צו העלפן. ער האט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פענסיע און איז נאָך אַוועקגעגאַנגען קיין מארטוען צו פארקויפן דעם פאלטאָ און די הויזן, אַ גליקלעכער פון דעם געדאַנק, וואס ער וועט קענען ברענגען מאַהעס קינדער עפּעס צו עסן. ער האָט נאך פאַרמאַגט זיינע שטיוועל, וועלכע ער האט אמשטאַרקסטן אָפּגעהיט, כדי, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, פעסט צו שטיין אויף די פיס. ער איז געווען אין פערצווייפלונג דערפון וואס דער שטרייק האט אויסגעבראכן אזוי פרי, ווען די הילפס־קאַסע איז נאך געווען אזא שוואַכע. אין דעם האט ער געזעען די סבה פון דעם גאַנצן אומגליק, ווייל די ארבעטער וואלטן געוויס געזיגט, ווען זיי וואָלטן נאָר געהאַט די נויטקע מיטלען אויף ווייטער צו ציען דעם

שטרייק, און ער האָט זיך דערמאָנט אין סוואָרינס אַ געדאַנק, אַז די קאָמפּאַניע האָט איינמוסטן געבראַכט צום שטרייק, כדי צו פאַרניכטן דעם ערשטן קאַפּיטאַל פון דער הילפס-קאַסע.

דער אָנבליק פון דעם דאָרף פון די דאַזיקע אָרעמע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט נישט קיין ברויט און נישט קיין באַהייצונג, האָבן אים אַרויסגעבראַכט פון זיך. ער האָט עס נישט געקענט צוזען און פלעגט לאַנג אַרומשפּאַצירן איבער די ווייטע פעלדער, ביז ער האָט זיך גוט אָנגעמידט. ווען ער איז איינמאָל אין אָוונט געגאַנגען אַהיים און פאַרבייגעגאַנגען דורך רעקיאַרט, האָט ער דערזען אין דער זייט פונם וועג אַן אַלטע פרוי ליגן. זי האָט געוויס געחלשט פון ערשעפּונג. נאָכדעם ווי ער האָט זי אויפגעמונטערט, האָט ער אַרויף געטון אַ מיידל, וועלכעס ער האָט באַמערקט שטיין הינטערן פּלויט.

— אַה! דאָס ביזטו עס! — האָט ער געזאָגט דערקענענדיק לאַ־מוקעט, — העלף מיר גאָר! מען מוז דער פרוי געבן עפּעס צו טרינקען.

לאַ-מוקאַט איז געווען גערירט ביז טרערן. זי איז שנעל אַריינגעלאָפן אין דעם איינגעפאַלענעם הייזל, אין וועלכן איר פאָטער האָט געוווינט צווישן די חורבות, און אַרויסגעבראַכט פון דאָרט אַ שטיקל ברויט מיט אַ ביסל ווייַן. דער ווייַן האָט דער פרוי געבראַכט צו זיך און נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָט זי זיך גיריק גענומען בייסן דאָס דערלאַנגטע שטיקל ברויט.

עס איז געווען די מוטער פון אַ קוילנאַרבעטער, וועלכער האָט געוווינט אין דעם אַרבעטער-דאָרף נעבן קוגני. זי איז דאָ געפאַלן אין אָנמאַכט גייענדיק צוריק פון זשואַסעל, ווי זי האָט געוואָלט באָרגן ביי אירע אַ שוועסטער צען סו, נאָר אָן דערפאָלג. נאָכדעם ווי זי האָט אויפגעגעסן דאָס ברויט, איז זי זיך אַוועקגעגאַנגען ווייטער.

עטיען איז געבליבן שטיין.

— נו? ווילסטו נישט אַריינגיין און אויך אויסטרינקען אַ גלאָז? — האָט לאַ-מוקעט געפרעגט מיט איר ברייטער שטימע.

און ווען ער האָט זיך געוואַקלט, האָט זי צוגעגעבן:

— האסטו דען נאך אלץ מורא פאר מיר?

ער איז איר נאכגעגאנגען. ער איז געווען געריירט, ווייל זי האט גרויסמוטיק דאס ברויט געגעבן. זי האט אים גלייך אריינגעפירט צו זיך אין צימער אגן באלד אוועקגעשטעלט צוויי גלעזער וויין. דאס צימער האט אויסגעזעען זער ציכטיק און ריין, און ער האט איר געמאכט וועגן דעם א קאמפלימענט. איבריגנס האט די פאמיליע נישט אויסגעזעען צו ליידן קיין נויט: דער פאטער האט זיך געהאט ווי פריער די זעלבע שטעלע אלס קוטשער אין די גרובן; און זי, כדי נישט איינגאנצן צו זיצן מיט פארלייגטע הענט איז געווארן א וועשערין און פארדינט טעגלעך א דרייסיק סו.

— נו זאג!—האט זי פלוצים א זאג געטון ארומנעמענדיק אים, פארוואס ווילסטו מיר נישט ליב האבן?

ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן נישט צו שמייכלען.

— איך האב דיך ליב, האט ער אפגעענטפערט.

— ניין, ניין, נישט אזוי ווי איך וויל... דו ווייסט אז איך גיי אויס פון ליבע צו דיר. זאג, פארוואס געפעלסטו מיר אזוי?

זייט זעקס חדשים האט זי אים אומעטום פארפאלגט און אין אירע בעטנדיקע אויגן, וועלכע זענען שטענדיק געווען גע-ווענדעט אויף אים, איז געווען עטוואס טיף רירנדיקעס. זי איז נישט געווען שיין, נאר אירע אויגן האבן פארמאגט אן אייגנארטיקן גלאנץ און אירע באקן האבן תאוהדיק געגליט, וואס האט איר געמאכט ראזיק און יונג. עטיען האט שוין נישט פארמאגט אין זיך דעם כוח אויסצומיידן די אלע צערטלעכקייטן, מיט וועלכע זי האט אים פארשיט, גלייך דאס זאל זיין איר ערשטע ליבע און דער ערשטער מאן, מיט וועלכן זי האט זיך באקאנט. ווען ער האט זיך ענדלעך מיט איר צעשיידט, האט זי אים הערצלעך געדאנקט און געקושט אין די הענט.

עטיען האט זיך א ביסל געשעמט פון זיין גליק. מיט מע-קעטס ליבע האט מען זיך נישט גערימט. גייענדיק האט ער ביי זיך באשלאסן מער מיט איר זיך נישט אריינצולאזן. דאך האט

ער געפילט צו איר אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט, ווייל זי איז גע־
ווען אַ בראַוו מיידל.

די וויכטיקע נייעס, וועלכע ער איז געוויר געוואָרן אין
דאָרף האָבן אים, איבריגנס, שנעל געמאַכט פאַרגעסן אין דעם
גאַנצן פאָרפאַל. עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז די קאָמ־
פּאַניע וויל איינגיין אויף געוויסע הנחות, ווען די דעלעגירטע
וועלן זיך נאָכאַמאָל ווענדן צום דירעקטאָר. ווייניקסטנס האָבן
אַזוי געזאָגט די אויפזעער. אין דער ווירקלעכקייט האָט די
קאָמפּאַניע פּינם שטרייק אַזוי שטאַרק געליטן, ווי די אַרבעטער.
אויף ביידע זייטן האָט דער עקשנותדיקער ווידערשטאַנד זיך
געמאַכט חורבנות: אין דער צייט ווען די ארבעטער האָבן גע־
הונגערט, האָט דער קאַפּיטאַל זיך געבּרעקלט און צעפאַלן. טאָג־
טעגלעך האָט דער שטרייק איינגעשלינגען הונדערטער טויזנ־
טער. פון דער צייט, וואָס דער קליינער קוילן-זאַפּאַס האָט זיך
אויסגעשעפּט, האָבן די אָפּנעמער געדראָט אַוועקצוגיין צו די
גרובן אין בעלגיען. די גרעסטע שרעק אָבער פון דער קאָמפּאַניע
זענען געווען די אָפּטע ערד-איינפאַלן. די אויפזעער אַליין האָבן
גאָרנישט געקענט אויפטון און אומעטום האָבן זיך די גרובן
צעוואַלגערט, אַזוי אַז מען וואָלט שוין באַדאַרפט אַ שיינע פּאָר
חדשים, איידער מען וואָלט דאָס אַלץ פאַריכט. אין דער אומ־
געגנט האָט מען זיך וועגן דעם דערציילט פאַרשידענע מעשיות:
אין קרעוועסער איז איינגעפאַלן אַ שטח פון אַ דריי הונדערט
מעטר און פאַרמאַכט דעם צוגאַנג צו דער שאַכטע סענק-פּאָם;
אין מאַדעלען איז די שאַכטע מאַגרעטו געווען אינגאַנצן אונ־
טערן וואַסער. די דירעקציע האָט עס נישט געוואָלט מודה זיין
ביז צוויי פאָרפאַלן, וועלכע זענען געשען פּלוצים איינער
נאָכן אנדערן, האָבן איר דערצו געצוווּנגען. אין אַ שענעם פרי־
מאָרגן האָט מען דערזען ווי נישט ווייט פון לאַ-פּיאָלען צו
צפון זייט פון מירו איז דער באָדן איבער נאַכט געזונקען, און
דעם צווייטן פרימאָרגן איז געשען אַן איינפאַל אין פאַרעי,
וועלכער האט איין טייל פון מאַנטסו אַזוי צעטרייסלט, אַז צוויי
הייזער זענען איינגעזונקען געוואָרן.

עטיען און די דעלעגאַטן האָבן זיך געוואקלט צו גיין
באַכאַמאָל, ניכט וויסנדיק די כוונה פון דער לייטונג. דאנסאוערט,
ווען זיי האָבן געפרעגט אַן עצה, האָט אויסגעמיטן זיי צו-
געבן אַ באשטימטן ענטפער: געוויס באדויערט מען די מיס-
פארשטענדניש און מען וועט טון אלץ, וואס איז מעגלעך, כדי
צו דערגרייכן אן אויסגלייך — אבער ער האט נישט געזאגט גאָר-
נישט קיין באשטימטעס. ענדלעך האבן זיי זיך באשלאסן דורכ-
צושמועסן ווידער מיט הער האנעבא און אים פארשטעלן די גע-
רעכטיקייט פון זייערע פאדערונגען, ווייל זיי האבן געוואלט אויס-
מיידן יעדע, שפעטערדיקע באשולדיקונג, אז זיי האבן דער
קאמפאניע נישט געגעבן קיין שום געלעגנהייט איינצווזען איר
אומרעכט. זיי האבן זיך אָבער געגעבן דאס ווארט נישט נאכ-
צוגעבן און צו שטיין פעסט ביי זייערע גערעכטע פאדערונגען.
דאָס צוזאַמענקומען זיך איז פאָרגעקומען דינסטיק פרי
און איז שוין געווען ווייניקער פריינטלעך, ווי דאָס ערשטע.
דער רעדנער איז ווידער געווען מאַהע. ער האט דערקלערט, אז
ער איז געשיקט געווארן פון די קאלעגן צו פרעגן, אויב די באַ-
לעבאַטים האבן זיי נישט צו מאכן קיין נייע פארשלאגן. אנ-
פאנגס האט האנעבאָ געמאט דעם אנשטעל, אז ער ווייסט פון
גאָרנישט, אַז ער האט קיין שום אויפטראגן נישט באקומען און
אַז אלץ איז ווי פריער, ווען זיי, די ארבעטער, האבן זיך ארייגע-
קלאפט אין קאָפּ אריין דעם הוצפהדיקן בונט; און דער אַרט
און אופן, ווי אַזוי ער האָט זיי באהאנדלט פון אויבן אראָפּ,
האט געמאכט אויף זיי אַ געוואלדיקן שלעכטן איינדרוק, אזוי, אז
ווען אפילו זיי וואָלטן פריער געווען גרייט פון זייער זייט אנט-
קעגנצוקומען, האט זיי דער אויפנאם אזוי אָפּגעשטויסן, אז זיי האבן
באשלאסן ווייטער צו בלייבן ביי זייערס. איצט האט שוין דער
דירעקטאָר געזוכט אַן אויסגלייך מיט דער הילף פון געגנזיי-
טיקע הנחות: די ארבעטער זאלן מסכים זיין אויף דעם באזונ-
דערן אָפּצאָל פונם פארבויען, און די קאָמפאניע וועט זיי צו-
צאָלן דעם מכּומרשטדיקן היזק פון צוויי סו. דאביי האט ער
צוגעגעבן, אז דאָס זאָגט ער ערשט פון זיין אייגענער האנט,

נאָר ער וועט זיך זעצן פלייסן, אז אין פאריז זאל מען דער־צו אויך מסכים זיין. אבער די דעלעגאטן האָבן איבערגעחזרט זייערע פאדערונגען: צוריק איינפירן דעם אלטן סיסטעם און העכערן יעדן וואגן אויף פינף סאנטים. דאן האט דער דירעקטאר שוין מודה געווען אז ער איז באפולמעכטיקט באלד צו קומען צו אן אויסגלייך, ווען זיי וועלן נאר מסכים ווערן אויף די באַדינגונגען וועלכע ער האט זיי געשטעלט. און ער האט זיי אנגעהויבן איינרעדן מסכים צו זיין, דערמאנענדיק זיי אין זייערע הונגעריקע פרויען און קינדער. נאר די ארבעטער האבן געהאלט די אויגן איינגעגראבן אין דער ערד און כסדר געשאקלט אויף ניין. דאס צעשיידן זיך איז געווען שטורמיש. הער האנעבא האט האט מיט כעס פארהאקט די טיר אונטער זיי. עטיען, מאהע און די אנדערע האבן געקלאפט מיט זייער שווערע שטיוול איפן טראטואר פול פון שטומען כעס, ווי באזיגטע, וועלכע מען האט געטריבן צום אויסערסטן.

די פרויען ווידער פון זייער זייט האבן ארום צוויי א זייגער געמאכט א וויזיט ביי מעגראטן. זייער לעצטע האפנונג איז געווען, אז זיי וועט נאך געלונגען ווייך צו מאכן זיין הארץ און פועלן ביי אים ער זאל זיי נאך איין וואך געבן קרעדיט. לא־מאהעד, וועלכע האט שוין צו אפט זיך פארגלויבט אין דעם גוטן הארץ פון מענטשן האט די אידעע אויפגעגעבן. זי האט איינגערעדט לא־ברולע און לעוואק, זיי זאלן איר באגלייטן; לא־פיעראן האט זיך אויסגעדרייט דערמיט, וואס זי קען נישט איבערלאזן אליין איר מאן, וועלכער איז נאך אלץ געלעגן קראנק. צו זיי האבן זיך אנגעשלאסן נאך און עס האט זיך געבילדעט א גרופע פון א צוואַנציק פרויען. ווען די איינוווינער פון מאנטסו האבן זיי דערזעען גיין אין דער ברייט פון דער גאנצער גאס פארחושכטע און עלענטע, האָבען זיי פארדאגהט געשאָקלט מיט די קעפ. מען האָט פארשלאָסן די טירן, איין דאַמע האָט באהאלטן איר זילבער. ביי מעגראטן איז פארגעקומען א הייסע סצענע. צוערשט האָט ער זיי לאָכנדיק געלאָזט אריינגיין, מאכנדיק דעם אָנשטעל, אז ער מיינט, אז זיי זענען געקומען צאָלן זייערע אלטע חובות:

דאָס איז זעער שיין פון אייער זייט, וואָס איר האָט זיך אַלע אָפּגערעדט מיטאַמאָל אָפּצובורענגען דאָס געלט. נאָר ווען לאַ-מאַהעד האָט אָנגעהויבן צו רעדן, איז ער פֿאַרמרשט אַריין אין כּעס, וואָס? מען מאַכט חוזק פון אים? נאָך קרעדיט? זיי ווילן כּאַקע ער זאָל אַ בעטלער ווערן? ניין! קיין קאַרטאָפל, קיין שטיקל ברויט מער! און ער האָט זיי אָפּגעשיקט צו דעם באַקאַליישטשיק פּערדאָנק און צו די בעקערס קאַרובל און סמעלטן, זיי זאָלן זיי גיבן אַלץ וואָס זיי דאַרפן.

די פרויען האָבן אים אויסגעהערט מיט אַן הכנעהדיקער מינע, זיך אַנטשולדיקט און געפלייסט פון זיינע אויגן אַרויסצולעזן, אויב ער וועט זיך לאָזן ווייכער מאַכן. ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו שפּאַסן, ער האָט פאָרגעלעגט לאַ-ברולע זיין גאַנצע קלייט, אויב זי וועט איינשטימען צו זיין זיין געליבטע. אַזאַ פּחדנות האט אלעמען אַרומגענומען, אַז זיי האָבן פון דעם שפּאַס געלאַכט; און לאַ-לעוואַק איז נאָך אַריבערגעגאַנגען אַלעמען און פאָרגעלייגט צו זיין זיין געליבטע. ער איז אָבער באַלד געוואָרן גראָב און זיי געיאָגט צו דער טיר, ווען זיי האָבן זיך אָבער איינגעשפּאַרט און נישט אויפגעהערט צו בעטן, האָט ער איינע אנגענומען און זי אַרויסגעוואָרפן. די איבריקע, שוין שטייענדיק אויף דער גאַס, האָבן אים אָנגעהויבן צו שעלטן און לאַ-מאַהעד, אויפהויבנדיק די הענט צום הימל האָט פול פון כּעס און נקמה-געפילן אים געווינטשן דעם טויט, שרייענדיק אז אַזאַ מענטש פאַרדינט נישט ער זאָל לעבן.

דער וועג צוריק אין דאָרף איז געווען זייער אַ טרויעריקער. ווען די מענער האָבן דערזעען די פרויען אַ היימקומען מיט ליידיקע הענט, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. עס איז אַלזא געווען קלאָר: דער טאָג וועט פאַריבערגיין און מען וועט נישט האָבן געהאַט אפילו קיין לעפל זופּ אין כּויל, און הינטער אים האָבן אויפגעטויכט פון דער טונקעלקייט נאָך אַ גאַנצע ריי פון אנדערע טעג וועלכע עס האָט נישט באַהעלט קיין שום שטראַל פון האָפנונג. זיי האבן עס אָבער אליין אַזוי געוואלט און קיינער האט נישט גערעדט פון אונטערגעבן זיך. די דאָזיקע

שרעקלעכע נויט האָט זיי נאָר געמאכט מער איינגעעקשנטער און זייער באַשלוס פעסטער, בעסער אויסצוגיין דאָ אין די לעכער, איידער זיך אונטערצוגעבן. ווער וועט זיך עס וואַגן דער ערשטער צו רעדן פון אונטערגעבן זיך? מען האָט איינער דעם אנדערן געשוווירן זיך צו האַלטן צוזאַמען און אַזוי וועט מען טון, ווי מען האָט עס געטון פון אונטן אין די גרובן, ווען איינער איז געוואָרן פארשיט. זיי האבן פון אונטן דורכגעמאַכט אַ גוטע שולע, כדי זיך צו קענען צו פאסן צו אַלץ; מען וועט קענען אַ אכט טאג אַ ביסל פעסטער צו בינדן דעם רימען, ווען מען אַרבעט שוין פונם צוועלף יאָר אָן אין די גרובן און עס האט זיך דערוועקט אין זיי אַ געוויסער אַרט שטאָלץ. ביי מאַהען האָט מען איבערגעלעבט א שרעקלעכן אָוונט. אַלע זענען געזעסן שווייגנדיק ביי דעם אויסגייענדיקן פייער אין וועלכן מען האט שוין אריינגעוואָרפן דאָס לעצטע ביסל קוילנשטויב. נאכדעם ווי מען האט שוין געהאט פארקויפט דאס לעצטע ביסל האָר פון די מאַטראַצן, האָט מען זיך באשלאָסן צו פארקויפן אויך דעם קוקוס-זייגער אין די שטוב, פון דער צייט, וואס עס האָט איר אויפגעהערט אנצופולן דער היימלעכער טיק-טאַק פונם זייגער, האט אויסגעזעען נאַקעט און טויט. איצט איז בלויז געשטאנען אויפן טישל דאָס שאַכטל פון רויטן קאָרדאָן, אן אַלטע מתנה פון מאַהע, וועלכע לאַ-מאהעד האט אָפגעהיט ווי אן אוצר. די צוויי גוטע שטעלן זענען שוין אויך געווען פארקויפט און דער אַלטער באַנעמאר מיט די קינדער זענען געזעסן אויף דער אַלטער באַנק, וועלכע מען האָט אַריינגעשלעפט פון גאָרטן. די טונקעלע שיין פון בין-השמשות, וועלכע האט אנגעפילט די שטוב האָט אויסגעזעען נאך צו פאַרגרעסערן די קעלט.

— וואָס וועלן מיר איצט אָנהייבן צו טון? האָט לאַ-מאַהעד איבערגעחזרט, זיצנדיק איינגענורעט ביי דער פלוטע.

עטיען איז געשטאַנען ביי דער וואַנט און זיינע בליקן האָבן גערוט אויף די בילדער פון דעם קייזער און דער קייזערין. ער וואלט זיי שוין פונלאַנג אַראָפגעריסן, ווען די פאמיליע זאל זיי נישט פאַרטיידיקן, ווייל דאָס איז געווען די באַצירונג

פון שטוב. ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמעלט פון צווישן די צונויפגעפּרעסטע ציין:

— קיין צוויי סו וועלן מיר אין ערגעץ נישט באַקומען. עס ווייזט אויס, אַז מיר וועלן שוין אַזוי אויסגיין פון הונגער.

— וואָס וואָלט געווען, ווען איך זאָל אַוועקטראָגן דאָס שאַכטל, האָט ווידער אָנגעהויבן די פרוי אַ בלייכע און נאָך אַ אינערלעך וואַקלניש.

מאַהע, וועלכע איז געזעסן ביי דעם טיש מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און טיף געבויגענעם קאָפּ, האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— ניין, איך וויל נישט!

לא-מאַהעד האט זיך שווער אויפגעהויבן פון איר אָרט און געמאכט אַ פּאָר טריט איבערן צימער. איז עס דען מעגלעך אַז גאָט זאָל מסכים זיין, מען זאָל זיך געפונען אין אַזאַ נויט! אין שפּייז-שראַנק איז שוין נישטאָ קיין ברעקל ברויט און אין שטוב געפינט זיך שוין נישט גאָרנישט אַזוינס, מען זאָל עס קענען פאַרקויפן. און דאָס פייער וועט שוין אויך באַלד אויסגיין! זי האט אויסגעגאָסן איר כעס אויף אַלצירן, וועלכע זי האט אינדערפרי געשיקט צונויפצוזאמלען קוילנשטויב. אַלציר איז אַהיימגעקומען מיט ליידיקע הענט און דערציילט, אַז די קאָמפּאַניע האט פאַרבאָטן צונויפצוקלייבן די שטיקלעך קוילן, גלייך ווי מען זאָל האָבן עמיצן געטון אַ שאָדן דערמיט, וואָס מען האט צונויפגענומען די שטיקלעך קוילן, וועלכע זענען געווען פאַרשפּרייט אומעטום ביי די קוילנגרובן! דאס קינד איז געווען אין פאַרצווייפלונג און דערציילט, אַז איינער האט איר געדראָט מיט שלאָגן, אויב זי וועט נאָכאַמאָל קומען; דאך האט זי צוגעזאגט מאָרגן ווידער אַמאָל צו גיין נישט קוקנדיק אויף דער דראָאונג.

— און ווו איז יעאַנלין? האָט אויסגערופן די מוטער. ווו קען ער איצט נאָך זיין, פרעג איך אייך?.. ער האָט באַדאַרפט ברענגען סאַלאַט; מען וואָלט אים ווייניקסטנס געקענט עסן ווי די חיות! איר זעט, אַז ער קומט נישט אַהיים. נעכטן האָט ער אויך נישט גענעכטיקט אין דער היים. איך ווייס נישט,

וואָס ער טוט, נאָר דער כּלב זעט מיר שטענדיק אויס, ווי ער זאָל האָבן אַ פֿולן בויך.

— אַבער בעט ער נדבֿות אויף דער גאַס, האָט זיך אָנגערופֿן עטיען.

דאָ האָט זי פּלוצים צונויפֿגעדריקט די קולאַקעס און זיך אָנגעצינדן:

— ווען איך זאָל דאָס וויסן... מײַנע קינדער בעטלען! איך וואָלט שוין בעסער געטייט זיי און זיך.

מאַהע האָט זיך ווידער אָנגעשפּאַרט ביי דעם טיש. לענאָרע און הענרי, פֿאַרוווּנדערט פֿאַר וואָס מען גיט זיי נישט צו עסן, האָבן אָנגעהויבן צו וויינען; אין דער צייט ווען דער אַלטער באָנעמאָר האָט מיט אַ פֿילאָזאָפֿישער כּוונה געדרייט מיטן צינג אַהער און אַהין, כּדי אָפּצונאַרן דעם הונגער.

דאָ האָט פּלוצים עטיען, וועלכער איז שוין געשטאַנען אַ פּאָר מינוט פֿאַרקלערט, אָנגענומען אַ באַשלוס.

— וואַרט אויף מיר, האָט ער געזאָגט. איך וועל גיין עפּעס זען.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב. ער האָט זיך דערמאָנט אין לאַ-מוקעטן. זי האָט געוויס ברויט און זי וועט אים געבן. עס איז אים נאָר געווען נישט אָנגענעם נאָכאַמאָל צו גיין קיין רעקי אַרט. דאָס מיידל וועט אים ווידער אַמאָל קושן די הענט מיט דער מינע פֿון אַ פֿאַרליבטע דינערין

— איך וויל אייך עפּעס נאָך פּרוּוון, האָט געזאָגט לאַ-מאַהע.

זי האָט ראַש געעפֿנט די טיר, וועלכע עטיען האָט נאָר וואָס פֿאַרמאַכט, און איז אַרויס פֿון שטוב, איבערלאָזנדיק די אײַבעריקע שטום און אומבאַוועגלעך ביי דער מאַטער שיין פֿונם ליכט, וואָס אַלציר האָט נאָר וואָס אָנגעצונדן. אַ רגע איז זי געשטאַנען שטיל און זיך איבערלייגט. דערנאָך איז זי אַרײַנגעגאַנגען צו לאַ-לעוואַק.

— זאָג נאָר, איך האָב דיר געבאָרגט אַ ברויט, קענסט עס מיר איצט אָפּגעבן.

לאַ-לעוואַק האָט שטאַר געקוקט אין דעם אויסגייענדיקן פייער, אין דער צייט ווען איר מאַן, וועלכן די קאָוואַלעס האָבן אָנ-געטרונקען, איז מיט אַליידיקן מאגן געלעגן אָנגעשפּאַרט אויפן טיש און געשלאָפן. בוטעלופ איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער וואנט און מעכאַניש זיך געריבן די אַקסלען. ער האָט אויסגע-זעען ווי איינער, וועמענס גאַנץ פאַרמעגן מען האָט פארצערט און איצט מוז ער אַליין ליידן הונגער.

— אַ ברויט! אַך, מיין ליבע, האָט אָפּגעענטפערט לאַ-לעוועק, איך האָב ערשט אליין געוואָלט באָרגן ביי דיר.

און ווען איר מאַן האָט אַ שנארכע געטון פונם שלאָף, האָט זי אים אַ שטויס געטון דאָס פנים צום טיש, שרייענדיק:

— שטיל, חזיר! עס שאדט גאָרנישט, וואָס עס ברענט דיר אין אינגעווייט... אנשטאָט ביר, וואָלסטו בעסער געקענט אויסבעטן ביי אַ פריינט אַ צוואַנציק סו אויף באָרג.

זי האָט פאָרטגעזעצט צו שעלטן און שרייען, זיך גרינגער מאַכנדיק דאָס הארץ, אינמיטן דער פאראומרייניקטער באַלעבאַ-טישקייט, וועלכע איז שוין געווען פון אזוי לאנג פארלאָזט, אז א מיאוסער ריח האָט געזעצט פון דער ערד. עס האָט זיך גע-מעגט אלץ צעפאלן, זי האָט זיך ווייניק געזארגט! איר זון בע-בערט איז אויך פארשווונדן פון גאנצפרי און זי האָט געשריגן, אז א גאנצער עול וועט פון איר אראָפּ, ווען ער וועט זיך מער שוין נישט אומקערן. דערנאך האט זי געזאגט, אז זי גייט זיך לעגן. דאָ וועט איר ווייניקסטנס כאָטש זיין וואַרעם. זי האט אַ שטויס געטון בוטעלופן.

— היי! מיר גייען ארויף!.. דאס פייער איז אויסגעלאָשן און מיר דארפן נישט אָנצינדן קיין ליכט, כדי אָנצוקוקן די ליידיקע טעלערס... הו גייסט שוין ענדלעך, לואיס? איך זאג דאך דיר, אז מיר גייען זיך לעגן..

ווען לאַ-מאהעד איז ווידער געווען אין דרויסן האט זי זיך באַשלאָסן דורך די גערטנער זיך צו לאָזן צו לאַ-פיעראַן. אנטקעגן האט זיך איר דערטראָגן אַ געלעכטער. ווען זי האט

אָנגעקלאַפּט איז באַלד געוואָרן שטיל. עס איז פאַריבער אַ פּאָר מינוט ביז מען האָט איר געעפנט.

— אַה! דו ביזט עס! — האָט אויסגערופן לאַ־פּיעראַן, מאַכנדיק דעם אָנשטעל ווי זי זאָל זיין שטאַרק פאַרוואונדערט. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז דער דאָקטאָר.

נישט לאָזנדיק זי קומען צום וואָרט האָט זי געהאַלטן אין איין רעדן ווייטער און אַנווייזנדיק אויף פּיעראַנען, וועלכער איז געזעסן פאַר אַ גרויס קוילנפייער, האָט זי געזאָגט:

— אַה! עס האַלט שלעכט מיט אים, אַלץ שלעכט. אויסערלעך זעט ער אפילו אויס גאַנץ גוט, נאָר די קרענק זיינע זיצט אים אין מאָגן. ער דאַרף האָבן עס זאָל זיין וואַרעם און מען פאַרברענט דאָס רעשט, וואָס מען האָט נאָך.

אין דער ווירקלעכקייט האָט פּיעראַן זייער גוט אויסגעזען; ער האָט זיך נאָר אומזיסט באַמיט דורך קרעכצן צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ קראַנקן. אויסער דעם האָט לאַ־מאַהעד אַריינקומנדיק דערפילט דעם ריח פון אַ קראָליקל; מען האָט זיכער ערגעץ פאַרשטעקט די שיסל. די טעלער זענען געשטאַנען אויפן טיש און אין סאַמע מיט האָט זי באַמערקט אַ פלאַש וויין, וועלכע מען האָט פאַרגעסן אַראָפּצונעמען פונם טיש.

— די מוטער איז אַוועקגעגאַנגען קיין מאַנטסו, אפשר וועט זי דאָרט קריגן אַ ברויט, האָט געזאָגט לאַ־פּיעראַן. מיר וואַרטן אויף איר קומען.

נאָר זי איז פּלוצים שטיל געוואָרן, אירע אויגן האָבן נאָכגעפאָלגט דעם בליק פון איר שכנהטע און זי האָט דערזען די פלאַש וויין אויף דעם טיש. זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט און דערציילט אַ גאַנצע געשיכטע: אַז דאָס האָט זי געקריגן אַ פלאַש וויין פון די הערן פון לאַ־פּיאָלען, ווייל דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, אַז ער מוז עס האָבן, און זי האָט נישט אויפגעהערט צו לויבן די מענטשן פאַר זייער פיינקייט. וואָס פאַר אַ גוטע מענטשן דאָס איז! באַזונדערס דאָס פריילין!

זי איז גארנישט שטאלץ, זי איז אליין ארומגעגאנגען אין די שטובער פון די ארבעטער און זיי געטיילט נדבות.

— איך ווייס, — האט זיך אנגערופן לא-מאהעד, איך קען זי. איר הארץ האט זיך צוזאממענגעדרוקט ביי דעם געדאנק, אז דאס גוטע פאלט שטענדיק אריין אין די הענט פון די, וועלכע דארפן עס אמווייניקסטנס האבן. ווי קומט עס, וואס זי האט זי גאר אין דארף נישט געזען? אפשר וואלט זי אויך עפעס פון איר באקומען!

— איך בין נאר געקומען, — האט זי זיך עגדלעך אנגערופן, צו זעען אויב עס זעט אויס ביי אייך בעסער, ווי ביי אונדז... קענסטו מיר אפשר כאטש מיט עפעס וואס ארויסהעלפן?

לא-פיעראן האט זיך הויך צעיאמערט.

— גארנישט האב איך נישט מיין ליבע! אפילו נישט קיין ביסל גרויפן... די מוטער האט זיכער אויך גארנישט געמאכט, אז נישט וואלט זי שוין געוועזן צוריק. מיר וועלן זיך שוין מוזן אזוי לעגן שלאפן אן אונטערבייט.

אין דעם האט זיך דערהערט פון קעלער א וויינעדיקע שטום, זי איז געווארן אין כעס און א קלאפ געטון מיט דער פויסט אויף דער קעלער טיר, דאס איז געוווען לידיע, זי האט זי פארשלאסן, האט זי געזאגט, אלס א שטראף דערפאר, וואס זי איז א גאנצן טאג ביז פינף א זייגער נישט געוועזן אין שטוב. מען קען זי שוין גארנישט איינהאלטן, יעדן אויגנבליק ווערט זי פארשוואונדן.

לא-מאהעד איז נאך אלץ געשטאנען און זיך נישט געקענט באשליסן אוועקצוגיין. דאס דאזיקע גוטע צעברענטע פייער האט עדות געזאגט פון א צופרידן לעבן און איר ליידיקער מאגן האט זיך געבוגטעוועט ביי דעם געדאנק, אז דא איז דא צו עסן. זיי האבן זיכער די אלטע אוועקגעשיקט און די קליינע אין קעלער פארשלאסן, כדי צו קענען זיך רויק אויפעסן דאס קראליקל. אה! מען קען זאגן, וואס מען וויל: ווען א פרוי אבער פירט זיך נישט גוט אויף, ברענגט עס פארט גליק אין שטוב אריין!

— אַ גוטע נאַכט! — האָט זי פּלוצים אַ זאָג געטאָן.

דרויסן איז שוין דערווייל געוואָרן נאַכט, און די לבנה, וועלכע האָט זיך באַוויזן פון הינטער וואָלקנס, האָט באַגאָסן די ערד מיט איר בלאַסער שיין.

אַנשטאָט צו גיין דורך די גערטנער, איז לאַ-מאַהעד גע-גאַנגען לענגאויס די הייזער, זי איז געווען אין פאַרצווייפלונג און האָט זיך נישט געוואָגט אַהיימצוקומען. אין אַלע הייזער האָט געהערשט די זעלבע נויט. ווו זאָל זי אַנקלאַפּן? ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען דעם קלויסטער האָט זי דערזען אַ שאָטן, וועלכער האָט זיך שנעל באַוועגט פאַר איר. אַ טונקעלע האָפ-נונג, וועלכע האָט זיך אין איר אויפגעוועקט, האָט איר גע-טריבן אים צו דעריאָגן, ווייל זי האָט אין דעם שאָטן דער-קענט דעם גלח, וועלכער פלעגט קומען אַלע זונטיק אין אַר-בעטער-דאָרף אָפּצוריכטן די תּפילות. זיין דיק זאַנפט געזיכט האָט עדות געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מענטש, וועלכער וויל מיט יעדן לעבן בשלום. דאָס וואָס ער איז איצט געגאַנגען ביי דער נאַכט, איז עס זיכער געווען דערפאַר וואָס ער האָט זיך נישט געוואָלט קאָמפּראָמיטירן אין די אויגן פון די אַרבעטער, איבעריקנס האָט מען געזאָגט, אַז ער וועט אינגיכן באַקומען אַ העכערן טיטול.

— הער גלח! הער גלח! — האָט געשטאַמלט לאַ-מאַהעד.

נאָר ער איז נישט געבליבן שטיין.

— אַ גוט'ן אָוונט, אַ גוט'ן אָוונט, מיין ליבע פרוי.

זי האָט זיך געפונען פאַר איר שטוב. די פיס האָבן איר שוין מער נישט געוואָלט טראָגן און זי איז אַריינגעגאַנגען.

אין שטוב איז נאָך געווען אַלץ ווי פריער. מאַהע איז נאָך אַלץ געזעסן ווי צוזאַמענגעבראָכן ביי דעם טיש. דער אַלטער באָנעמאָר און די קינדער זענען זיך געזעסן צוזאַמענגעדריקט אויף דער באַנק, כּדי ווייניקער צו פילן די קעלט. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, דאָס ליכט איז שוין געווען כּמעט אויסגעברענט און אַזוי קליין, אַז נאָך אַ ביסל וועט שוין קיין שיין אויך נישט זיין. ווען די טיר האָט זיך אויפ-

געפֿענט, האָבן די קינדער אויסגעדרייט די קעפּלעך, נאָר דער־ יִפֿענדיק די מוטער, האָבן זיי ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד און נאָר די מורא געשלאָגן צו ווערן האָט זיי נישט דערלאָזט אויסצובֿרעכן אין אַ געוויין.

לאַ־מאַהעד האָט זיך אַ נידערגעזעצט אַ צעבֿראָכענע אויף איר פֿריערדיקן פּלאַץ בײַ דעם פֿאַרלאָשענעם פֿײַער. קיינער האָט איר נישט געשטעלט קיין שום פֿראַגע, אַלע האָבן פֿאַר־ עקשנט געשוויגן. אַלע האָבן געוווּסט, אַז זי האָט גאָרנישט גע־ קריגן און זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר איבעריק צו דערקוטשען איר נאָך מיט פֿראַגן. מען האָט נאָך נעפּלדיק געהאָפֿט אויף עטיענען, אפֿשר וועט זיך אים אײַנגעבן עפּעס צו קריגן.

ענדלעך האָט זיך באַוויזן עטיען. ער האָט געהאַלטן אײַנגעוויקלט אין אַ שמאַטע אפֿשר אַ צוועלף אָפּגעקאָכטע קאַר־ טאָפֿל, שוין כמעט קאַלטע.

— דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געקענט קריגן, האָט ער געזאָגט, בײַ לאַ־מוקעטן האָט אויך געהערשט אַ מאַנגל אין ברויט. זי האָט אים מיט אַ הערצלעכן קוש געצוווּנגען צו נעמען איר אייגענעם אָוונטברויט.

— איך דאַנק אײַך, האָט ער אָפּגעזאָגט, ווען לאַ־מאַהעד האָט אים פֿאָרגעלייגט זײַן חלק, איך האָב דאָרט געגעסן.

ער האָט געזאָגט אַ ליגן. מיט אַ פֿינצטערער מינע האָט ער זיך צוגעקוקט ווי די קינדער זענען באַפֿאַלן די פּאָר קאַר־ טאָפֿל. דער פֿאָטער מיט מוטער האָבן זיך אויך אָפּגעהאַלטן כּדי עס זאָל נאָך עפּעס איבערבלײַבן, נאָר דער אַלטער האָט גיריק אײַנגעשלינגען אײַנגאַנצן. מען האָט געמוזט בײַ אים אָפּנעמען די לעצטע קאַרטאָפֿל, כּדי אַלזיר זאָל אויך עפּעס האָבן.

עטיען האָט דערציילט, אַז ער איז געוואָרן געוואָרן נײַעס, די קאָמפּאַניע, זײַענדיק צערייצט פֿון דעם האַרטנעקיקן ווידער־ שטאַנד פֿון די שטרײַקנדיקע זאָל האָבן באַשלאָסן אומצוקערן די ביכלעך אַלע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך קאָמפּראָמיטירט, זי וויל אַנטשלאָסן דעם קאַמף, און נאָך אַן ערגערע ידיעה

זיט מען זיך איבער: אז דער קאָמפּאַניע האָט זיך איינגעגעבן איבערצורעדן אַ גרויסע צאָל ארבעטער זיך צוריק צושטעלן צו דער ארבעט, מאָרגן וועט שוין די ארבעט אין די גרובן לאַ־וויקטואַר און פּעטרי־קאנטעל זיין צוריק און פולן גאַנג.

די מאהעס זענען אַריין אין פולער פאַרצווייפלונג.

— צו אלדי טייוול! — האָט אויסגעשריגן דער פּאָטער, אויב עס זענען דאָ צווישן אונדז פאַררעטער, דאַרף מען זיך מיט זיי אָפּרעכענען!

ער איז אויפגעשפּרונגען פונעם אָרט. די אין זיך דער־שטיקטע ליידן האָבן זיך אַרויסגעריסן אויף דער פריי ער האָט אויסגערופן:

— מאָרגן אָוונט אין וואַלד!.. ווען מען שטערט אונדז זיך צו פאַרזאמלען אין אַ צימער, וועלן מיר זיך פאַרזאַמלען אין וואַלד!

דער דאָזיקער אויסגעשריי האָט דעם אַלטן באָנעמאָר געמאַכט מונטערער. עס איז געווען דער אַלטער זאַמלרוף, די אויפפאָדערונג זיך צו שטעלן אויפן פּלאַץ פון די צייטן, ווען די קוילנאַרבעטער האָבן זיך געדאַרפט באַראַטן איבער דעם ווידערשטאַנד געגן די זעלנער פונעם קיסר.

— יאָ, יאָ, קיין וואַנדאַם! איך וועל אויך זיין דאַביי אויב מען וועט גיין אַהין.

לאַ־מאהעד האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַן אנטשלאָסענער מינע.

— מיר וועלן אַלע גיין אַהין! עס מוז נעמען אַ סוף מיט די אַלע אומגערעכטיקייטן און פאַררעטערישקייטן!

עטיען האָט באַשטימט, אז אויף מאָרגן אָוונט זאָל מען אַלע דערפער איינלאַדן אויף דער פאַרזאמלונג. נאָך פלוצים איז אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס פייער און דאָס ליכט. אין שטוב איז נישט געווען מער נישט קיין קוילן און נישט קיין נאַפט און מען האָט זיך געמוזט אזוי אין דער קעלט גיין לייגן שלאָפן די קינדער האָבן זיך צעוויינט.

יעאַנלין איז שוין געווען אַזוי ווייט אויסגעהיילט, אַז ער האט שוין געקענט גיין, נאָר ער האט געהינקט און ווען ער איז געלאָפן מיט די חברים זיינע, האט ער זיך געוואַקלט ווי אַ קאַטשקע.

אין דעם אָוונט איז יעאנלין געלעגן מיט זיינע שטענדיקע באַגלייטערס בעבערט און לידיע אויף דעם וועג קיין רעקיאַר און געלויערט. זיי האבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די שפיץ פינגער אין אַ פוסטער געגנט הינטער אַ פלויט געגנאיבער אַ פינצטערער קלייט. אן אלטע כמעט בלינדע פרוי האט דאָרט אויסגעלאדן דריי זעק אַרבעס מיט ביבלעך, וועלכע זענען געווען איינגאַנצן שוואַרץ פון שטויב; אַ געטריקנטער פיש, וועלכער איז דאָ געהאָנגען איבער דער טיר, האט געווענדעט אויף זיך יעאַנלינס קליינע אויגן. שוין צווייִמאָל האָט ער בעבערטן אַרויסגעשיקט אים אָפּצורייסן, נאר יעדעס מאָל באַוויזן זיך מענטשן אין עק פון דער גאַס, אַז כסדר שטערט מען נאָר און מען קען גאָרנישט מאַכן קיין געשעפט.

עס איז אָנגעפאָרן אַ הער אויף אַ פערד און די קינדער, דערקענענדיק האַנעבאַן האָבן זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד. פון צייט דער שטרייק האט אויסגעבראָכן האט ער זער אָפט דורכגעריטן אַליין דורך די צעבונטעוועטע דערפער, כדי זיך אין דער קורצער צו באַקענען מיט דער לאַגע פון די אַרבעטער. און מען האָט אים קיין איינמאָל נאָך נישט מיט שטיינער באַווארפן, ער האָט נאָר באַגעגנט שווייגנדיקע מענער, וועלכע האָבן לאַנגזאַם זייער קאָפּ אַנטבלויזט און האט געטראָפן זייער אָפט ליבע-פאָרלעך, וועלכע האָבן זיך ווייניק געקימערט וועגן דעם שטרייק און זיך געווילט אין שטילע ווינקלעך. ער האט באַמערקט די קינדער, וועלכע האָבן זיך געקאַטשעט אויף דער ערד. אויך דאס קליינוואַרג מאַכט זיך לוסטיק אין זייער עלנט! זיי האָבן אים געמאַכט טרויעריק און ער איז פאַר-

שווינדן אין דער טונקלקייט, זיצנדיק גלייך אין זיין זאָטל און דעם מאַנטל מיליטעריש פאַרקנעפּלט.

— עס הערט גאָרנישט אויף... האָט זיך אָנגערופן יעאַנלין. גיי בעבערט! פּאַק אים ביי דעם ווײדל!

נאָר דאָ זענען ווידער אָנגעקומען צוויי מענער און דער יונג האט דערשטיקט אין זיך אַ קללה, דערקענענדיק זיין ברו־דער זכריהן, וועלכער האט דערציילט מוקעטן, אז ער האָט גע־פונען ביי זיין פרוי איינגענייט פערציק סו. זיי האָבן ביידע געלאַכט און אָפּגערעדט צו טרעפן זיך מאָרגן ביי ראַסענערן און פון דאָרט גיין שפּאַצירן אין דער ריכטונג קיין מאָנטוואַר נישט ווייט פון מארשיען. וואָס איז זיי אָנגעגאַנגען דער שטרייק? זיי האָבן שוין געוואָלט פאַרקירעווען, ווען עטיען איז זיי פלוצים געקומען אַנטקעגן און זיך אַריינגעלאָזט מיט זיי אין אַ שמועס.

— ווען זיי דאָ שוין איבערנעכטיקן! האָט אויסגערופן יעאַנלין אין פאַרצווייפלונג. עס ווערט נאַכט, די אַלטע וועט באַלד ווידער קומען מיט די זעק.

אַ צווייטער אַרבעטער איז אָנגעקומען, גייענדיק אין דער ריכטונג נאָך רעקיאַר. עטיען האָט זיך געלאָזט מיט אים גיין און ווען זיי זענען פאַריבערגעגאַנגען פאַרן פלויט, האָבן די קינדער זיי געהערט רעדן פונם וואַלד: מען האָט די פאַר־זאַמלונג אָפּגעלייגט אויף מאָרגן, ווייל מען האָט מורא געהאַט, אז עס וועט זיך נישט איינגעבן אין איין טאָג מודיע זיין אַלע דערפער. ענדלעך איז די גאַס געוואָרן פריי, יעאַנלין האט ארויס־געשיקט בעבערטן.

— שנעל! כאַפּ אים אָן ביי דעם ווײדל!.. און געדענק, אז די אַלטע האָט אַ שטעקן.

צום גליק איז שוין געווען נאַכט. מיט איין שפּרינג האט בעבערט דערלאַנגט דעם פיש און דעם שטריק, אויף וועלכן ער איז געהאָנגען, צעריסן. דערנאָך איז ער אַנטלאָפן, מאַכנדיק מיטן פיש אין דער לופט ווי מיט אַ פּאַפּירענעם שלאַנג, יעאַנלין און לידיע זענען אים נאָכגעלאָפן.

די הענדלערין איז אַ פאַרווונדערטע אַרויסגעגאַנגען פון קראָם, נישט אַהנענדיק וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, נאָר זי האָט אין דער פינצטערניש שוין גאָרנישט געקענט אונטערשיידן.

דאָזיקע שלימזלן זענען געוואָרן די שרעק פאַר דער גאַנצער געגנט. זיי האָבן זי פאַרפלייצט ווי אַ ווילדע האַרדע, די באַפעלקערונג האָט די פאַרשידענע גנבות אַרויפגעוואָרפן אויף די שטרייקנדיקע. יעאַנלין האָט איין טאָג געצווונגען לידיען צו באַגנבענען אפילו איר מוטער, און האָט צוגענומען פון איר צוויי טוץ פאַרצוקערטע מאַנדלען, וועלכע פיעראַן האָט אויסגעשטעלט אויפן פענצטער אין גלעזערנע כּלים. נישט קוקנדיק אויף די פעטש וואָס זי האָט דעמאָלט אַרייגעכאַפּט, האָט זי אים דאָך נישט אויסגעגעבן, אַזוי האָט זי פאַר אים געציטערט. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך גענומען דעם גרעסטן חלק. בעבערט האָט אים שטענדיק אָפּגעבראַכט זיין רויב און פלעגט נאָך זיין צופרידן, ווען דער קאַפּיטאַן האָט אים נישט געפּאַטשט און נישט צוגענומען פאַר זיך אינגאַנצן.

שוין אַ לענגערע צייט האָט יעאַנלין זיי ביידע אויסגענוצט אויף אַ מיאוסן אופן. לידיען פלעגט ער שלאָגן, ווי זי זאָל זיין זיינע אַן אנפערטרויטע פרוי, און בעבערטן האָט ער אויסגענוצט אַ דאַנק זיין לייכטגלויביקייט און אים פאַרפלאָנטערט אין פאַרשידענע נישט אַנגענעמע אַוואַנטורעס. ער האָט זיי באַהאַנדלט ווי שקלאַוון און זיי דערציילט, אַז זיין באַלעבאָסטע איז אַ פּרינצעסין, נאָר זיי זענען נישט ווערט זיך צו ווייזן פאַר איר. אין דער ווירקלעכקייט פלעגט ער שוין פון אַ אַכט טאָג פלוצים פאַרשווונדן אין אַן עק פון אַ גאַס אָדער אין אַ זייטיקן וועג, נאָכדעם ווי ער האָט זיי מיט אַ דראָענדיקער מינע באַפוילן זיך אומצוקערן אין דאָרף אַריין.

אַזוי איז עס געשען אויך היינט אין אָוונט.

— גיב אַהער! — האָט ער אַ זאָג געטון, און אַרויס גע-

דיסן דעם פיש פון בעבערטס האַנט, ווען זיי זענען ענדלעך גע־בליבן שטיין אויף אַ זייטיקן וועג נישט ווייט פון רעקיאַר.

בעבערט האט זיך אַנטקעגנגעשטעלט.

— איך וויל אויך עפּעס האָבן פון אים! איך האָב אים באַקומען.

— ווי? וואָס? האָט יעאַנלין געשריגן, דו וועסט דער־פון באַקומען, ווען איך וועל דיר גיבן, אָבער היינט אין אָוונט געוויס נישט. מאָרגן אפשר, אויב עס וועט נאָך איבערבלייבן.

ער האט געגעבן לידיען אַ שטויס און האָט זיי ביידע אויסגעשטעלט אין ריי. ווי זעלנער איינעם נעבן אַנדערן, דער־נאָך האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט הינטער זיי און געזאָגט:

— איצט וועט איר פינף מינוט בלייבן שטיין זיך נישט אומקוקנדיק... דרייט איר זיך אויס, אזוי פרעסן אייך אויף די וועלף!.. דערנאָך וועט איר גיין גלייך אַהיים, און אויב בעבערט וועט זיך דערלויבן אונטערוועגס לידיען אָנצורירן, וועל איך דערפון געוואָר ווערן — און דעמאָלט וועט גיין פעטש!

ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער טונקלקייט, אזוי שטיל, אז זייערע באַרפעסע פיס האָבן קיין שום גערויש נישט אָנגעמאַכט. די ביידע קינדער זענען געבליבן שטיין אָן באַ־וועגונג פינף מינוט, נישט אויסדרייענדיק זיך, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אז אַן אומזיכטבאַרע האַנט וועט זיי אָנגרייפן. פאַמעלעך האָט די געמיינזאַמע מורא פאַר יעאַנלינען דערוועקט אין זיי אַ געגנזייטיקע סימפּאַטיע. ער וואָלט זי גערן אַרומגע־נומען שטאַרק צוגעדריקט צו זיין ברוסט און אויך זי וואָלט עס געוואָלט פון אים זיין אזוי צערטלעך געליבט. נאָר נישט זי, נישט ער האָבן עס געוואַגט אַרויסצוטרעטן געגן יעאַנלינס באַפעל. כאָטש עס איז שוין געווען שטאָקפינצטער, ווען זיי זענען אַהיימגעגאַנגען, דאָך האָבן זיי זיך נישט ארומגענומען און זענען געגאַנגען רויק אייגער נעבן דעם צווייטן, איבער־צייגטע, אַז ווען זיי זאָלן זיך אָנרירן, וואָלט זיך באַלד פאַר זיי באַוויזן דער קאַפּיטאַן און וואָלט זיי געשלאָגן דערפאַר.

אין דער זעלבער צייט איז עטיען אָנגעקומען קיין רע־
יאַר. אַן אָוונט פריער האט אים לאַ־מוקעט געבעטן ער זאָל
קומען און ער איז געקומען, אַ פאַרשעמטער, כאָטש ער האָט
צו דעם מיידל, וועלכע האָט אים געאַכטעט ווי אַ רעטער, דער־
פילט אַ געוויסע בייגונג, פון וועלכע ער האָט זיך נאָך אַליין
נישט געקענט אָפּגעבן קיין רעכנונג. ער איז איבעריקנס גע־
קומען מיט דער פונה איבערצורייסן מיט איר די באַציונגען.
ער וועט מיט איר רעדן און איר דערקלערן, אז זי דאַרף אים
נישט מער פאַרפאָלגן, צוליב זיינע קאָלעגן אַליין. עס איז נישט
ערלעך צו דענקן וועגן אייגענע פאַרגניגנס אין דער צייט,
ווען אַלע זענען אַזוי נאָענט אויסצוגיין פון הונגער.
אזוי ווי ער האָט זי נישט געטראָפן אין דער היים, האָט
ער באַשלאָסן צו וואַרטן און האָט דערווייל באַאָבאַכטעט די
געשטאַלטן, וועלכע האָבן זיך באַוועגט אין דער טונקלקייט. ער
האָט געדולדיק געוואַרט הינטער אַ קוסט. פלוצים האָט ער דער־
הערט אַ רויש אין די צווייגן. ער האָט געגלויבט, אז דאָס איז
אַ פויגל, צו זיין איבעררַאשונג אָבער האָט ער דערזען אָנ־
צינדן אַ שוועבעלע, ביי דער שיין פון וועלכן ער האט דער־
קענט יעאַנלינען, וועלכער האָט אָנגעצינדן אַ ליכט, און דערנאָך
פאַרשוונדן אין דער ערד. עטיען איז געוואָרן אַזוי נייגעריק,
אז ער האט זיך דערנענטערט צו דעם לאָך. דאס קינד איז
שוין געווען פאַרשוונדן, עס האָט זיך נאָר געזעען אַ שוואַכע
שיין, אַ רגע האָט עטיען זיך געוואַקלט, נאָר באַלד, ווען ער
האט זיך איינגעבויגן כדי זיך אָנצוהאַלטן ביי די וואָרצלען און
זיך אַראָפּלאָזן, האָט ער דערפילט אונטער זיך אַ לייטער. ער
האט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט, יעאַנלין האָט יעדנפאַלס נישט
געהערט. עטיען האט אַלץ געזעען פאַר זיך די שיין פונם ליכט
אין דער צייט, ווען דער ריזיקער שאָטן פון יעאַנלינען האָט
זיך צוליב דער נישט גלייכער באַוועגונג פון זיינע קרומע פיס
געשאָקלט אַהין און אַהער אויף די ווענט, יעאַנלין איז גע־
קראָכן ווי אַ מאַלפּע און דאָרט ווי עס איז נישט געווען קיין
לייטער האָט ער זיך געקלאַמערט מיט די הענט און מיט די

פיס, דער זיבנמעטרדיקער לייטער האָט זיך נאָך פאַרהעלנט-ניסמעסיק גוט געהאַלטן, נאָר דאָך זענען שוין פיל שטאַפּלען געווען פאַרפוילט און יעדע מינוט געקענט איינפאַלן. וואָס טיפער מען האט זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ שטאַרקער איז גע-וואָרן די היץ, וועלכע איז געשטיגן צו דער היץ פון אַ באַקאויוון.

— וואָס פאַר אַ פאַרשאָלטענער קראַט! — האָט געמורמלט עטיען. וווהין פירט ער מיך?

ער איז שוין צוויי מאָל געשטרויכלט געוואָרן. זיינע פיס האָבן זיך אויסגעגליטשט אויף דעם פייכטן האָלץ, ווען ער זאָל כאָטש ווייניקסטנס האָבן אַ ליכט, ווי דער יונג! יעדע רגע האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין עפּעס אַנדערש און דער איינ-ציקער לייכט-שטערן איז געווען פאַר אים נאָר דאָס דערווייטער-דיקע זיך ליכט פון יעאַנלינען. ער האָט שוין אָנגעשפּאַרט כמעט ביי דעם צוואַנציקסטן לייטער, און דאָך איז עס געגאַנגען נאָך טיפער. ענדלעך האָט ער דערזען דאָס ליכט שיינען אין אַ צייט. ער האָט זיך געהאט שוין אַראָפּגעלאָזט אַ דרייסיק לייטערס אויף אַ טיף פון אַן ערך צווייהונדערט מעטר.

— וועט ער מיך נאָך לאַנג אַרומפירן? — האט עטיען גע-קלערט. ער קריכט זיכער צו די שטאַלן.

נאָך דער וועג, וואָס האָט געפירט צו די שטאַלן איז גע-ווען פאַרשיט. דאס וואַנדערן האָט זיך אָנגעהויבן פון ס׳ביי נאָך שווערער און געפערלעכער. עטיען האָט זיך געמוזט צו איילן כדי נישט צו פאַרלירן דאס ליכט פון די אויגן, נאָר דאָרט, ווי יעאַנלין האט מיטן ליכט מיט אַ שלאַנגיטער געשיקטקייט זיך דורכגעשלאָגן, דאָרט האָט עטיען זיך גוט צעשעדיקט איידער ער איז אַ דורך. ערטערווייז איז דער וועג געוואָרן אזוי שמאָל און ענג, אז עטיען האָט געמוזט קריכן אויף די קני, אויפן בויך כדי דורכצוגיין. פלוצים האָט זיך אַ לאָז געטון אויף אים אַ גאַנצע מחנה פון מייז דורכלויפנדיק איבער זיינע פלייצעס און פיס.

— צו אַלדי טייוול! זענען מיר נאָך נישט ביי דעם ציל? האָט עטיען געברומט אויסער זיך.

נאָר ער איז שוין געווען ביי דעם ציל. נאָכדעם ווי זיי זײַנען אָפּגעגאַנגען כמעט אַ קילאָמעטער וועג, האָבן זיי דערגרייכט צו אַ גרובן וועלכער האָט זיך נאָך זייער גוט געהאַלטן.

עטיען איז געבליבן שטיין פֿונדערווייטנס און געזען, ווי דאס קינד האט דאס ליכט צווישן צוויי שטיינער אַריינגעשטעקט און אליין זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד מיט אזא פּאַרגניגן, ווי אַ מענטש וואס איז צופרידן, קומענדיק צוריק צו זיך אַהיים. דער טייל פֿון גרובן איז דורך אַ זאָרגפעלטיקער איינריכטונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אָרט, וווּ מען קען זיך געמיטלעך אויפהאַלטן. אין איין עק האָט אַ הויפן היי געבילדעט אַ ווייך געלעגער, אין צווייטן, איז אויף אַ טיש צונויפגעקלאַפּט פֿון אַלטע ברעטער געווען אָנגעשטעלט פאַרשידענע עסנוואַרגן, ברויט, קאַרטאָפל, און אויפגעעפנטע ווײַנפלעשער. עס איז געווען אַן אמתער גנבים-קעלער און וועלכן עס האָט זיך פֿון וואָכן גנבה אָנגעקליבן אַ גאנצע מאַסע פֿון רויב, עס האָבן זיך געפֿונען דאָרט זאכן, וועלכע זענען פאר אים געווען אומנוציק, ווי זייף, וואַקס און אנדערע, נאָר וועלכע ער האָט אַוועקגעגנבעט פשוט אויס ליבע צו גנבענען.

— זאָג נאָר, דו לאַכסט גאָר פֿון דער גאנצער וועלט — האט אויסגערופן עטיען, נאָכדעם ווי ער איז געקומען צו זיך. אין דער צייט ווען מיר אַלע הונגערן, לאָזטו זיך דאָס אַראָפּ כדי זיך אָנצופרעסן?

אין ערשטן אויגנבליק איז יעאנלין געוואָרן שטאַר פֿון שרעק און איינגאַנצן אָנגעהויבן צו ציטערן. נאָר ווען ער האט דערקענט עטיענען האָט ער זיך באלד באַרויקט.

— ווילסט מיט מיר עסן? — האָט ער געפרעגט היי? אַ שטיק געבראָטענעם פיש?.. זאָלסט נאָר זען ווי איך בראָט אים!

ער האָט גענומען דעם פיש אין האנט און אים אָנגעהויבן אָפּשאָבן מיט אַ ניי און זער שען מעסערל.

עס איז געווען איינס פון די מעסערלעך אויף די הענט־לען פון וועלכע עס זענען אויסגעקריצט שפּרוכווערטער. אויף דעם איז נאָר געווען אויסגעקריצט דאָס וואָרט „ליבע".

— דו האָסט זייער אַ שיין מעסער! — האָט עטיען באַמערקט.

— דאָס האָט מיר לידיע געגעבן אַ מתּנה, — האָט אָפּגע־ענטפערט יעאַנלין, צוגעבנדיק, אַז דאָס האָט זי עס אויף זיין באַפעל צוגעגנבעט.

שאַבנדיק ווייטער, — האָט ער אַ פרעג געטון מיט אַ שטאָל־צער מינע!

— איז ביי מיר נישט שיין?.. עס איז דאָ אַ ביסל וואַרעמער, ווי פון אויבן, אָבער דאָס איז אנגענעם.

עטיען האָט זיך אַוועקגעזעצט, ווילנדיק מער פון אים גע־וואָר ווערן. דער כּעס איז אים שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען און אַ אינטערעס האָט זיך אין אים דערוועקט צו דעם דאָזיקן צעלאָזענעם יינגל. ער האָט אין ווירקלעכקייט דערפילט זיך גוט אין דער דאָזיקער אונטערערדישער הייל, די היץ איז דאָ נישט געווען אזוי שטאַרק, אַ גאַנץ יאָר האָט דאָ געהערשט אַ גלייכע טעמפּעראַטור, עס איז דאָ געווען וואַרעם ווי אין אַ באָד, אין דער צייט ווען פון אויבן האָבן ביי די אָרעמע מענטשן די הענט געפּלאַצט פון די דעצעמבער־פרעסט.

— האָסטו גאָרנישט מורא? — האָט עטיען געפרעגט

יעאַנלין האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט.

— מורא האָבן? פאַרוואָס? איך בין דאָ גאַנץ אַליין.

ענדלעך איז דער פיש געווען אינגאַנצן אָפּגעשאָבן. ער האָט אָנגעצינדן אַ קליין פייער, אַרויפגעלייגט אויף דעם קוילן און אויף זיי דעם פיש, ער האָט צעשניטן אַ ברויט אויף צווייען, עטיען האָט גענומען זיין חלק.

— עס וווּנדערט מיך שוין נישט מער, — האָט זיך אָנגע־רופן עטיען, וואָס דו ווערסט אַלעמאָל פעטער, אין דער צייט זענען אַלע ווערן מיט יעדן טאָג מאָגערער. דו ווייסט, אַז דאָס

איז חזריש אזוי זיך אָנצושטאפּן ?.. און דו קלערסט גארנישט וועגן די איבעריקע ?

— אָ, פארוואס זענען זיי די אנדערע אזוי נאריש ?

— דו האסט איבעריקנס רעכט, וואס דו באהאלטסט זיך אויס, ווארום ווען דיין טאטע זאל געוואָר ווערן, אז דו גנבעסט וואלט ער זיך שוין מיט דיר אָפּגערעכנט.

— באגנבענען אונדז דען נישט די רייכע ? דו זאָגסט זיך עס שטענדיק. אז איך גנבע איך ביי מעגראטן א ברויט איז עס זיכער א ברויט, וואס ער איז אונדז שולדיק.

עטיען האט געשוויגן. ער האט אים באטראכט ווי ער איז געזעסן פאר אים מיט די גרינע אויגן, גרויסע אויערן און גאנצן פארקריפּלטן אויסזעען, וואס האט עדות געזאגט אויף שלעכטסקייט און ערמה פון א ווילדן, וועלכער ווערט וואס ווייטער אלץ מער פארחיהשט.

— און לידיע ? — האט עטיען נאָכאמאל געפרעגט, פירסטו זי אַמאָל אהער ?

יעאנלין האט א שמייכל געטון מיט פאראכטונג.

— די קליינע !.. אָ ניין !.. די ווייבער האָבן נייַן מאָס רייד.

און ער האט זיך געטרייסלט פון געלעכטער פיל מיט פאראכטונג צו לידיען און בעבערטן.

— עס איז בעסער צו זיין אליין, — האט ער געזאָגט, אז ס'נישטאָ קיין מחלוקת.

עטיען האָט אויפגעגעסן זיין חלק ברויט. ער האָט נאָך געטון אַפּאָר זופּ ווייַן.

אַן אויגנבליק האט ער זיך געפרעגט צי עס וועט נישט זיין שלעכט געהאַנדלט לגבי יעאנלינעס גאַסטפריינדלעכקייט, אויב ער וועט אים אָננעמען ביי דעם אויער און ארויסשלעפּן פון דאנען, נישט דערלאָזנדיק אים דאַביי ווייטער צו גנבענען אונטער דער דראָהונג צו דערציילן פון אלץ דעם טאַטן. ווען ער האָט אבער ווייטער באַטראכט די דאָזיקע הייל, איז אים איינגעפאַלן א געדאנק, ווער ווייסט צו ער מיט זיינע חברים וועלן זי נישט באַדארפן, אויב דער שטרייק וועט אָננעמען

אַ ערגערע ווענדונג? ער האט נאָר זיך געלאָזט צו זאגן פון יעאנלינען, אז ער וועט שוין מער נישט פארשווינדן פון דער היים אויף אַ גאנצע נאכט, ווי עס פלעגט די לעצטע צייט אָפט געשעען. דערנאך האט ער גענומען אַ שטיקל ליכט און זיך געלאָזט גיין דער ערשטער אין דער צייט ווען יעאנלין, האט נאך געבראכט אין אָרדנונג זיין באַלעבאַטישקייט.

אין דער זעלבער צייט איז לא-מוקעט, נישט קוקנדיק אויף דער גרויסער קעלט געזעסן אינדרויסן אויף אַ באלקן; זיין לאנגע אפוועזנהייט האט איר אריינגעבראכט אין פארצווייפלונג.

ווי נאָר זי האט אים דערזעען האט זי זיך געוואָרפן אויף זיין האלדז, און עס איז געווען פאר איר, ווי ער זאל איר האבן אַ מעסער אין הארץ אַריינגעשטאָכן, ווען ער האט איר מיטגעטיילט זיין באשלוס זיך מער מיט איר נישט צו טרעפן. מיין גאָט! פארוואָס? האט זי אים דען נישט גענוג ליב? מורא האבנדיק, אז ער וועט איר נישט קענען אָפזאגן אויף איר איינלאדונג אריינצוגיין אין שטוב אריין, האט ער מיט איר אוועקגעשפאצירט אויפן וועג און גייענדיק דערקלערט ווי ווייט מעגלעך פארזיכטיק, אז זי קאָמפּראָמיטירט אים אין די אויגן פון זיינע קאָלעגן, אז זי קאָמפּראָמיטירט די ארבעטער-זאך. זי איז געווען דערשטוינט און האט בשום אופן נישט געקענט פארשטיין, וואס דאס האט צו טון מיט דער ארבעטער-זאך. ענדלעך איז זי געקומען צו דעם באַשלוס, אז ער שעמט זיך מיט איר באקאנטשאפט. זי האט זיך אבער דורך דעם נישט געפילט באליידיקט, זי האט אין דעם געזעען אַ גאנץ נאטירלעכע זאך און זי האט אים אויפגעפאָדערט ער זאל איר פאטשן פאר מענטשן אין די אויגן, כדי מען זאל מיינען, אז ער האט שוין מיט איר איבערגעריסן, נאָר שטילערהייט זאל עוקומען צו איר, זאל שוין זיין אפילו זעלטן, ער איז געווען גערירט, דאך האט ער אפגעווארפן אלע אירע פארשלאגן. מען מוז זיך צעשיידן. ער האט איר געוואלט כאטש צום לעצטן מאל ארומנעמען. זיי זענען געשטאנען פאר די ערשטע הייזער פון מאנטסו און זיך פעסט ארומגעהאלטן אין דער פולער שיין

פון דער לבנה. פלוצים איז אָנגעקומען אַ פרוי, וועלכע דער־זעענדיק זיי, האט זיך אזוי צאפל געטון, גלייך ווי זי זאל זיך אָנשלאָגן אין אַ שטיין.

— ווער איז דאס געווען? — האט עטיען געפרעגט.

— קאטערינע, האט לא־מוקעט געענטפערט. זי גייט פון זשאן־בארט אַהיים.

קאטערינע האט זיך דערווייל געשלעפט מיד און דער־שעפט מיט אן אראפגעזונקענעם קאָפּ ווייטער. עטיען האט איר נאכגעקוקט אין פארצווייפלונג, וואס זי האט אים געזעען, און גרונטלאזע געפילן פון חרטה האבן גענאָגט זיין הארץ. לעבט זי דען נישט מיט אַ מאן? האט ער דען נישט צוליב איר שוין אמאל אויף דעם זעלבן וועג פון רעקיאר ענלעכע ליידן דורכגעלעבט? דאך האט ער זיך גארנישט געקענט טרייסטן, וואס ער האט איר פארשאפן די צרות.

— זאל איך עס דיר זאגן? — האט לא־מוקעט געמורמלט מיט טרערן, זיך גרייטמאכנדיק אוועקצוגיין. דו ווילסט מיך נישט, ווייל דו ווילסט אן אנדערע!

דער נעכסטער טאג איז געווען איינער פון די שענסטע ווינטער־טעג, אין וועלכע די געפרוירענע ערד קלינגט אזוי ווי קרישטאל אונטער די פיס, יעאנלין איז שוין פון אַ שעה נישט געווען אין שטוב און האט הינטער דער קירכע אָפּגע־וואַרט בעבערטן. זיי זענען היינט געגאנגען נאָר אין צווייען, ווייל לידיען האָט די מוטער נאָך אַלץ געהאלטן פארשלאָסן אין קעלער. ענדלעך האט מען איר אַרויסגעלאָזט, נאָר די מוטער האט איר געגעבן אַ קויש און אונטער דער דראהונג אויף אַ גאנצע נאכט איר פארמאכן מיט די מייז, האט זי איר באַפוילן צו ברענגען אַ פולן קויש מיט סאלאט. אונטער דער ווירקונג פון דער דראָהונג, האט זי זיך באלד געוואָלט נעמען צו דער ארבעט, נאר יעאנלין האט איר נישט דערלאָזט; דאס קען מען נאָך טון שפּעטער אויך, שוין פון אַ לענגערער צייט האט אים פארדראָסן אויף ראַסענערס קראָליקל, ווען ער איז דורכגעגאַנגען דורך דער שטוב איז עס אים דורכגעלאָפן איבערן

וועג. ער האט עס אָנגענומען ביי די אויערן, אַריינגעלייגט אין לידעס קאָרב און אלע דריי זענען אַנטלאָפן פונדאנען. צו ערשט איז מען געגאַנגען מאַכן אַ שפּאס, עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו זען, ווי דאס קראָליקל וועט זיי נאָכלויפן ביז אין וואַלד אַריין.

נאָר זיי זענען נאָך געבליבן אויף אַ ווײַלע שטיין כדי צו זען, ווי זכריה מיט מוקעטן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אויסגעטרונקען מיט צוויי קאָלעגן צו גלעזער ביר, האבן אָנגעהויבן אַ גרויסע קריקעט-פּארטיע. דאָס געווינס איז באַשטאנען אין אַ נייער היטל און אין אַ רויט האַלדזטיכל. ווען די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן איז דער זייגער שוין געווען צוויי. צום אָנהייב איז יעאנלין בעבערט און לידיע אַרומגעלאָפן הינטער די שפּילערס און נאָכגעפאָלגט די שפּיל מיטן גרעסטן אינטערעס, נאָר דערנאָך האָבן זיי זיך דערמאנט אין דעם קראָליקל און זיי האט זיך פאַרוואָלט זען ווי עס לויפט, ווען מען האט עס צעלאָזט האט עס אָנגעהויבן אַרומלויפן אַהין און אהער, אַ שעה צייט האט געדויערט דער יאַגד אויף דעם, און ווען דאס קראָליקל זאָל נישט געווען זיין אזוי באַריש, וואָלט מען עס צוריק שוין נישט געכאַפּט.

אַ נייער געדאנק איז איינגעפאַלן יעאנלינען. ער האט אַרויסגעצויגן אַ פאָדעם און אים צוגעבונדן צו דעם לינקן פיסל פונם קראָליקל. און דאס איז אויך געווען נישט מער ווי אַ שפּאס, ווען דאס קראָליקל איז געלאָפן האט זיך אים דאס הינטערשטע פיסל נאָכגעשלעפּט אויף אַ זייער קלאָגנדיקן אופן. נאָך קיינמאָל האָבן זיי נישט אזוי שטאַרק געלאָכט. ווען דאס קראָליקל איז שוין מיד געוואָרן, האָבן זיי עס געשלעפּט אויפן בויך אָדער אויפן רוקן, ווי מען שלעפּט אַ וואָגן הינטער זיך.

דער זייגער האט געשלאָגן פינף, איינדרויסן האט שוין אָנגעהויבן צו ווערן טונקל, ווען לידיע, דערמאַנענדיק זיך אין דעם, וואס זי האט נאך היינט צו טון, האט געוואָלט אוועקגיין צום פאָרעי כדי דאָרטן אנצוקלייבן דעם סאלאט, האט איר יעאנלין אונטער דראהונגען צוריקגעהאלטן, וויל זי דען פאַר-

שפעטיקן אויף דער פארזאמלונג? ער וויל זיך. דאָך הערן וואס די עלטערע וועלן רעדן! ער האט פאַרגעשלאגן בעבערטן זיך צו ווילן ביז אין וואַלד אריין מיט דעם, וואס מען וועט וואַרפן אין דעם קראליקל שטיינער. אויף אזא אופן האט ער געקלערט עס צו טויטן און דערנאך עס פארשלעפן מיט זיך אין הייל אריין און אויפעסן. דאס קראליקל האט אנגעהויבן צו לויפן, דער ערשטער שטיין האט דעם געטראָפן אין רוקן, דער צווייטער אין ווידל און עס וואָלט נאך זיכער געקומען דער דריטער אויף ווען זיינע פארפאָלגער וואָלטן נישט דערזעען אין דער ריכטונג עטיענען מיט מאהען שטיין. דערשרעקנדיק זיך, האבן זיי זיך געוואָרפן אויף דעם חיהלע און עס צוריק אַריינגעלייגט אין קאָרב אריין. כמעט אין דעמזעלבן אויגנבליק האט זיך באַוויזן זכריה, מוקעט און די איבעריקע קריקעט־שפילער אין דער ריכטונג, אין וועלכער זייער קויל איז אויף אייניקע מעטער פארפלויגן. אלע האבן זיך צונויפגעטראפן אין דער רעכטער צייט.

פון זינט עס איז געוואָרן טונקל האט זיך אָנגעהויבן אין דער גאנצער געגנט אויף אלע וועגן און שטעגן אַ לעבהאפטער פארקער, שווייגנדיקע שאָטנס האבן זיך באַוועגט אַליין, אָדער אין גרופן אין דער ריכטונג פון וואַלד, אלע דערפער האבן זיך אויסגעליידיקט, אפילו די ווייבער מיט די קינדער זענען מיט־געגאנגען, גלייך דאס זאל זיין אַ שפּאַצירגאנג אין אַ זונענדיקן טאג. דערנאָך האט די פינצטערניש איינגעהילט די גאַנצע געגנט, מען האט שוין מער נישט געקענט אונטערשיידן די באַוועגנ־דיקע זיך מאסע, מער האט זי נאר געפילט, ווי זי באוועגט זיך אלץ פארויס באַגייסטערט פון איין און דעמזעלבן געדאנק.

## VII

עס איז פארגעקומען אין פלאן־דע־דאם, אַ פריי שטיקל פעלד אינמיטן וואלד, וואס האט זיך געבילדעט אַ דאנק דעם אויסהאקן פון די בוימער. עס האט זיך געצויגן אויף אַ בארג־אראפ, זייענדיק געהאלדזט פון דעם געדיכטן וואלד און ארום־

גערינגלט פון אלע זייטן מיט הויכע גלייכע בוימער, ווי מיט קאָלאָנאַדע. אין גראָז זענען נאך געליגן די אָפגעשניטענע ריזן-בוימער און לינקס פון זיי זענען געווען אויסגעלעגט אין רייען קלאפטערט האלץ. צו נאכט צו האט דער פראסט גענומען נאך שטארקער און דאס גראָז האט געקנאקט אונטער די פיס. די שווארצע נאכט האט איינגעהילט די גאנצע ערד, די הויכע צווייגן האבן זיך שארף אויסגעטיילט אויפן פאָן פונם בלייכן הימל, אויף וועלכן די שטערן מיטן אויפגיין פון דער לבנה, זענען אלעמא״ געווארן בלאסער.

עס האבן זיך צונויפגעזאמלט אַ דרייטויזנט קוילנארבעטער, אַ גרויסע באוועגלעכע מאסע פון מענער פרויען און קינדער, וועלכע האבן צוביסלעכווייז אנגעפולט דאס שטיקל ליידיקע פעלד; און עס האט נאך געהאלטן אלץ אין איין אָנקומען פארשפעטיקטע. אין דער הויך, אויפן שפיץ, זענען געשטאנען עטיצן, ראעענער און מאהע. עס איז אויסגעבראכן מחלוקת און מען האט געהערט ווי זיי האבן עפעס הויך גערעדט. פאר זיי האבן זיך צונויפגענומען אנדערע מענטשן און זיך צוגעהערט: לעוואק מיט געביילטע פויסטן און פיעראָן וועלכער איז געשטאנען אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן, שטארק פארזארגט, וואס ער האט שוין מער נישט געקענט באשיצן זיין פיבער; דאָ זענען אויך געווען דער פאטער באָנעמאָר און דער אלטער מוקע וועלכע זענען געזעסן אויף צוויי ווורצלען פארזינקען אין ערנסטע געדאנקן. ווייטער הינטער זיי זענען געשטאנען זכריה, מוקעט און נאך אנדערע, וועלכע זענען געקומען אַהער נאר אויס שפאס, די פרויען, דאגעגען, זענען געשטאנען אין באזונדערע גרופן ערנסטע, ווי אין קירך. לא-מאהעד האט שווייגנדיק געשאקלט מיטן קאפ, אין דער צייט, ווען לאַ-לעוואק האט געהאלטן אין איין שעלטן. פילאָמען האט גע-הוסט; ווי נאר עס איז פארגאנגען דער ווינטער האט זי צוריק אנגעהויבן ליידן פון איר בראָנכיט, נאר לא-מוקעט האט געלאכט, ווייזנדיק דאביי אירע שענע ציין, און זיך געפרייט דעריבער, ווי די טאכטער האט אוועקגעשיקט די מוטער לא-

בריוולע, כדי זיך צוקוקן אליין אָנעסן מיטן געבראָטענעם קרא־ליקל, יעאנלין ווידער האט זיך געמאכט אַ פּלאַץ אויף דעם האלץ, צוציענדיק צו זיך לידיען מיט בעבערטן. אזוי זענען זיי אלע דריי געזעסן העכער פון אלע איבעריקע.

דאס מחלוקת האט ארויסגערופן ראַסענער, וועלכער האט געפאָדערט מען זאל אויסקלויבן אַ קאמיטעט, ער איז נאָך געווען בייז צוליב דער מפּלה, וואס ער האט געליטן אויף יענער פאַרזאַמלונג און האט געגלויבט, אַז איצט וועט ער אָפּ־נעמען צוריק דאָס זייניקע. ער האט געהאפט, אַז ער וועט איצט צוריק געווינען זיין פריערדיקן איינפלוס ווי באַלד נאָר ער וועט זיך ווענדן גלייך צו דער אַרבעטער מאַסע און נישט צו זיינע אויסגעוועהלטע. עטיען איז געווען אויסער זיך פאַר כעס, האט דערקלערט, אַז עס איז אַן אומזין דאָ אין וואַלד צו קאנסטיטואירן אַ קאמיטעט. איצט דאַרף מען האַנדלען רע־וואָלוציאָנער, ווי ווילדע, ווייל מען באַהאַנדלט זיי ווי די וועלף. זעענדיק, אַז צו די מחלוקת נעמט נישט קיין עק, האט ער זיך געווענדעט צו דער מאַסע, ער איז אַרויפגעשפּרינגען אויף אַ בוים-וואָרצל און אויסגערופן:

— חברים! חברים!

דער רויש פון דער מאַסע איז פאַרשטומט געוואָרן, מאַהע ווידער האט געפּרוּווט צו באַרויקן ראַסענערן.

עטיען האט דערוויל מיט אַ דורכדרינגענדיקער שטים ווייטער געררופן:

— חברים! ווייל מען האט אונדז פאַרבאָטן צו רעדן, ווייל מען האט אויף אונדז אָנגעשיקט פּאָליציי, גלייך ווי מיר זאָלן זיין רויבער, מוזן מיר זיך דאָ פאַרשטענדיקן! דאָ זענען מיר פריי, דאָ זענען מיר צווישן אונדז און קיינער וועט אונדז נישט קענען נויטן צו שווייגן פּונקט אזוי ווי עס איז זוממעגלעך די פויגל און ווילדע חיות צו באַפעלן זיי זאָלן שווייגן.

עס האט אָפּגעהילכט אַ דונערדיקער ליאַרם פון דער מאַסע; עס האבן זיך דערהערט געשרייען און ווילדע אויסרופן:

— יאָ, יאָ, דער וואלד איז אונדזערער, דאָ קען מען פריי רעדן... רעד!

אַן אויגנבליק איז עטיען געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך אויף דעם בוים-וואָרצל, די העלע לבנה האט נאָך אַלץ באַלויכטן די העכסטע צווייגן, און די מאסע, וועלכע האט זיך צו ביסלעך באַרויקט און געבליבן שטיל, איז געווען איינגעהילט אין טונקלקייט.

לאַנגזאַם האט עטיען אויפגעהויבן זיין אָרעם און אָנגעהויבן צו רעדן, דאָך זיין שטים האט נישט געקלונגען צאָרנדיק; ער האט גערעדט אין אַ קאַלטן טאָן, ווי אַ באַפולמעכטיקטער פון דעם פאָלק, וועלכער גיט זיך אָפּ אַ רעכנונג פון זיינע רייד. ער האט ארויסגעזאָגט אַלץ, וואס עס האט אין אים דערוועקט דאס דערשיינען פון פּאָליציי אויף דער ערשטער פאַרזאמלונג, ער האט געגעבן אַ שנעלן איבערבליק איבער דער אנטוויקלונג פונם שטרייק; ער האט געבּרענגט בלויז ווירקלעכע פאַקטן. ער האט גערעדט פון דעם אָנהייב פון שטרייק, אָנגעוויזן דאַרויף, אז די ארבעטער האָבן אים נישט געוואָלט, אז די דירעקציע אַליין האָט אים ארויסגערופן מיט דעם, וואס זי האָט געוואָלט ענדערן דעם ארבעטס-לוין. דערנאָך האָט ער גערעדט פון די דעלעגאַציעס צום דירעקטאר, פון דעם, ווי דאס צווייטע מאָל האט ער שוין געוואָלט נאָכגעבן אויף די צוויי סאַנטים, וועלכע ער האט פריער געוואָלט אַראָפּגנבענען. ביי דער געלעגנהייט האט ער אָנגעוויזן ווי די הילפסקאַסע האט זיך אויסגעשעפּט, אויסגערעכנט די איינגעפלאָסענע שטיצגעלטער און מיט אייניקע ווערטער אַנטשולדיקט זיך פאר דעם אינטערנאַציאָנאַל און פלוכארטן, וועלכע קענען איצט גאָרנישט אויפטון, ווייל זיי זענען פארנומען מיט איינגעמען די וועלט. פון טאג צו טאג ווערט די לאַגע ערגער, די קאָמפּאַניע שיקט אָפּ די ארבעטער זייערע ארבעטער-ביכלעך אין דראָט צו ברענגען ארבעטער פון בעלגיע; אויסער דעם האָבן זיי אנגעשראָקן די שוואַכערע און זיי באַוויגן זיך צוריק צושטעלן צו דער ארבעט, עטיענס שטים איז נאך אַלץ געבליבן מאָנאָטאָן; ער האט

גערעדט דערפון, אז דער הונגער דראָט זיי זיך אונטערצוגעבן, אז עס שטייט זיי פאָר אונטערצוגיין און אז דער שטרייק לעבט איצט איבער זיין העכסטן קריזיס. און פלוצים האט ער פאַרענדיקט, נישט איבערגייענדיק אויף קיין העכערן טאָן:

— אונטער די אומשטענדן, חברים, מוזט איר היינט אָונט אָננעמען אַ געוויסן באַשלוס, ווילט איר, אז דער שטרייק זאָל זיך ווייטער ציען? און אויב יאָ וואס קלערט איר צו טון, כדי צו אָפּהאַלטן אַ נצחון איבער דער קאָמפּאניע.

אַ טיף שטילשווייגן האט אָראָפּגענידערט פון דעם אויס־געשטערנטן הימל. די מאסע, וועלכע מען האט נישט געזעען אין דער פינצטערניש, איז געשטאַנען שטום און פון צווישן די בוימער האט מען נאר געקענט הערן איר פאַרצווייפלונגספולן אָטעם.

נאָר עטיען האט שוין ווייטער גערעדט, דאסמאל שוין אין אן אנדערן טאָן, איצט האט שוין מער נישט גערעדט דער סעקרעטאר פון דעם פאַרבאַנד, נאָר דער פירער פון די מאַסן, דער אפּסטאל, וואס האט געטראגן אַ נייע עוואנגעליום פון אמת, וועט זיך געפונען פחדנים, וועלכע וועלן בלייבן נישט טריי זייער וואָרט? וואס! אַ גאנצן חודש זאָל מען האבן געליטן אומזיסט און איצט זאָל מען צוריק מיט געזונקענע קעפּ זיך אַראָפּלאָזן אין די גרובן און ווידער אָנהייבן ליידן דעם פריער־דיקן עלנט? איז שוין דען נישט בעסער צו שטאַרבן און פּרוון אומברענגען מיט זיך דעם אכזריותדיקן קאַפּיטאַל, וועלכער לאָזט אויסגיין די ארבעטער פון הונגער? שטענדיק זיך לאָזן מנצח זיין פון דעם הונגער, ביז ענדלעך דער הונגער וועט שוין די סאַמע געדולדיקסטע טרייבן צו אן אויפשטאַנד, האט מען זיי דען ביז אַהער וויייניק געטריבן דערצו? ניין, דער נייער טאַריף איז נישט צום אָננעמען, מען וויל ביי יעדן אַרבייטער צוגנבענען אַ שעה אַרבעט טעגלעך. דאס איז צופיל, איצט איז געקומען די מינוט, אין וועלכע די אָרעמע און עלענדע, געטריבן ביז אין אויסערסטן, זאָלן זיך אַליין פאַרשאַפן גערעכטיקייט.

ער איז געבליבן שטיין מיט אויפגעהויבענע אָרעמס. ביי דעם וואָרט „גערעכטיקייט" איז אין דער מאַסע געוואָרן אַ גע־רויש און עס האָט זיך דערהערט אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן. איינצעלנע האָבן אויסגעשריגן:

— גערעכטיקייט!.. עס איז צייט עס זאָל שוין זיין גע־רעכטיקייט!

עטיען האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער צעוואַרעמט. ער איז נישט באַזעסן דעם טאַלענט פון רעדן וואָס ראַסענער, אָפּט־מאָל האָט אים אויסגעפעלט ווערטער, איז אים שווער געווען אַרויסצוברענגען ווי געהעריק דעם זאַץ און ער האָט מיט מימיק פונם קערפּער געפּרוּווט דערזאָגן דאָס, וואָס ער האָט מיט ווער־טער נישט דערזאָגט. נאָר דאָך האָט ער פאַרשטאַנען, ווי אַזוי איינצונעמען די צוהערער.

דער סיסטעם פון לוין איז אַ נייע אַרט פון שקלאַפערייַ, האָט ער ווייטער גערעדט מיט אַ ציטערנדיקער שטים. די גרובן געהערן די אַרבעטער, ווי דער ים די פישער, ווי דער אַקער דעם פּויער... הערט! די גרובן געהערן אייך, אין משך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט האָט איר זיי אויסגעקויפט מיט אייער בלוט און עלענט!

אין דעם מאָמענט האָט די לבנה, וועלכע האָט זיך באַ־וויזן פון צווישן די הויכע צווייגן, אים באַגאָסן מיט איר ליכט. ווען די מאַסע האָט אים דערזעען שטיין אַזוי באַשטראַלט פון דער לבנה־שיין און צעטיילן מיט פולע הענט דאָס גליק, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ נייעם שטורם פון אַפּלאָדיס־מענטן.

איצט איז עטיען איבערגעגאַנגען צו זיין באַליבטסטער טעמע: וועגן איבערנעמען די פּראָדוקציע־מיטלען אין רשות פון די אַרבעטער ביי אַ קאָלעקטיווער צוזאַמענאַרבעט, פון דער ערשטער פאַרזאַמלונג האָט זיך זיין קאָלעקטיוויזם אַנטוויקלט אין אַ קאָמפּליצירטן פּראָגראַם, וועלכן ער האָט געפּרוּווט וויסנ־שאַפטלעך צו באַגרינדן. ער האָט שוין נישט געזען קיין שום אַנדערן אויסוועג צו דערוואָרבן די פרייהייט, ווי נאָר מיט דעם

אונטערגאנג פון איצטיקער אָרדענונג. ווי נאָר דאס פאָלק וועט איבערנעמען די ממשלה צו זיך אין דער הענט, אזוי וועט מען באַלד קענען איינפירן די רעפאָרמען.

— איצט איז געקומען אונדזער ריי! — האט ער פארענדיקט. איצט דארף די מאַכט און דאס רייכטום איבערגיין צו אונדז אין די הענט!

אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן האט אים אָפּגעענטפערט פון וואַלד, דאס גאַנצע שטיקל פעלד איז איצט געווען פארגאָסן מיט לבנה־שיין און ביי אירע אייזיקער ליכט האט מען געקענט זעען צאָרנדיקע פנימער און פינקלדיקע אויגן, מענער, פרויען און קינדער אַלע אויסגעהונגערט און גרייט זיך שוין צוואַרפן אין קאַמפף פאר זייער זאַך און אָפּנעמען די אַלע רייכטימער, וועלכע מען האט ביי זיי אַוועקגערויבט. זיי האבן שוין מער נישט געפילט די קעלט, די פייערדיקע ווערטער פון עטיענען האָבן זיי דערוואַרעמט. וואס פאַר אַ טרוים! אַליין צו ווערן באַלעבאַטים, נישט מער צו ליידן און אויך קענען געניסן פונם לעבן!

— אַזוי איז! אין נאָמען פון גאָט! איצט איז אונדזער ריי!.. אַ טויט די רויבערס!..

די פרויען האָבן אינגאַנצן פארלוירן דאָס גלייכגעוויכט, אפילו לא־מאהעד האָט אויך פארלוירן איר רו, לאַ־לעוואק האָט געברילט, לאַ־ברוילע האָט געהאלטן אין איין שעלטן, פילאָ־מענע האט פון אויפרעגונג באַקומען אַ הוסטן־אָנפאַל און לאַ־מוקעט איז געוואָרן אזוי באַגייסטערט, אז זי האט דעם רעד־נער צוגעוואָרפן צערטלעכע ליבע־ווערטער, צווישן די מענער האט מאַהע אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פול מיט צאָרן און דער צייט, ווען פון איין זייט איז געשטאַנען פיעראָן און געציטערט און פון דער צווייטער לעוואק, וועלכער האָט געהאלטן אין איין רעדן, די זַצנים ווידער, זכריה און מוקעט, האָבן גע־פרוווט צו לאַכן, נאָר דאָך זענען זיי געווען פאַרווונדערט וואס זייער חבר קען אזוי לאנג רעדן, נישט גיבנדיק אפילו קיין טרינק אינמיטן, דעם גרעסטן ליארם האָט אָנגעמאַכט יעאַנלין, זיצנדיק

אויף דעם האַלץ. דאַביי האט ער אונטערגעגעבן חשק אויך לידיען מיט בעבערטן, וועלכע האבן געוואָרפן מיטן קויש, אין וועלכן עס איז געלעגן דאס קראַליקל.

עטיען איז געוועזן פאַרשכורט פון זיין נצחון, אין די דאָזיקע דרייטויזנט ברוסטן, וועלכע האבן העפטיקער געשלאָגן ביי זיינס אַ וואָרט, איז ווי געוועזן פאַרקערפּערט זיין מאַכט, ווען סוואָרין זאָל זיך געוועזן אָנטון די מי און אויך קומען אהער, וואָלט ער זיכער געוועזן צופרידן, זעענדיק דעם גרויסן מהלך, וואס זיין שילער האט געמאַכט פאר דער צייט אויף דעם וועג צום אַנארכיזם, נאָר ראַסענער האט געהויבן די אקסלען מיט פאַראכטונג און כעס.

— דו וועסט מיך איצט לאָזן רעדן! — האָט ער געזאָגט צו עטיענען, וועלכער איז אַראָפּגעשפרונגען פונם בוים־וורצל.

— רעד! וועלן מיר זען, צי זיי וועלן דיך אויסהערן!

ראסענער האט שוין פאַרנומען זיין פלאַץ און דורך אַ האנטבאַוועגונג געגעבן אַ צייכן צו שווייגן. די מאַסע אָבער האט זיך נישט באַרויקט. פון די ערשטע רייען, וועלכע האָבן אים דערקענט, ביז די אונטערשטע רייען האט זיך זיין נאָמען געטראָגן פון מויל צו מויל און מען האָט זיך געוואַקלט צו מען זאל אים אויסהערן. ער איז געווען ווי אַן אַראָפּגעשליידערטער געץ, וועמענס אָנבליק עס האט דערמאנט אין אַמאָליקער טריישאַפט, אומזיסט האָט ער געפּרוווט קומען צום וואָרט. מען האט חוזק געמאכט פון אים און אים אויסגעלאַכט. ענדלעך האט עמעצער אַ וואָרף געטון אויף אים מיט פאַרפרוירענעם מאָך און אַ פרוי האט אויסגעשריגן מיט אַ דורכדרינגלעכער שטים:

— נידער מיט דעם פאַררעטער!

ער האט געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, אז די גרובן קענען נישט געהערן צו די אַרבעטער און אנשטאט דעם זאָל מען בעסער זען נעמען אַ חלק אינם פאַרדינסט, דער אַרבעטער וואס האט אַן אינטערעס אין דער אַנטוויקלונג פון דער אונטערנעמונג ווערט ווי אַן אייגן קינד אין הויז

— נידער מיט דעם פּאַררעטער! האָבן איבערגעחזרט טויזנטער שטימען און עס האָבן אָנגעהויבן פליען צו אים שטיינער פון אַלע זייטן.

ער איז בלייך געוואָרן און פאַרצווייפלונג האָט אָנגעפּולט זיינע טרערנדיקע אויגן. דאָס איז געווען דער צוזאַמענברוך פון זיין עקזיסטענץ, צוואַנציק יאָר פון דערוואָרבענע חברשאַפט זענען דאָ אין איין מינוט געוואָרן צו נישט צוליב דער אומדאַנק־באַרקייט פון דער מאַסע. ער האָט זיך געפילט געטראָפן אין סאַמע האַרץ, ווייטער האָט ער שוין נישט געקענט רעדן און איז אַראָפּגעשטיגן פונם בוים־וואָרצל.

און ווי ער זאָל וועלן אָפּווענדן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דעם גאַנצן אומגליק, וועלכעס ער האט געזעען זיך דער־נענטערן, האט ער געמאכט מיט דער האנט אן אָפּווענדנדע באַוועגונג און זיך אַוועק איינער אַליין צו די שטילע שנייבאַ־דעקטע פעלדער.

אַ ניי געשריי האָט אָפּגעהילכט, די מאַסע האט דערזעען שטיין אויף דעם בוים־שטאַם דעם אַלטן באַנעמאַר, וועלכער האָט אָנגעהויבן רעדן אינמיטן דעם ליאַרם, ביז אַ הער האָבן די ביידע אַלטע, מוקעט און באַנעמאַר, געווען ווי פאַרזינקען אין חלומות פון די אַלטע צייטן, נאָר גאָר פּלוצים האט זיך דערוועקט אין זיי אַ חשק צו רעדן. אַ גרויס שטילשווייגן האט באַהערשט די גאַנצע מאַסע, אַלע האָבן זיך צוגעהערט צום אַלטן, וועלכער האט אין דער לבנה־שיין אויסגעזעען אזוי בלייך, ווי אַ גייסט, נאָר דאָך ווען ער האט אָנגעהויבן צו דערציילן לאַנגע געשיכטעס, וועלכע האָבן אין פלוג קיין שום שייכות נישט געהאט מיט די איצט באַהאנדלטע פראַגן האָט זיך אָנגעהויבן צו באַמערקן צווישן עולם א געוויסע אומרו־יקייט. ער האט דערציילט פון זיין יוגנט, פון דעם טויט פון זיינע ביידע פעטערס, וועלכע זענען פאַרשיט געוואָרן אין פאַרעי, נאָכדעם האָט ער גערעדט פון דעם בויכאַנציינדונג, אויף וועלכער זיין פרוי האט געליטן. דער הויפּט־געדאנק איז אָבער געבליבן כסדר איין אין דער זעלבער: עס איז קיינמאָל נישט

געוועז גוט און עס וועט ווייטער אויך נישט זיין גוט. אזוי
האָבן זיך אַמאָל פינפהונדערט ארבעטער פאַרזאַמלט אין וואַלד,
ווייל דער קעניג האָט נישט געוואָלט פאַרקלענערן די אַרבעטס-
שעהן. נאָר ער האט זיך לאנג אויף דעם נישט אָפּגעשטעלט
און האט אָנגעהויבן צו דערצעלן פון אן אנדערן שטרייק. ער
האָט אזוי פיל דאָך איבערגעלעבט! שטענדיק זענען אונטער
די בוימער באַהאנדלט געוואָרן אַלע שטרייק-פראַגן. אַמאָל האט
געהערשט אַ פראָסט און אַמאָל אַ היץ. אין איין אָוונט האט
אזוי שטאַרק גערעגנט, אז מען האט זיך געמוזט אומקערן
אַהיים מיט גאָרנישט, קיין איין וואָרט נישט אַרויסרעדנדיק, און
אַיינמאָל זענען געקומען דעם קעניגס זעלנער און געשאָסן.

— מיר אָבער האָבן אויפגעהויבן די הענט און געשווירן
מער אין די גרובן זיך נישט אַראָפּלאָזן!.. אַך! איך האב גע-
שווירן, יאָ, איך האב געשווירן!

די מאסע האט זיך צוגעהערט מיט אָפענע מיילער, נאָר
באַלד אָבער האט זיך אָנגעהויבן באַמערקן אַ באַוועגונג, ווען
ביי דער זייט פונם אַלטן האט זיך באַוויזן עטיען, וועלכער
האט זיך די גאַנצע צייט אויפמערקזאם צו געהערט צו זיינע
רייד. עטיען האט באמערקט שאוואַלן און דער געדאנק, אז
קאַטערינע איז דאָ אויך פאַראַן האט אים באַוויגן זיך צו באַ-
וויזן פאר איר.

— איר האט געהערט, חברים, — האָט ער אויסגערופן,
וואס עס דערציילט איינער פון אונדזערע עלצטע, וואס ער
האט זיך אָנגעליטן און וואס אונדזערע קינדער שטייט פאר
צו ליידן, אויב מיר וועלן נישט מאכן קיין סוף מיט די גנבים
און הענקערס.

ער האט נאך קיינמאָל נישט גערעדט מיט אזעלכע שאַרפע
אויסדרוקן. מיט איין האַנט האט ער פעסט ארומגעהאלטן דעם
אַלטן באנעמאר, ווי אַ פאָן פון עלנט און טרויער, וואס רופט
צו נקמה, אין שנעלע ווערטער האט ער איבערגעגעבן די גע-
שיכטע פון דער פאַמיליע, וועלכע איז אין משך פון הונדערט

יאָר ארבעט איינגאנצן פארפייניקט געוואָרן און אויסגעהוינגערט, אנטקעגנשטעלנדיק דער דאָזיקער פאַמיליע די דיקע ביכער פון די פאַרוואַלטונגס באַאַמטע, די גאַנצע מחנה פון אַקציאָנערן, וועלכע האָבן אין משך פון די הונדערט יאָר גאָרנישט געטון און זיך נאָר אָפּגעגעבן צו פאַסן זייערע גופים. איז עס נישט שרעקלעך? אז גאנצע דורות טאַטעס און קינדער זאָלן אויסגיין פון הונגער, כדי צו געבן די מעגליכקייט גאַנצע דורות פון הערן און בורזשויען זיי זאָלן זיך קענען פראַוון ימים-טובים און זיך שטאָפּן הינטער דעם הויזון! ער האָט אויסגעפאָרשט די פאַרשידנאַרטיקע קרענק ביי די קוילנאַרבעטער און ער האָט זיי איצט אויסגערעכנט: בלוטלאָזיקייט, שקראָפל, אָנצינדונג פון די אָטעם-אָרגאַנען, אַסטמאַ און רעוומאַטישער פּאַראַליטש. מען שפּייזט מיט די אָרעמע די מאַשינען און גלייך ווי די בהמות צעשטעלט מען זיי אין באַזונדערע הייזער, די קאָמפּאַניעס האַלטן אונטער דאָס שקלאַפערייַ אין נאָר די עקזיסטענץ פון אַזעלכע קאָמפּאַניעס איז שוין אַ דראָונג, אַז מען זאָל אַלע אַרבעטער פון איין פאָלק איינטיילן אין רעגימענטן און מיליאָנען אָרעמע זאָלן זיך שטעלן צו דינסט פון אַ טויזנט פוילע בורזשוען. נאָר דער קוילנאַרבעטער איז שוין היינט מער נישט אומוויסנד, אין די טיפענישן פון די גרובן וואַקסט אָן אַרמעע, וואָס וועט אין איינעם טאָג זיך אַרויסרייסן אויף דער פריי, ווי די קערנדלעך רייסן זיך אַרויס פון דער ערד, און דעמאָלט וועט מען זעען, צי מען וועט נאָך אַ מענטשן, וואָס האָט אָפּגעאַרבעט אין די גרובן פערציק יאָר, הוסט מיט קוילנשטויב און איז איינגאַנצן דורכגענומען מיט דעם גרובנוואַסער, אָנביטן הונדערט פופציק פראַנק פענסיע. יאָ, די אַרבעט וועט זיך אָפּרעכענען מיט דעם קאַפּיטאַל, מיט דעם קערפּערלאָזן געץ, וועלכער איז אומבאַקאַנט די אַרבעטער און זיצט זיך ערגעץ פאַרשטעקט אין אַ געהיימניספולן היילִיקטום, זיך ערנערנדיק מיט דעם לעבנסזאַפט, וועלכן ער זויגט אויס פון די הונגעריקע, מען וועט אים שוין אויפזוכן און ביי דעם פלאַמענשיין פון דער שׂרפה וועט מען אים אין אויג פאַרקוקן און אין

בלוט פּאַרטרינקען, אים דעם העסלעכן געץ, וועלכער דערנערט זיך מיט מענטשן-פלייש!

ער איז אנטשוויגן געוואָרן, אבער זיינע הענט זענען נאך אלץ געווען אויסגעשפּרייט, ווי ער זאָל אָנווייזן אויף דעם פיינט, וועלכער זיצט פאַרבאָרגן ערגעץ אין דער וועלט. דאס מאל האט די מאסע אויסגעבראָכן אין אזא הויך געשריי, אז די איינוווינער פון מאנטסו האבן עס דערהערט און פיל האָבן זיך אומגעקוקט אין דער ריכטונג פונם וואלד, ווערנדיק אומרויִק פון דעם געדאנק, אז עס איז געשעען אַ געוואלטיקער ערד איינפאַל. די נאַכט פייגל האבן זיך אויפגעהויבן איבער די בוימער און ארומגעשוועבט אין דער קלאָרער לופט.

— חברים, וואס באַשליסט איר?.. זענט איר פאר דעם, אז מען זאל דעם שטרייק פאָרטזעצן?

— יאָ, יאָ! האָבן אלע געשריגן.

— און וואָס פאר אַ מיטלען זאָלן מיר אָננעמען?.. אונדזער דורכפאל איז געזיכערט, ווען די דאָזיקע פחדנים וועלן זיך צוריקשטעלן צו דער ארבעט.

און ווידער האט די מאַסע אויפגעברויזט ווי אַ שטורם-ווינט:

— אַ טויט די פאררעטער!

— איר באַשליסט, אלזאָ, זיי צוריקרופן צו זייער פליכט און זיי דערמאנען אין זייער שבועה?.. דאס איינציקע וואס מיר קענען טון איז פאָלגענדעס: זיין אין די גרובן און נישט לאָזן די פאררעטער ארבעטן און דערמיט וועלן מיר ווייזן דער קאָמפּאניע, אז מיר וועלן גיכער שטארבן, איידער זיך אונטערגעבן.

— אזוי איז עס! צו די גרובן! צו די גרובן!

אין דער צייט ווען ער האט גערעדט, האט עטיען צווישן די בלייכע צאָרנדיקע געזיכטער געזוכט קאַטערינען, נאָר זיינע בליקן זענען אלץ געפאלן אויף שאַוואלן, וועלכער האט זיך שפּאָטיש געשמייכלט און געהויבן מיט די אקסל, אים האט פארצערט די קנאָה און ער איז גרייט געווען זיך צו פאר-

קויפן כאָטש פאַר אַ ביסל פּאָפּולאַריטעט, וואָס עטיען האָ־
נעהאַט.

— און אויב צווישן אונדז איז דאָ פּראָוואָקאַטאָרן, שפּיאָ־
נען, — האָט עטיען ווייטער גערעדט, אַזוי מעגן זיי זיך נעמען
אין אַכט, אַז מען קען זיי און מען גלויבט זיי נישט... יאָ,
איך זע דאָ קוילנאַרבעטער און וואַנדאַם, וועלכע האָבן די אַר־
בעט נישט געוואָרפן...

— דאָס איז בנוגע מיר האָסטו איצט געזאָגט ? — האָט שאַ־
וואַל אויסגערופן מיט אַן אַרויספאָדערנדיקן טאָן.

— דיר אָדער אַנדערע... נאָר איידער דו רעדסט, זאָלסטו
זיך געדענקען, אַז די הונגעריקע האָבן קיין שום געמיינזאַמעס
נישט מיט די, וועלכע האָבן איר ברויט. דו אַרבעטסט אין זשאַן־
באַרט...

אַ לאַכנדיקע שטים האָט אים איבערגעהאַקט.

— אָ ! אויב ער אַרבעט !.. ער האָט אַ פרוי, וועלכע אַר־
בעט פאַר אים.

שאַוואַל האָט אַרויסגעלאָזט אַ קללה און דאָס בלוט האָט
אים אַ זעץ געטון אין פּנים אַריין.

— צו אַלדי טייוול ! איז דען איצט פאַרבאָטן צו אַר־
בעטן ?

— יאָ ! — האָט אויסגעשריגן עטיען. אַזוי לאַנג, ווי די
חברים ליידן נויט און הונגער, איז עס פאַרבאָטן זיך צו שטעלן
אויף דער זייט פון די באַלעבאַטים. וואָלט דער שטרייק געווען
אַן אַלגעמיינער, וואָלטן מיר שוין לאַנג געווען געזיגט... צי
דאַרף אין וואַנדאַם איין מענטש איינשטייגן, ווען מאָנטסו
שטרייקט ? דאָס וואָלט געווען דער גרעסטער קלאַפּ פאַר זיי,
ווען די אַרבעט זאָל זיך געווען אָפּשטעלן אין דער גאַנצער
געגנט, ביי דענעוולינען פּינקט אַזוי ווי דאָ... פאַרשטייסטו ?
אין זשאַן-באַרט זענען נאָר דאָ פאַררעטער, איר זענט דאָרט
אַלע פאַררעטער !

די מאַסע, וועלכע האָט אַרומגערינגלט שאַוואַלן האָט אָנ

גענומען אַ דראָענדיקע שטעלונג, עס האבן זיך געהויבן געביילטע פויסטן און עס האבן זיך געהערט אויסרופן: נידער מיט אים! נידער מיט אים!

ער איז געוואָרן בלייך. נאָר אין זיין שטאַרקן פאַר־לאַנג צו טריאומפירן איבער עטיענען, איז אים איינגעפאַלן אַ געדאנק.

— הערט מיך דאך אויס! — האט ער אויסגערופן, קומט מאָרגן קיין זשאַן־באַרט און איר וועט זען צי איך ארבעט מיר זענען מיט אייך, מען האט מיך געשיקט, איך זאָל אייך דאס זאגן, עס מוזן דאָרט אויסגעלאָשן ווערן די פייערס, אויך די מאשיניסטן מוזן צוטרעטן צום שטרייק. נאָך בעסער וועט זיין, אז די פאָמפעס וועלן רוען! דעמאָלט וועט דאס וואַסער אָנפולן אלע גרובן און אלץ וועט גיין צום גרונט.

די מאסע האט אים געוואַלטיק אַפּלאָדירט און ער האט אזוי ארום מנצח געווען עטיענען אַליין.

אויף דעם בוים־שטאַם זענען דערשינען נאך אייניקע רעדנער, וועלכע האָבן שטאַרק זשעסטיקולירט מיט די הענט און אָריינגעטראָגן עקסטרעמע פאָרשלאָגן, פאר די אויגן פון דער פון הונגער ווילד געוואָרענע מאסע האט עס געשימערט פון רויטס, זיי האבן געזען בלוט און שרפות, פון צווישן וועלכע עס שטייגט אויף דאס אַלגעמיינע גליק. און די לבנה האט באַגאָסן די גאנצע מאסע מיט איר רויקן ליכט, דורך דער טיפער שטילקייט פון דעם וייטן וואַלד האט אַ דורכגע־דרונגען דער רוף נאָך בלוט. דאס פאַרפרוירענע גראָז האט געקנאַקט אונטער די פיס, אָבער די הויכע בוימער וועמענס צווייגן עס האָבן זיך געטונקלט אויפן פאָן פונם קלאָרן הימל, האָבן קיין אַכט נישט געלעגט און זיך נישט צוגעהערט צו די עלנטע ווענס, וועלכע האבן זיך אויפגערעגטע באַוועגט ביי זייערע פיס.

— חברים! חברים! — האָט עטיען זיך באַמיט נאך איין אויגנבליק איינצושטילן דעם עולם, כדי זיך צו פארשטענדיקן.

ענדלעך איז עס אים געלונגען.

— חברים! מאָרגן פרי אין זשאַן-באַרט!.. איז עס גע-וואכט?

— יאָ, יאָ, קיין זשאַן-באַרט! אַ טויט די פאַררעטער!

ווי אַן הוראַגאַן האבן אויפגעברויזט די דרייטויזנט שטימען אין דער לופט און פאַמעלעך אָפגעשטאָרבן אין דער העלער לבנה-שיין.

## ענדע פון ערשטן טייל.